STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02135

FUN HOLEM TSU SHOLEM

Itzhak Luden

Permanent preservation of this book was made possible by the children of Dr. Norbert & Gerda Bikales in honor of their 50th anniversary

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק לודען

פון חלום
צו שלום

פאַרלאַג „לעצטע נייעס"

תל־אביב תשל"ט/תש"ם 1979

יצחק לודן / מחלום לשלום

ITZHAK LUDEN
FROM DREAM TO PEACE

ווידמונגס־בילד: יאָסל בערגנער

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
ייִדישן שרייבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל

PRINTED IN ISRAEL

נדפס בישראל

דפוס „להב", רח' המסגר 60, תל־אביב, טל. 336564

צום אָנדענק

פון מיינע אומגעבראַכטע עלטערן,
שוועסטערס און ברידער,
מיין פאַרטיליקט פאָלק
און אַלע טייערע און נאָענטע
וואָס האָבן דעם שלום נישט דערלעבט.

מיט ליבשאַפט

פאַר מיין פרוי אסתר און איר מוטער רחל,
פאַר אונדזערע טעכטער חנה און אורית
מיין ברודער יוסף און זיין משפחה,
מיינע אַלע קרובים, חברים און פריינט
און אַלע די וואָס ווילן שלום —

איז געווידמעט דאָס דאָזיקע בוך.

יוסל ברגנר

אזוי ווי עס איז ביי אונדז אין דער מאָדע צו פאַררופן זיך אויפן תנ"ך ווי אויף אַן אַקטועלן פּאָליטישן דאָקומענט נישט ווייניקער ווי אויף דעם דאָקומענט פון קעמפ דייוויד, וועל איך זיך דערלויבן צו פּאַראַפּראַזירן דעם צווייטן פּסוק פונעם שיר המעלות קכו — בשוב את שיבת השלום היינו כחולמים, אַז דער אין הימל האָט אונדז געבראַכט דעם שלום, גייען מיר אַרום אין חלום. און חלום איז חלום. נישט אַלע חלומען דאָס זעלבע. אַפילו די מיניסטאָרן פון דער רעגירונג גייען אַרום יעדער מיט זיין אייגענעם חלום. איינער לעבט אין די וואָלקנס, דער צווייטער חלומט, אַז אָדער דאָס פערד וועט פּגרן אָדער דער פּריץ וועט שטאַרבן, אַ דריטער חלומט צעטומלעניש, און אַזוי אויך אַ סך פּובליציסטן, וועלכע באַגלייטן די „שלום־געשעענישן". איך זאָג „שלום־געשעענישן", ווייל דער שלום שטייט נאָך נישט אויף זיינע אייגענע פיס.

פּאָליטישע פּראָצעסן זענען פליסיקע און אייטעלע, אַפילו די פּערזענלעכקייטן, וועלכע קאָכן די פּאָליטישע פּראָצעסן, זענען נישט זיכער מיט זיי; בפרט זענען מיט זיי נישט זיכער די באַגלייטער פון די פּראָצעסן — די פּובליציסטן. זייער אויפגאַבע איז דעריבער צו פאַרצייכענען און ווי מעגלעך אָביעקטיוו אינטערפּרעטירן די פּראָצעסן. דאָס בוך פון יצחק לודען איז דעריבער פון וויכטיקער באַדייטונג פאַר די, וועלכע ווילן זיך אויסגעפינען אין די כל מיני חלומות אין שייכות צום שלום.

זייט אַנוואַר סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים און זיין רעדע אין דער כנסת דעם 20סטן נאָוועמבער 1977 ביזן אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך אין מערץ 1979, זענען מיר געווען עדות פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס זיין באַדייטונג פאַר די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען אין מיטעלן מזרח איז נישט צו באַנעמען און נישט אַרומצונעמען. אָבער כדי זיך אויסצוגעפינען אין דעם לאַבירינט פון חלומות און אילוזיעס, און כדי זיך אויסצואַרבעטן אַ געוויסע סכעמע פאַר די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען, לייגט פאַר אונדז פאַר יצחק לודען זיין בוך פון אויסגעוויילטע פּובליציסטישע אַרטיקלען פון דער תקופה פון די זעכצן חדשים — זייט סאַדאַט האָט אין דער כנסת געוואָרפן די לאָזונג „נישט מער מלחמה", ביזן אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך אין וואַשינגטאָן, וואָס עפנט די ערשטע טיר צו אַ שלום.

איך וואָלט יצחק לודענס אַרטיקלען אין דעם בוך באַצייכנט ווי „מלחמה־באַריכטן פון דעם שלום־פראָנט", געשריבן פון אַ פּובליציסט, וואָס איז באַהאַוונט אין דער סטראַטעגיע און צילן פון ביידע צדדים.

די אַרטיקלען־באַריכטן זענען **הייסע, געשריבן אינעם פייער פון דעם קאַמף פאַר דעם שלום.** אָבער באַריכטנדיק, פּאַרגעסט נישט לודען פון צייט צו צייט צו דערמאָנען פאַרגעסענע פאַקטן, וואָס קענען אין דער מלחמה פאַר דעם שלום קאַפּויערקומען מיט אַ בייגעשמאַק. היינט, נאָך דעם ווי דער שלום־אָפּמאַך איז דערגרייכט געוואָרן אין די ראַמען פון דעם דרייווינקל ישראל—מצרים—פאַראייניקטע־שטאַטן, און דער באַגריף זשענעווע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעק־וואָרט, דערמאָנט אונדז לודען אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען, אַז אַלע, אָדער כמעט אַלע, האָבן מיט פרייד געהאַט אויפגענומען די בשורה וועגן זשענעווע, ווען דאָרט איז צום ערשטן מאָל אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאָנפערענץ פאַר אַ ישראל־אַראַבישן שלום. זי איז איניצירט געוואָרן דורך הענרי קיסינ־דזשער. אונטערן שאָטן פון זשענעווע זענען דערגרייכט געוואָרן צוויי צווישן־אָפּמאַכן — וועגן סיני און דער גולן־הויכקייט. פון אַזאַ דערמאָנען דרינגט אַרויס אַ רמז, אַז אויפן וועג צו אַן אמתן און סטאַבילן שלום דורך דעם פּראָנט פון אויטאָנאָמיע, קען נאָך אַמאָל ווידער קאַפּויערקומען זשענעווע. דאָס דערמאָנען אַזעלכע פאַקטן אינעם פּראָצעס פון דער מלחמה פאַרן שלום סטימולירט דעם לייענער צו זיין קריטיש־זעלבשטענדיק ביים אָפּשאַצן די דערגרייכונגען אויפן וועג צו אַ ציל, וואָס איז פול מיט שטרויכלונגען, קריזיסן און... ווער ווייסט וואָס נאָך.

אָן שום ספק זענען די זעכצן חדשים פון דער מלחמה פאַר אַ שלום־אָפּמאַך פון געוואַלדיקן היסטאָרישן באַדייט פאַר דער געשיכטע פון ישראל, אַפילו ווען דאָס אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך דערמאָנט אַביסל דעם מצב, וואָס האָט זיך געשאַפן ביים הר סיני ווען די יידן האָבן זיך געקווענקלט צי זאָלן זיי אָננעמען די תורה, צי נישט, מיט אַ רמז פון דרוק... אין איצטיקן פאַל איז דער דרוק געווען מצד פרעזידענט דזשימי קאַרטער, וואָס די ביבל איז פאַר אים אַ הויז־בוך...

פון גאָר באַזונדערער וויכטיקייט איז דאָס בוך פון יצחק לודען פאַר דעם יידיש־לייענער. ערשטנס איז עס זייט לאַנגע יאָרן דאָס ערשטע בוך פון זשורנאַליסטישער פובליציסטיק אין דער יידישער ליטעראַטור. צווישן דער גרויסער צאָל יידישע ביכער, וועלכע דערשיינען אין מדינת ישראל, איז אַ בוך פון פובליציסטישן זשאַנער אַן אוניקום. צווייטנס — און דאָס דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן — איז די יידישע פובליציסטיק אין דער גרויסער וועלט בנוגע ישראל און אין פראַגן אַרום ישראל פון אַ זייער „שיטערן" כאַראַקטער. די שטעלונג, אַז „מיר מישן זיך נישט אין די ענינים פון ישראל, דעריבער נעמען מיר נישט קיין שטעלונג צו פראַגן פון ישראל און אין ישראל" — האָט געשאַפן אַזאַ מצב, אַז די פובלי־ציסטיק וועגן ישראל אין דער יידישער פרעסע אין דער וועלט איז כמעט אַלעמאָל לויט דער אָפיציעלער שטעלונג פון דעם ישראלדיקן עסטאַבליש־מענט, אומאָפּהענגיק וועלכער רעזשים עס האַלט די מאַכט אין לאַנד. עס שיינט מיר, אַז עס איז פאַראַן בלויז איין אויסנאַם אויסער ישראל. די איינציקע טאָגצייטונג אין ישראל „לעצטע נייעס" נעמט גראָד יאָ

אַן אָפּענע שטעלונג צו די פּאָליטישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָגן אין דער מדינה און אַרום דער מדינה, צוגלייך מיט דער העברעיִשער פּרעסע. דערביי דאַרף עס געזאָגט ווערן, אַז „לעצטע נייעס" איז אויף דעם געביט געווען פּיאָנעריש, ווייל אַ צייט לאַנג איז יעדע קריטיק, וואָס האָט נישט געשטימט מיט דער אָפיציעלער פּאָליטיק פון דער רעגירונג אָנגעגאַנגען ווי אַנטי־נאַציאָנאַל, אַנטי־פּאַטריאָטיש. יצחק לודען געהערט צו די יינגסטע שרייבער אין יידיש, אָבער ער איז פון די עלטסטע מיט־אַרבעטער אין „לעצטע נייעס". ער האָט דורכגעמאַכט אַ גוטע שול פון אַ פרייען זשורנאַליסט, וואָס באַריכטעט און קאָמענטירט געשעענישן און פּראָצעסן אין דעם ליכט ווי זיי קומען פאָר. נאַטירלעך האָט לודען זיין אייגענע וועלט־אַנשויונג און זיין אייגענעם קוק אויף זאַכן, ווי עס האָט יעדער גוטער זשורנאַליסט־פּובליציסט. און דורך אָט דער פּריזמע און מיט זיין אייגנטימלעכן טעמפּעראַמענט שרייבט יצחק לודען. עס דאַרף אָבער באַ־מערקט ווערן, אַז דעמאָלט ווען אַנדערע גייען אַרום אין חלומות און בויען זיך אויף אַ ווירקלעכקייט פון אילוזיעס (אַ שיטה, וואָס האָט דערפירט צו דער יום־כיפור־מלחמה, און די זעלבע שיטה ווערט איצט אָנגעוואָנדן צו דער אויטאָנאָמיע פאַר די פּאַלעסטינעזער אויף די באַזעצטע געביטן מערבדיק פון ירדן־טייך און אין עזה־פּאַס), געהער לודען צו די זשורנאַליסטן־פּובליציסטן, וואָס באַהאַנדלען די פּראָגן אַזוי ניכטער ווי ערנסט זיי זענען.

דאָס בוך פון יצחק לודען פילט דעריבער אויס אַ וויכטיקן בלויז אין אונדזער ליטעראַטור סיי אין ישראל און סיי אין דער ברייטער יידישער וועלט.

מ. צאַנין

פון מחבר — אַ פּאָר ווערטער

אין דעם ווירבל פון דער גרויסער געשעעניש — מיטן פאַרענדיקן דעם ערשטן אַקט פון דער דראַמע — זענען פאַרגעסן געוואָרן אַ סך פון די פאַקטן און איבערלעבונגען, וואָס האָבן באַגלייט דעם שפּאַנענדיקן גע־ראַנגל פאַרן שלום; עס זענען גיך פאַרגעסן געוואָרן א סך אינטערעסאַנטע און דראַמאַטישע מאָמענטן פון דעם אומדערוואַרטן „מאָמענטום" מיט זיינע עליות און ירידות, מיט אַלע אַט־אַט־אָטן פון דעם פּאָליטישן פיבער, וועלכער האָט געהאַלטן אונדז אַלעמען אין דער פּערמאַנענטער שפּאַנונג צווישן יאָ און ניין, צווישן פריידן און פאַרדרוסן און צווישן הצלחות און אַנטוישונגען.

זעכצן חדשים האָט געדויערט דער דאָזיקער „מאָמענטום", דער ערשטער אַקט פון דער דראַמע אין דעם געראַנגל פאַרן שלום, וועלכער האָט פאָרמעל זיך אָנגעהויבן מיטן „שלום־דעסאַנט" פון עגיפּטישן פּרע־זידענט אין ירושלים אין יענעם היסטאָרישן מוצאי־שבת, דעם 19־טן נאָוועמבער 1977, און האָט זיך געשלאָסן מיטן אָפּשליסן דעם שלום־אָפּמאַך צווישן ישראל און מצרים אין וואַשינגטאָן דעם 26־טן מערץ 1979 — דעם ערשטן שלום־אָפּמאַך פון ישראל מיט אַ פיינטלעכער אַראַ־בישער מדינה.

אונדזער בוך „פון חלום צו שלום" איז נישט קיין היסטאָרישע אָדער כראָנאָלאָגישע באַשרייבונג, אָדער אַן אָפּשאַצונג פון דעם שלום־פּראָצעס און פון זיינע פאַרשידענע עטאַפּן אין רעטראָספּעקט, אַזוי ווי מיר זעען זיי איצט, נאָך דעם ווי מיר אַלע זענען געוואָרן אפשר קלוגער און רייכער מיט דער אָנגעזאַמלטער דערפאַרונג. צוגרייטנדיק דאָס דאָזיקע בוך צום דרוק האָבן מיר זיך געשטעלט פאַר אַ ציל — דורך דעם אָפּקלויב פון די אייגענע זשורנאַליסטישע אַרטיקלען, געשריבענע אין אָט דעם קורצן צייט־אָפּשניט — אויפצולעבן פון דאָס ניי די איבערלעבונגען און די אַטמאָספערישע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפטלעכער רעאַקציע אויף די אַנטוויקלונגען, אַזוי ווי מיר האָבן זיי געזען אוממיטלבאַר אין יעדן מאָמענט פון דעם „מאָמענטום", ווי עדות פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס.

די 56 אַרטיקלען, וואָס זענען אָפּגעקליבן געוואָרן פאַר דעם בוך, זענען דערשינען אין אָט דער תקופה אין פאַרשידענע פּובליקאַציעס — די גרעסטע מערהייט פון זיי אין דער תל־אביבער טאָג־צייטונג „לעצטע

נייעס", ווי אויך אין די חודש־זשורנאַלן „אונזער צייט" (ניו־יאָרק), „לעבנס־פראַגן" (תל־אביב) און „פּאַרויס" (מעקסיקע). אין דער זאַמלונג גייען אויך אַריין די קאָרעספּאָנדענצן און רעפּאָרטאַזשן פון קאַיר, ווו דער מחבר פון דעם בוך האָט געווײלט צוויי וואָכן צייט מיט דער ערשטער גרופּע ישראלדיקע זשורנאַליסטן, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן קיין עגיפּטן צוזאַמען מיט דער ערשטער ישראלדיקער פאַרהאַנדלונגס־דעלעגאַציע אין דעצעמבער 1977, קורץ נאָך סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים.

ווענדיק שילדערן דעם גאַנג צום שלום אין זיין פילזייטיקן פאַרנעם, האָבן מיר אויפגעזאַמלט די אַרטיקלען פון אָט די פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן, כדי צו ברענגען פאַרן לייענער אַן אויטענטישע אָפּשפּיגלונג פון דער תקופה — סיי דורך אַרויסברענגען די אַטמאָספער און סיי דורך פּאָליטישע אָפּשאַצונגען — פון דעם מחברס קוק־ווינקל — געשריבן אויפן „הייסן מאָמענט". צוליב דער דאָזיקער כוונה איז נישט מעגלעך געווען צו פאַרמיידן איבערחזרונגען, און דער מחבר האָט אויך געמוזט מוותר זיין אויף דער אייַנהייטלעכקייט פון סטיל — לטובת דער אויטענטישקייט פון דער קאָלעקטיווער איבערלעבונג, וועלכע דאַרף קומען צום אויסדרוק אין אָט דעם בוך, און וועלכע דאַרף פאַרשטעלן מיט זיך אַ לעבעדיקן דאָקומענט פון אונדזער אַזוי שטאַרק אומרויִקער צייט.

.1

ווען משיח וועט קומען

וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען?

משיח איז נישט קיין ייִדישע דערפינדונג. יעדעס פאָלק האָט זיך זיין אייגענעם משיח. יעדעס פאָלק, יעדע רעליגיע און יעדע אידעאָלאָגישע ריכטונג פאַרמאָגט איר אייגענע פאַרקערפּערונג פון די משיחישע טרוימען און אידעאַלן, און יעדע איינע פון אַט די איינהייטן פאַרמאָגט איר אייגענע קאָלעקטיווע וויזיע פון דעם משיחישן אידעאַל. דער גריכישער פּלאַטאָ האָט דאָס אויסגעדריקט אין זיין אידעאַלער מדינה, וואָס וועט זיין די פולע פאַר־ווירקלעכונג פון צדק און יושר — פאַרשטייט זיך, לויט די באַגריפן פון יענער צייט (און לויט די באַגריפן פון יענער צייט, איז ביים צווייטן אומ־שטערבלעכן גריכישן פילאָזאָף, ביי אַריסטאָ, די שקלאַפעריי געווען אַ פולשטענדיק נאַטירלעכע און גערעכטע זאַך, ווייל די פּריווילעגיע און דעם מאָנאָפּאָל אויף צדק האָבן געהאַט נאָר די געזעצלעכע בירגער פון דעם דעמאָקראַטישן אַטען...); ביי די אַלטע גריכן איז דאָס געווען דער „קאַטאַר־זיס" און ביי די שפּעטערדיקע אינדיער — דער „נירוואַנאַ", וואָס האָט אָפּגערייניקט דעם מענטש און אים אויסגעלייטערט פון אַלע חטאים, פון אַלעם ערדישן און טאָג־טעגלעכן און אים אַוועקגעטראָגן אין אַ וועלט פון לויטערער דערהויבענער בטלנות. ראָבערט מאָר האָט דעם משיחישן געדאַנק אַרויסגעברענגט אין זיין „אוטאָפּיע", וועלכע איז געוואָרן אַ גאַנצע וועלט־אַנשויונג אין די לערעס און פּרעדיקערייען פון פוריע און סען סימאָן, אַ מין פּרעלודיום צום סאָציאַליסטישן אידעאַל.

די גרויסקייט און די דויערהאַפטיקייט פון די אַלע משיחישע אידעאַלן באַשטייט דער עיקר גראָד אין זייער נישט־רעאַלקייט, אין זייער אוממעגלעכ־קייט צו ווערן פאַרווירקלעכט. זיי אַלע שטעלן מיט זיך פאָר אַ קאָלעקטיווע קינדער־שפּיל פון דערוואַקסענע מענטשן. דאָס איז אפשר אַ טעמע פאַר אַ פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג, הלמאי קאָלעקטיוון פון דערוואַקסענע מענטשן נעמען איבער די ראָלן און די אויפפירונג פון קליינע קינדער. קינדערישע טרוימען און פאַנטאַזיעס, וואָס „פּאַסן נישט" פאַר קיין דערוואַקסענע, זענען אָבער פולשטענדיק לעגיטים, ווען זיי ווערן אַדאַפּטירט דורך זיי ווי אַ קאָלעק־טיווער חלום, אַ רעליגיע, אָדער אַפילו ווי אַ פּאַרטייִישע אידעע.

ווי אַנדערש און ווי פאַרשידנאַרטיק די דאָזיקע אַלע אידעען און חלומות זאָלן נישט זיין, פאַראייניקט זיי אַלעמען דער בשותפותדיקער שטריך פון זייער פאַרנעפּלטער אומקלאָרקייט (די געגוייערע פּרטים לייגט מען אָפּ אויף שפּעטער, אויף „משיחס צייטן"), און אין נאָך מערערע פאַלן — זייער אומוואָרשיינלעכקייט. אויף משיחס אַקסלען לייגט מען אַרויף דאָס אַלץ, וואָס איז אוממעגלער, אַלץ וואָס איז נישט צום דערגרייכן. דעריבער איז

דער יידישער באַגריף „משיח״ כמעט אידענטיש מיטן „לועזישן״ באַגריף: „פאַנטאַזיע״.

✶

אַקעגן וואָס האָבן מיר געמאַכט דעם דאָזיקן גאַנצן אַריינפיר? יאָ, אַקעגן דער פראַגע, מיט וועלכער מיר האָבן אָנגעהויבן דעם אַרטיקל: וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען?

פאַר יעדן איינעם פון אונדז איז גאָר קיין ספק נישט, אַז ווען משיח וועט קומען, וועט קודם כל זיין — שלום. דאָס איז דאָך דער גרעסטער באַגער פון יעדן ישראלדיקן בירגער, פון יעדן ייד און פון יעדן פשוטן פּאַרנונפטיקן מענטש. יעדער האָט זיך זיין באַגריף פון שלום אין האַרצן, פּונקט ווי יעדער איינער צייכנט זיך אָן זיין אייגענעם באַגריף פון משיח אין זיין פאַנטאַזיע.

איך דערמאָן זיך, געווען ביי אונדז אַ צייט — סך הכל מיט געציילטע יאָרן צוריק — ווען מ׳פלעגט ביי אונדז זיך שפּילן מיטן רעטעניש: **וואָס וועט זיין, טאָמער וועט „אויסברעכן דער שלום״**? און מענטשן האָבן נאָך צוגעגעבן אַפילו דאָס וואָרט „חלילה״ און געזאָגט, אַז טאָמער וועט, „חלילה״, אויסברעכן דער שלום, וועט זיך אָנהייבן אין לאַנד אַ מלחמה צווישן די ספרדים און אשכנזים, צווישן די „שוואַרצע פּאַנטערס״ און די „ווייסע קאַלנערס״, צווישן די צוויי הויפּט־רבנים — און ווער ווייס צווישן וועמען און וועמען נאָך...

אָבער ביי די אַלע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע — אַפילו מאַקאַברישע — פאַנטאַזיעס איז זיכער קיינמאָל קיינעם נישט איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק, אַז דער פּרעזידענט פון מצרים וועט קומען און וואַרפן אין מיטן העלן טאָג אַזאַ שלום־באָמבע און וועט זאָגן, אַז ער איז גרייט צו פאָרן קיין ירושלים, צו קומען אין דער כנסת, און אַז ער וואַרט נאָר אויף אַן איינלאַדונג פון בעגינען — און אַזאַ איינלאַדונג איז טאַקע גלייך געקומען.

אַפילו אויב דאָס וואָלט געווען בלויז אַ וואָרט־באַלאָן, אַ מין פּאָליטישער שפּאַס, ווי דאָס האָט אויסגעזען לכתחילה — איז דאָס שוין „משיחס צייטן״, ווייל אַזאַ זאַך האָט זיך קיינער קיינמאָל, יעדנפאַלס אין אונדזער צייט, נישט געקענט פאָרשטעלן.

אָבער — צי האָט מען זיך טאַקע אַזוי פאַרגעשטעלט משיחס צייטן?

און עס פרעגט זיך אויך: צי איז דאָס טאַקע „משיחס צייטן״ — אָדער נישט מער ווי אַ טעאַטראַלער מאַנעוור, אַ געלונגענער טריק פון אַ דורכ־געטריבענעם פּאָליטיקער און מלוכה־מאַן? און צי איז נישט אויך דער ענטפער פון פּרעמיער מנחם בעגין, זיין ווענדונג צום מצרישן פאָלק און די איינלאַדונג צו סאַדאַטן ער זאָל קומען קיין ירושלים — פּונקט אַזוי ווי סאַדאַטס איבעראַשנדיקע דערקלערונג — אַ טעאַטראַלער זשעסט פון אַ פיניקן פּאָליטישן אַקטיאָר?

✶

ווי געזאָגט — אַפילו ווען דאָס וואָלט געווען, ווי עס האָט אויסגעזען לכתחילה, נאָר אַ טעאַטראַלער זשעסט, איז עס שוין אויך משיחס צייטן. און אין דעם באַשטייט די גרויסקייט פון דיביידע זשעסטן.

און אין דעם באַשטייט אויך זייער גרויסע געפאַר.

זייער גרויסקייט באַשטייט אין דעם דינאַמישן פּאָטענציאַל פון די אַרויס־געזאָגטע ווערטער. אַן ענלעכן דינאַמישן פּאָטענציאַל האָט געהאַט בשעתו דער וואָרט־באַלאַן פון פּרעזידענט דזשימי קאַרטער וועגן אַ „פּאַלעסטינעזיש היימלאַנד". אַ וואָרט, ווען עס פאַלט אויף אַ געהעריקן באָדן, קען זיך אָננעמען ווי אַ רייף קערנדל און אויסוואַקסן צו אַ יש, צו אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם. דאָס וואָרט קען ווערן אַ גוף. דאָס זעלבע קען אויך געשען מיט סאַדאַטס וואָרט־באַלאַן און מיט בעגינס ענטפער. זאָגן, וואָס האָבן ביז איצט אויסגעזען ווי אוממעגלעך, ווערן מעגלעך אין „משיחס צייטן". וגר זאב עם כבש ונמר עם גדי ירבץ... די שטאַרקע אָוואַציע, וואָס סאַדאַט האָט באַקומען אין מצרישן פּאַרלאַמענט פאַר זיינע רייד, אַז ער איז גרייט צו פאָרן „אַפילו קיין ירושלים און צו גיין אין דער כנסת", האָט באַוויזן, אַז אַזאַ קערנדל קען זיך גוט אָננעמען, אויב דער באָדן איז גענוג באַפרוכפּערט, און אַז אַזעלכע ווערטער קענען שאַפן די געהעריקע אַטמאָספער אויף צו מאַכן פרוכטיק דעם באָדן.

און דאָס — כאָטש מיר ווייסן פון אונדזער דערפאַרונג, אַז אַפילו ווען אין תוך שטרעבט יעדער מענטש צו שלום, איז אָבער לייכטער אָנצוצינדן אין אים דאָס „פּאַטריאָטישע" נאַציאָנאַליסטישע פייער און דעם קאָלעקטיוון מלחמה־באַגער. נישט דערפאַר, ווייל ער וויל מלחמה, נאָר דערפאַר, ווייל אין זיין אורשפּרינגלעכער פּרימיטיווקייט איז דער מענטש גענייגט צו דעמאָנ־סטרירן פאַר דרויסן, פאַרן קאָלעקטיוו, זיין שטיפע קעמפערישע מענערישקייט... דאָס דעמאָנסטרירן די שטאַרקייט פון דער פויסט געהערט דאָך צו די שוואַכקייטן פון דעם היינטצייטיקן פּרימיטיוו־מאָדערנעם גיבור. דערפאַר האָבן די דאָזיקע פרידלעכע רייד אַזאַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער שלום־דינאַמיק, וואָס אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיט דער געשאַפענער אַטמאָספער.

אָבער צוזאַמען מיט אַט די „קערנער פון שלום" אַנטהאַלטן אויך די טעאַטראַלע זשעסטן, ווי געזאָגט, נישט קיין קליינע מאָס פון געפאַרן. זיי ליגן, די געפאַרן, אין דעם הויכן גראַד פון די דערוואַרטונגען, וואָס אַזעלכע רייד רופן אַרויס און אַנטוויקלען ביים פּשוטן מענטש — פון ביידע זייטן פון פראָנט. דער טיפער תהום, וואָס ליגט צווישן דער קעגנזייטיקער גרייט־קייט, אָדער ריכטיקער געזאָגט: צווישן דער קעגנזייטיקער נישט־גרייטקייט איינצוגיין אויף אַן ערנסטער פּשרה בנוגע דעם מהות פון אַ שלום, נישט געקוקט אויף דער גרייטקייט מותר צו זיין אין די פאָרמעלע אָדער פּראָצע־דורעלע ענינים.

אַ דורכפאַל פון דעם שלום־פּרווו צוליב דער שטייפקייט און פאַרעקשנט־קייט פון די צדדים, אַן אַנטוישונג פון די שלום־באַמיִונגען ביי איבער־געטריבענע דערוואַרטונגען — קען ברענגען חלילה צו דעם, אַז דער ווער־

טער־באַלאַן זאָל פּלאַצן און דער גוטער ווילן פון ביידע צדדים זאָל אַראָפּ־געשליידערט ווערן צום טיפן אָפּגרונט פון באַנייטער שנאה, צו דער געפאַר פון אַ באַנייטער מלחמה. עס איז באַוווּסט, אַז וואָס העכער עס הייבט זיך אויף דער באַלאַן פון די דערוואַרטונגען, אַלץ ווייטיקלעכער איז דאָס אַראָפּ־פאַלן פון אים, ווען די דערוואַרטונגען פּלאַצן.

עס איז געווען אַ געוואַלדיקער נחת־רוח זיך צוצוהערן צו דעם שטראָם פון די שלום־רייד אין די רעדעס און דערקלערונגען פון דעם פּאַרגאַנגענעם דינסטיק ביז אויף דער זיצונג פון דער כנסת. ערשט נישט לאַנג דער עיקר־דיקער און געפערלעכסטער פיינט פון ישראל, איז מיטאַמאָל דערשינען פאַר אונדז ווי דער פּאָטענציעלער פאַרבינדעטער פאַר דעם פרידלעכן צוזאַמענ־לעבן אין דער צוקונפט.

אויב דאָס איז געשען מיט מצרים, קען דאָס אָן ספק אויך געשען מיט די אַנדערע פיינט, מיט וועלכע מיר זענען שוין דרייסיק יאָר אין אַ מלחמה. ווער עס וועט אָבער נישט וויסן אויסצונוצן די איצטיקע היסטאָרישע געלעגנ־הייט — אויף דעם קען פאַלן, חלילה, די גרויזאַמע אחריות פאַרן המשך פון דער מלחמה. גראָד דעם פירער פון „ליכוד“, דעם פּרעמיער בעגין, האָט איצט דער גורל אונטערגערוקט אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט צו קריגן פון דער געשיכטע די קרוין פון שלום און די דאַנקבאַרקייט פון דעם פאָלק, וואָס לייגט איצט אויף אים אַלע זיינע האָפענונגען.

„לעצטע נייעס“, 18.11.1977

.2

דער שלום־בליץ
און די נייעווירקלעכקייט

רבותי, דאָס איז נישט געווען קיין חלום! דער איבעראַשנדיקער און פּרעצעדענסלאָזער בליץ־באַזוך פון מצרישן פּרעזידענט אין ירושלים האָט נאָך נישט געברענגט מיט זיך דעם שלום — און דער וועג צו אַ שלום איז נאָך אַלץ, זעט אויס, אַ לאַנגער און אַ שווערער — אָבער ער האָט געברענגט מיט זיך אַ נייע ווירקלעכקייט. דער מיטעלער מזרח איז שוין היינט נישט מער דאָס, וואָס ער איז געווען נעכטן־אייערנעכטן, און דער ישראל־אַראַבי־שער קאָנפליקט זעט שוין מער נישט אויס צו זיין ווי אָן אָן אויסוועג. אין דער זעלבער צייט אָבער פאַרלאַנגט די ניי־געשאַפענע ווירקלעכקייט אַ גרויסע מאָס פון ניכטערן שכל הישר און דאָס אויסהיטן זיך פון פאַלשע אילוזיעס, נאָכדעם ווי דער היסטאָרישער באַזוך האָט אויפגעהויבן ביז גאָר הויך דעם גראַד פון אַלעמענס דערוואַרטונגען.

צי וועלן זיך די דאָזיקע דערוואַרטונגען באַרעכטיקן?

דאָס איז איצט די קאַרדינאַלע פראַגע, וואָס עס שטעלט זיך יעדער איינער פון אונדז נאָך די דערהויבענע טעג, ווען די גלאָקן פון שלום האָבן זיך פלוצים צעקלונגען אין די פערציק שעה פון סאַדאַטס באַזוך — צום ערשטן מאָל נאָך דרייסיק יאָר, — האָבן געעפנט די הערצער פון יידן און פון נישט־יידן און אָנגעפולט זיי מיט פרייד און מיט האָפענונג: צי זענען מיר שוין טאַקע אַרויף אויפן וועג, וואָס פירט צו אַ שלום, אָדער שטייען מיר ווידער פאַר נייע אַנטוישונגען, מיט וועלכע עס האָט זיך שוין אַזוי פיל אָנגעגעסן אונדזער שווער־געפּרוּווטער דור?

צוערשט האָט עס אויסגעזען ווי אַ טעאַטראַלער זשעסט פון צוויי פּאָלי־טישע אַקטיאָרן; אָבער באַלד האָט זיך דער דאָזיקער טעאַטראַלער זשעסט אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַקט, וועלכער איז אָבער געווען אַזוי אומגלויבלעך, אַזוי אומבאַגרייפבאַר, אַז ער האָט אויסגעזען — אין אַלעמענס אויגן — ווי אַ חלום. אַ סורעאַליסטישער חלום, וואָס האָט געענדערט די ווירקלעכ־קייט. דער געוואָגטער שריט פון דעם עגיפּטישן פּרעזידענט איז געוואָרן אַ היסטאָרישער ווענד־פּונקט, וואָס האָט באַצוווּנגען די געשיכטע, געריכטעט די ווירקלעכקייט פון מיטעלן מזרח אויף אַ נייעם וועג — אויפן וועג פון גוטע כוונות, אויפן וועג צו אַ שלום.

אין דער צייט, ווען דער וועג צו מלחמה גייט באַרג אַראָפּ, איז אָבער דער וועג צו אַ שלום אַ סך שווערער, ווייל ער פירט באַרג־אַרויפצו, און איז דערצו אויך נאָך פול מיט שטרויכלונגען.

גלייך נאָכן געוואָגטן אַקט פון קומען קיין ירושלים, צעשטערנדיק אַלע פאָרמעלע צוימונגען און אַדורכברעכנדיק „די פּסיכאָלאָגישע מויער פון שנאה און אומצוטרוי", וואָס איז, לויט סאַדאַטס דערקלערונג, „70 פּראָצענט

פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט" — איז געקומען דער צווייטער, נישט ווייניקער געוואַגטער שריט פון איינלאַדן די פאַרשטייער פון ישראל קיין קאַיר, כדי צוצוגרייטן די זשענעווער קאָנפערענץ.

די שלום־אָפענסיווע פון עגיפּטישן פּרעזידענט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ אומגעהויערע ספּאָנטאַנישע שמחה סיי אין ישראל און סיי אין מצרים, האָט באַוויזן ווי שטאַרק עס איז דער באַגער צום שלום בייביידע פעלקער. זי האָט אָבער אין דער זעלבער צייט געשאַפן אַ נייעם שאַרפן ריס אין דער אַראַבישער וועלט, האָט אויפגעוועקט די קעגנערשאַפט מצד די הערשער פון מאָסקווע און האָט געברענגט אין אַ פאַרלעגנהייט די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט פּלוצים פאַרלוירן איר דעצידירנדיקע ראָל אַלס דער פאַרמיטלער אין דעם קאָנפליקט. די צוויי שאַרפסטע פיינט האָבן מיטאַמאָל געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך זיך צונויפצורעדן, כדי צו זוכן אַ פרידלעכן אויסוועג פון דעם קאָנפליקט.

דער גורל האָט אַזויאַרום אַנטקעגנגעטראָגן דעם פּרעמיער פון ישראל, דעם „ליכוד"־פירער מנחם בעגין, די איינציק־זעלטענע היסטאָרישע געלעגנהייט צו ברענגען דעם שלום, צו מאַכן אַ סוף צו דעם דרייסיק־יאָריקן מלחמה־צושטאַנד צווישן ישראל און אירע אַראַבישע שכנים. צי פאַרמאָגט אָבער בעגין די דאָזיקע היסטאָרישע אייגנשאַפטן, וואָס עס פאַרמאָגט זיין שותף צו אָט דעם אוימגלויבלעכן דערהויבענעם אַקט?

אין ערשטן מאָמענט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז יאָ. בעגינס גיכער אָפּרוף אויף סאַדאַטס דערקלערונג און די וואַרעמע אויפנאַמע אין ירושלים, ווי אויך די אוממיטלבאַרקייט, מיט וועלכער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גע־שפּרעכן, האָבן אַרויסגערופן התפּעלות און אָנערקענונג סיי פאַר סאַדאַטן און סיי אויך פאַר בעגינען. אָבער בעגינס באַנאַלע רעדע אין דער כנסת, האָט אַרויסגערופן אַנטוישונג און האָט באַוויזן, אַז דער פּרעמיער פון ישראל איז נישט מסוגל צו דיסקאָנטירן דעם איינציק־זעלטענעם היסטאָרישן שאַנס.

מיט זיין ענטפער אויף סאַדאַטס רעדע האָט מנחם בעגין באַוויזן, אַז די אָנפירונג פון דער מדינה איז ווייט פון צו באַגרייפן די מאָס פון דער אחריות, וואָס זי נעמט אויף זיך, כל זמן זי איז נישט גרייט איינצוגיין אויף קיין מהות־דיקער פשרה מיטן אַראַבישן צד. מנחם בעגין האָט מיט זיינע לעצטע האַנד־לונגען אַרויסגעוויזן אַ געוויסע עלאַסטישקייט נאָר אין פאָרמעלע און אין פּראָצעדורעלע ענינים, בעת אין דער זעלבער צייט דעמאָנסטרירט ער אַ דאָגמאַטישע שטייפקייט אין די וועזנטלעכע יסודות פון דעם קאָנפליקט מיט אונדזערע שכנים. די גאַנצע צייט האָבן די פירער פון דער מדינה — פריער די פירער פון „מערך" און איצט די פירער פון „ליכוד" — געטענהט, אַז עס האַנדלט זיך קודם כל אין דעם מ ה ו ת פון שלום, און נישט אין די גרענעצן; זיי האָבן אין דער ערשטער ריי (אויסער דער טענה וועגן די „היסטאָרישע רעכט") מאָטיווירט די טעריטאָריאַלע פאָסטולאַטן פון ישראל מיט דעם, וואָס „די אַראַבער ווילן אונדז נישט אָנערקענען" און אַז „עס איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן".

סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים האָט צעשטערט די דאָזיקע צוויי טענות,

וואָס האָבן געדאַרפט באַרעכטיקן די דעקלאַרירטע פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג. ער האָט קלאָר און אָפן דערקלערט, אַז ישראל איז אַ טייל פון מיטעלן מזרח, זי האָט רעכט צו עקזיסטירן און אויך צו פאַרלאַנגען די אַנטשפּרעכנדיקע גאַראַנטיעס פאַר איר זיכערהייט, אָבער זי האָט נישט קיין רעכט צו האַלטן די אָקופּירטע אַראַבישע שטחים, און זי קען אויך נישט אָפּזאָגן די פּאַלעסטינעזישע אַראַבער דאָס רעכט אויף אַן אייגענער מדינה אויף אַט די שטחים.

אויב עס האַנדלט זיך אין די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן — איז דער מצרישער פּרעזידענט אַהיימגעפאָרן מיט ליידיקע הענט, הגם מיט דער פּאָזע פון אַ זיגער, כדי נישט צו פאַרלירן דעם חסד ביי זיין פאָלק. דער ענטפער פון די ישראל־מנהיגים איז געווען אַנטוישנדיק — נישט דווקא אין באַצוג צו סאַדאַטן, נאָר דער עיקר אין באַצוג צו דער מעגלעכקייט, אַז די אַנדערע אַראַבישע מנהיגים, די פירער פון סיריע, פון יאָרדאַניע און די פּאַלעסטינעזער זאָלן זען, אַז עס איז דאָ וועגן וואָס צו רעדן, אַז עס לוינט צו קומען קיין ירושלים און צו פירן דירעקטע געשפּרעכן מיט די פירער פון ישראל, אַז עס איז פאַראַן אַ גרייטקייט אויף אַ פּשרה.

די ביז־איצטיקע מלחמות האָבן געלערנט ביידע צדדים, אַז דורך מלחמה קען מען נישט לייזן קיין קאָנפליקטן צווישן פעלקער. דער מצרישער פּרעזידענט איז אַוועקגעפאָרן פון ירושלים מיט דער פאַרזיכערונג, אַז קיין מלחמה וועט מער נישט זיין — ווי גרויס עס זאָלן נישט זיין די חילוקי־דעות צווישן די צדדים. ער האָט אָבער אין דער זעלבער צייט דערקלערט, אַז דער מלחמה־צושטאַנד וועט נישט אויפגעגעבן ווערן ביז וואַנען עס וועט נישט דערפילט ווערן די פאָדערונג וועגן צוריקקערן די אָקופּירטע שטחים און אויפשטעלן אַ פּאַלעסטינעזישע מדינה — ביים איינשטעלן די אַנטשפּרעכנדיקע מיטלען צו גאַראַנטירן די סוווערעניטעט און די זיכערהייט פון מדינת ישראל. פאַרשטייט זיך, אַז ישראל קען נישט איינזייטיק צוריקטרעטן אָן דער גרייטקייט פון די פּאַלעסטינעזער און פון די סיריער מיט איר צו פאַרהאַנדלען; אָבער ישראל וועט אויך נישט קענען פאַרלאַנגען פון זיי אַזאַ גרייטקייט, כל זמן זי אַליין דעקלאַרירט נישט איר ווילן איינצוגיין אויף אַ פּשרה אין אַט דער ריכטונג. אַנשטאָט דעם האָט די רעגירונג פון ישראל דורך פאַרשידענע האַנדלונגען דעמאָנסטרירט איר פּשרהלאָזיקייט און שטייפקייט. סך־הכל פיר טעג נאָך סאַדאַטס אָפּפאָר און אַ טאָג פאַר זיין רעדע אין קאַיר האָט די „ליכוד״־רעגירונג געמאָלדן וועגן דער אַנטדעקונג פון נאַפט אין סיני, און וועגן די צוגרייטונגען אויפצושטעלן נייע „התנחלות״־פונקטן אין יהודה און שומרון.

דער מצרישער פּרעזידענט האָט באַשלאָסן פאַרצוזעצן דעם „מאָמענטום״, דעם שוווּנג פון דער שלום־אָפענסיווו. טאָמער וועט דער דאָזיקער היסטאָרישער פּרווו זיך פאַרענדיקן מיט אַ דורכפאַל, קען קומען חלילה צו אַ נייער נישט פאַרויסגעזעענער קאַטאַסטראָפע.

עס קלינגען אַלזאָ די גלאָקן פון שלום. ס׳איז נישט קיין חלום. דער שלום איז איצט מעגלעך — זאָל ער נאָר נישט אַנטרינען ווערן פון אונטער דער האַנט.

(„לעבנס־פראַגן״, נאָוועמבער־דעצעמבער 1977)

.3

נאָכן חלום

אַ שלום איז מעגלעך. אַ שלום איז נישט מעגלעך.ביידע זאַכן זענען מעגלעך.

איז דעריבער אויך מעגלעך, אַז דער שלום־פעסטיוואַל, וואָס האָט געדויערט 40 שעה, דער סאַדאַט־פעסטיוואַל — איז טאַקע נישט געווען קיין חלום. ניין, ס'איז נישט געווען קיין חלום. ווער עס האָט נישט געגלויבט דעם ראַדיאָ, דער טעלעוויזיע, דער פרעסע, האָט זיך געקענט איבערצייגן מיט די אייגענע אויגן, אַראָפּפאָרן קיין ירושלים, אויב ער וווינט נישט דאָרט, און זען די מצרישע פענער נעבן די פענער פון ישראל אויף די גאַסן פון דער ישראל־דיקער הויפּט־שטאָט. און ווי אַ זשורנאַליסט אויך זיצן קעגנאיבער דעם „ראַיִס" און שמועסן און דריקן די האַנט מיט מצרישע זשורנאַליסטן. ווי אַלטע גוטע פריינט. ווי עס וואָלט גאָר קיין דרייסיק־יאָריקע מלחמה נישט געווען.

איז אַלזאָ די דרייסיק־יאָריקע מלחמה פאַרענדיקט.

כמעט יעדעס יאָרהונדערט, יעדע תקופה האָט זיך איר אייגענע דרייסיק־יאָריקע מלחמה. די איצטיקע געהערט אונדז. מיר האָבן די טרויעריקע „זכיה" צו זיין אַנגאַזשירט, צו שטיין אין צענטער פון דער דרייסיק־יאָריקער מלחמה פון 20־טן יאָרהונדערט. צי האָט זי זיך טאַקע פאַרענדיקט?

האָט דאָך דער מצרישער פּרעזידענט געזאָגט, אַז עס וועט מער קיינמאָל קיין מלחמה נישט זיין, אַז די אָקטאָבער־יום־כיפּור־מלחמה איז געווען די לעצטע מלחמה אין אונדזער ראַיאָן, און אַז אַלע שטרייט־פראַגן וועלן דיסקוטירט ווערן אויפן פרידלעכן וועג, אין אונטערהאַנדלונגען. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער דאָך אויך געזאָגט, אַז די מלחמה צווישן מצרים און ישראל איז נאָך נישט פאַרענדיקט. זי איז נאָר געוואָרן „פאַרהאַנגען".

אַזוי צי אַזוי — אין אונדזערע צייטן, אין אונדזערע באַדינגונגען, איז עס טאַקע אַ היסטאָרישע ווענדונג, ווי זי איז געוואָרן באַצייכנט דורך די, וועלכע האָבן אָט די ווענדונג מקיים געווען.

✶

עס איז טאַקע נישט געווען קיין חלום. אָבער ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט דער סאַדאַט־פעסטיוואַל, ווען דער מצרישער פּרעזידענט איז אָפּגעפלויגן און עס האָט זיך געשלאָסן די „אָפענע כוואַליע פאַר סאַדאַטס באַזוך" אין ראַדיאָ; ווען דו האָסט זיך אויפגעכאַפּט אויף צומאָרגנס אינדערפרי און דערהערט דעם ראַדיאָ־פּראָגראַם אין זיין פריערדיקן פאַר־סאַדאַטדיקן נוסח, אָן דער אַראַבישער מוזיק און אָן די עמאָציאָנעלע ספּאָרט־אַרטיקע באַריכטן פון די ראַדיאָ־קאָרעספּאָנדענטן; ווען דו האָסט זיך ווידער אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט די פּרייזן אין שפּייז־געוועלב, מיטן יקרות און מיטן

„לאָקש" פון דיין געהאַלט — האָסטו זיך געריבן די אויגן און געפרעגט: צי איז דאָס טאַקע געווען אַ חלום אָדער נישט; צי האָט זיך טאַקע די וועלט געענדערט?

עס איז אַלזאָ נישט געווען קיין חלום און אויך נישט קיין טעאַטער־ספּעקטאַקל. אָבער עס איז דאָך געשען אַ זאַך, וועגן וועלכער מען האָט מיט געציילטע וואָכן פריער אַפילו חלומען נישט געוואַגט.

דער וויזיט פון אַנוואַר סאַדאַט אין ירושלים האָט גורם געווען אַ שאָק, אַ פּסיכאָלאָגישן שאָק, וועלכער האָט, נאָכן אויסניכטערן זיך, נישט דערפילט די דערוואַרטונגען, — אָבער ער האָט געשאַפן אַ נייעווירקלעכקייט, וואָס שטייגט איבער אַלע באַנאַליטעטן. די דאָזיקע נייע ווירקלעכקייט איז זייער טרעפלעך געשילדערט געוואָרן אין דער ספּאָנטאַנישער איבעראַשונג פון אַ מצרישן זשורנאַליסט, וועלכער האָט געשטוינט און זיך געוווּנדערט ווי אַזוי באַגריפן און שטימונגען קענען זיך ענדערן איבער נאַכט, אונטערן דרוק פון דער נייער ווירקלעכקייט.

איז דעריבער דער מצרישער פּרעזידענט נישט געווען אומגערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז זיבעציק פּראָצענט פון די עלעמענטן פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט זענען פּסיכאָלאָגישע — און אַט די פּסיכאָלאָגישע וואַנט פון קעגנזייטיקער שנאה און אומצוטרוי איז געוואָרן איינגעבראָכן מיטן וויזיט פון מצרישן פּרעזידענט אין ירושלים. אָבער די איבעריקע דרייסיק פּראָצענט זענען דאָך סוף־כל־סוף די סיבה פון אַט דער פּסיכאָלאָגישער וואַנט, און זיי זענען דאָס די האַרטע נוס, וועלכע דאַרף איצט צעקנאַקט און צעקרישלט ווערן, כדי טאַקע פולשטענדיק צו באַזייטיקן די געפאַר פון אַ נייער מלחמה.

✶

הגם עס איז טאַקע נישט געווען קיין חלום, פילן מיר זיך איצט, נאָך סאַדאַטס צוריקפאָר קיין קאַיר, ווי נאָך אַ חלום, ווי רייבנדיק זיך די אויגן — בעת מיר געפינען זיך נאָך אַלץ אין אַ צושטאַנד פון אומקלאָרקייט, פון האַלב־חלום־האַלב־וואָר. קיינער פון אונדז איז נישט אימשטאַנד אויפצונעמען און אָפּצושאַצן ניכטער די נייע ווירקלעכקייט, נישט האָבנדיק נאָך קיין גענויעם באַגריף וואָס אַזוינס ברענגט זי מיט זיך, וואָס פאַר אַ האָפענונגען, וואָס פאַר אַ דערוואַרטונגען, און וואָס פאַר אַ געפאַרן עס שטייען נאָך פאַר אונדז. דערווייל קלינגען נאָך אין די אויערן די פריינטלעכע טענער אין די רייד פון מצרישן מלוכה־פירער, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט וואָס עס הייסט פאַר אונדז זיכערהייט. עס קלינגען נאָך אין די אויערן די רייד, וואָס דער מצרישער פּרעזידענט האָט געזאָגט אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ אין ירושלים, אַז דער הויפּט־ציל פון זיין וויזיט איז צו געבן דעם ענין פון שלום אַ נייעם „מאָמענטום", אַ נייעם שוווּנג, און דורכצוברעכן דעם פּסיכאָלאָגישן באַריער. און אויף אַ פראַגע פון דעם קאָרעספּאָנדענט פון פראַנצויזישן „לע מאָנד", האָט סאַדאַט באַטאָנט, אַז נאָכדעם ווי מיר האָבן **שוין** דערגרייכט דעם דאָזיקן נייעם גייסט און דעם נייעם „מאָמענטום"

— לאָמיר איינשטימען, אַז אַלצדינג קען געלייזט ווערן נאָר דורך אונטער־האַנדלונגען.

וועגן וואָס אונטערהאַנדלען? איז דאָך גראָד די שער פון די „דרייסיק פּראָצענט" אַזוי ברייט, און דער תהום פון די מיינונגס־פאַרשידנהייטן אַזוי טיף, אַז צוליב זיי איז נישט דערגרייכט געוואָרן קיין ווערזנטלעכע פאַרשטענ־דיקונג בעת סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים — אויסער, פאַרשטייט זיך, דער קאָלאָסאַלער דערגרייכונג פון איינברעכן די פּסיכאָלאָגישע וואַנט און אָפּ־שאַפן דעם אַראַבישן „טאַבו" קעגן דער אַנערקענונג, קעגן דער געזעצלעכ־קייט און קעגן דער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון מדינת ישראל. אָבער עס איז ווייטער געבליבן דער תהום צווישן די שטעלונגען פון ביידע צדדים.



סאַדאַט אין דער כנסת אין ירושלים.

20.11.1977

לאָמיר זיך דערמאָנען: האָט דאָך ישראל גלייך נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה דערקלערט, אַז זי צילט נישט צו קיין אַנעקסיעס, אַז זי וויל נישט קיין שטחים, און אַז זי האַלט די פאַרנומענע שטחים ווי אַ משכון, ווי אַ קאָרט פאַר די אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ שלום. און אויב עס האָט זיך אין משך פון דער צייט אַנטוויקלט דער ווילן נישט צוריקצוקערן די דאָזיקע שטחים, האָט מען דאָס דערקלערט מיט דער נישט־גרייטקייט פון די אַראַבער איינ־צוגיין אויף אַ שלום. דער וויזיט פון אַנוואַר סאַדאַט האָט בטל געמאַכט די דאָזיקע טענה, ווי אויך די טענה, אַז „עס איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן".

און וואָס שייך דער זייער „נאַטירלעכער" פראַגע: „פאַרוואָס האָבן די פריערדיקע הערשער פון עזה־פּאַס און פון יהודה און שומרון נישט געשאַפן קיין פּאַלעסטינעזישע מדינה, און זיי פאַרלאַנגען דאָס איצט?" — האָט אַ מצרישער זשורנאַליסט אין אַ שמועס מיט אונדז געזאָגט: „נאַציאָנאַלע אידענטיטעט אַנטוויקלט זיך אונטער ספּעציפישע אומשטענדן, באַזונדערס ווען אַ פאָלק אָדער אַן עדה באַשליסט — גערעכט אָדער אומגערעכט — אַז עס וויל נישט זיין מער אונטער אַ פרעמדן, אַ נישט אַראַבישן אָקופּאַציע־רעזשים".

ווייסן מיר דאָך אָבער, אַז דער געוואַגטער שריט פון דעם מצרישן מנהיג, אַ שריט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שאָק אויף דער גאַנצער וועלט, האָט געשאָנקען דעם צושטאַנד אין מיטעלן מזרח אַ סורעאַליסטישע דימענסיע און האָט אַפילו צעוואָרפן די פּאָליטישע קאָרטן פון דער אַמעריקאַנער סטראַטעגיע אין מיטעלן מזרח; ווייסן מיר דאָך וואָס פאַר אַ קעגנערשאַפט סאַדאַטס געוואַגטע האַנדלונג האָט אַרויסגערופן ביי דעם עקסטרעמיסטישן אַראַבישן לאַגער, ביז צו אַ שפּאַלטונג אין דעם אַראַבישן פראָנט. אָבער מיר ווייסן אויך, אַז מיט דער זעלבער שפּראַך, מיט וועלכער עס רעדן היינט די פירער פון סיריע און פון דער פּ.ל.אָ. האָבן אַמאָל גערעדט אויך די מצרים; און מיר האָבן שוין געזען, סך־הכל ווייניקער ווי מיט אַ יאָר צוריק, ווי די זעלבע סיריער זענען באַטראַכט געוואָרן דורך אונדז אַלס די „מעסיקע", כּמעט שיעור נישט ווי אונדזערע „פאַרבינדעטע" — קעגנאיבער די פּאַלעס־טינעזישע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס אין דער לבנונישער בירגער־מלחמה. אמת, דאָס האָט געדויערט נאָר אַ קורצע צייט, און סיריע האָט געהאַט אירע אייגענע מאָטיוון. אָבער אַזעלכע סיטואַציעס קענען זיך ענדערן און איבער־חזרן און קענען ווערן אַפילו אַ סטאַבילער פאַקטאָר אין דער פּליסיקערווירקלעכקייט פון אונדזער עקזאָטישן אָריענט.

דעריבער האָט דער דורכברוך, וועלכן עס האָט געמאַכט דער מצרישער פּרעזידענט, אַזאַ וויכטיקע היסטאָרישע באַדייטונג. דאָס איז נישט געווען קיין שריט, נאָר אַ גיגאַנטן־שפּרונג. טראָץ דער איצטיקער קעגנערשאַפט אין אַראַבישן לאַגער, קען די דאָזיקע האַנדלונג ווערן אַ פּרעצעדענס פאַר אַנדערע אַראַבישע מנהיגים — אויב זי וועט נאָר געבן פּאָזיטיווע פרוכטן. אויב עס וועט קומען אַן ענדערונג אויך אין אונדזער געדאַנקענגאַנג, ווי ס'האָט שוין פאַרשטאַנען און אַזוי ריכטיק אויסגעדריקט — הגם נישט גענוג קאָנסעקווענט, — אַפילו דער בילדונגס־מיניסטער זבולון האַמער וועלכער האָט געזאָגט, אַז סאיז דאָ אַן אָרט פאַר אַן ענדערונג אין אונדזערע באַגריפן און קאָנצעפּציעס אין באַצוג צו דער פּאַלעסטינעזישער פּראַגע.

פאָרמעל הערשט אַלזאָ ווייטער דער צושטאַנד פון מלחמה, וועלכע איז נאָר געוואָרן „פאַרהאַנגען". פאָרמעל האָבן מיר נאָך ווייטער ביי אונדז נישט־מלחמה־נישט־שלום — אָבער שוין גאָר אין אַן אַנדערער פאָרם: דער פּענדולום, דער אומרו פון אונדזער היסטאָרישן זייגער, געפינט זיך איצט אויף דער זייט פון האָפענונגען און גוטע דערוואַרטונגען. אַנשטאָט אויס־געשטרעקטע ביקסן — אויסגעשטרעקטע הענט. אַנשטאָט דער גרייטקייט אָנצוהייבן שיסן און צו באַנייען די מלחמה — איז איצט פאַראַן די גרייטקייט אַרויסצוציען די פּעדער און אונטערצושרייבן אַ שלום.

איז דאָס מעגלעך? אפשר יאָ. איז דאָך סאַדאַטס באַזוך פריער געווען אַן אוממעגלעכע זאַך. יעדנפאַלס —

דאָס איז שוין נישט קיין חלום. דאָס איז שוין געוואָרן אַ מעגלעכקייט, וואָס קען אַמאָל נאָך איבעריאָגן אַפילו די געשיכטע...

„לעצטע נייעס" 25.11.1979

.4

וואָס וועט זיין אויב...

די היסטאָרישע געשעענישן, וואָס זענען געקומען אויף אונדז אין דער פּאַריקער וואָך מיטן גאַלאָפּ פון פּרעזידענט סאַדאַטס „מאָמענטום", לויפן ווייטער מיטן זעלבן מטורפדיקן טעמפּאָ און עס שאַפט זיך דער איינדרוק ווי די היסטאָריע וואָלט אַנטלאָפן פון אונדז; ווי זי וואָלט איבערגעיאָגט דעם טעמפּאָ פון אונדזערע אייגענע אויפנאַמס-מעגלעכקייטן. אָט איז ער געווען, דער „גיבור פון שלום", און אָט איז ער שוין נישטאָ, אָט איז ירושלים געווען די אַרענע פון די היסטאָרישע וועלט-געשעענישן — און אָט טראָגן זיי זיך אַריבער קיין קאַהיר.

אין דער זעלבער מאָס, ווי עס וועפּט זיך אויס די עופאָריע נאָך דעם חלום, אין וועלכן מיר האָבן געלעבט אין די דאָזיקע געציילטע היסטאָרישע טעג, הויבן זיך אָן ביסלעכווייז אויך אויסצוּוועפּן די גרויסע דערוואַרטונגען, וואָס יענע טעג האָבן אונדז געשאָנקען. אָבער אין קעגנזאַץ צו דער מורא, וואָס מיר האָבן אויסגעדריקט פאַר סאַדאַטס באַזוך, טאָמער וועט דער באַלאָן פון די דערוואַרטונגען פּלאַצן און ער וועט מיטאַמאָל אַראָפּפאַלן פון דער גאָרער הויך אין טיפן אָפּגרונט אַריין, וואָס קען חלילה ברענגען אַ קאַטאַ-סטראָפע — דוכט זיך אונדז איצט, אַז דער באַלאָן האָט נישט געפּלאַצט, נאָר די לופט טריפט ביסלעכווייז אַרויס פון אים און ער לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ, פאַרקלענערנדיק אַלץ מער און מער אונדזערע השגות און די האָפענונגען. מיט איין וואָרט: מיר לאָזן זיך צוריק אַראָפּ צו דער ווירקלעכקייט, נישט דאַרפנדיק פאַלן און זיך צעקלאַפּן אויפן האַרטן באָדן.

די ערשטע פראַגע וואָס שטעלט זיך איצט, אַריינטרעטנדיק אין דער צווייטער פאַזע פון סאַדאַטס שלום-אָפענסיווע, איז — צי האָבן מיר סאַדאַטן טאַקע אין דער קעשענע? צי איז ער שוין טאַקע איינגאַנצן „אַן אונדזעריקער" און צי קענען מיר רעכענען אויף אים אויף די פולע הונדערט פּראָצענט, אַז ער וועט גיין מיט אונדז דעם גאַנצן וועג?

די דאָזיקע פראַגע קומט-אויף אין שייכות מיט דער טיילוויזער איזאָ-לאַציע, אין וועלכער דער מצרישער פּרעזידענט האָט זיך אַריינגעדרייט מיטן פּראָקלאַמירן זיין „שלום-בליץ". דערווייל האָט זיך נישט איינגעגעבן צו ברענגען צו די קאַהירער געשפּרעכן קיין איינע פון די אַראַבישע דעלע-גאַציעס, כדי צוצוגרייטן די קאָנפערענץ אין זשענעווע. די אַמעריקאַנער רוקן אויך אַרויס דעם חשש, אַז די זשענעווער קאָנפערענץ וועט מוזן אָפּגעלייגט ווערן צוליב דעם שאַרפן ריס, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן די אַראַבישע מדינות.

אַן אייגענע איניציאַטיוו

די מאָס פון דער פאַרשטענדיקונג און פאַרשטענדעניש, וואָס איז ביז איצט דערגרייכט געוואָרן צווישן ישראל און מצרים אין רעזולטאַט פון סאַדאַטס געוואָגטן באַזוך אין ירושלים, שטעלט מיט זיך פאָר, פאַרשטייט זיך, אַ געוואַלדיקן נצחון פאַר ישראל — וועלכע איז אָבער געשטעלט געוואָרן פאַר אומגעהויער שווערע אַנטשיידונגען און עס איז שווער פאָרויסצוזען, צי די פירער פון ישראל וועלן זיין מסוגל זיך צו זיי צו דערהייבן. די דאָזיקע זאַך איז אָפּהענגיק פון דעם, צי די ישראלדיקע מנהיגים וועלן האָבן גענוג ציווילן און אינטעלעקטועלן מוט צו קומען מיט אייגענע רעאַליסטישע איניציאַטיוון — כדי נישט צו ווערן געצוווּנגען זיך נאָכצושלעפּן קעגן זייער ווילן נאָך די איניציאַטיוון פון דעם מצרישן פּרעזידענט.

וואָס שייך סאַדאַטן, האָט זייער זאַכלעך געשריבן דער קאָרעספּאָנדענט פון „הארץ" אין נצרת אַטאַללאַ מאַנצור, אַז עס איז נישטאָ קיין גרעבערער און געפערלעכערער טעות ווי דאָס איינרעדן זיך, אַז סאַדאַט געפינט זיך ביי אונדז אין דער קעשענע און אַז ער וועט די גאַנצע צייט בלייבן אונדזער פאַרבינדעטער אין דער קאָנפראָנטאַציע מיט די איבעריקע אַראַבישע פּאַק־טאָרן. אַטאַללאַ מאַנצור ווייזט אָן אין זיין זאַכלעכן אַנאַליז, אַז די אָרעמע מצרים, וועלכע ליידט פון אַ שטאַרקן באַפעלקערונגס־עודף, נויטיקט זיך היינט אין די אַראַבער מער ווי ווען עס איז אין דער פאַרגאַנגענהייט, און ישראל און אַפילו אַמעריקע קענען נישט פאַרטרעטן די אַראַבישע לענדער מיט זייער הילף און אונטערשטיצונג. מיליאָנען מצרים לעבן היינט פון דער הילף, וואָס מצרים באַקומט פון די רייכערע אַראַבישע מדינות און פון די געלטער, וואָס עס באַקומען די טויזנטער לערער, אינזשינירן און אַנדערע מצרים, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די אַראַבישע לענדער אויסער מצרים.

אויב סאַדאַט וועט זיך נישט קענען נאָך אַ קורצער צייט באַווייזן מיט קיין ממשותדיקער דערגרייכונג אין רעזולטאַט פון זיין פאַרשטענדיקונג מיט ישראל, דהיינו — אויב סאַדאַט וועט נישט אַרויסבאַקומען פון ישראל קיין קאָנקרעטן און פילבאַדייטנדיקן וויתור סיי אין דער פראַגע פון די שטחים און סיי אין דער פראַגע פון אַ מדינה אָדער אַן אויטאָנאָמיע פאַר די פּאַלעס־טינעזישע אַראַבער — וועלן אויך די „מעסיקע" אַראַבישע מדינות זיך אָפּקערן פון מצרים. און דאַן וועט אויך מצרים זיך אָפּקערן פון אונדז.

סאַדאַטס געפאַרן

מצרים וועט דאָס זיין געצוווּנגען צו טאָן, ווייל אויך אינעווייניק, אין מצרים גופא, וועט זיך שטאַרקן די קעגנערשאַפט צום רעזשים און די הער־שאַפט פון אַנואַר סאַדאַט וועט געשטעלט ווערן אין אַן ערנסטער געפאַר. עס דאַרף אָנגעוויזן ווערן דערויף, אַז די אָרעמע מצרים איז אָנגענומען געוואָרן אַלס די פירערין פון דער אַראַבישער וועלט און האָט זוכה געווען צו באַקומען איר הילף — דער עיקר אין זכות פון איר גרויסן מיליטערישן פּאָטענציאַל, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין משך פון דרייסיק יאָר אין דינסט פון דער

„אַראַבישער זאַך", דהיינו קעגן ישראל. טאָמער וועט מצרים קומען צו אַ סעפּאַראַטן שלום מיט ישראל, איז קלאָר, אַז זי וועט די דאָזיקע פּירערשאַפט פאַרלירן. אמת, די געוואַלדיקע הוצאות אויף באַוואָפענונג וועט זי קענען ריכטן פאַר ציווילע צוועקן. אויך ישראל וועט דאָס קענען טאָן. אָבער נישט ישראל און נישט אַפילו אַמעריקע וועלן קענען פאַרטרעטן די הילף, וואָס מצרים באַקומט פון דער אַראַבישער וועלט. און מצרים וועט אויך נישט וועלן מוותר זיין אויף איר אַנפירנדיקער ראָל אין דער אַראַבישער וועלט.

וועט זי דעריבער מוזן מוותר זיין — אויף ישראל, אויב ישראל וועט נישט וועלן מוותר זיין — אויף די שטחים.

די פראַגע: „וואָס וואָלט געווען, אויב?" — איז אַ ספּעקולאַטיווע פראַגע, וואָס ווערט פאַרענטפערט נאָר דורך די פאַקטן פון דער געשיכטע. ווען מען האָט אַמאָל, אין דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, געפרעגט דעם געוועזענעם פרעמיער יצחק רבין: וואָס וועט זיין, טאָמער וועלן די פּאַלעסטינעזער אָנערקענען מדינת ישראל, זיך אָפּזאָגן פון טעראָר א.אַז.וו., צי וועט דאַן ישראל איינגיין אויף זייערע פאָדערונגען? — האָט דאַן רבין געענטפערט מיט דער קלאַסישער, גאַנץ באַנאַלער פראַגע: „וואָס וואָלט געווען ווען די באָבע וואָלט געהאַט רעדער?"... ער האָט געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז די שעה פון אַנטשיידונג, דער „מאָמענט פון אמת", איז נאָך זייער ווייט און מיר דאַרפן זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין היפּאָטעטישע השערות.

צוגעשטופּט צו דער וואַנט

די פירער פון פּ.ל.אָ. און די פּאַלעסטינעזישע עקסטרעמיסטן אָנערקענען נאָך נישט אונדזער מדינה, און זיי האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעזאָגט פון זייערע צילן. אָבער אונדזער גרעסטער פיינט, די וויכטיקסטע מדינה פון דעם „פראָנט פון דער קאָנפראָנטאַציע", האָט אונדז שוין יאָ אָנערקענט און איז אַרויף אויפן וועג פון שלום. איר דערפאָלג, וועלכער קען קומען נאָר אין זכות פון אַ פּאָזיטיווער און קאָנסטרוקטיווער שטעלונג פון ישראל, קען אַרויספירן אויף דעם זעלבן וועג די אַנדערע אַראַבישע לענדער און אויך די פּאַלעסטינעזער, אונדזערע נאָענטסטע אוממיטלבאַרע שכנים, מיט וועלכע מיר האָבן דאָך דעם עיקרדיקן, דעם אוממיטלבאַרן קאָנפליקט.

האָט אונדז סאַדאַט צוגעשטופּט צו דער וואַנט און אַוועקגעשטעלט פאַר דער קאָנפראָנטאַציע מיט דער רגע פון אמת, פאַר דער דילעמע צווישן דער דעצידירנדיקער אַנטשיידונג: **שטחים — אָדער שלום?**

פאַרשטייט זיך, אַ סך פון אונדז צווייפלען, צי דאָס אָפּגעבן די שטחים וועט אונדז טאַקע ברענגען דעם שלום. די אַנטשיידונג איז זיכער נישט קיין לייכטע. זי פאָדערט אַ סך ישוב הדעת און דאָס שאַפן די אַנטשפּרעכנדיקע מאָסנאָמען צו גאַראַנטירן די זיכערהייט, כדי סאַדאַטס פאַרזיכערונג, אַז „קיינמאָל מער קיין מלחמה", זאָל נישט בלייבן קיין ליידיקע פראַזע. וועגן דעם דאַרפן געפירט ווערן גאָר ערנסטע אונטערהאַנדלונגען.

אָבער דער עיקר איז — אונדזער אייגענע אַנטשיידונג. ביי דער מאַכט געפינט זיך די רעגירונג פון „ליכוד", וועלכע האָט אין איר פּראָגראַם אַריינגעשריבן ווי אַ פעסטן פּרינציפּ די שלמות הארץ און דאָס נישט צוריקקערן יהודה און שומרון „אונטער אַ פרעמדער מאַכט". ווייסן מיר אָבער, אַז דער זעלבער „ליכוד" האָט פריער, ווען ביי דער מאַכט איז געווען דער „מערך", פּאַרלאַנגט אַ פאָלקס-פּלעביסציט אין מאָמענט ווען עס וועט קומען די צייט צו אַנטשיידן וועגן יאָ אָדער נישט צוריקקערן די פאַרנומענע שטחים. די דאָזיקע פאָדערונג האָט אויך אַרויסגערוקט די רעליגיעז-נאַציאָנאַלע פּאַרטיי (מפד"ל), וועלכע איז דאַן געווען אין דער קאָאַליציע מיטן „מערך" און איז היינט אין דער קאָאַליציע מיטן „ליכוד". די דאָזיקע פאָדערונג פון מפד"ל איז אויך געווען איינגעשלאָסן אין דעם פריערדיקן קאָאַליציע-פּראָגראַם.

איז דעריבער גערעכט דער כנסת-דעפּוטאַט יוסי שריד ווען ער רוקט אַרויס די זעלבע פאָדערונג איצט כלפי דער רעגירונג פון „ליכוד". ווען די פּאַרמולירערס — שרייבט יוסי שריד — האָבן זיך אָוועקגעזעצט שרייבן די פּאַרטייאישע פּלאַטפאָרמען צו די וואַלן פון 17-טן מאַי, האָט קיינער זיך נישט געקענט דאַן פאָרשטעלן אין זיין פאַנטאַזיע דעם פּרעזידענט סאַדאַט ווי ער שטופּט זיך צווישן די זיכערהייטס-לייט אויף אונדזער פּלי-פּלאַץ, ווישט דעם שווייס פון זיין שטערן בעת ער רעדט צו די 120 כנסת-דעפּוטאַטן, טוישט אויס מתנות מיט דער „אַלטער דאַמע", רופט אָן דעם פּרעמיער פון ישראל — „מיין פריינט", און קושט עזר ווייצמאַנען אין ביידע באַקן. די אַלע פּאַרטייפּלאַטפאָרמען זענען געשריבן געוואָרן אין אַ פולשטענדיק אַנדערער ווירקלעכקייט — אַ ווירקלעכקייט, וועלכע האָט איצט לחלוטין אַן אַנדער פּנים. וואָלטן זיי איצט געגאַנגען צו די וואַלן, וואָלטן די פּאַרטייען געקומען צו די וויילער מיט אַ פולשטענדיק אַנדערער פּלאַטפאָרם און מיט אַן אַנדערער וויזיע פאַר דער צוקונפט.

קיינער פון אונדז קען נישט זיין קיין נביא און זאָגן געענוי „וואָס עס וויל דאָס פאָלק"; אָבער עס איז קיין ספק נישט, אַז דאָס פאָלק וויל שלום און אַז דער וויזיט פון מצרישן פּרעזידענט האָט געשאַפן אַ נייע אַטמאָספער, וואָס איז אַבסאָלוט נישט ענלעך צו דער אַטמאָספער, אין וועלכער עס זענען פאָרגעקומען די לעצטע וואַלן צו דער כנסת מיט אַ האַלב יאָר צוריק.

ל. נ. 1-טער דעצעמבער 1977

5.

צי טאַקע קיינמאָל מער קיין מלחמה?

די וועלט פון איבעראַשונגען איז, זעט אויס, אַזוי רייך, אַז די מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע איז נישט מסוגל זי צו דערגרייכן. כמעט אין יעדן אַרטיקל קומט מיר אויס זיך צו באַוואָרענען, אַז אין דעם נישט־ראַציאָנעלן מיטעלן אָריענט, און באַזונדערס אין לאַנד פון די נביאים, טאָר מען נישט זיין קיין נביא און מ׳קאָן נישט פֿאָרויסזען היינט, וואָס עס קאָן געשען מאָרגן אין אָט דעם ווינקל פון די גרעסטע אוממעגלעכקייטן. דער דאָזיקער איראַציאָנאַליזם האָט זיך זיין אייגענע לאָגיק, וועלכע דינט אונדז פֿאַר אונדזערע פּרוּוון צו אַנאַליזירן דיווירקלעכקייט און פֿאַר די מסקנות, וואָס מיר ציען פון זיי אַרויס.

האָבן מיר אַלזאָ אין דעם לעצטן חודש געהאַט ביי אונדז צוויי גרויסע אויפטרייסלונגען: דעם „עקאָנאָמישן איבערקער״, וואָס האָט געעפנט אַ נייע עפּאָכע אויפן אינערלעכן פראָנט אין ישראל, און דעם „שלום־בליץ״ פון סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים, וואָס האָט אפשר געעפנט אַ נייע עפּאָכע מיט נייע דערוואַרטונגען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער אַרענע.

ביים אָנהייב, ווען עס איז דערהערט געוואָרן פונעם מויל פון עגיפּטישן פּרעזידענט — אין זיין רעדע פֿאַרן פּאַרלאַמענט — דער זאַץ, אַז ער איז גרייט צו פֿאָרן קיין ירושלים און רעדן אין דער כנסת, כדי צו פֿאַרהיטן, אַז אַפילו קיין איין עגיפּטישער זעלנער זאָל נישט ווערן דערהרגעט אָדער פֿאַרוווּנדעט, האָט מען דאָס אָנגענומען ווי אַ רעטאָרישן אויסדרוק, פון דעם שטייגער: „איך בין גרייט צו גיין רעדן אַפילו מיטן טייוול״... און ווען בעגין האָט אויף דעם געענטפערט, אַז ער לאַדט איין סאַדאַטן קיין ירושלים, האָט מען דאָס אָנגענומען ווי אַ טעאַטראַלן זשעסט פון צוויי פּאָליטישע אַקטיאָרן. נאָכדעם אָבער, ווען די טעאַטראַלע זשעסטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ באַשיימפּערלעכן פֿאַקט, איז דאָס אַלץ געוועזן אַזוי אומבאַגרייפלעך און אַזוי אומגלויבלעך, אַז דאָס האָט אויסגעזען ווי אַ חלום — ווי אַ צו שיינער חלום, מ׳זאָל קענען גלויבן אין אים... נאָך דעם חלום און נאָכן אויסניכטערן זיך פון דעם דאָזיקן סורעאַליסטישן ספּעקטאַקל — האָט דער מיטעלער מזרח זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט אין אַ נייער ווירקלעכקייט, שוין נישט די זעלבע, וואָס נעכטן־אייערנעכטן.

אַ נייע ווירקלעכקייט, וואָס האָט געענדערט, באַדייטנדיק אָראָפּגעניזדערט דעם פּראָפיל פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. זי האָט געעפנט נייע האָריזאָנטן, נייע מעגלעכקייטן און דערוואַרטונגען. זי האָט אָבער אויך צעשטערט און צעקרישלט נייע אילוזיעס, וואָס זענען אויפגעקומען אין די קורצע טעג פון דעם נאַציאָנאַלן, מ׳קאָן אַפילו זאָגן: דעם צווישן־נאַציאָנאַלן — קאָלעקטיוון חלום.

ווער עס האָט נישט געזען די שמחה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די איינוווי־נער פון ישראל אין יענע טעג פון סאַדאַטס באַזוך, ווען די מצרישע פענער האָבן געפלאַטערט נעבן די פענער פון ישראל אויף די גאַסן פון ירושלים, דער האָט קיין אמתע שמחה אין זיין לעבן נישט געזען. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין קאַיר און אין די שטעט פון עגיפּטן בעת סאַדאַט האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין באַזוך אין ישראל. און געפרייט האָבן זיך אויך אָן ספק, הגם אָן דעם מיטל־מזרחדיקן עקסטאַז, מיליאָנען מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט. דער געוואָגטער שריט פון דעם עגיפּטישן פּרעזידענט איז געוואָרן אַ היסטאָרישער ווענד־פּונקט, וואָס האָט מיטגעריסן די עפנטלעכע מיינונג, האָט באַצווונגען די געשיכטע און געריכטעט די ווירקלעכקייט אין מיטעלן מזרח אויף אַ נייעם וועג. דער שלום איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ רעאַלע מעגלעכקייט. אין ישראל און אין מצרים האָבן זיך פּלוצים, אַזוי אומדער־וואַרט, צעקלונגען די גלאָקן פון שלום, אַריינגעברענגט נייע האָפענונגען און דערוואַרטונגען. עס האָט זיך פּלוצים אויסגעדוכט אַז דער דרייסיק־יאָריקער מלחמה־צושטאַנד האָט זיך פאַרענדיקט.

אין דעם שאַקירטן באַוווסטזיין פון מענטשן האָט סאַדאַטס פּלוצימדיקער באַשלוס צו קומען קיין ירושלים, און בעגינס גיכער אָפּרוף און זיין איינ־לאַדונג, געשאַפן דאָס געפיל פון „משיחס צייטן", ווען אוממעגלעכע זאַכן ווערן מעגלעך און דערגרייכלעך. איצט, נאָכן אויפוועקן זיך פון דעם חלום און נאָכן אויסניכטערן זיך פון דער שיכרות פון אָט דער אומגלויבלעכער געשעעניש, הייבן אָן ביסלעכוויז זיך אויסצושיילן פון דעם מיסטעריעזן שלייער די מאָטיוון און די דערוויילעקע רעזולטאַטן פון אָט דעם „שלום־בליץ". די ספּאָנטאַנישע שמחה מיט אירע משיחישע דערוואַרטונגען טרעט ביסלעכוויז אָפּ פאַר די ניכטערע באַטראַכטונגען און אָפּשאַצונגען, הגם קיינער ווייסט נישט וואָס עס האָבן גערעדט און אָפּגעמאַכט צווישן זיך די צוויי מלוכה־פירער — סאַדאַט און בעגין — אין זייערע געשפּרעכן אונטער פיר אויגן.

וואָס שייך די מאָטיוון, זענען אַרויסגערוקט געוואָרן פאַרשידנאַרטיקע סברות, וואָס די סאַמע וואַרשיינלעכסטע פון זיי זעט אויס צו זיין — דער „אַמעריקאַניש־סאָוויעטישער אַרבעטס־דאָקומענט", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך די געשפּרעכן צווישן די אויסערן־מיניסטאָרן סיירוס ווענס און אַנדריי גראָמיקאָ און וואַשינגטאָן, און וואָס האָט ביים עגיפּטישן פּרעזידענט דערוועקט די מורא פאַר אַ באַנייונג פון דער סאָוויעטישער השפעה, פון וועלכער ער האָט זיך קוים באַפרייט. אין רעזולטאַט פון דער דינאַמיק, אין וועלכער סאַדאַט האָט אַריינגעפירט דעם פאַרהאַנדלונגס־פּראָצעס זינט זיין באַזוך אין ירושלים, האָט ער אויך אַרויסגענומען פון די אַמעריקאַנער די דאָמינירנדיקע ראָל פון זייער פאַרמיטלונג, אַריינטרעטנדיק אין דירעקטע געשפּרעכן מיט ישראל.

לויט אַ צווייטער ווערסיע, וועלכע איז נישט געוואָרן אָפּגעלייקנט דורך סאַדאַטן און דורך בעגינען גופא, איז סאַדאַטס נסיעה קיין ירושלים געווען אַ רעזולטאַט פון דער פאַרמיטלונג מצד דעם רומענישן פּרעזידענט ניקאָלאַי

טשאַושעסקו און דעם פּערסשין שאַך, אָדער מעגלעך אַפילו אויך מצד דעם קעניג פון מאַראָקאָ, וועלכן משה דיין זאָל האָבן באַזוכט בעת זיין מיסטעריעזן פאַרשווינדן ווערן אין פּאַריז, אויפן וועג קיין וואַשינגטאָן, דעם 17־טן אויגוסט 1977. אָבער אָן ספק איז דער עיקרדיקער מאָטיוו געווען — די אויסזיכטלאָזיקייט פון די באַמיונגען צוזאַמענצורופן די זשענעווער קאָנפערענץ און בייצוקומען דעם פּראָצעדוראַל־וועזנטלעכן קאָנפליקט וועגן דעם אָנטייל פון דער פּ. ל. אָ.

דער געוואָגטער שריט פון פּרעזידענט סאַדאַט, וועלכער האָט איבעראַשט די גאַנצע וועלט, האָט צעשטערט אַלע פאָרמעלע צוימען און דורכגעבראָכן די וואַנט פון אומצוטרוי און קעגנזייטיקן פּחד. לויט סאַדאַטס באַהויפּטונג, באַטרעפט די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע מויער זיבעציק פּראָצענט פון דעם תהום, וואָס צעטיילט די צוויי פיינטלעכע מחנות אין דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. אָבער די איבעריקע דרייסיק פּראָצענט זענען דער וועזנטלעכער האַרטער נוס, וואָס האָט געשאַפן דעם קאָנפליקט און די פּסיכאָלאָגישע מויער צווישן די צדדים. צעשטערנדיק די מויער פון שנאה צווישן מצרים און ישראל, האָט אָבער סאַדאַטס נסיעה קיין ירושלים געשאַפן אַ גאַר שאַרפן ריס אין דער אַראַבישער וועלט, וועלכע האָט געהאַט אויסגעזען צו זיין מער אָדער ווייניקער געאייניקט זינט דער יום־כיפּור־מלחמה (נישט געקוקט אויף דעם בירגער־קריג אין לבנון און די סיכסוכים צווישן עגיפּטן און ליביע און צווישן סיריע און איראַק). סיריע, די פּאַלעסטינעזישע אָרגאַניזאַציעס און אין אַ געוויסער מאָס אויך יאַרדאַניע, האָבן געזען אין סאַדאַטס באַזוך אין ישראל אַ פּרווו צו פאַרלאָזן דעם בשותּפותדיקן אַראַבישן פראָנט און צו פאַרהאַנדלען מיט ישראל וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום־אָפּמאַך.

✶

דער גורל האָט אַלזאָ אונטערגעטראָגן בעגינען די איינציק־זעלטענע היסטאָרישע געלעגנהייט צו דערפירן צו אַ שלום צווישן ישראל און איר גרעסטן, שטאַרקסטן און וויכטיקסטן פיינט. האָבן דאָך די פריערדיקע פירער פון מדינת־ישראל, די רעגירונגס־פרעמיערן און מיניסטאָרן פון „מערך" תמיד געטענהט, אַז עגיפּטן דאַרף זיין די ערשטע מדינה צו פירן די שלום־געשפּרעכן מיט ישראל, נאָך איר וועלן שוין גיין די אַנדערע. ווייזט זיך איצט אַרויס, אַז דאָס איז נישט די ערשטע איניציאַטיוו פון עגיפּטישן פּרעזידענט, אַז ער האָט שוין געהאַט אַנגעדייט וועגן שלום־געשפּרעכן פריער, נאָך אין יאָר 1971, און די פירער פון „מערך" האָבן פאַרפאַסט און פאַרטאַכליעוועט די געלעגנהייט. ווי־זשע קומט עס, אַז גראָד דער פירער פון „ליכוד", וועלכער איז געקומען צו דער מאַכט מיט אַן אויסגעשפּראָכן אַנעקסיאָניסטישן פּראָגראַם און אונטער דער לאָזונג פון „קיין איין שפּאַן" — אַז דווקא ער זאָל זוכה זיין צו געווינען סאַדאַטס צוטרוי?

דער דאָזיקער פאַקט איז טאַקע אַרויסגעהויבן געוואָרן דורך בעגינען און זיינע אָנהענגער ווי אַ „באַווייז", אַז נאָר זייער שטייפע פּאָליטיק האָט דאָס געברענגט סאַדאַטן קיין ירושלים. עס זעט אָבער אויס, אַז גראָד פון בעגינען

דערוואַרט סאַדאַט אַ גרעסערע נאָכגיביקייט — און דאָס דערפאַר, ווייל בעגין האָט נישט קעגן זיך קיין ווירקנדיקע אָפּאָזיציע, ווי דאָס איז געווען זיין פּאַרטיי קעגן דער רעגירונג פון „מערך", און אַזוי אַרום וועט אויסגע־מיטן ווערן אַן אָבסטרוקציע. אויסער דעם איז אויך זייער מעגלעך, אַז די שטייפע פּאָליטיק פון דער בעגין־רעגירונג וועט קענען דינען פאַרן עגיפּטישן פּרעזידענט ווי אַ גוטער אויסרייד נאָך מער צו איזאָלירן ישראל אין פאַל פון אַ דורכפאַל פון די אונטערהאַנדלונגען און צו געווינען פאַר זיך די פולע סימפּאַטיע און די אַבסאָלוטע אונטערשטיצונג פון דער מערבדיקער וועלט. אויף דעם אופן האָפט אפשר סאַדאַט אַריבערצוּוואַרפן אויף אַמעריקע און אויף דער גאַנצער מערבדיקער וועלט די פולע אַחריות און די אויפגאַבע אַרויפצוצווינגען אויף ישראל אַ שלום לויטן ווילן פון די אַראַבער.

דאָס זענען אַלץ, פאַרשטייט זיך, ספּעקולאַציעס. מעגלעך, אַז סאַדאַט האָט אַזוי געטראַכט ווען ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ישראל, און מעגלעך אַז ער מיינט דאָס אויפריכטיק, ווען ער זאָגט ווי שטאַרק ער איז באַאיינדרוקט געוואָרן פון דער וואַרעמער אויפנאַמע אין ישראל און פון דעם שטאַרקן ווילן פון שלום, וואָס ער האָט געטראָפן ביי דער באַפעלקערונג פון ישראל. די פראַגע איז אָבער: צי איז אויך די רעגירונג פון ישראל, און באַזונדערס דער פּרעמיער מנחם בעגין, מסוגל זיך צו דערהייבן צו דער גרויסער היסטאָ־רישער ראָל, צו וועלכער עס האָט זיך דערהויבן דער עגיפּטישער פירער?

די באַנאַלע און דעמאַגאָגישע רעדע פון מנחם בעגין אין דער כנסת, ווי אויך זיינע שפּעטערדיקע דערקלערונגען בעת דעם באַזוך פון אַנואַר סאַדאַט אין ירושלים זענען געווען ביז גאָר אַנטוישנדיק. אַנטקעגן דער בכבודיקער און זאַכלעך־געבויטער רעדע פון דעם עגיפּטישן פירער, וועלכער האָט אַפּע־לירט צום פאַרנונפט און געדערט וועגן דער צוקונפט, האָט בעגין אין זיין רעדע אַפּעלירט צו די געפילן און גערעדט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע דער גאַסט האָט געבעטן פאַרגעסן. און דאָס וויכטיקסטע: נישט געווען איז אין בעגינס רעדע, און נישט אין זיינע שפּעטערדיקע דערקלערונגען, די מינדעסטע אָנדייטונג אויף אַ פשרה, הגם דער געוואָגטער שריט פון דעם עגיפּטישן פּרעזידענט האָט פאַרדינט אַ בכבודיקן פּרייז.

וואָס האָט ישראל געווונען מיט סאַדאַטס באַזוך און וואָס איז דער פּרייז, וועלכן זי איז אים שולדיק?

דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז געגעבן געוואָרן דורך די פאַרשידענע פראַקציעס פון דער כנסת, און איינקלאַנג מיטן אָרט, וועלכן יעדע איינע פון זיי פאַרנעמט אין דעם פּאָליטישן רעגנבויגן אין לאַנד. אַלע זענען געווען אייניק אין אָפּשאַצן די גוואַלטיקע ריזיקע — פּערזענלעך און פּאָליטיש — וועלכע סאַדאַט האָט גענומען אויף זיך מיט דעם דאָזיקן שריט. האָט דעריבער געקלונגען באַנאַל און ציניש דער ענטפער פון מנחם בעגין אויף די פראַגן פון זשורנאַליסטן בנוגע דער „סימעטריע" און דעם פּרייז, וואָס איז פון אים דערוואַרט געוואָרן אַלס ענטפער אויפן זשעסט פון עגיפּטישן פּרעזידענט. ערשטנס, האָט בעגין געזאָגט, איז דאָס נישט קיין פראַגע פון קיין „זשעסטיקולאַציע" און סאַדאַט האָט איבערהויפּט אַזאַ זשעסט נישט פאַרלאַנגט; אָבער אויב עס גייט אין „סימעטריע" — איז אויך

בעגין פון זיין זייט גרייט צו ריזיקירן און צו פאָרן קיין קאַיר, אויב אַזאַ איינלאַדונג וועט קומען...

אין אָט דעם ענטפער ליגט די גאַנצע צביעות און די צינישקייט פון דער בעגינישער פּאָליטיק. מנחם בעגין האָט אַרויסגעוויזן אַ געוויסע מאָס פון עלאַסטישקייט נאָר אין די **פאָרמעלע און פּראָצעדורעלע ענינים**, אָבער נישט אין די וועזנטלעכע יסודות פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, וואָס אין באַצוג צו זיי ווייזט ער אַרויס אַ קאָמפּראָמיסלאָזע שטייפקייט.

די גאַנצע צייט האָבן די פירער פון דער מדינה — פריער די פון „מערך" און איצט די פירער פון „ליכוד" — געטענהט, אַז נישט איבער שטחים און גרענעצן גייט אָן דער קאָנפליקט מיט די אַראַבער, נאָר איבער זייער עצם אָפּזאָג צו אָנערקענען די יידישע מדינה און איר רעכט צו עקזיסטירן אין דעם ראַיאָן. איז געקומען דער עגיפּטישער פּרעזידענט אַנואַר סאַדאַט און האָט געגעבן דער יידישער מדינה — נאָך פאָרן אָפּשליסן אַ שלום־אָפּמאַך — די אָנערקענונג אַלס אַ טייל פון דעם ראַיאָן: „**איר ווערט באַגריסט ווי אַ טייל** פון מיטעלן מזרח", האָט ער בוכשטעבלעך געזאָגט; ער האָט אויך אָנערקענט און באַרעכטיקט די טענה פון ישראל וועגן גאַראַנטירן איר זיכערהייט און געזאָגט, אַז דער דאָזיקער ענין דאַרף קומען צום אויסדרוק אין דעם שלום־אָפּמאַך; ער איז אַנטקעגנגעקומען — פון אייגענער איניציאַטיוו — דער ישראַלדיקער פאָדערונג וועגן אוממיטלבאַרע געשפּרעכן, וואָס ישראל אַליין האָט שוין געהאַט פון דעם רעזיגנירט, און ער האָט צונישט געמאַכט דעם תירוץ פון די ישראַלדיקע מנהיגים, אַז „עס איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן" און אַז „די אַראַבער ווילן אונדז נישט אָנערקענען".

איז דאָס נישט דער „מהות פון שלום", וועלכן ישראל האָט די גאַנצע צייט פאַרלאַנגט?

פאַר אָט דער גרייטקייט פאַרלאַנגט דער עגיפּטישער פּרעזידענט די צוויי עיקרדיקע פּאָסטולאַטן: אַ צוריקטריט צו די גרענעצן פון פאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, און דאָס שאַפן אַ פּאַלעסטינעזישע מדינה אויף די צוריקגעקערטע שטחים. דאָס ערשטע האָט ישראל געהאַט צוגעזאָגט (הגם מיט דער פאָדערונג פון גרענעץ־קאָרעקטורן) גלייך נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה; דאָס צווייטע איז אַ טעמע פאַר אונטערהאַנדלונגען, אין וועלכע עגיפּטן איז געניגט, אַז דאָס זאָל זיין אין אַ פעדעראַציע מיט יאַרדאַניע.

אָבער אויב עס האַנדלט זיך אין די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן, און בכלל אויב עס האַנדלט זיך אין אַ וועלכן עס איז פּרייז פאַר דעם גיגאַנטן־שפּרונג פון דעם עגיפּטישן פּרעזידענט און פאַר דעם קאָלאָסאַלן געווינס פון ישראל — איז סאַדאַט אַהיימגעפאָרן מיט ליידיקע הענט, הגם מיט דער פּאָזע פון אַ זיגער, כדי נישט צו פאַרלירן דעם חסד ביים עגיפּטישן פאָלק. דער ענטפער פון די ישראַלדיקע מנהיגים איז געווען אַנטווישנדיק — נישט דווקא אין באַצוג צו סאַדאַטן, נאָר דער עיקר אין באַצוג צו דער מעגלעכקייט, אַז אַ פּשרה־גרייטקייט פון ישראל זאָל איבערצייגן אויך די אַנדערע אַראַבישע מנהיגים און זאָל זיי דערמוטיקן צו שלום־געשפּרעכן.

אַנשטאָט דעם האָבן בעגין און זיינע אָנהענגער גערעדט וועגן די „היסטאָרישע רעכט" פון ישראל אויף די „באַפרייטע שטחים"; אַנשטאָט אַרויס־

צוווייזן גרייטקייט אויף אַ וועזנטלעכער פּשרה, וואָס זאָל אַ סוף מאַכן צו דער מלחמה אויך מיט אונזערע נאָענטסטע שכנים, די פּאַלעסטינעזער — אָדער כאָטש צו ווייזן דער וועלט, אַז מיר ווילן דאָס, אָבער זיי זענען צו דעם נאָך נישט גרייט — האָט די רעגירונג פּיר טעג נאָך סאַדאַטס אָפּפאָר געמאָלדן וועגן דעם אַנטדעקטן אוצר פון נאַפט אין סיני און וועגן אויפשטעלן נאָך צוויי קאָלאָניזירונגס־פּונקטן אויף די אָקופּירטע שטחים נעבן ראַמאַללאַ. אַנשטאָט אויפריכטיקער גרייטקייט אויף אַ פּשרה — נייע פּראָוואָקאַציעס.

דער עגיפּטישער פּרעזידענט האָט פּאַרענדיקט זיין וויזיט אין ישראל מיט דער דערקלערונג, אַז עס וועט קיינמאָל מער נישט זיין קיין מלחמה; די אָקטאָבער־יום־כּיפּור־מלחמה איז געווען די לעצטע מלחמה און אַז אַלע חילוקי־דעות דאַרפן געלייזט ווערן אויפן פרידלעכן וועג, אין אונטערהאַנד־לונגען. ער האָט אָבער גלייכצייטיק דערקלערט, אַז דער פאַרמעלער צושטאַנד פון מלחמה האַלט ווייטער אָן — כּל זמן עס וועט נישט דערגרייכט ווערן קיין שלום.

דאָס באַדייט, אַז די אָפּציע פון מלחמה בלייבט ווייטער גילטיק — ווייל וואָס נאָך בלייבט איבער די מצרים, אויב נישט אָט די איינציקע ברירה פון אַ מלחמה, ווי דער לעצטער אויסגאַנג, דער אויסגאַנג פון פאַרצווייפלונג, ווען קיין שום אַנדער וועג קען נישט העלפן. דערווייל האָט סאַדאַט באַשלאָסן פאַרצווזעצן דעם „מאָמענטום", דעם שווונג פון דער שלום־אָפענסיווע, און האָט געמאַכט דעם צווייטן, נישט ווייניקער געוואַגטן שריט, איינלאַדנדיק אַ דעלעגאַציע פון ישראל אויף געשפּרעכן קיין קאַיר, צוצוגרייטן די זשענע־ווער קאָנפערענץ.

אַ סך רעטענישן דערוועקן זיך, אַלזאָ, אין שייכות מיט אָט דער סעפּאַראַ־טער איניציאַטיוו פון דעם עגיפּטישן פּרעזידענט, וועלכער האָט באַשלאָסן צו רעדן אין נאָמען פון אַלע אַראַבער, הגם נישט אַלע אַראַבער האָבן אים געגעבן דערויף דעם מאַנדאַט, באַזונדערס די פּאַלעסטינער אַראַבער, וועלכע פילן זיך אָפּגענאַרט און פאַרלאָזט פון זייערע „אַפּוטרופּסים". און נישט ווייניק שטוינונג רופט אַרויס די אויפפירונג פון דער היגער אַרבעטס־פּאַרטיי, וועמענס מנהיגים קריטיקירן שטאַרק די פּאָליטיק פון דער בעגין־רעגירונג, אָבער אַליין האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן צו דעם אַזוי־גערופענעם „נאַציאָנאַלן קאָנצענזוס" קעגן אַ פּאַלעסטינעזישער מדינה און קעגן אַ צוריקטריט צו די גרענעצן פון פאַר יוני 1967. רעאַגירנדיק אויף דער פאָדערונג פון אַ טייל אַקטיווע טוער פון דער פּאַרטיי צו רעווידירן די אַלטע שטעלונג אין אָנבליק פון דער נייער סיטואַציע, האָט גאָלדע מאיר, וועלכע האָט זיך אַזוי שיין דערהויבן און איר רעדע צו סאַדאַטן, דאָס מאָל געענטפערט אַז „עס איז נישטאָ וואָס צו רעווידירן"; און ישראל גלילי האָט גערופן אָפּצוהיטן די ניי־געשאַפענע קאָלאָניזאַציע־פּונקטן אויף די „שטחים", מ'זאָל זיי חלילה נישט דאַרפן צוריקגעבן...

אין אָנבליק פון די דאָזיקע טרויעריקע פאַקטן ווערט גאָר שטאַרק אָפּ־געקילט דער הייסער ענטוזיאַזם, וואָס האָט אונדז אַלעמען באַהערשט אין די דערהויבענע היסטאָרישע טעג פון סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים.

„אונזער צייט", דעצעמבער 1977

6.

די אַנאַטאָמיע פון שטימונג

ווער פון אונדז האָט עס דען נישט אַדורכגעמאַכט אין זיין לעבן די דער־פאַרונג פון גרויסער התלהבות און שטאַרקער אַנטוישונג?

דעם טיפן תהום צווישן פּראַכטפולער, קאָלירפולער וויזיע און דער גרויער ווירקלעכקייט, האָט זייער טרעפלעך אָפּגעשפּיגלט די טעג אין ראַדיאָ זיין חיפהער קאָרעספּאָנדענט, בעת ער האָט באַריכטעט וועגן דעם שטורעם־וועטער, וואָס האָט היינטיקע וואָך אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד. אין זיין באַריכט האָט ער דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך צוריקגעקערט פול מיט באַגייסטערונג פון דער קאָנפערענץ וועגן אַטאָמישע קראַפט־רעאַקטאָרן, וואָס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין חיפהער טעכניאָן — און ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפן זיין שטוב באַלויכטן מיט אַ וואַקסן ליכטל, ווייל דער עלעקטרישער שטראָם איז געווען איבערגעריסן צוליב דעם שטורעם־ווינט. דאָרט — די פּראַכטפולע וויזיע פון דער סופּערמאָדערנער וועלט, וואָס ווערט באַדינט פון דער מעכטיקער אַטאָמישער ענערגיע; אַן ענערגיע, וואָס גיט ליכט און קראַפט, באַוועגט די שטאַרקסטע מאָטאָרן און רעאַקטאָרן, קערט איבער וועלטן, העלפט אויסגראָבן קאַנאַלן, באַוועגט אַטאָמישע אונטערוואַסער־שיפן און טרייבט ראַקעטעס און קינסטלעכע סאַטעליטן אין אומענדלעכן קאָסמאָס — און דאָ די פינצטערע שטוב באַלויכטן מיטן אַלטן געטרייען ליכטל, נאָכדעם ווי די טעכניק איז באַזיגט געוואָרן דורך דער סטיכיע פון דער נאַטור.

רופט עס, אַלזאָ, אַן ווי איר ווילט. ווילט איר, איז דאָס אַנטוישונג, ווילט איר אָבער, איז דאָס דער צוריקקער צו דער ווירקלעכקייט. אַנטוישונג איז דער פּרייז פון דעם איבערגעטריבענעם אָפּטימיזם.

אָפּטימיסטן זענען געוויינלעך מענטשן גלויביקע, וואָס פאַלן גיך אַריין אין באַגייסטערונג, זעענדיק תמיד פאַר זיך דעם ליכטיקן אויסגאַנג פון יעדער סיטואַציע. אָבער די דאָזיקע ליכט — טרעפט אָפטמאָל, אַז זי פאַרבלענדט די אויגן און די התלהבות גייט אַריבער אין שיכרות.

✶

מיר האָבן זי שוין געזען, די דאָזיקע שיכורע התלהבות, ביי טויזנטער געלעגנהייטן אין דער לאַנגער געשיכטע פון דער מענטשהייט. באַזונדערס ווען די התלהבות ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מאַסן־פּסיכאָז פון קאָלעקטיוון עקסטאַז. פירערס און דעמאַגאָגן פלעגן שטענדיק זוכן געלעגנהייטן צו ליפערן דעם פאָלק די אַנטשפּרעכנדיקע עמאָציעס, כדי אונטערצוהאַלטן די באַגייסטערונג פאַר זיי, פאַר די פירער — זיי זאָלן לייכטער קענען הערשן איבער דעם פאַרשיכורטן פאָלק.

דער „פּאַטריאָטישער חוב" און דער יצר פון מלחמה איז אין אַלע ציַיטן פון דער געשיכטע געווען צו צעפּלאַקערן דעם מאַסן־פּסיכאָז, בעת אין דער ציַיט פון שלום פלעגן די פירער זיך נויטיקן אין אַנדערע רייצנדיקע אַטראַקציעס. די רוימער פלעגן ליפערן זייערע מאַסן אַזעלכע פאַרוויילונגען — אין דער פאָרם פון גלאַדיאַטאָרן־קאַמפן: זאָלן זיי הנאה האָבן און זען ווי מענטשן קעמפן מיט לייבן, און ווי לייבן צעריַיסן לעבעדיקע מענטשן אויף שטיקער. אַנדערע הערשער פלעגן באַפרידיקן די נקמה־אינסטינקטן — זייערע אייגענע און די פון די מאַסן — דורך עפנטלעכע תליות. אַזעלכע ספּעקטאַקלען ווערן איינגעאָרדנט אויך אין אונדזערע ציַיטן. אַפילו היינט, איבער דריַיסיק יאָר נאָך דער נאַצישער עפּידעמיע, זענען נאָך פאַראַן לענדער, וווּ מ'טריַיבט צונויף מאַסן מענטשן, און וווּ אַנדערע מאַסן מענטשן קומען צו לויפן פריַיוויליק, פון אייגענעם ווילן, כדי אָנצוזעטיקן זייער נקמה־דורשט, דורך צוקוקן זיך צו די עקזעקוציעס איבער די אומגליקלעכע קרבנות, ווען מען די מאַכט קלויבט אויס זיי צו וואַרפן אויפן מזבח פון דעם בלוט־גייציקן מאַסן־עקסטאַז.

וואָס טוט מען אַלץ נישט כדי צו שאַפן „שטימונג", אָנצוצינדן די מאַסן מיט באַגייסטערונג! גרויסע פירער פלעגן קענען מיטריַיסן מיט זייערע רעדעס, באַגייסטערן די מאַסן צו גיין פאַר זיי אין פיַיער און אין וואַסער, אין די שלאַכטן אויף לעבן און אויף טויט. דאָס איז דאָך געווען די אויפגאַבע פון די גריכישע דעמאַגאָגן און פון די רוימישע אָראַטאָרן, וועמענס צינגער זענען געווען שאַרפער ווי די שווערדן פון זייערע זעלנער. דערפאַר האָבן די רוימער אויסגעשניטן די צונג ביַי דעם גרעסטן פון זיי, ביַי קיקעראָ. און נישט זעלטן פלעגט טרעפן, אַזוי ווי אין רוימישן סענאַט, ווען יעדער אָראַטאָר פלעגט אַריבערציען, מיט זיַין פלאַם־פיַיערדיקער רעדע, אויף זיַין זיַיט די זעלבע מאַסע, וועלכע האָט מיט אַ קורצער ציַיט פריער געהאַט געשוווירן טריַיהייט דעם פריערדיקן רעדנער...

✶

די זעלבע דערשיַינונג האָבן מיר פאַר זיך אויך אין אונדזערע טעג, אין טעג פון וואַלן, אָדער אין טעג פון פּאָלקס־אַנקעטעס, וואָס זייער אויסגאַנג איז באַוווירקט פון די הצלחות אָדער דורכפאַלן פון דער רעגירנדיקער פּאַרטיי. אין לענדער מיט אַ דעמאָקראַטישער טראַדיציע שפּילט נאָך אַלץ אַ וויכטיקע ראָל דער באַוווסטזיַין און די דערציִונג פון אַ היפּשן טייל פון די וויילער. אָבער נעמט, אַ שטייגער, אונדזער צפונדיקע שכנה — סיריע: דערמאָנט זיך נאָר די ציַיטן, ווען איין הערשער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם צווייטן, ווען דיקטאַטאָרן האָבן זיך געביטן יעדע פּאָר חדשים — און יעדעס מאָל פלעגן די זעלבע מאַסן יובלען און דעמאָנסטרירן מיט התלהבות לטובת דעם נייעם הערשער, און יעדעס מאָל פלעגן די זעלבע מאַסן אויך יובלען מיט דער זעלבער התלהבות און באַשטעטיקן מיט עקסטאַז־געוואַלדן דאָס אומברענגען דעם פריערדיקן הייס־געליבטן הערשער אַלס אַ פאַרעטער...

צי טאַקע די זעלבע מאַסן? דאָס איז, זעט איר, אַ שווערע פראַגע. אויף די טעלעוויזיע־עקראַנען און אויף די בילדער אין די ציַיטונגען זענען זיי

אויס ווי די זעלבע מאַסע מיט די זעלבע צעיובלטע פּנימער. קיינער ווייסט אָבער נישט ווער עס זענען די באַגייסטערטע שרייערס און ווער זענען דאָס די, וואָס זענען געבליבן אינדערהיים. דעם טאָן גיבן אַלעמאָל — די שרייערס, און וואָס עס טראַכטן די שוייגערס, קאָן מען קיינמאָל נישט וויסן. פאַר דער געדרוקטער און עלעקטראָנישער קאָמוניקאַציע, זענען אָבער די שרייערס די, וועלכע רעפּרעזענטירן דאָס פאָלק.

לאָמיר זיך דערמאָנען די היסטערישע ווילדע געשרייען פון די מצרישע מאַסן אויף די בילדער, וואָס מיר האָבן געזען אין דער טעלעוויזיע אין מאַי 1967, ערב דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. זיי האָבן גערופן זייער פירער אבדול נאַצער, ער זאָל זיי פירן מלחמה האַלטן מיט די יידן און באַפרייען פּאַלעסטינע. און אַט זענען אויף די זעלבע גאַסן פון די מצרישע שטעט דערשינען די זעלבע יובלענדיקע מאַסן און גערופן זייער פירער אנואר סאַדאַט, דעם „גיבור פון שלום", ער זאָל זיי פירן אויפן נייעם וועג. און די זעלבע פאַרהאַסטע יידן פון ישראל זענען מיטאַמאָל געוואָרן פריינט, שותפים צום זעלבן ציל — צו שלום...

און אין דער זעלבער צייט האָבן אַנדערע אַראַבישע מאַסן אין די אַנדערע אַראַבישע הויפּט־שטעט — אין טריפּאָלי און אין באַגדאַד, אין דמשק און אין אַלזשיר — אַרויסגעוויזן נישט קיין קלענערע התלהבות פאַר זייערע פירער, וועלכע האָבן גערעדט מיט דער זעלבער שפּראַך, ווי דער מצרישער נאַצער האָט גערעדט אין מאַי 1967...

ווי לייכט קאָן זיך עס דאָס ראָד פון דער שטימונג איבערקערן!

אמת, עס איז אַ סך לייכטער צו צעפלאַקערן דאָס פייער פון שנאה, ווי צו צעוואַרעמען די התלהבות פאַר פעלקער־פאַרברידערונג, כל־זמן מען דערזעט נישט אירע קאָנקרעטע רעזולטאַטן. עס איז שוין די טבע פון מענטשן, אַז כדי זיך איבערצובעטן, דאַרף מען האָבן קאָנקרעטע באַווייזן פאַר דעם צווייטנס אומשולד; דאַקעגן איז גענוג צו וואַרפן אַבסטראַקטע און אומ־באַגרינדעטע באַשולדיקונגען, כדי מ'זאָל זיך אָנהייבן שלאָגן. דערפאַר איז אַזוי שווער געווען אַרויסצורופן אַן אָפענע באַגייסטערונג ביי אונדזערע מצרישע שכנים פאַרן געדאַנק פון שלום. און ווען די באַגייסטערונג איז ענדלעך אויסגעבראָכן אַזוי ספּאָנטאַניש און האָט אָנגענומען אַזאַ געוואַלדיקן פאַרנעם מיט איר קראַפט און אויפריכטיקייט — איז אָבער גענוג דער מינדסטער דורכפאַל, די קלענסטע אַנטוישונג צוליב נישט דערפילטע דער־וואַרטונגען, אַז די שטימונג זאָל ראַדיקאַל זיך ענדערן, ווי דאָס איז שיעור נישט געשען די טעג, נאָך דעם לעצטן, עטוואָס פּעסימיסטישן פּרעסע־אינטערוויו פון דעם מצרישן פּרעזידענט.

און ביי אונדז? אויך ביי אונדז איז געפאַלן דער באַראָמעטער, מחמת עס איז שיטערער געוואָרן די אַטמאָספער און עס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די דערוואַרטונגען אין די קורצע צוויי צענדליק טעג זינט יענע היסטאָרישע פערציק שעה פון סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים. אויך ביי אונדז פיבערט די טעמפּעראַטור פון דער שטימונג צווישן דער דערהויבענער וויזיע און דעם פּראַזאַישן תכלית.

„לעצטע נייעס" 9.12.1977

7.

דער שלום־עקסטאַז אין מצרים

ריִרנדיקע באַגעגענישן מיט ייִדן

קאַיר, 20טער דעצעמבער 1977.

שווער, ס'איז זייער שווער בייצושטיין דעם דרוק פון די געשעענישן, און די כוואַליעס פון די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס פאַרפּלייצן און באַהערשן דיך יעדן טאָג, מיט יעדן מאָמענט פונדאָסניי — מיט יעדן באַזוך, מיט יעדער באַגעגניש אויף דער מצרישער ערד. דאָס עצם געפינען זיך אונדזערס אין דעם לאַנד, וואָס איז ערשט מיט געציילטע וואָכן צוריק געווען אַ פיינטלעך לאַנד, רינגלט אונדז אַרום מיט דער אַטמאָספער פון אַ חלום, מיטן געפיל פון מקיים זיין דאָס אוממעגלעכע.

עמאָציאָנעלע פּאַסירונגען יאָגן איינע די אַנדערע. די באַגייסטערונג פון נעכטן טרעט אָפּ איר אָרט פאַר באַנייטע איבערלעבונגען צוליב די פּאַסירונגען פון היינט. מצרים, די גרעסטע און די שטאַרקסטע פון אַלע אַראַבישע מדינות — נעמט אויף מיט כבוד און מיט סימפּאַטיע די ישראלדיקע פאַרשטייער און די זשורנאַליסטן, וואָס זענען געקומען אַהער מיט דער דערעפענונג פון דער „צוגרייטונגס־קאָנפערענץ צו די זשענעווער געשפּרעכן", ווי עס ווערט דאָ אָפיציעל באַצייכנט די קאָנפערענץ אין קאַיר.

העברעיש און ייִדיש אין קאַיר

די העברעישע שפּראַך קלינגט גאַנץ הילכיק אויף די גאַסן פון קאַיר, און די ישראלדיקע זשורנאַליסטן ווערן אויפגענומען מיט דער טראַדיציאָנעלער אָריענטאַלישער העפלעכקייט אין יעדן אָרט. און נישט נאָר עברית — אַפילו ייִדיש האָב איך געהאַט די זכיה צו רעדן מיט היגע תושבים אין קאַיִר און אין אַלעקסאַנדריע.

מיר האָבן ערשט נאָר וואָס זיך צוריקגעקערט פון אַ 12־שעהדיקן אויספלוג צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע אין אַלעקסאַנדריע. די דריטע שטאָט לויט דער גרויס, אָבער די ערשטע לויט דער שיינקייט אין מצרים. עס קלינגען נאָך אַלץ אין מיינע אויערן די ברכה־קלאַנגען פון די מצרישע מאַסן, וואָס האָבן אונדז אַרומגערינגלט ווען מיר זענען אַריין צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון דער ישראל־דעלעגאַציע אין דער גרויסער שול א. נ. אליהו הנביא אויף דער נעבי דאַניעל גאַס, אין רייכן צענטער פון שטאָט; עס פינקלען נאָך פאַר אונדז די גלאַנצנדיקע פּייכטע אויגן פון די ייִדן, וואָס זענען געקומען פון אַלע עקן פון דער שטאָט, כדי אונדז צו באַגעגענען און זיך איבערצונעמען צוזאַמען מיט אונדז. לאַנגע יאָרן האָבן זיי געוואַרט אויף אָט דעם טאָג, און עס איז זיי נאָך שווער צו גלויבן אַז דאָס איז אמת, אַז דאָס איז וואָרע ווירקלעכקייט. אויך פאַר אונדז. זיי, די פאַראיינזאַמטע, וואָס היטן דעם המשך

פון יידישער אַנוועזנהייט אין דער צום מערסטן אייראָפּעישער און אין דער זעלבער צייט אין דער סאַמע עלטסטער פון אַלע שטעט אין מצרים — אין דער שטאָט וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אלכסנדר מוקדון אין יאָר 331 פאַר אונדזער צייטרעכענונג. דאָ איז געווען די גרעסטע יידישע קהילה מחוץ די גרענעצן פון יידישן מלכות אין ארץ ישראל, דאָ איז געמאַכט געוואָרן די ערשטע איבערזעצונג פון תנ״ך (דער תנ״ך השבעים) — ווי עס האָט באַמערקט דער אָנפירער פון דער ישראל־דעלעגאַציע ד״ר אליהו בן־אלישר בעת דעם פייערלעכן קבלת־פנים אין הויז פון דעם שטאָט־גאָווערנער פון אַלעקסאַנדריע.

פון דער יידישער קהילה, וואָס האָט געציילט 48 טויזנט נפשות מיט קרוב דרייסיק יאָר צוריק, זענען געבליבן דאָ סך־הכל 120 יידישע נפשות, וואָס דורשטן נאָך אַ ווערלכער־עס־איז פאַרבינדונג מיט די יידן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אַ טייל פון זיי האָבן געהערט אינדערפרי אין די נייעס פון ישראל־ראַדיאָ און אויך פון קאַיר וועגן דעם געפּלאַנטן באַזוך פון דער ישראל־דעלעגאַציע אין דער שטאָט, און האָבן אונדז אָפּגעוואַרט אין דער זעלטענער שול, וואָס אַ סך אַזעלכע זענען נישט פאַראַן אויף דער וועלט — לויט איר שיינקייט און פּראַכט. גאַר גיך איז פול געוואָרן די גאַס מיט מענטשן, וואָס האָבן באַגריסט די ישראלים מיטן אַראַבישן „מאַרכאַבאַה״ — ברוך הבא — און מיט די לאָזונגען, וואָס מיר האָבן געהערט זינט מיר זענען אָנגעקומען קיין קאַיר: „יאַ סאַלאַם, יאַ סאַדאַט — מיט אונזער גוף און מיט דער נשמה זענען מיר מיט דיר, אונדזער בלוט ועלן מיר אָפּגעבן פאַר דיר און פאַרן שלום!״

און אינעווייניק גייט דער עולם אַרויס פון די כלים. די אַרטיקע יידן האָבן געקוקט אויף די ישראלים ווי אויף פאַרלוירענע ברידער, וואָס זענען פּלוצים דערשינען און געברענגט זיי האָפענונג און ליכט. באַזונדערס רירנד איז געווען די באַגעגעניש צווישן איינעם פון די ישראלים און זיינע קרובים. דאָס איז שלום כהן, דער פירער פון די ישראלדיקע „פאַנטערס״, וועלכער איז געקומען אַהער מיט אייניקע טעג צוריק פון פּאַריז. אַ געבוירענער אין מצרים, האָט ער פאַרלאָזט אַלעקסאַנדריע מיט 31 יאָר צוריק און ער האָט דערקענט די גאַסן און די הייזער, וואָס האָבן פאַרבייגעשוועבט פאַר אונדזערע אויגן ווען מיר זענען געפאָרן מיט די אויטאָבוסן איבער דער שטאָט אויפן וועג צום בית הכנסת און צו די אַנדערע אָביעקטן, וועלכע מיר האָבן באַזוכט. און כאָטש ער האָט געהאַט די אַדרעסן פון זיינע קרובים און האָט געפּלאַנט צו בלייבן און צו באַזוכן זיי שפּעטער, ביחידות — איז דער מענטש געווען גערירט ביז טרערן באַגעגענענדיק זיי אין דער אליהו הנביא שול. אויך מיר האָבן נישט געקענט פאַרשטעלן אונדזער גערירטקייט.

נעבן פּרעהס טאָכטער

פאַרן באַזוך אין בית־הכנסת זענען מיר אויפגענומען געוואָרן דורך דעם גאָווערנער פון אַלעקסאַנדריע — אַ שטאָט, וואָס ציילט אַנדערטהאַלבן מיליאָן נפשות — אין גרויסן בנין פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, ווו דער גאָווערנער

האָט אונדז באַגריסט מיט האַרציקע, וואַרעמע ווערטער. דער פירער פון דער ישראל־דעלעגאַציע האָט אין זיין ענטפער אים פאַרגעלייגט ער זאָל אויסוויילן איינע פון די ישראלדיקע שטעט, כדי אונטערצושרייבן מיט איר אַ „צווילינג־פאַקט". און מיר האָבן באַזוכט דעם גריכיש־רוימישן מוזיי, ווו מיר האָבן געזען אַרכעאָלאָגישע אוצרות פון אומגעוויינלעכן היסטאָרישן ווערט, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער גריכיש־העלעניסטישער שטאָט.

ווען די געסט האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דעם גרויסן דענקמאָל פון דער פּרינצעסין הוט מאַראַ, האָט ד"ר בן־אלישר באַמערקט פאַר זיינע מצרישע באַגלייטער, אַז דאָס איז טאַקע פּרעה'ס טאָכטער, וועלכע האָט אָפּגעפונען משה'ן אויפן וואַסער און האָט אים פון דאָרט אַרויסגעצויגן... און ווען די פמליה איז צוגעקומען צום ביוסט פון קיסר אַדריאַנוס — האָט דער שעף פון דער ישראל־דעלעגאַציע אויפגעקלערט, אַז דאָס האָט ער, דער רוימישער קיסר געענדערט דעם נאָמען פון מלכות יהודה אויף „פּאַלעסטינע" און די שטאָט ירושלים האָט טאַקע ער אַ נאָמען געגעבן „איליאַ קאַפּיטולינאַ".

מיר האָבן אויך באַזוכט דעם פּראַכטפול אָפּגעהיטענעם רוימישן אַמפּי־טעאַטער מיט די מאַרמאָרנע טרעפּ און בנינים, און פון דאָרט זענען מיר אַוועק צום יידישן עלטערן־הויז, ווו די 30 אַלטע לייט האָבן אונדז אויפגענומען מיט אומגעוויינלעכער געריריטקייט, וועלכע עס איז שווער צו שילדערן. צווישן די דאָזיקע אַלטע לייט אין דעם צוויי־שטאָקיקן בנין האָבן מיר באַגעגנט אַ ייד מיטן נאָמען **איזידאָר פרידמאַן**, פון דער שטאָט גאַלאַץ אין רומעניע. ער איז געקומען אַהער אין יאָר 1914, געווען אַ בעל־עגלה אין אַלעקסאַנדריע און איצט לעבט ער אַן איינזאַמער אין דעם זקנים־הויז. אַלע זיינע קרובים און נאָענטע זענען אויסגעשטאָרבן, אָדער זיי זענען אַוועק מיטן מאַסן־עקזאָדוס אין 1956. דער מענטש איז געווען אויסער זיך פון גליק האָבנדיק די געלעגנהייט נאָך אַזוי פיל יאָרן צו רעדן אין מאַמע־לשון מיט דעם שרייבער פון די שורות.

און ווען מיר זענען געווען אינעווייניק און זיך געפרייט מיטן קליינעם בינטל פאַראיינזאַמטע אַלטע מענטשן — האָט אינדרויסן דערוויל זיך אָנגעפולט די גאַס מיט מאַסן נייגעריקע און אַפּלאָדירנדיקע, וועלכע האָבן זיך געשטופּט צו אונדז, געוואָלט דריקן די האַנט. ווייל אויך זיי האָבן, פונקט ווי מיר, געפילט ווי גרויס עס איז דער היסטאָרישער באַדייט פון דעם באַזוך פון די ישראלים אין דעם פאַרגעסענעם יידישן זקנים־הויז אין זייער שטאָט.

אין דער גרויסער שול אין קאַיר

די שטאַרקע איבערלעבונג פון אונדזער באַזוך אין אַלעקסאַנדריע האָט אָבער נישט געקענט פאַרשטויסן פון אונדזער זכרון דעם איינדרוק און די עמאָציע, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט מיט אַ טאָג פריער, מוצאי שבת בעת אונדזער באַזוך אין דעם גרויסן טעמפּל אויף דער גאַס פון אַדלי פּאַשאַ אין קאַיר.

ניין, דאָס איז נישט געווען קיין שמחת תורה, און נישט קיין יידן זענען דאָס געווען די, וואָס האָבן געטאַנצט און געהאָפּסעט און געשריגן אין אַ

נשמה־פֿאַרכאַפּנדיקן עקסטאַז אויף דער גאַס נעבן דער גרויסער שול. דאָס איז געווען אַן עולם פֿון אַ סך טויזנטער אַראַבער, וואָס האָבן אויף דעם אופֿן מקבל־פּנים געווען די ישראַלדיקע דעלעגאַציע, ווי אויך די ישראַלדיקע און אויסלענדישע זשורנאַליסטן, וועלכע זענען געקומען באַגעגענען דאָס קליינע הייפֿל ייִדן און זיך באַטייליקן צוזאַמען מיט זיי אין דער הבדלה.

דער פֿאַסאַד
פֿון דער גרויסער שול
אויף דער אַדלי־גאַס
אין קאַיר.

שווער צו שילדערן דאָס דאָזיקע בילד פֿון דעם מאַסן־עקסטאַז אינדרויסן און די עמאָציאָנעלע געררירטקייט אינעווייניק. אינדרויסן איז דאָס, וואָס אַן אמת, געווען אַ דעמאָנסטראַציע פֿון אונטערשטיצונג פֿאַר סאַדאַטס שלום־פּאָליטיק און אַן אויסדרוק פֿון דעם ווילן, אַז די דאָזיקע פּאָליטיק זאָל חלילה נישט נכשל ווערן. אָבער די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע און דער וואַרעמער קבלת־פּנים פֿאַר דער ישראל־דעלעגאַציע האָבן אויך אָנגעפֿילט מיט פֿרייד און מיט האָפֿענונג די הערצער פֿון דעם קליינעם ביסל מצרישע ייִדן, וועלכע האָבן זוכה געווען צום ערשטן מאָל ווידער זיך מתאחד צו זיין מיט ייִדן פֿון ישראל.

דאָס איז געווען אַן אומגלויבלעכער ספּעקטאַקל: אינעווייניק די צע־שטראַלטע פּנימער פֿון די ייִדישע מתפּללים — די אָרטיקע און די געסט — און אינדרויסן דער אין עקסטאַז פֿאַרשיכורטער מצרישער המון, וועלכער באַגריסט זיי מיט דער נישט אויפֿהערנדיקער ספּאָנטאַנישער דעמאָנסטראַציע. „יאַיש סאַדאַט, יאַיש סאַלאַם״ — זאָל לעבן סאַדאַט, זאָל לעבן דער שלום — האָבן זיי געשריגן אָן אויפֿהער און נאָך צוגעגעבן אַ קללה און אַן „איינ־לאַדונג״ פֿאַר קאַדאַפֿי, אַסאַד און בומעדיען. זאָלן זיי קומען זען און פּלאַצן פֿון קנאה...

מיר זענען דאַ געווען אויך מיט אַ טאָג פריער, פרייטיק־צונאַכט — אַן דער דעלעגאַציע, וועלכע האָט אין לעצטן מאָמענט געענדערט איר פריער־דיקן פּלאַן, כדי נישט מחלל־שבת צו זיין דורך פאָרן מיט אויטאָס, ווייל דער וועג פון „מענאַ־האַוז״ ביז צו דער שול איז זייער אַ ווייטער. מיר, די זשורנאַ־ליסטן, האָבן ביי דער געלעגנהייט געוואָלט דאָ באַגעגענען כאָטש אַ טייל פון די 175 יידן, וואָס זענען געבליבן אין קאַיר פון אַ באַפעלקערונג, וואָס האָט אַמאָל געציילט איבער 80 טויזנט נפשות.

עס איז געווען נאַטירלעך, וואָס מיר זענען געווען שטאַרק גערירט, ווי עס איז געווען גערירט ביז טרערן דער „שלום־פליער״ אייבי נתן, וועלכער האָט געברענגט מיט זיך ליכט און אָפּגעדרוקטע אויפקלערונגס־בלעטלעך וועגן „יידישקייט״, מיט אַ לוח פון צינדן שבת־ליכט א. א. וו. דאָס אַלץ האָט ער באַקומען אין ישראל פון די חב״דניקעס, כדי צו צעטיילן צווישן די יידן אין בית הכנסת אין קאַיר. מיט אומגעוויינלעכער עמאָציע האָבן אָנגעפירט מיט דער תפילה די זקנים פון דער קהילה ה׳ עמיל פינטו, סאַלוואַטאָרע סעטאָן און ד״ר אַלבער ששון, בעת אין דער זעלבער צייט האָבן געבליצט די „פלעשן״ און עס האָבן געקנאַקט די פאָטאָ־ און טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן — נישט בלויז פון די ישראלדיקע און אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, נאָר אויך פון דער מצרישער טעלעוויזיע, וועלכע האָט פאַראייביקט די דאָזיקע איינציקמאָליקע געשעעניש.



צוויי יידישע יינגלעך אין דער שול אין קאַיר.

יידיש־רעדנדיקע פּרויען

געוויינלעך קומען אַהער יעדן שבת אַ מנין ביז אַנדערטהאַלבן מנינים, אָבער עס טרעפט אויך גאַנץ אָפט, אַז עס איז קיין מנין נישטאָ. דאָס מאָל זענען געקומען אַ דריי צענדליק, דאָס רוב עלטערע פּרויען, אָבער אויך צוויי יינגלעך פון 15—16 יאָר, שילער פון דער מיטלשול א. נ. „סאַנט־דזשאָן״,

וואָס ווערט אָנגעפירט דורך קאַפּטישע קריסטן, און אויך אַ יינגעלע פון 9 יאָר. די דאָזיקע קינדער קענען גוט זייער מצב און היטן אָפּ דאָס יידישקייט אין זייער באַוווסטזיין. זיי פילן זיך אָבער נישט ווי קיין אַנוסים און זיי באַהאַלטן נישט אויס זייער יידישקייט פאַר זייערע קריסטלעכע חברים — אַזוי האָבן זיי אונדז דערציילט.

צווישן די יידישע פרויען האָבן מיר באַגעגנט פיר־פינף יידיש־רעדנדיקע, דאָס געבליבענע רעשטל פון דער אשכנזישער קהילה, וואָס איז אַמאָל געווען אין קאַיר און האָט געציילט קרוב דרייסיק טויזנט מענטשן. איינע פון די דאָזיקע פרויען, די ביז גאָר סימפּאַטישע ראָז בעלאַבאָווסקי, אַ געבוירענע אין מצרים, האָט דעם שרייבער פון די שורות איינגעלאַדן צו קומען די זעלבע וואָך צו איר אין שטוב אין קאַיר, ער זאָל אויסהערן די געשיכטע פון דעם, וואָס די יידן האָבן דאָ אַדורכגעמאַכט זינט עס איז איבערגעריסן געוואָרן זייער פאַרבינדונג מיט דער יידישער וועלט.

די שטענדיקע מתפללים געדענקען שוין נישט אַזאַ גרויסן עולם אין זייער בית הכנסת. זיי האָבן קיינמאָל נישט געזען אַזוי פיל מתפללים, צווישן וועלכע עס זענען געווען אויך יידן קאָרעספּאָנדענטן פון דער וועלט־פּרעסע. און זיי האָבן מתפלל געווען צוזאַמען און געבעטן ביי דעם אין הימל ער זאָל נישט צעשטערן דעם חלום, אין וועלכן זיי האָבן אַלע געשוועבט.

זיי האָבן אָבער אַלע דעם פּריוויט־צונאַכט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אויף צו מאָרגנס, מוצאי־שבת, וועלן זיי זיין עדות פון אַזאַ ספּאָנטאַנישן אויסברוך פון אָפענער שמחה און סימפּאַטיע צו יידן — מצד דעם מוסלמע־נישן און קריסטלעכן המון, און טאַקע אויף דער עלעגאַנטער אדלי פּאַשאַ גאַס אין קאַיר.

פונקט ווי די אָרטיקע יידן, וואָס זענען געקומען מיט זייערע פרויען און קינדער, זענען אויך די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע, די זשורנאַליסטן און די געסט, געווען גאָר שטאַרק גערירט פון דעם מעמד. די שמחה איז געווען אמתדיק און טיף. די יידן פון קאַיר האָבן געקוקט מיט נייגער און מיט שטוינונג אויף די פאָרשטייער פון ישראל, און באַזונדערס אויף דעם מיליטערישן מונדיר, אין וועלכן עס איז געקומען אין בית הכנסת דער „יידי־שער גענעראַל", אלוף אַברהם טמיר. דאָס איז געווען טאַקע ס'איינציקע מאָל ווי ער האָט אָנגעטאָן דעם מונדיר פון צה"ל. און זיי האָבן געקוקט מיט נייגער אויף דער שוואַרצער באָרד פון דעם שעף פון דער דעלעגאַציע, ד"ר אליהו בן אלישר, וועלכער האָט זיי נאָך דער תפילה באַגריסט מיט דער ברכה „בשנה הבאה בירושלים" — די ברכה, וואָס האָט עלעקטריזירט די אַנוועזנדיקע אין דעם דאָזיקן אָרט אין דער פיינטלעכער און צוגלייך פריינט־לעכער מצרישער הויפּט־שטאָט.

ד"ר בן אלישר האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ וועלן זיין פּאָזיטיווע און אַז דער שלום, וואָס וועט זיכער קומען, וועט מאַכן אַ סוף צו דער איזאָלאַציע, וואָס איז אויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף אָט דער קליינער און אומגליקלעכער יידישער קהילה.

*

ווען ער האָט פאַרענדיקט זיינע רייד, האָבן פון דרויסן נאָך אַלץ זיך געהערט די קולות פון דעם יובלענדיקן מצרישן עולם אין זיין שלום־עקסטאַז, ווי ער וואָלט דערוואַרט פון די ישראלים די בשורה, אַז דער שלום איז טאַקע שוין געקומען. און ווען די דעלעגאַציע איז אַרויס פון דעם טויער פון בית־הכנסת, האָבן די געשרייען זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט און ס׳איז נאָך מער געשטיגן דער עקסטאַז פון דער מאַסע.

די דאָזיקע סצענע האָט אַ סך פון אונדז דערמאָנט דעם ענלעכן מאַסן־עקסטאַז, וועלכער האָט אָבער גערופן צו מלחמה — אין די בילדער פון דער מצרישער טעלעוויזיע אין מאַי 1967. מיר האָבן געוווסט, אַז די שלום־געשרייען פון די מאַסן זענען איצט אויפריכטיק און אמתדיק, ווייל אין דער קורצער צייט פון אונדזער באַזוך אין מצרים, האָבן מיר באַוויזן צו באַקענען דאָס דאָזיקע פאָלק און זיין שטאַרקן באַגער צו שלום. אָבער אין יעדן אָרט האָבן מיר אויך געהערט פון די זעלבע מענטשן די פראַגע: וואָס זענט איר גרייט צו געבן פאַרן שלום נאָך דעם, ווי סאַדאַט האָט געגעבן, ווי זיי זאָגן, דעם מעגלעכן מאַקסימום? און ווען מיר האָבן געזען די דאָזיקע סצענע פון דעם שלום־עקסטאַז אויף דער גאַס, האָט זיך אויך אַריינגעגנבעט אין האַרצן די מוראָ: — וואָס וועט זיין, טאָמער וועט דער ישראלדיקער ענטפער נישט באַפרידיקן די דערוואַרטונגען פון דער דאָזיקער צעהיצטער מאַסע...

אָבער דערווייל דערוואַרט מען דאָ מיט אומגעוויינלעכער נייגעריקייט דעם באַזוך פון דעם פרעמיער מנחם בעגין אין איסמאַיליאַ, און — צוזאַמען מיט דער פריינטשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרוועבט דאָ צווישן די ישראלים און זייערע מצרישע פען־קאָלעגן אין דעם פרעסע־צענטער אין „מענאַ־האַוז״, שטייגט אויך די דערוואַרטונג אויף גוטע בשורות.

אינשאַללאַ... ווי עס זאָגן די מצרים.

„לעצטע נייעס״, 23.12.1977



די גרויסע שול אין אַלעקסאַנדריע — פון אינעווייניק. פאָרנט: אלוף אַב־ראַשאַ תמיר, מיט־גליד פון דער דע־לעגאַציע.

.8

וואָס פאַר אַ געבורטסטאָג־מתנה
וועט בעגין ברענגען סאַדאַטן?

קאַיר, 22־טער דעצעמבער 1977.

זינט די ישראלדיקע דעלעגאַציע צו די קאַירער געשפּרעכן איז געקומען, שטייגט און פאַלט פון מאָל צו מאָל די כאַראַקטעריסטישע נערוועזיטעט אין דעם פּרעסע־צענטער פון „מענאַ האַוז", ווו עס קומט פאָר די קאָנפערענץ. נאָך דעם ווי די אַרבעט פון דער קאָנפערענץ, אירע צוזאַמענטרעפן און פאַרהאַנדלונגען, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טראַפּאַרעט, וואָס האָט כמעט אויפגעהערט צו אינטערעסירן די פאַרשטייער פון דער וועלט־פּרעסע — איז מיט עטלעכע טעג צוריק געקומען די איבעראַשונג פון דעם פּלוצימדיקן וויזיט פון דעם זיכערהייטס־מיניסטער עזר ווייצמאַן, און איצט איז די אַלגעמיינע פאַראינטערעסירונג געווענדעט, פאַרשטענדלעך, צו דער געשעעניש, וואָס דאַרף פאָרקומען זונטיק דעם 25־טן דעצעמבער, מיטן קומען פון דעם פּרעמיער־מיניסטער מנחם בעגין צו די געשפּרעכן מיטן פּרעזידענט סאַדאַט אין איסמאַיליאַ.

די פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע — אַלע באַצייכענען דעם צוזאַמענטרעף אין איסמאַיליאַ אַלס גורלדיקן לגבי דעם המשך פון די דירעקטע פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט 9 טעג צוריק אויף אַ נידעריקערן ראַנג אין קאַיר. אָבער פאַקטיש איז דאָ יעדע געשעעניש און יעדע בשורה, וואָס קומט פון ירושלים, בעצם, אַ גורלדיקע, פּונקט ווי גורלדיק עס זענען געווען בעגינס געשפּרעכן אין וואַשינגטאָן. ווייל דעם טעמפּאָ פון דעם פאָרשריט צו דערגרייכן אַ לייזונג פונעם ישראל־אַראַבישן סכסוך, אָדער ווייניקסטנס פונעם ישראל־מצרישן סכסוך — האָט דיקטירט דער מצרישער פּרעזידענט מיט זיין היסטאָרישן באַזוך אין ירושלים; פון דעמאָלט אָן איז יעדער באַדייטנדיקער שריט, וואָס ווערט געמאַכט אויף אַן ערנסטן אופן, גורלדיק לגבי דעם המשך פון דעם „מאָמענטום", וועלכן עס האָט אָנגעהויבן סאַדאַט.

אין דערוואַרטונג אויף די רעזולטאַטן פון דעם היינטיקן צוזאַמענטרעף אין איסמאַיליאַ פאַרנעמט מען זיך דאָ, אין פּרעסע־צענטער, מער מיט נבואות, ווי מיט קאָנקרעטע ידיעות. ווייל דאָ זענען נישטאָ קיין מעגלעכקייטן פון „אַרויסטריפונגען", קען מען דעריבער נישט וויסן פון פאָרויס די רעזולטאַטן פון די געשפּרעכן אין דער רעסטאַווראַנט־טשאָט אויפן ברעג פון דעם קאַנאַל. דער פּרעסע־צענטער איז אין צווישנצייט באַשעפטיקט מיט אָרגאַניזירן און צוגרייטן די נסיעה פון די פיל זשורנאַליסטן, וואָס גרייטן זיך אַרויסצופאָרן פון דאַנען זונטיק אינדערפרי קיין איסמאַיליאַ, כדי צו זיין אַנוועזנד

ביים היסטאָרישן צוזאַמענטרעף צווישן בעגין און סאַדאַט. עס ווערט פאָרויס־געזען, אַז 1500 זשורנאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט וועלן קומען קיין איסמאַיליאַ, כדי צו „דעקן״ דעם צוזאַמענטרעף.

דער טערמין, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער באַגעגעניש אין איסמאַיליאַ, האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט ביי אייניקע אַנגעזעענע זשורנאַליסטן צוליב דעם, וואָס די ביידע מנהיגים, וועלכע ציטערן אַזוי שטאַרק איבער דער הייליקייט פון די ימים טובים, האָבן באַשלאָסן דווקא זיך צו טרעפן אין דעם הייליקסטן טאָג פאַר די קריסטן — האָט מיר געזאָגט ה׳ דזשעימס אַנדערסאָן איינער פון די אַנגעזעענסטע זשורנאַליסטן־וועטע־ראַנען, דער קאָרעספּאָנדענט פון „יונייטעד פּרעס אינטערנעשיאָנעל״. „איך ווייס נישט״ — האָט ער געזאָגט — „צי בעגין וועט ברענגען דעם שלום; איך ווייס אָבער יאָ, אַז זיין באַזוך וועט פירן צו אַ סך גטן צווישן די קריסטלעכע זשורנאַליסטן, וואָס וועלן נישט קענען פאַרברענגען די ווייַנאַכטן אין זייערע היימען צוזאַמען מיט די משפחות״...

עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער 25־טער דעצעמבער איז נישט נאָר דער געבוירנטאָג פון ישו הנוצרי: ער איז אויך דער 59־טער געבוירנטאָג פון דעם מוסולמענער אַנואַר סאַדאַט.

דעריבער פרעגן זיך די מצרישע זשורנאַליסטן: וואָס פאַר אַ געבורטסטאָג־מתנה וועט ברענגען מיט זיך בעגין פאַר סאַדאַטן, קומענדיק קיין איסמאַיליאַ?

פאַרשטענדלעך, אַז מען מיינט דאָ נישט אַזאַ מתנה, למשל, וואָס סאַדאַט האָט בעת זיין באַזוך אין ירושלים באַקומען פאַר זיך און פאַר זיין ניי־געבוירענעם אייניקל. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ זשעסט־מתנה, וועגן וועלכער מען רעדט אַזוי פיל, זינט סאַדאַטס באַזוך אין דער הויפּט־שטאָט פון ישראל, און צוליב וועלכער בעגין און דיין זענען געוועזן אַזוי פאַרביטערט. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז אַ פראַגע נישט פון קיין „זשעסטיקולאַציע״, ווי בעגין האָט עס באַצייכנט, נאָר אַן ענין, וואָס איז נוגע דעם גורל און המשך פון די ווייטערדיקע געשפּרעכן און דער צוקונפט פון דעם שלום אין אונדזער ראַיאָן. דאָ האַנדלט זיך וועגן דער גורלדיקער פראַגע: וואָס איז ישראל גרייט צו געבן, וואָס פאַרלאַנגט זי און אויף וואָס איז זי גרייט מוותר צו זיין פאַרן פרייז פון אַ שלום, וועלכן סאַדאַט לייגט פאָר.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר בעגינס פּלאַן?

אַלע האָבן דאָ באַהאַנדלט בעגינס 6 פּונקטן־פּלאַן, וועלכער איז, ווי באַוווּסט, אויך אַנגענומען געוואָרן דורכן פּרעזידענט קאַרטער. לויט דער אַראַבישער רעאַקציע, איז דער דאָזיקער פּלאַן פאַר זיי נישט אַננעמבאַר, ווי אויך נישט פאַרן פּרעזידענט סאַדאַט. דעריבער מיינען זיי, אַז דער פּלאַן אַנטהאַלט ווייטערדיקע פּונקטן, וואָס זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

פון דער צווייטער זייט קענען די קאָמענטאַטאָרן נישט פאַרשטיין, פאַר־וואָס איז דווקא איסמאַיליאַ, און נישט קאַיר, אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן טרעף־פּונקט צווישן ביידע מנהיגים. די אַנגענומענע מיינונג איז, אַז דאָס

איז געמאַכט געוואָרן צוליב דעם, וואָס די „מתנה״, וואָס בעגין ברענגט מיט זיך, איז נאָך דערווייל נישט קיין גענוגנדיקער ענטפער אויף די מצרישע דערוואַרטונגען. די פּאָליטישע קאָמענטאַטאָרן אין מצרים, און אויך אַ טייל קאָרעספּאָנדענטן פון דער אויסלענדישער פּרעסע האַלטן, אַז סאַדאַט איז בלויז טיילווייז מסכים געווען צו בעגינס פּלאַן, און דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו טרעפן זיך מיטן ישראל־פּרעמיער אין איסמאַיליאַ, כדי צו געבן אַ שטויס פאָרויס די פאַרהאַנדלונגען און זיי אויפהייבן צום ראַנג פון אויסערן־מיניסטאָרן. און מעגלעך, אַז בעגין וועט איינגעלאַדן ווערן קיין קאַיר ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט מיטברענגען אַ קאָנקרעטע בשורה, כדי צו רעזומירן די פאַרהאַנדלונגען, און אפשר אַפילו ערשט נאָך דעם ווי עס וועט אין זשענעווע אונטערגעשריבן ווערן דער שלום־הסכם.

די דערוואַרטונגען פון די מצרים זענען זייער גרויסע, אָבער מיטן שטייגן פון די דערוואַרטונגען שטייגט ביי זיי אויך דער אומגעדולד. אין שייכות מיטן דאָזיקן שוווּנג, ווילן זיי וויסן, וואָס ברענגט מיט זיך בעגין קיין איסמאַיליאַ עפּעס קאָנקרעטעס — און נישט בלויז אַ זשעסט — כדי דער „ראַיס״ זאָל קענען אָנזאָגן זיין פאָלק, אַז דאָס אוממעגלעכע איז געשען און אַז זיין נסיעה קיין ירושלים האָט באמת געבראַכט דעם שלום, וואָס סיי די ישראלים און סיי די מצרים לעכצן נאָך אים אַזוי שטאַרק.

דאָס גרויסע רעטעניש

שוין אין דעם איבעראַשנדיקן באַזוך פון זיכערהייטס־מיניסטער עזר ווייצמאַן אין אַלעקסאַנדריע און אין איסמאַיליאַ און אין זיין צוזאַמענטרעף מיט זיין קאָלעגע גענעראַל גאַמאַסי און מיטן פּרעזידענט סאַדאַט — איז פאַרבאָרגן דאָס גרויסע רעטעניש פון יענער „געבורטסטאָג־מתנה״, וואָס בעגין דאַרף ברענגען און דערלאַנגען סאַדאַטן אין איסמאַיליאַ. די זשורנאַ־ליסטן גלויבן נישט דער אָפיציעלער ווערסיע, אַז ווייצמאַן האָט באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם ווי אַזוי אויסצומיידן אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס צוליב אַ טעות. אויף דעם זענען דאָך פאַראַן די וואָרענונג־סטאַציעס אין דער ראַם פון דעם פריערדיקן סעפּאַראַציע־הסכם. מעגלעך, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ווייטערדיקן פאַרקלענערן די כוחות, וועגן אַ טיילווייזן צוריקטריט אָדער דעמיליטאַריזאַציע, וואָס דער ישראל־פּרעמיער זאָל עווענטועל פאָר־לייגן אַלס ערשטן שריט אויפן וועג צו אַ שלום. דער אָפּטימיזם, וואָס הערשט אין דעם פּרעסע־צענטער אין „מענאַ־האַוז״ אויפן פוס פון די פּיראַמידן, ווי אויך אין די פּאָליטישע קרייזן אין קאַיר, איז געמישט מיט דער מורא, טאָמער וועלן די געשפּרעכן נישט ברענגען קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

„איך האָב מורא נישט צו זיין קיין אָפּטימיסט״ — האָט מיר געזאָגט איינער פון די מצרישע זשורנאַליסטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך דאָ באַפריינדעט און וועלכע ציטערן, אַזוי ווי מיר, איבערן גורל פון דעם דראַמאַטישן פּרווו צו מאַכן דאָס אוממעגלעכע פאַר מעגלעך און צו פאַרוואַנדלען דעם גרויסן חלום וועגן שלום — איןווירקלעכקייט.

ל. נ. 25.12.1977

.9

איסמאַיליאַ און ירושלים

נישט יעדן טאָג האָגלט מיט נסים.

די נעבכטיקע דעבאַטע און די אָפּשטימונג אין דער כנסת איבער דעם שלום-פּלאַן, וועלכן דער פּרעמיער מנחם בעגין האָט איבערגעלאָזט בעת זיין באַגעגעניש מיט סאַדאַטן אין איסמאַיליאַ, — האָט זייער בולט אָפּגע-שפּיגלט דעם געדיכטן פּלאָנטער פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע און צווישן-פּאַרטייישע באַציונגען און האָט אַראָפּגענידערט אין אַ היפּשער מאָס דעם גראַד פון אונדזערע דערוואַרטונגען. אמת, שוין דער אויסגאַנג פון דער „היסטאָרישער" באַגעגעניש אין איסמאַיליאַ האָט אין אַ היפּשער מאָס אָפּגעקילט די התלהבות, וואָס האָט געהאַט אַרומגעכאַפּט סיי די ישראלים און סיי די מצרים זינט סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים. אָבער ער האָט אַלץ נאָך איבערגעלאָזט אַן אָרט פאַר גוטע האָפענונגען.

אַנאַליזירנדיק דעם אויסגאַנג פון די געשעפענישן אין איסמאַיליאַ, אין דערוואַרטונג אויף דער נעבכטיקער דעבאַטע אין דער כנסת, האָבן די פּאָליטישע קאָמענטאַטאָרן באַזונדערס זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אונ-טערשיד, וואָס האָט זיך געמערקט צווישן די דערקלערונגען, וועלכע ה' בעגין האָט אָפּגעגעבן אין איסמאַיליאַ, און צווישן דעם, וואָס ער האָט געזאָגט אַ פּאָר שעה שפּעטער אויפן בן-גוריון פלי-פּלאַץ אין לוד.

אויך דער דאָזיקער אונטערשיד איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פאַרפּלאָנטערטער סיטואַציע, וועלכע וואַרפט אונדז אין פיבער צווישן אָפּטימיזם און פּעסימיזם, צווישן דערוואַרטונגען און אַנטוישונגען. ביידע — סיי דער איבערגעטריבענער אָפּטימיזם און סיי דער איבערגעטריבענער פּעסימיזם — זענען אַ רעזולטאַט פון אונדזער אויסטערלישער לאַגע און פון אונדזער בענקשאַפט צום שלום. אָבער זיי זענען אויך גלייכצייטיק אַ רעזולטאַט פון דער סורעאַליסטישער סיטואַציע, צו וועלכער עס האָט דערפירט די בליץ-איניציאַטיוו פון מצרישן פּרעזידענט, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערגרייכן דעם שלום מיט דער הילף פון אַ פּסיכאָלאָגישן שאָק.

דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגישער שאָק האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַן אַטמאָספער פון חלום, פון שכרות און פון עופאָריע. אין אַזאַ צושטאַנד קען מען לייכט פאַרלירן דעם חוש פאַר דערווירקלעכקייט.

אָבער — צי לעבן מיר טאַקע אין אַ נאָרמאַלער ווירקלעכקייט? צי איז דען די ווירקלעכקייט אין מיטעלן מזרח געבליבן די זעלבע, ווי זי איז געווען פאַר סאַדאַטס וויזיט אין ירושלים?

דוכט זיך, אַז דער איינציקער, וואָס איז געבליבן ביי דער פולער גלייכ-געוויכט און שטאַנדהאַפטיק אין זיינע צילן און פאָדערונגען — איז דער מצרישער פּרעזידענט אַנואַר סאַדאַט, וועלכער האָט ביז איצט נישט געענדערט זיין טאַקטיק און זיין סטראַטעגיע און וועלכער האַלט זיך גענוי ביי דעם, וואָס ער האָט צוגעזאָגט זיין פאָלק.

אמת, — אַוודאי האָט ער זיך געענדערט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער האָט רעפּרעזענטירט מיט עטלעכע יאָר צוריק, פאַר דער יום־כיפּור מלחמה. אָבער זינט דאַן האָט ער צוגעזאָגט זיין פאָלק צו ברענגען דעם שלום. און הגם ער האָט אים נאָך נישט געברענגט, גייט ער אָבער קאָנסע־קווענט אויף דעם וועג וואָס דאַרף, לויט זיין מיינונג, פירן צו אַ שלום. זיין עיקרדיקע דערגרייכונג באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט גענומען די איני־ציאַטיוו אין זיינע הענט אַריין און האָט געצוואונגען ישראל, און דערנאָך אויך אַמעריקע, אויפצוהייבן די הענטשקע, וואָס ער האָט געוואָרפן, און זיך לאָזן איינשפּאַנען אין זיין איניציאַטיוו.

זיכער דאַרף ישראל דאָס נישט באַדויערן, הגם עס וואָלט גאָרנישט געשאַדט ווען זי וואָלט געקענט איבערנעמען די איניציאַטיוו אין אירע הענט אַריין, און אין זעלבן טעמפּאָ העלפן שאַפן די באַדינגונגען, וואָס זאָלן דער־מעגלעכן דאָס דערגרייכן דעם שלום.

אָבער ווי עס זעט אויס, זענען די זאַכן נאָך אַלץ נישט אַזוי פּשוט, ווי עס האָט זיך אויסגעדוכט אין די ערשטע טעג פון דער שלום־אָפענסיווע. מיט בלויזע לאָזונגען און מיט בלויזן גוטן ווילן קאָן מען קיין שלום נישט דערגרייכן. אַ שלום־אָפּמאַך שטעלט מיט זיך פאַר אַן אויסערסט קאָמפּלי־צירטן דאָקומענט מיט הונדערטער פּאַראַגראַפן, וואָס יעדער פּאַראַגראַף שטעלט מיט זיך פאַר אַ פּאָליטישע, מיליטערישע און טעריטאָריאַלע התחיי־בות פון יעדן צד — און אַזעלכע התחייבותן קענען געמאַכט ווערן נאָך אַ לאַנגן און שווערן, און אָפטמאָל פיינלעכן פּראָצעס פון אונטערהאַנדלונגען און דינגענישן. ווי איז אָבער צו דעם שלום, וואָס ווערט אַרויסגעפּרעסט און אויפגעצוווּנגען מיט דער הילף פון דראָונגען און פון אַנדערע האַרבע מיטלען. אַזאַ שלום שטעלט תמיד פאַר מיט זיך דעם עמבריאָן פון אַ נייער מלחמה — אַזוי ווי דאָס איז געווען, למשל, דער ווערסאַלער טראַקטאַט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכער איז געווען די סיבה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דאָס הייסט, אַז אַ שלום מוז זיין — אַ גערעכטער שלום, אַ שלום, וואָס זאָל באַפרידיקן ביידע צדדים און זאָל באַזייטיקן די סיבות פאַר אַ נייער מלחמה.

אָבער — וואָס איז דאָס אַזוינס אַ „גערעכטער שלום״? האָט דאָך יעדער צד זיין אייגענע סוביעקטיווע מאָס פון גערעכטיקייט, זיינע אייגענע פאַר־לאַנגען צו באַפרידיקן זיינע „גערעכטע פאָדערונגען״ פון דעם צווייטן צד.

*

אָט די דאָזיקע סתירה, וועלכע פאָדערט אַ גוט־דורכגעטראַכטע פּשרה, איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם „פּאַלעסטינעזישן ענין״, אַרום וועלכן עס גייט אַן אונדזער עיקרדיקער וויכוח מיט די מצרים, און צוליב וועלכן די פּאַרטנערן האָבן נישט געקענט אונטערשרייבן די געפּלאַנטע „דעקלאַראַציע פון כוונות״ אין איסמאַיליאַ. פון דאַנען אויך דער אונטערשיד אין דער שטימונג און אין אַרויסברענגען די דאָזיקע שטימונג — צווישן איסמאַיליאַ און ירושלים.

דאָרט, אין איסמאַיליאַ, האָט דער פּרעמיער געזאָגט אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ מיט סאַדאַטן: „איך בין געקומען אַהער ווי אַ פּרעמיער פול מיט האָפענונג, און איך פאָר אַוועק ווי אַ גליקלעכער מענטש"; אויך אין לוד, ווו ער איז אויפגעטראָטן עטלעכע שעה שפּעטער אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, האָט ער געזאָגט, אַז די קאָנפערענץ אין איסמאַיליאַ איז מצליח געווען. אָבער דער טאָן איז שוין געווען אַן אַנדערער, און דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף די חילוקי־דעות, און האָט מגלה געווען, אַז די עיקרדיקע הצלחה פון זיין באַזוך אין מצרים איז — דער באַשלוס פאַרצוזעצן די קאָנפערענץ, וואָס איז געפירט געוואָרן אין קאַיר, אָבער אויפן ראַנג פון מיניסטאָרן.

דאַקעגן האָט דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט צווישן ביידע מנהיגים און דער באַזונדערער אָנשטרענג נישט מצליח געווען אַריבערצושפּרייזן דעם עיקרדיקן תהום פון דעם קאָנפליקט — אַרום דעם פּאַלעסטינעזישן פּראָבלעם.

די נעכטיקע דעבאַטע אין דער כנסת, ווו דער פּרעמיער בעגין האָט געוווּנען אַ דעצידירנדיקע מערהייט פאַר זיין פּלאַן, האָט אָבער באַוויזן, אַז דער „פּאַלעסטינעזישער קאָנפליקט" איז נישט נאָר צווישן אונדז און מצרים און, אין אַ פיל גרעסערער מאָס, צווישן אונדז און די פּאַלעסטינעזער גופא — נאָר אויך צווישן דער ישראל־רעגירונג און די קעגנער פון דעם דאָזיקן פּלאַן אין ישראל גופא, סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס. דאָס מאָל — דער עיקר פון רעכטס: פון די, וועלכע האָבן אין בעגינען געזען זייער פאַרטרעטער, האָבן אים אויסגעוויילט כדי צו דערמעגלעכן זיי אויפצושטעלן ישובים אין די ערטער, וועלכע די רעגירונג איז איצט גרייט אָפּצוטרעטן.

דער דאָזיקער שלום־פּלאַן איז, ווי באַוווּסט, נישט אָקצעפּטירט געוואָרן דורך די מצרים, — הגם ער איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ באַזע פאַר אונטערהאַנדלונגען, אין וועלכע די מצרים וועלן אַריינטראָגן זייערע קאָנטר־פאָרשלאָגן. ער איז אויך נישט אָנגענומען געוואָרן דורך די מערהייט פאַרשטייער פון „מערך", וועלכע זעען אין אים אַן ערנסטע געפאַר און דעם קערן פאַר אַ צוקונפטיקער אַראַפאַט־מדינה. און לסוף, — דער דאָזיקער פּלאַן איז אָבער אומצווייידייטיק אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דעם „גוש אמונים" און די אָנהענגער פון דער „ארץ־ישראל השלמה" אין דעם לאַגער פון ה׳ בעגין גופא.

עס איז קיין ספק נישט, אַז די קעגנערשאַפט פון רעכטס און פון לינקס אין ישראל וועט ה׳ בעגין בייקומען אַן גרויסע אויפטרייסלונגען. מעגלעך, אַז מיט אַ סך קלענערע אויפטרייסלונגען ווי די, וועלכע זיין פאַרגענגער יצחק רבין האָט געדאַרפט בייקומען נאָכן אונטערשרייבן דעם סעפּאַראַציע־אָפּמאַך וועגן סיני און אַבו ראָדעס. די נעכטיקע אָפּשטימונג אין דער כנסת האָט געגעבן בעגינען אַ געוואַנדיקן מאַנדאַט צו פאַרהאַנדלען וועגן דעם שלום־פּלאַן מיט די מצרים. אַ סך שווערער וועט אים אָבער זיין בייצוקומען די קעגנערשאַפט פון די אַראַבער, וועלכע האָבן דווקא פון בעגינען געהאָפט צו דערגרייכן דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געוואָגט אַפילו צו דערוואַרטן פון דער רעגירונג פון מערך.

ל. נ. 29.12.1977

10.

די געוועזענע אַקטריסע פון קעניגלעכן יידישן טעאַטער

אונדזער באַזוך אין מצרים אין די טעג פון דער קאַירער קאָנפערענץ האָט אונדז דערמעגלעכט אַ סך באַגעגענישן און געליפערט נישט ווייניק רירנדיקע איבערלעבונגען — אָבער רירנדיקער פון אַלץ איז געווען דער באַזוך אין דער שטוב פון פרוי ראָז בעלאַכאָווסקי, איינע פון די פאַר־איינזאַמטע רעשטלעך פון דער אַשכנזישער קהילה, וואָס האָט אַמאָל עקזיסטירט אין קאַיר.

מיר האָבן שוין פריער דערציילט, אַז מיר האָבן געטראָפן די פרוי בעלאַ־כאָווסקי אין דער גרויסער שול אין קאַיר, ווען מיר האָבן דאָרט באַזוכט פרייטיק־צו־נאַכט און מוצאי־שבת צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע צו דער קאַירער קאָנפערענץ.

פון די 175 יידן פון דער שטאָט, דאָס רעשטל פון דער אַמאָליקער 80 טויזנט־קעפּיקער קהילה, און פון דעם ווייניקער פון אַ מנין יידיש־רעדנדיקע פרויען — אַלע אלמנות, וואָס זענען געבליבן פון דער קליינער אשכנזישער קהילה, — זעט אויס פרוי ראָז בעלאַכאָווסקי פאַרהעלטנישמעסיק יונג: בערך אַ זעכציק פרילינגס, וואָס נישט אַלע זענען זיי געווען טרויעריקע.

אַ פרוי פון מיטעלן וווּקס, פיין געקליידעט, מיט אַ וואַרעמען שמייכל פון אַ גוטער יידישער מאַמע אויף איר רונדיקן פּנים, און די אויגן פול מיט נייגעריקייט אויסגעמישט מיט מאָמענטאַלן גליק, וועלכן עס האָט איר גורם געווען די באַגעגעניש מיט די מענטשן פון ישראל.

מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט די מעגלעכקייט לאַנג צו שמועסן און אויסצוהערן איר לעבנס־געשיכטע אין דעם גרויסן גערודער בעת אונדזער באַזוך אין בית־הכנסת, בעת אַלע האָבן געוואָלט רעדן איינער מיטן אַנדערן, און אַלע זענען געווען באַהערשט פון שטאַרקע עמאָציעס. אינעווייניק האָבן געבליצט די פלעשן פון די פאָטאָ־אַפּאַראַטן, ישראלדיקע יידן האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט מצרישע יידן; דערוואַקסענע מענער מיט אַ סך לעבנס־דערפאַרונג האָבן זיך נישט געשעמט צו לאָזן אַ טרער בעת דער באַגעגעניש מיט די רעשטלעך פון דער גלאָררייכער קהילה; באַזונדערס ווען זיי האָבן צוגעזען ווי שטאַרק גערירט עס זענען די דאָזיקע אומגליקלעכע פאַראיינ־זאַמטע מענטשן, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן געזען אַזאַ גרויסן עולם אין זייער בית־כנסת. און אינדרויסן האָבן געיובלט אין אַ מאַסן־עקסטאַז די טויזנטער נישט־יידן לכבוד דער ישראלדיקער דעלעגאַציע און לכבוד זייער „ראַיס", וועלכער האָט מיט זיין געוואַגטן שריט גורם געווען דעם באַזוך פון דער דאָזיקער דעלעגאַציע און דאָס איבערבעטן זיך פון די מצרים מיטן יידישן פאָלק. האָט מיך דעריבער פרוי בעלאַכאָווסקי איינגעלאַדן

צו זיך אַהיים און האָט מיר איבערגעגעבן דעם נומער פון איר טעלעפאָן איך זאָל זיך מיט איר פאַרבינדן און זיך אָפּרעדן ווען צו קומען.

די איינזאַמע יידישע פרוי אויף דער קאַסער ניל־גאַס

נאָך עטלעכע טעג האָב איך זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש און געשמועסט מיט דער פרוי אין אונדזער מוטער־שפּראַך, אויף יידיש — אַרויסרופנדיק נייגעריקייט ביי די ישראלדיקע, אויסלענדישע און מצרישע זשורנאַליסטן, וואָס זענען געשטאַנען נעבן מיר אין דעם פּרעסע־צענטער אין „מענאַ האוז" און האָבן זיך געוווּנדערט אויף די אויסטערלישע און אומפאַרשטענדלעכע פאַר זיי קלאַנגען, בעת פאַר מיר איז דאָס געווען אַ באַזונדערס שטאַרקע איבערלעבונג צו רעדן אין מאַמע־לשון אין לאַנד פון די פּיראַמידן.

אויף צומאָרגנס האָט מיך דער מצרישער שאָפער געברענגט צום באַ־שטימטן אַדרעס אויף דער קאַסער ניל־גאַס נומער 48. דאָס איז איינע פון די פּרינציפּאַלע האַנדלס־גאַסן אין צענטער פון דער רוישיקער שטאָט, נעבן דעם „מידאַן מוסטאַפאַ קאַמאַל", אַ גרויסער פּלאַץ אויפן נאָמען פון דעם מצרישן נאַציאָנאַלן גיבור, דעם דרייסטן קעמפער פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון מצרים. די דאָזיקע גאַס איז פול מיט עלעגאַנטע ביוראָען און געשעפטן, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן געהערט צו יידישע סוחרים, וועלכע זענען אַרויס־געטריבן געוואָרן אָדער זענען אַוועק פון מצרים אין די טעג פון דער נאַציאָ־נאַליזאַציע אין די 50־קער יאָרן. אויך דאָס הויז, אין וועלכן עס וווינט פרוי בעלאַכאָווסקי, זעט אויס פון דרויסן ווי אַ רייך הויז און אין צענטער געפינט זיך אַ גרויסער שילד פון נאַציאָנאַלן באַנק פון מצרים. אָבער די מאַרמאָרנע שטיגן פון דעם הויז זענען אָפּגעריבן און די ווענט זענען אָפּגעבלייכט פון

ראָז בעלאַכאָווסקי (אין מיטן) מיט נאָך צוויי אשכנזישע פרויען אין קאַיר. לינקס פון איר — די 85־יאָריקע ראָ־זאַ פוקס, וועלכע איז געקומען אַהין מיט 50 יאָר צוריק פון וואַרשע.

אַלטקייט, און דיווינדע האָט געקרעכצט פון דער לאַסט פון יאָרן און פון דער זכרונות־רייכער פאַרגאַנגענהייט פון די לאָקאַטאָרן, וואָס באַנוצן זיך מיט איר.

איך האָב קוים געפונען דאָס קליינע שילדעלע מיטן נאָמען פון דער יידישער לאָקאַטאָרין אויפן דריטן שטאָק פון דעם הויז. און נאָכדעם ווי איך האָב אַנגעקלונגען האָט זי זיך באַוויזן אין טיר און מיך איינגעלאַדן מיט אָפענער פרייד, בעת די אַראַבישע שכנים האָבן ארויסגעשטעקט די קעפּ פון זייערע טירן און געקוקט נייגעריק אויף דעם פרעמדן גאַסט, וואָס קומט באַזוכן די איינזאַמע עלטערע יידישע פרוי.

די פּאַראָרעמטע שטוב מיט די רייכע זכרונות

די וווינונג מיט אירע פיר צימערן האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַמאָל אַ רייכע שטוב, וואָס אירע איינוווינער זענען געוואָרן פאַראָרעמט. אין דעם שווערן אַלטמאָדישן זשיראַנדאָל האָט געברענט נאָר איין לעמפּל, וואָס האָט זיך אויך אויסגעלאָשן אינמיטן אונדזער שמועס — אַ זאַך וואָס געשעט אָפט אין דער מצרישער הויפּט־שטאָט — און דעריבער איז זי געצוווּנגען געווען אָנצוצינדן אַ ליכטל, וואָס זי האָט קוים געפונען אין דער אָרעמער קיך.

נישט בלויז די באַגעגעניש מיט דער דאָזיקער פרוי איז געווען רירנדיק. רירנדיק איז אויך געווען איר לעבנס־געשיכטע, וואָס זי האָט מיר דערציילט ווען איך בין געזעסן אין איר שוואַך־באַלויכטענער וווינונג. איר דערציילונג איז געווען פול מיט שפּאַנונג, אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער גורל פון די מצרישע יידן.

פרוי ראָז בעלאַכאָווסקי, פון דער היים רייזל קליין, זינט אַכט חדשים אַן אַלמנה (איר מאַן האָט געאַרבעט אַלס אינזשיניער אין אַ פאַבריק פון שפּילצייג) איז געבוירן אין קאַיר, ווי געזאָגט, מיט אַ זעכציק יאָר צוריק. דאָס יידישע לשון אין איר מויל איז געווען זאַפטיק, ווי עס איז געווען, קענטיק אויך מיט פערציק יאָר צוריק, ווען זי האָט געשפּילט פאַרשידענע ראָלן אין יידישן טעאַטער אין קאַיר.

ווען זי האָט דערזען דעם אויסדרוק פון שטוינונג אויף מיין פּנים, נאָכדעם ווי זי האָט מיר דאָס דערציילט, האָט זי זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, פון וועלכער זי האָט אַרויסגענומען אַ גרויס קאַרטאָן־שאַכטל פול מיט פּאַפּירן און דאָקומענטן. גאַר פאַרזיכטיק האָט זי אַוועקגעשטעלט דאָס שאַכטל אויפן טיש און האָט אַרויסגענומען פון דאָרט עטלעכע פּאַפּירן באַשריבענע מיט יידישע אותיות.

דאָס זענען געווען פּראָגראַמען פון יידישע טעאַטער־פאַרשטעלונגען, וואָס פלעגן דאָ פאָרקומען אין די 30־קער יאָרן אין אַ זאַל נעבן דער אַשכנזי־שער שול אין קוואַרטל דאַרב על באַראַבראַ אין דער שטאָט. און ווי עס זאָגט עדות דאָס פּראָגראַם־העפטעלע, זענען די דאָזיקע פאַרשטעלונגען פאָר־געקומען אונטערן פּאַטראָנאַזש פון מצרישן קעניג, וועלכער האָט זיך באַטיי־ליקט אין פינאַנסירן די קולטור־טעטיקייט פון דער אַשכנזישער קהילה. ער

האָט אויך פינאַנסירט דאָס רעסטאַווירן די אשכנזישע שול, נאָכדעם ווי זי איז אונטערגעצונדן און פאַרברענט געוואָרן בעת אַ פּראָטעסט־דעמאָנס־טראַציע, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען אין 1917 קעגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

די אַשכנזישע שול, דערציילט פרוי בעלאַכאָווסקי־קליין, איז געווען זייער אַ שיינע און איז אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דער אַשכנזישער קהילה, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1865. נעבן דעם בית־כּנסת, וועלכער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1910, איז אויך מיט צען יאָר שפּעטער געשאַפן געוואָרן די ערשטע יידיש פרעבל־שול אין מצרים דורך יצחק נוימאַן, וועלכער איז געווען דער אָנפירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין מצרים אין יענער צייט, און וועמענס זון, דער זשורנאַליסט ה׳ לעאָן נוימאַן, געפינט זיך היינט אין ישראל. ווי ה׳ לעאָן נוימאַן האָט מיר טאַקע דערציילט אין תל־אביב, איז דער רב פון דעם בית־כּנסת געווען דער אַשכנזישער הויפּט־ראַבינער און איז אין אַ געוויסער תקופה אויך געווען דער הויפּט־ראַבינער פאַר אַלע יידן אין מצרים.

יידיש — מיט אַראַבישע אותיות...

ביי דער אַשכנזישער קהילה איז אויך געווען טעטיק — ווי עס דערציילט פרוי בעלאַכאָווסקי און ווי עס זאָגן עדות די דאָקומענטן, וועלכע זי האָט מיר געוויזן — אַ „יידישער קונסט־פאַריין״, און ער האָט דאָס אָרגאַניזירט די קולטור־אונטערנעמונגען יעדע צוויי וואָכן אין אַ זאַל, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דער אַשכנזישער שול. און אָט איז די אויפשריפט, וואָס מיר האָבן געפונען אויף איינעם פון די פּראָספּעקטן, וועלכן עס האָט פאַר מיר פאַרגע־שטעלט די אין קאַיר געבליבענע יידישע פרוי:

> **קעניגלעכער אָפּערא־טעאַטער**
>
> שבת 13 מאי 1936, אום 9.15 אוהר אָווענד
>
> **גרויסע טעאַטער־פאַרשטעלונג**
>
> אויפגעפירט דורך דעם אידישע קונסט־פאַריין אויפן פּראָפיט
> פון די יידישע אשכנזישע געמיינדע פאַר איהרע וואָהלטעטיגע
> אינסטיטוציאָנען

אַזעלכע טעאַטער־פּראָגראַמקעס האָט פרוי בעלאַכאָווסקי מיר געוויזן אויך פון יולי 1933 און פון מאַי 1935, ווען דער „קונסט־פאַריין״ האָט געשטעלט י. גאָרדינס פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול״ און „צו שפּעט״ פון משה ריכטער. די אָרטאָגראַפיע אין די דאָזיקע פּראָגראַמקעס איז געווען אַ פאַרעלטערטע, נישט לויט די מאָדערנע כּללים פון דער שפּראַך, ווייל

עס זענען נישט געווען אין קאַיר קיין יידישע לערן־אַנשטאַלטן. און צוליב דער דאָזיקער סיבה זענען אויך די טעקסטן, וועלכע ראַז בעלאַכאָווסקי האָט געדאַרפט זיך אויסלערנען פאַר אירע ראָלן אין די פאָרשטעלונגען, געווען אָנגעשריבן פאַר איר — מיט אַראַבישע אותיות...

דער דאָזיקער פאַקט איז געווען פאַר מיר איינער פון די פּילצאָליקע סוררעאַליסטישע סצענעס, אויף וועלכע איך האָב זיך אָנגעטראָפן בעת מיין באַזוך אין מצרים.

אין די טעאַטער־פּראָגראַמקעס האָב איך געפונען די נעמען פון דעם רעזשיסער וויינשטיין, וועלכער זאָל שפּעטער האָבן אַוועקפאָרן קיין ישראל, און אויך, אַז „דער סצענאַריוס איז פון סימאָן בערנאַרד, צווייטער סצענאַריוס — יוסף פינקעלשטיין און געהילף־סצענאַריוס — א. שרויטמאַן".

פון זיי אַלעמען איז געבליבן אין קאַיר די דאָזיקע איינזאַמע פרוי, די לעצטע מאָהיקאַנערין פון דער אַשכנזישער קהילה, וועלכע איז דאָרט גע־גרינדעט געוואָרן, ווי געזאָגט, אין יאָר 1865. מיט אַ צען יאָר שפּעטער איז געקומען אַהין פון רומעניע איר פאָטער צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, בעת ער איז אַלט געווען סך־הכל צוויי יאָר. די מוטער פון רייזל קליין האָט פאַרלאָזט די שטאָט קישיניעוו בעת די פּאָגראָמען, אַלט זייענדיק 9 יאָר. זי איז אַנטלאָפן מיט אירע עלטערן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און איז פון דאָרט אָנגעקומען קיין מצרים.

מיט שפּאַנונג און אין איילעניש — מחמת איך מוז זיך צוריקקערן אין דעם פּרעסע־צענטער — דערציילט מיר פרוי בעלאַכאָווסקי, די געוועזענע רייזל קליין, די געשיכטע פון איר לעבן און די געשיכטע פון דעם יידישן ישוב אין קאַיר, און אין מיטן דערציילן זוכט זי אויס צווישן אירע פּאַפּירן נאָך אַ פּראָגראַמקע — און דאָס איז פון „הבימה"־טעאַטער, בעת זיין באַזוך מיט גאַסט־אויפטריטן אין די 30־קער יאָרן אין קאַיר און אין אַלעקסאַנדריע.

די יידישע פרוי איז געבליבן אַן איינזאַמע מיט דעם דאָזיקן טייערן אוצר אינעם קאַרטאָנענעם שאַכטל, און זי היט אים, דעם אוצר, צוזאַמען מיט אירע זכרונות אויף די טעג, ווען זי וועט מצליח זיין עולה צו זיין אין לאַנד — נאָכדעם ווי עס וועט קומען דער שלום.

„לעצטע נייעס", 6־טער יאַנואַר 1978

.11
נאָך וועגן יידן אין מצרים

אַ סך איז שוין געזאָגט און געשריבן געוואָרן וועגן דעם קליינעם הייפל מצרישע יידן, רעשטלעך פון די ווונדערלעכע קהילות פון קאַיר און אַלעקסאַנדריע — און עס איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן אַלץ, מען ווייסט נאָך אַלץ נישט קיין סך וועגן זייער לעבן און וועגן זייערע ליידן אין די יאָרן ווען זיי זענען געווען אָפּגעריסן פון יידן אויף דער וועלט. אויך מיר האָבן בעת אונדזער קורצן באַזוך נישט באַוויזן אַרויסצובאַקומען פון זיי קיין סך און אויפצובויען פון זייערע דערציילונגען אַ פול און אומפּאַסנדיק בילד וועגן דעם לעבן פון דער דאָזיקער קהילה.

אָבער אויך דאָס פראַגמענטאַרע בילד שפּיגלט אָפּ אין אַ גענוגנדיקער מאָס דעם פעסטן פאַדעם פון פאַרבינדונג, וואָס דאָס דאָזיקע קליינע און אָפּגעזונדערטע הייפל האָט אָפּגעהיט מיטן יידישן פאָלק און זיין עקשנותדיקע געטריישאַפט צו דער פאַרגאַנגענהייט און טראַדיציע. עס איז גענוג געווען צו זען די טרערן פון גליק אין די אויגן פון די יידן פון קאַיר און אַלעקסאַנדריע, ווען זיי האָבן באַגעגנט די פאַרשטייער פון ישראל און די ישראלדיקע זשורנאַליסטן — נישט ווי שליחים פון אַ וועלכער געהיימער אויפגאַבע, נאָר ווי די „שליחים פון שלום", ווי עס האָבן אונדז אָנגערופן די יידן אין מצרים.

ווי אַזוי לעבן די דאָזיקע יידן, וואָס זענען זיי אַדורכגעגאַנגען אין די 30 יאָר פיינטשאַפט צווישן זייער לאַנד און ישראל?

פאַרשטייט זיך, אַז יעדער איינער האָט אַן אַנדער געשיכטע — לויט זיין שטאַנד, לויטן וווין־אָרט פון יעדן איינעם פון זיי, לויט זיינע שכנים און לויט טויזנטער פאַרשידענע אומשטענדן; אָבער די אַלע לעבנס־געשיכטעס קומען זיך אַלע צונויף און בילדן צוזאַמען דאָס וואָס מען רופט „דער יידישער גורל". אַנדערש איז די געשיכטע פון ד"ר וויקטאָריאַ אַליאַ סאַבאַך, וועלכע האָט די גריכישע בירגערשאַפט און וועלכע איז היינטיקס יאָר אַרויס אויף עלטער־פּענסיע נאָך 46 יאָר אַרבעט אַלס דאָקטאָרין — און וועלכע האָט פיר ברידער און אַ שוועסטער, אַ דאָקטאָרין, אין ישראל — פון דער דערציילונג פון דער 85־יאָריקער פרוי ראָז פוקס, וועלכע איז געקומען מיט 50 יאָר צוריק פון וואַרשע און זיך באַזעצט אין קאַיר; אַנדערש איז די געשיכטע פון דעם אַלטן עמיל פּינטו, דער ראש־הקהילה פון איטאַליענישער אָפּשטאַמונג, פון דעם יונגן, בערך 30־יאָריקן מאַן, וועלכער האָט געהאַלטן זיין פּיצל קינד אויף די הענט בעת דער תפילה אין דער גרויסער שול אויף דער אַדלי־גאַס און ווער עמענס נאָמען איך האָב נישט מצליח געווען אויפצוכאַפּן; אַנדערש איז די געשיכטע פון דעם בעל־עגלה פון גאַלאַץ, מיט וועלכן מיר האָבן גערעדט יידיש, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, אין

דעם זקנים־הויז אין אַלעקסאַנדריע, ווי די פון די צוויי 16־יעריקע בחורים, שילער פון דער קאַפּטיש־קריסטלעכער גימנאַזיע אין קאַיר, וועמען מיר האָבן געטראָפן אין שול מיט קאַפּעלער אויף די קעפ און מיט אַ פאָטאָ־גראַפישן אַפּאַראַט אין האַנט.



דער בנין פון דער אליהו הנביא־שול אויף דער נעבי דאַניעל־גאַס אין אַלעקסאַנדריע

צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן האָבן די יידן פון מצרים זוכה געווען, אַז זייערע אַראַבישע שכנים זאָלן זיי באַגריסן און זאָלן באַגריסן זייער תפילה־הויז מיט אַזאַ האַרציקייט און אַפילו מיט התלהבות, וואָס האָט געגרענעצט מיט עקסטאַז. דאָס איז געווען אין טאָג ווען די ישראל־דעלעגאַציע צו די קאַירער געשפּרעכן, ווי אויך די ישראלדיקע און פרעמדע זשורנאַליסטן זענען געקומען אין בית־הכנסת מוצאי־שבת, ווען זיי האָבן געווײַלט אין קאַיר. דאָס דאָזיקע בילד האָט זיך איבערגעחזרט אויך אין אַלעקסאַנדריע — סיי נעבן דעם פּראַכטפולן בנין פון דער גרויסער שול און סיי נעבן דעם יידישן זקנים־הויז, אין וועלכן עס געפינען זיך בײַ 30 אַלטע לייט. דער עולם אין דרויסן האָט טאַקע אַפּלאָדירט, צוערשט צוריק־געהאַלטן און דערנאָך מיט דעמאָנסטראַטיווער התלהבות, פאַר די ישראל־דיקע געסט און בעיקר פאַר זייער פּרעזידענט, אַנואַר סאַדאַט, דעם „גיבור פון מלחמה און פון שלום" — אָבער אויך די מצרישע יידן האָבן זוכה געווען קרישקעס און אַפילו גאַנצע רייפטלעך פון דעם רום און פון דער פאַרערונג, וועלכע די מצרים האָבן אַרויסגעוויזן צו זייערע געסט. און פונקט ווי פאַר די מצרים — און אויך פאַר די ישראלים — איז די דאָזיקע גאַנצע אַנטוויקלונג זינט סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים געווען אַ געוואַלדיקע איבעראַשונג, אַ פּסיכאָלאָגישער איבערקער און אַלץ מיט וואָס מ'קען דאָס

באַצייכענען, אַזוי איז אויך געווען אַן איבערראַשונג און אַן איבערקער די דאָזיקע נייע באַציִונג פון די אַראַבער צו זייערע יידישע שכנים, די יידן פון מצרים.

דעריבער האָט זיך צו דעם באַצויגן עטוואָס סקעפּטיש איינע פון די אַנוועזנדיקע פרויען אין בית־הכנסת, וועלכע געדענקט די אַנדערע צייטן און ביי וועמען די טראַגישע געשעענישן זענען נישט אָפּגעמעקט געוואָרן פון זכרון. אויך פרוי ראָז בעלאַכאָווסקי האָט מיר נישט דערלויבט צו רעקאָרדירן אויפן טייפּ אירע רייד, ווען כ׳האָב זי באַזוכט אין איר וווינונג, ווייל זי ווייסט נאָך נישט וואָס עס וועט אַרויסקומען „פון דעם עסק". זי איז נאָך נישט זיכער, צי וועט באמת דערגרייכט ווערן אַ שלום. דעריבער דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק — און זי האָט זיך געהיטן.

די באַגריסונג פון סאַדאַטן אין טראַגישן יום־כיפּור

די יידן אין קאַיר און אין אַלעקסאַנדריע געדענקען נאָך די אַרעסטן פון די יידישע מנהיגים, דער עיקר די מנהיגים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פון מצרים, ווען עס איז אויסגעבראָכן די אומאָפּהענגיקייט־מלחמה אין יאָר 1948. זיי געדענקען די טראַגישע פאָלגן פון דעם „עסק ביש" ביים אָנהויב פון די פופציקער יאָרן און פון דעם משפּט, אין וועלכן צוויי יונגע יידן זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און אַנדערע — אויף לאַנגע יאָרן תפיסה; זיי געדענקען דעם חוזק און די שנאה, אויף וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אין יעדן אָרט אין רעזולטאַט פון דער ווילדער העצע אין דער צייט פון דער דאָזיקער פּרשה, הגם די מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך דאַן באַמיט צו שיצן די יידן קעגן די ווילד־היציקע פּאָגראָמשטשיקעס. צו אַלע יידישע ימים־טובים פלעגט קומען אַ שליח פון פּרעזידענט — פריער פון נאַצערן און שפּעטער פון סאַדאַטן — אין בית־הכנסת, כדי צו באַגריסן די יידן צו זייער יום־טוב. אַזוי איז אויך געווען אין יענעם טראַגישן יום־כיפּור, ווען מצרים און סיריע האָבן אָנגעגריפן ישראל.

די באַציִונג פון די מאַכט־אָרגאַנען און פון די מאַסן פלעגט זיך ענדערן, לויט דער פּאָליטישער און מיליטערישער לאַגע, און די דאָזיקע ענדערונגען אין דער באַציִונג פלעגן גורם זיין דעם מאַסן־עקזאָדוס פון די יידן פון זייער היימלאַנד. די ערשטע כוואַליע פון יציאת־מצרים (זינט יענעם יציאת־מצרים פון אַמאָל) איז געווען נאָכן נאַציאָנאַליזירן די פּרעמדע אונטער־נעמונגען דורך נאַצערס רעגירונג. די דאָזיקע זאַך האָט שווער געטראָפן די יידן מיט פרעמדער בירגערשאַפט. אָבער די האָבן געהאַט די שוץ פון זייערע רעגירונגען — פון גריכנלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע און אַנד. — וועלכע האָבן זיי געהאָלפן אַרויספאָרן פון מצרים אין זייערע לענדער. נישט אַזוי איז אָבער געווען דער גורל פון די יידן מיט מצרישער בירגערשאַפט, אָדער פון די בירגערלאָזע. פון זיי האָט נאָר אַ טייל זוכה געווען אויסצו־וואַנדערן נאָך דער סיני־מלחמה און די מערהייט נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווען זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן מיט פאַרשידענע וועגן אין אַ

בריט-פּאַרצווייגטער אָפּעראַציע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך ישראל. נאָכן אויסברוך פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה זענען אַרעסטירט געוואָרן אין קאַיִר בערך 400 מענער און זענען געהאַלטן געוואָרן אין אַרעסט ביז די מיט פרעמדער בירגערשאַפט צווישן זיי זענען אויסגעלייזט געוואָרן דורך די פאַרשטייערשאַפטן פון די לענדער פון זייער אָפּשטאַם. די געבוירענע אין מצרים און די בירגערלאָזע זענען געהאַלטן געוואָרן ביז דריי יאָר, סיידן זיי זענען גרייט געווען איבערצולאָזן זייערע פאַרמעגנס און צו פאַרלאָזן מצרים. אַ סך פון די יידן, מצרישע בירגער, זענען באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרבעט אין דער צייט פון דער נאַציאָנאַליזאַציע און זענען אַוועק פון מצרים, פאַרלירנדיק זייער בירגערשאַפט.

די שניידערין פון דער עליטע

אַזוי אַרום האָט זיך אויסגעלײדיקט דער יידישער ישוב, וואָס האָט געציילט בערך 80 טויזנט נפשות אין קאַיִר און געבליבן זענען פון אים בלויז 175, דער גרעסטער טייל פון זיי אַלטע לייט, וועלכע האָבן שוין מער נישט קיין כוח צו וואַנדערן. אַ טייל פון זיי באַגערט נאָך אַלץ עולה צו זיין קיין ישראל. און אין אַלעקסאַנדריע זענען געבליבן בערך 120 יידן פון דער אַלט־אַלטער קהילה, וועלכע האָט דאָרט עקזיסטירט ווי אַ לעבהאַפטער גלות נאָך אין די צייטן פון מלכות־ישראל. אַט אַזוי האַלט־אויף אַט דאָס קליינע הייפל מענטשן די המשכדיקייט פון דער יידישער אַנוועזנהייט אין אַט־דער שטאָט מיטן אייראָפּעיִשן קאָלאָריט אויפן צפונדיקן ברעג פון אַפריקאַנישן קאָנטינענט.

און פון צווישן די פילצאָליקע דערציילונגען, וואָס מיר האָבן אויסגעהערט פון די מצרישע יידן, האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון באַזונדערס די געשיכטע פון פרוי ריזאַ עלנאַענאַ פון ווין, וועלכע איז אַנטלאָפן פון איר געבורט־שטאָט נאָך דעם ווי די נאַציס האָבן באַהערשט עסטרייך. אין יאָר 1940 איז זי אָנגעקומען קיין קאַיִר און דאָ געהייראַט מיט אַ מצרישן מוסול־מענער, וועלכער האָט געווײלט בערך אַ יאָר אין לאָנדאָן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און וועלכער האָט מצליח געווען, אַדאַנק זיינע פאַרבינדונגען און זיין מצרישער בירגערשאַפט, אַרויסצוראַטעווען בערך 20 פון אירע קרובים פון די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן — פון דאַכאַו און פון בערגען־בעלזען — און זיי לעבן היינט אַלע אין אַמעריקע. ריזאַ'ס מאַן איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר צוריק און זי, אַ פאַרהעלטנישמעסיק יונגע פרוי, ווערט באַטראַכט אַלס איינע פון די בעסטע שניידערינס אין קאַיִר, וואָס צו אירע קונדן געהערן מענטשן פון דער העכסטער סאָציאַלער עליטע אין דער מצרישער הויפּט־שטאָט. צו זיי געהערט אויך די פרוי פון איסמאַעיל פאַהמי, דעם געוועזענעם אויסערן־מיניסטער פון מצרים. דער מאַן פון פרוי פאַהמי האָט פאַרלוירן זיין פּאָסטן צוליב זיין קעגנערשאַפט צו סאַדאַטס שלום־פּאָליטיק. אָבער איר יידישע שניידערין דערפילט ווייטער איר אויפ־גאַבע — זאָגט צו מיר מיט גאוה די יידישע פרוי פון עסטרייך, מיט וועלכער מיר האָבן זיך געטראָפן אין בית־הכנסת אין קאַיִר.

ל. נ. 13.1.1978

12.

צי איז דאָס געווען בלויז אַ חלום?

אַלזאָ, זענען מיר שוין צוריק אין לאַנד. פאַרשוווּנדן די פּיראַמידן, דער שלום־עקסטאַז שוין הינטער אונדז — און אפשר אויך די האָפענונגען.

איז דאָס מעגלעך?

אין משך פון צוויי וואָכן זענען מיר אַרומגעגאַנגען דאָרט, אין דעם לאַנד פון נילוס, ווי אין אַ חלום. און אַט טרעטן מיר ווידער אויף אונדזער היימישער ערד, ווידער האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צו דער ווירקלעכקייט — אָבער מיר האָבן נאָך אַלץ מורא זיך אויפצוּוועקן פון דעם חלום. פּונקט ווי אַ לונאַטיקער, וואָס קריכט אויף דער וואַנט און מען טאָר אים נישט אויפוועקן, ער זאָל חלילה נישט אַראָפּפאַלן.

אַזאַ איז, אייגנטלעך, געווען דאָס געפיל פון דער מערהייט ישראַלדיקע, מצרישע און אויסלענדישע זשורנאַליסטן נאָך דער פּרעסע־קאָנפערענץ פון דעם פּרעמיער מנחם בעגין און דעם פּרעזידענט סאַדאַט אין איסמאַיליאַ. די זאַך, וואָס אַלע האָבן אויף דעם געוואַרט — איז נישט געקומען. עס איז נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן קיין בשותּפותדיקע „דעקלאַראַציע פון כוונות", ווי עס איז „צוגעזאָגט געוואָרן" פריער, עס זענען נישט באַזייטיקט געוואָרן די חילוקי־דעות, וועגן וועלכע מיר האָבן געשטרייט פון פריער. אַלזאָ: איז דאָס געווען אַ הצלחה — אָדער אַ דורכפאַל?

דאָס וואָרט „דורכפאַל" טאָר מען נישט אַרויפברענגען אויף די ליפּן. חס וחלילה. איז דאָך קלאָר פאַר אונדז אַלעמען, אַז מען טאָר נישט דורכ־



די פאָן פון ישראל צווישן די 9 פענער אין ערשטן טאָג פון דער קאָנפערענץ אין קאַיר.

פּאַלן, ווייל אַ דורכפּאַל פון דעם „מאָמענטום" וואָלט באַדייט אַן אומגליק. אַזוי זאָגן אַלע אין קאַיר און אין לאַנד. אַלזאָ, וואָס וועט זיין? — פרעגן אַלע.

די דאָזיקע פראַגע, וועלכע הענגט אין דער לופט שוין מער ווי דריי וואָכן, אנטהאַלט אין זיך די האָפענונגען און די שרעק אין די הערצער פון אַלע איינוווינער פון דעם ראַיאָן, סיי יידן און סיי אַראַבער. אַלע ווייסן ווי שווער עס איז דער וועג צום שלום. און ווייל מען ווייסט דאָס, וואַרט מען אויף נאָך אַ נס, נאָך יענעם נס פון סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים. די מיסטיק פון שלום האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון אַלע אידעאָלאָגיעס און באַוועגונגען, וואָס זענען באַזירט אויף משיחישן אָדער אַנדערן מיסטיציזם. עס איז פאַראַן אַן אַלגעמיין געפיל, וואָס איז בשותפותדיק פאַר ביידע פּיינט־לעבע צדדים, אַז מען טאָר זיך נישט פאַרהאַלטן, אַז דער טעמפּאָ, וועלכער איז דיקטירט געוואָרן דורך דעם קעגנער, טאָר נישט אָפּגעשוואַכט ווערן — הגם עס איז פאַראַן אַ פּחד פאַר די רעזולטאַטן פון יענער שטומער דעקלאַראַציע פון כוונות, וועלכע איז נישט דעקלאַרירט געוואָרן.

אַ גאַס אין קאַיר

אַלזאָ, וואָס־זשע ווייטער, וואָס איז דער אמתדיקער רעזולטאַט פון די געשפרעכן צווישן בעגינען און סאַדאַטן אין איסמאַיליאַ?

דאָס זענען געווען די לעצטע פראַגעס, וואָס מיר האָבן געהערט פון אונדזערע מצרישע פריינט איידער מיר האָבן פאַרלאָזט זייער לאַנד. איך האָב געזאָגט „פריינט": יאָ, אין דער צייט פון אונדזער קורצן אויפהאַלט אין מצרים, האָט זיך פאַרפלאָכטן אַן אויפריכטיקע פריינטשאַפט צווישן די ישראלים און די מצרים נישט נאָר אין דעם פרעסע־צענטער אין „מענאַ־האַוז", דעם באַרימטן פראַכטפולן 100־יאָריקן האָטעל צופוסנס פון די

פּיראַמידן פון גיזאַ נעבן קאַיר; מיר האָבן זיך באַפריינדעט אויך מיט די מצרים אין דער שטאָט, מיטן פּשוטן מענטש אויף דער גאַס, מיטן טעקסי־שאָפער, מיטן דירעקטאָר פון דעם פּאַנאָראַמע־טורעם און מיטן באַדינער פון דער ווינדע אין דעם טורעם, וואָס האָט פריער געהייסן אויפן נאָמען פון נאַצערן און פון וועלכן מען קוקט אַראָפּ אויף דער שטאָט מיט אירע אַכט ביז צען מיליאָן נפשות; מיט באַאַמטע, מיט אַרבעטער, זשורנאַליסטן און לערער, מיט אייגנטימערס פון די געשעפטן און מיט די פּאַרקויפערס און מיט פאַרבייגייערס, ביי וועמען מיר האָבן געפרעגט אויף אַ וועלכן אַדרעס. אַלע זענען געווען פריינטלעך צו אונדז, אַלע זענען אונדז אַנטקעגנגעקומען מיט אַ שמייכל, אַלע — אַדער וויניקסטנס די מערהייט — האָבן אונדז באַגריסט און האָבן זיך אויפריכטיק דערפרייט ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר זענען פון ישראל. די פרעמדע קאָרעספּאָנדענטן זענען אונדז ממש מקנא געווען צוליב דער „פּריווילעגירטער" באַציונג, פון וועלכער מיר האָבן גענאָסן אין פאַרגלייך מיט זיי, און דאָס אין זכות פון יענעם אומגלויבלעכן געוואַגטן שריט פון דעם מצרישן מנהיג.

מיטאַמאָל האָט זיך דאָס דאָזיקע פאָלק אַנטפּלעקט פאַר אונדז אין גאָר אַן אַנדערן ליכט פון דעם וואָס מיר האָבן אים „געקענט", פּונקט אַזוי ווי מיר האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר זיי גאָר אַנדערש ווי זיי האָבן זיך אונדז פאַרגעשטעלט פריער. אַזוי ווי דער מיטעלער מזרח איז שוין נישט דער זעלבער מיטעלער מזרח פון פריער, פאַר סאַדאַטס היסטאָרישן באַזוך — אַזוי זענען אויך די מענטשן אין דעם ראַיאָן שוין מער נישט פון דעם זעלבן „אימאַזש" ווי פריער. נאָך מער: דער „מאָמענטום" פון דעם שלום־פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין „מלך דוד"־האָטעל אין ירושלים צווישן דעם ישראלדיקן פּרעמיער און דעם מצרישן פּרעזידענט, ווי אויך צווישן זייערע וויניקע געהילפן און ראַטגעבערס — איז פאַרגעזעצט געוואָרן מיט מערער קראַפט אין דעם פּרעסע־צענטער צופוסנס פון די פּיראַמידן אין דעם „מענאַ־האַוז" אין קאַיר.

*

די חילוקי־דעות און די פּיינטשאַפט, וואָס האָבן פריער געהערשט צווישן די פאַרשטייער פון די קאָמוניקאַציע־שופרות פון ביידע מחנות, זענען ווי פאַרשוווּנדן און האָבן זיך אויסגעמישט אין יענעם אויסטערלישן שמעלצטאָפּ און אין דעם סורעאַליסטישן מצב פון דעם נייעם מיטעלן מזרח. עס זענען געווען מצרישע זשורנאַליסטן, וואָס האָבן פאַרטיידיקט די ישראלדיקע פּאָזיציע, און ישראלדיקע זשורנאַליסטן האָבן פאַרטיידיקט די פּאָזיציע פון די מצרים... ישראלדיקע זשורנאַליסטן האָבן גערעדט אַראַביש, און מצרישע זשורנאַליסטן האָבן גערעדט עברית. יאָ, מיר האָבן באַגעגנט אַ סך העברעיִש־רעדנדיקע צווישן אונדזערע מצרישע קאָלעגן. דאָס זענען געווען לרוב באַאַמטע פון מצרישן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום, אָדער אָנגעשטעלטע אין דער העברעיִשער אָפּטיילונג פון ראַדיאָ קאַיר.

עס איז געווען עפּעס אויסטערלישעס אין די פריינטשאַפטס־רייד פון די דאָזיקע מענטשן, וועלכע פלעגן אונדז פריער אַטאַקירן און באַשמוצן אין

דער געדרוקטער און עלעקטראָנישער קאָמוניקאַציע. אָבער — „דאָס זענען געווען די פּאַלעסטינעזער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין ראַדיאָ קאַיר אין עברית" — פּלעגן זיי זיך נוהג זיין צו פאַרענטפערן זיך קעגן דער דאָזיקער טענה. און עס זענען געווען צווישן זיי סטודענטן, וואָס לערנען העברעיִש אויפן קאַירער אוניווערסיטעט. עס איז געווען ד"ר אַבדו ראַכמאַן אַף, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז ווי אַן אַלטער באַקאַנטער — ווייל זיין ספּעציאַליטעט איז אויפן געביט פון יידישער רעליגיע, און אויך ער, ווי אַן אַראַבישער דיכטער, איז בקי אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און פּאָעזיע, שרייבט אַ דאָקטאָראַט־אַרבעט וועגן אברהם מאַפּו. אויך ער, ווי אַ קענער פון עברית (און דווקא פון אַ גוטן עברית), איז באַשעפטיקט דורכן מצרישן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום ביים איבערזעצן די געדיכטן פון דידי מנוסי און אַרטיקלען פון העברעישע זשורנאַליסטן אויף אַראַביש.

און מיר האָבן זיך באַפריינדעט מיט די מענטשן פון דער מצרישער פּרעסע און פון דער עלעקטראָנישער קאָמוניקאַציע און מיר האָבן אַפילו געטאַנצט מיט יונגע זשורנאַליסטינס אויף אַ „קריסמעס־פּאַרטי", וואָס די פאַרוואַלטונג פון דעם האָטעל האָט איינגעאָרדנט לכבוד די געסט אין דעם דיסקאָטעק אויפן אָרט... וואָס פאַר אַ פריינטשאַפט, האַ?



דער מחבר מיטן מצרישן שאָפער — אויף דער הילצער־נער ראַמפּע אין מיטן דעם נילוס אין דער געגנט פון פאַיום.

זענען, אַלזאָ, סיי די האָפענונגען און סיי די מורא געווען בשותפותדיק פאַרביידע לאַגערן, פאַר אונדז אַלעמען. און דאָס זעלבע געמישטע געפיל פון האָפענונג און שרעק האָט אויסגעדריקט פאַר אונדז אויך אַ פּאַ־לעסטינעזער, אַן אַראַבער פון דאָרף אַראַבאַ נעבן דזשענין, ווען מיר האָבן באַגעגנט אויף דער לאַנגער הילצערנער ראַמפּע אינמיטן דעם נילוס, נעבן דאָרף פאַיום, ביי 120 קילאָמעטער אויף דרום פון קאַיר.

דאָס איז געווען אַן אויסטערלישע באַגעגעניש, — איינע פון די פילצאָ־ליקע אויסטערלישע באַגעגענישן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין לאַנד פון נילוס, ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון די זיכערהייטס־לייט און זיך

אַרויסגעלאָזט אין פֿאַרשידענע ערטער צוזאַמען מיט נאָך אַ ישׂראלדיקן זשורנאַליסט און מיט אַ מצרישן שאָפער, און דער פֿלעגט אונדז זעלבסטווילּיק פֿאַרשטעלן פֿאַר פֿאַרשידענע מענטשן, וואָס מיר פֿלעגן אָנטרעפֿן אויפֿן וועג. אַזוי, ווען עס איז פֿאַרבייגעגאַנגען נעבן אונדז אַ גרופּע יונגע אַראַבער און דער שאָפער האָט אונדז פֿאַרגעשטעלט פֿאַר זיי — האָבן אַלע אונדז פֿריינטלעך אויסגעשטרעקט די הענט און אונדז באַגריסט און אָוועקגעשטעלט זיך פֿאָטאָגראַפֿירן מיט אונדז — און דאַן האָבן זיי פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אונדז זייער פּאַלעסטינעזישן חבר פֿון דער „גדה״, — פֿון מערבדיקן ברעג — וועלכער איז געקומען אַהער פֿון קוווייט. אויך ער, אַ געבילדעטער מענטש מיט אַ פֿיינעם אויסזען, האָט אונדז באַגריסט און געווונטשן „אונדז״ דערפֿאָלג אין דעם אָנשטרענג פֿאַרן שלום...

מיר האָבן זיך נישט אַריינגעלאָזט אין קיין שום וויכוח וועגן די אויסזיכטן און שטערונגען. מעגלעך, אַז ער זעט די זאַכן אַנדערש ווי מיר זעען זיי. אָבער אויך ער, פּונקט ווי מיר, וויל שלום, און אַזוי ווילן אויך שלום מיליאָנען איינוווינער פֿון דעם ראַיאָן. די שטערונג ליגט אין דעם פֿעלן פֿון פֿאַרשטענ־דעניש און וויסן צווישן די פֿעלקער. ווייל עם־הארצות און פֿעלן פֿון וויסן איז דער מקור פֿון דער שׂנאה — ווי מיר האָבן זיך דאָס איבערצייגט אין אונדזער ערשטן שמועס מיט דער יונגער זשורנאַליסטין איגלאַל, פֿון דער וואָכן־צייטונג „איל מוסאַוואַר״, וועלכע האָט זיך מודה געווען פֿאַר מיר, אַז אַלץ וואָס זי ווייסט וועגן יידן, ווייסט זי נאָר פֿון די „פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני ציון״.

און נאָך צוויי וואָכן פֿון אונדזער בשותּפֿותדיקן פֿאַרברענגען אין דעם פּרעסע־צענטער האָט מיר איגלאַל געזאָגט קורץ פֿאַרן געזעגענען זיך: יאָ, איך האָב זיך געענדערט, עס האָבן זיך געענדערט מיינע מיינונגען — אַזוי ווי איר האָט זיך געענדערט, אַזוי ווי עס האָט זיך געענדערט דער מיטעלער מזרח...

כּדי צו האַסן, כּדי צו העצן צו מלחמה, דאַרף מען נישט האָבן קיין באַווייזן: ס'איז גענוג צו פֿאַרשוואַרצן דאָס פּנים פֿונעם פֿיינט. פֿאַר פֿריינט־שאַפֿט און פֿאַר שלום נויטיקט מען זיך געוויינלעך אין באַווייזן. דער ווילן צו שלום, וועלכן עס האָבן דעמאָנסטרירט די פּשוטע מענטשן אין לאַנד און אין מצרים, איז אַ גענוגנדיקער באַווייז, אַז דער שלום איז מעגלעך.

פֿון דאַנען די בשותּפֿותדיקע מורא וועןביידע פֿעלקער זעען זייערע פֿירער פֿאַרשטעקט אין יענעם בלינדן געסל, פֿון וועלכן עס איז נישטאָ קיין צוריקוועג, אָבער עס איז אויך שווער צו גיין אין אים פֿאָרויס...

ל. נ. 30.12.1977

13. אַ ישראלדיקער ייד אין מצרים

ווי פילט זיך אַ ישראלדיקער ייד אין מצרים? זיכער נישט אַזוי ווי אין יעדן אַנדערן אָרט אויף דער וועלט. אָבער היינט אויך זיכער נישט אַזוי ווי מיט צוויי־דריי חדשים צוריק. און אַוודאי נישט אַזוי ווי מיט אייניקע יאָר צוריק.

מעגלעך, אַז ווען איך וואָלט געשריבן די דאָזיקע ווערטער נאָך זייענדיק אין מצרים, וואָלטן זיי אפשר אַרויסגעקומען אַנדערש. דאָס געפיל וואָלט זיכער געווען אַן אַנדערס. היינט, זייענדיק דאָ, צוריק אין לאַנד — זעט אַלץ אויס ווי אַ חלום, וואָס איז פאַרביי, ווי בילדער פון אַ פילם, וואָס זענען פאַרבייגעלאָפן פאַר מיינע אויגן אויפן קינאָ־עקראַן. אייניקע איבערלעבונגען זענען שוין פאַרווישט געוואָרן מיטן טוישן דאָס אָרט און די אַטמאָספער; אויך אונטערן דרוק פון דעם מטורף׳דיקן טעמפּאָ פון די געשעענישן און צוליב דעם שטאַרקן איבערפלוס פון איבערלעבונגען און עמאָציעס. מצרים אין די זכרונות פון פאַר אַ וואָך אָדער צוויי, איז שוין נישט גענוי דאָס זעלבע, וואָס מצרים וואָס ווערט באַנומען אויפן אָרט און ווערט געשילדערט דורך אַ ישראלי ווען ער איז דאָרט געווען טרעטנדיק אויף איר ערד, — בעת ער פילט די אַטמאָספער און דאָס לעבן, לעבט־איבער די איינדרוקן, וואָס יאָגן איינס דאָס אַנדערע.

און דאָך שטיי איך נאָך אַלץ אַ צעטומלטער און איך פּרוּוו צוזאַמענ־נעמען, קאָנצענטרירן די איבערלעבונגען און דאָס גאַנצע אויסטערלישע געפיל, וואָס איך האָב געהאַט אַראָפּגייענדיק פון דעם עראָפּלאַן אויפן פלי־פּלאַץ פון קאַיר — אויף דער פיינטלעכער ערד, וואָס האָט אונדז אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, כאָטש ביים אָנהויב מיט אַ גרויסער צוריקגעהאַלטנקייט.

„שליחים פון שלום"

דאָס איז געווען פון זייער זייט אַ צוריקגעהאַלטנקייט פון וואַקלעניש, צוליב דעם פּרעצעדענס, וועלכן זיי האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי אים צו פאַרדייען. דאָס איז געווען אַ פאַרלעגנהייט פון געמישטע געפילן מצד די גאַסטגעבערס, וועלכע האָבן נאָך נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך אויפצופירן אין באַצוג צו אונדז, ווי אַזוי אונדז אויפצונעמען און ווי אַזוי אויסצודריקן זייערע געפילן. ווייל אויך זיי זענען, פּונקט אַזוי ווי מיר, געווען געריר̈ט פון דער באַגעגעניש. און זיי האָבן זיך געפילט, פּונקט ווי מיר, ווי עדות פון אַ היסטאָרישער ווענדונג. אויך זיי האָבן פּונקט ווי מיר געוווּסט, אַז אַזעלכע געשעענישן טרעפן זיך נישט אָפט, זיי קומען נישט פאַר יעדן טאָג — און אַז ביז היינט אין משך פון דרייסיק יאָר האָט אַזאַ זאַך געהערט צו דער אוממעגלעכקייט. און אָט איז דאָס אוממעגלעכע געוואָרן אַ ווירק־לעכקייט, וועלכע זיי האָבן נישט געקענט פאַרויסזען פריער.

דעריבער זענען מיר געווען אין זייערע אויגן ווי די שליחים פון שלום — כאָטש דער „גיבור פון שלום" איז געווען דווקא זייער מנהיג, זייער „ראַיִס" — דער פּרעזידענט אַנואַר סאַדאַט. ער האָט דאָס דערמעגלעכט אונדזער קומען קיין קאַיר. אַדאַנק זיין מוט און געוואַגטקייט, וואָס איז דורך די איינוווינער פון מצרים אויפגענומען געוואָרן ווי אַ זאַך פון אומגעוויינלעכער העלדישקייט נאָך דרייסיק יאָר שנאה.

דער לויב און רום איז געווען געריכטעט צו זייער פירער, דעם פּרעזי־דענט; מיר, די ישראלדיקע זשורנאַליסטן, האָבן גענאָסן פון אַ גאַסט־פריינטלעכקייט, וואָס איז געווען מער ווי פריינטלעך — אין זכות פון דעם דאָזיקן לויב און רום פאַר זייער מנהיג.

אָבער די צוריקגעהאַלטנקייט בעתן קבלת־פּנים האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס די באַפעלקערונג האָט נישט געוווּסט, אין ערשטן טאָג פון אונדזער קומען, — צי זיי מעגן זיך פרייען מיט אונדז, אָדער נישט. און ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט מיט וואָס פאַר אַ האַרציקייט די מצרישע מנהיגים האָבן אויפגענומען די אָנפירערס פון דער ישראלדיקער דעלע־גאַציע אין זייער זיץ־אָרט אין „מענאַ־האַוז" — האָבן דאַן זיך געעפנט די דאַמבעס פון די נאַטירלעכע געפילן, און די צוריקגעהאַלטנקייט צוליב די וואַקלענישן און דער נישט זיכערקייט האָט אָפּגעטראָטן איר פּלאַץ דעם ספּאָנטאַנעם און אויפריכטיקן אויסדרוק פון די אמתע געפילן.

איינע פון די הויפּט־גאַסן פון קאַיר. רעכטס: דער בנין פון דער מצרישער טעלעוויזיע

די באַגעגעניש צווישן די ישראלים און די מצרים איז געווען ווי אַ באַגעגעניש צווישן צוויי אומבאַקאַנטע וועלטן. די בליקן פון די, וואָס האָבן זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, זענען געווען פול מיט

נייגעריקייט, ביי דער זייט פון דער גרייטקייט און פון דעם דעמאָנסטרירטן גוטן ווילן. אָבער די בליקן פון אונדזערע מצרישע גאַסטגעבערס האָבן אויסער דעם אויך אויסגעדריקט די פראַגע, וועלכע זיי האָבן זיך געהיטן ביים אָנהויב נישט אַרויסצוברענגען אָפן אויף זייערע ליפּן: וואָס האָט איר געברענגט מיט זיך, צי האָט איר געברענגט דעם שלום? צי האָט איר געברענגט עפּעס קאָנקרעטעס, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל קענען ביישטייערן צום דערגרייכן דעם שלום — צי האָט איר געברענגט אַן אַנטשפּרעכנדיקן ענטפער אויף דעם געוואָגטן אַקט פון סאַדאַטן?

אונדזערע מצרישע גאַסטגעבערס האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אייגנטלעך דער ציל פון אונדזער קומען קיין קאַיר; עס איז שווער געווען זיי איבערצוצייגן — נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך שוין דערנענטערט איינער צום אַנדערן און אָנגעהויבן שמועסן צווישן זיך, געווינענדיק מער אָפנהאַרציקייט און קעגנזייטיקן צוטרוי — אַז דאָס איז אַן ענין פון לאַנגע און מיפּולע אונטערהאַנדלונגען און אַז עס זענען פאַראַן פּראָבלעמען, וואָס עס וועט שווער זיין צו לייזן, און אַז מיר האָבן אויך אינערלעכע פּראָבלעמען און אינערלעך־פּאָליטישע העמונגען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון די פּאַרטייִשע און געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין לאַנד.

אָט אַזוי האָט אַ ישראלדיקער ייד, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט קאַיר אין די באַדינגונגען פון פאָרמעלן קריגסצושטאַנד, וואָס הערשט צווישן ביידע לענדער — געדאַרפט זיך אַן עצה געבן אין אָט דעם געווירבל פון גוטן ווילן און דערוואַרטונגען, וועלכע זענען אויסגעמישט אין דעם גאַנצן פּלאָנטער פון אונדזער ראַיאָן.

עס איז נישט געווען קיין איינציקער מענטש, וועלכן מיר האָבן געטראָפן אין לאַנד פון דעם נילוס, ער זאָל אונדז נישט פרעגן, צי מיר גלויבן אין שלום. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געפרעגט מער אָנטשידן: צי האָט איר געברענגט דעם שלום? און עס איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל נישט פּרווון אונדז פאַרזיכערן און איבערצייגן, אַז מצרים און אַלע אירע איינוווינער ווילן טאַקע שלום.

דאָס וואָרט „שלום" — „סאַלאַם", וואָס איז ביז איצט געווען אַן אַבסטראַקטער באַגריף — איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ קאָנקרעטע זאַך בעת זיי האָבן אים דערזען אין זיין ערשטער פאַרווירקלעכונג דורך דער עצם באַגעגעניש צווישן מענטשן פון ביידע לענדער. פון דעם שטאַנדפּונקט זענען מיר, די זשורנאַליסטן, געווען די וואָס האָבן מקיים געווען דעם שלום הלכה למעשה. כאָטש עס זענען נאָך אַלץ געזעסן די פאָרשטייער פון ביידע לענדער און פאַרהאַנדלט, און הגם דער פאָרמעלער שלום איז נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן און קיינער ווייסט נישט צי, און ווען, ער וועט ווערן דערגרייכט — זענען אָבער די ישראלדיקע זשורנאַליסטן שוין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון קאַיר ווי אין אַ באַפריינדעט לאַנד, און האָבן זיך אָנגעטראָפן אין יעדן אָרט אויף די אָרטיקע איינוווינער ווי אויף פריינט, ווי עס וואָלט קיין מלחמה־צושטאַנד נישט געווען צווישן ביידע לענדער.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז אויך דאָס וואָרט „ישראל" געוואָרן פאַר די איינוווינער פון מצרים אַ וואָרט פון מאַגישן באַדייט. ווייל אין די דאָזיקע

טעג, אין די טעג ווען מיר האָבן געוויילט אין מצרים נאָכן אָנהויב פון די קאַירער געשפּרעכן, האָט דאָס איינע וואָרט אַריינגענומען אין זיך דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון אַט די דערוואַרטונגען — נאָכדעם ווי ערשט מיט אַזאַ קורצער צייט פריער איז עס געווען דאָס צום מערסטן פאַרהאַסטע וואָרט אין די מיילער פון די זעלבע איינוווינער.



דער מחבר ווי אַ טוריסט — נעבן די פּיראַמידן פון גיזאַ.

אויף דער־אַ דערשיינונג האָבן מיר אָפּט זיך אָפּגעשטעלט אין אונדזערע שמועסן. מיר האָבן געוואָלט באַגרייפן די כוונות פון אונדזערע פריינט. מיר האָבן געוואָלט וויסן וויפל אויפריכטיקייט איז פאַראַן אין דער דאָזיקער מענטאַלער איבערקערעניש. איז דאָך די סיבה פון דער שנאה געלעגן אין דעם קעגנזייטיקן פעלן פון וויסן און פאַרשטענדעניש.

דעם ענטפער אויף דעם האָבן מיר באַקומען פון אונדזער פריינט פאַטבי באַדאַווי, אַ יונגער טעלעקס־אינזשיניער, וואָס איז געזעסן נעבן מיר אין דעם אויטאָבוס אויפן וועג קיין איסמאַיליאַ, פאַרן פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון דעם נילוס. דער דאָזיקער יונגער מענטש האָט פאַרלוירן אַ ברודער אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה און ער אַליין האָט זעקס יאָר געדינט אין דער אַרמיי, זיך באַטייליקט אין דער יום־כּיפּור מלחמה אויף דער מערבדיקער זייט פון קאַנאַל. כאָטש פאַר אים איז די מלחמה לחלוטין נישט געווען קיין אַבסטראַקטע זאַך — האָט ער אַלץ נאָך דאַן געקעמפט מיט אַן אַבסטראַקטן, מיט אַן אומבאַקאַנטן שונא.

— „ווי אַזוי וועלן מיר איצט קענען קעמפן, איך קעגן דיר און דו קעגן מיר, אויב עס זאָל, חלילה, אַדורכפאַלן דער גאַנצער עסק און עס זאָל אויסברעכן אַ נייע מלחמה?" — האָט מיך געפרעגט מיט אומרו מיין נייער מצרישער פריינט, און אַט די רייד האָבן אויסגעדריקט דעם אומרו פון דעם פּשוטן מענטש, אונדזער אַלטן שכן, מיט וועלכן מיר האָבן ערשט איצט זיך באַקענט.

ל. נ. 2.1.1978



אין הויז פון
סאַדאַטס יוגנט־יאָרן
אין זיין געבורטס־
דאָרף ראַס על קום.

אויבן: די סאָפע אונ־
טערן רונדיקן פענצטער
ביים סוף פון לאַנגן
סאַלאָן.

לינקס: דער מחבר פון
בוך אין אויפנאַם־
סאַלאָן פון סאַדאַטס
דאָרפישן הויז. דאָס
בילד און דער דיפּלאָם
אויף דער וואַנט —
„אַ מתנה פון מצרישן
פאָלק".

14.

אין די טעג פון דערוואַרטונג

אַנאַלאָגיעס, באַזונדערס היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס, זענען אַ געפערלעכע זאַך, זיי זענען אָפטמאָל אימשטאַנד צו פאַרפירן. דאָך איז עס אין דער טבע פון מענטשן צו פאַרגלייכן צווישן פאַרשידענע געשעענישן און אומשטענדן. דער פאַרגלייך דינט געוויינלעך ווי אַ מעסטער פאַר אונדזערע אָפּשאַצונגען.

האָב איך זיך אַלזאָ נישט געקענט איינהאַלטן פון פאַרגלייכן די טעג פון דעצעמבער 1977 מיט די פאַרכטיקע טעג פון מאַי — אָנהייב יוני 1967. ביידע זענען דאָס געווען טעג פון שטאַרקער עמאָציאָנעלער דערוואַרטונג: אין מאַי־יוני 1967 האָט מען מיט אומרו און שרעק דערוואַרט דעם אויסברוך פון דער מלחמה, וועלכע איז טאַקע געקומען; אין דעצעמבער 1977 האָט מען מיט ליכטיקע האָפענונגען דערוואַרט דעם אויסברוך פון שלום, וועלכער איז דערווייל נאָך נישט געקומען. אין יענע פאַרכטיקע טעג בין איך געווען אין ישראל; אין די איצטיקע דערהויבענע און האָפענונגספולע טעג האָט מיך דער גורל געבערענגט קיין קאַיר.



דער ערשטער קאָנ־טאַקט: אַ מצרי־שער טרעפּן־לייטער צום ישראלדיקן עראָפּלאַן.

מיר זענען געקומען אַהין דעם 13־טן דעצעמבער — אַ גרופּע ישראלדיקע זשורנאַליסטן, צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע צו דער קאָנפערענץ, וואָס איר אָפיציעלער נאָמען איז געווען: „קאַירער צוגרייטונגס־געשפּרעכן צו דער זשענעווער קאָנפערענץ וועגן מיטעלן מזרח״. דער ערשטער קאָנטאַקט איז געווען אַ טעכנישער — ווען דער ישראלדיקער עראָפּלאַן האָט אָנגערירט

דעם באַדן פון עגיפּטן און די אַרבעטער פון דער מצרישער פּלי־געזעלשאַפט האָבן צום עראָפּלאַן פון „אל־על" צוגעשטעלט דעם לייטער מיט דער אויפשריפט: „עדזשיפּשן עיר", און פון דעם ישראלדיקן עראָפּלאַן האָט אַראָפּגעשיינט די אויפשריפט: „שלום — סאַלאַם" אויף העברעיִש און אויף אַראַביש.

דאַן האָט זיך שוין אַנטוויקלט דער מענטשלעכער קאָנטאַקט — וועלכער האָט, אַגב, זיך געהאַט שוין אָנגעהויבן מיט דריי וואָכן פריער, מיט סאַדאַטס איבעראַשנדיקן, אומגלויבלעכן באַזוך אין ירושלים.

און אַט זענען מיר אין קאַיר, אין דער הויפּט־שטאָט פון דער פּיינטלעכבער מדינה. דאָס וועטער איז געווען אַביסל נישט מיט אַלעמען. קאַלט און וואַרעם, רעגן און זון. אַ זעלטענער און דריבנער רעגן אין קאַיִר. און אַזאַ איז אויך געווען די שטימונג ביי די מענטשן: שטאַרקער אָפּטימיזם — געמישט מיט אומרו, מיט זאָרג: טאָמער, חלילה, וועט דער שלום־עקספּערימענט אַדורכ־פאַלן, דער באַלאַן פון די דערוואַרטונגען וועט פּלאַצן; טאָמער, חלילה, ווער ווייסט...

דער הימל איז געווען אין יענעם טאָג שטאַרק פאַרוואָלקנט, אָבער די מענטשן האָבן געוואָרט אויף גוטע רעזולטאַטן. אַלע ווייסן ווי שווער דאָס איז, אַלע ווייסן ווי גרויס און ווי טיף עס איז דער תהום — דעריבער האָבן אַלע דערוואַרט נאָר אַ נס. ווייל טאָמער וועט דער נס נישט געשען — קען דאַן קומען, חלילה, אַן אומגליק.

אַזאַ איז געווען דאָס מענטשלעכע וועטער אין קאַיִר אין די טעג פון דערוואַרטונג, אין די ערשטע צוויי וואָכן פון דעם „מאָמענטום", וועלכן סאַדאַט האָט פריער געהאַט פּראָקלאַמירט אין ירושלים. און אין די צוויי וואָכן האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו מעסטן און צו פילן דעם דופּק פון פּשוטן מצרישן פאָלק, וואָס האָט, פּונקט ווי מיר, באַגערט דעם שלום און געלעכצט נאָך אים מיט דורשטיקן עקסטאַז. אַן אַרעם פאָלק, וואָס לעבט אין שאָטן פון די פינפטויזנט־יאָריקע פּיראַמידן מיט דער זעלבער שווייגנ־דיקער געדולדיקייט ווי זיי, די שטומע פּיראַמידן און ספינקסן — און האָט מורא געהאַט פאַר אַן אַנטוישונג. ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָבן זיי אין גרויס פאַרצווייפלונג דעמאָנסטרירט זייער פאַרביטערונג קעגן דעם שווערן יקרות און דער טיפער נויט. זייער צאָרן און פאַרביטערונג איז דאַן בלוטיק דערשטיקט געוואָרן דורך דער מאַכט, און זיי האָבן דעם ווייטיק נישט פאַר־געסן. אָבער ווען סאַדאַט איז געפאָרן קיין ירושלים, האָבן זיי אים אויפריכטיק געווונטשן ער זאָל חלילה נישט נכשל ווערן, ער זאָל נישט ווערן אַנטוישט, כדי זיי זאָלן נישט ווערן נאָכאַמאָל אַנטוישט אין אים...

דעריבער, ווען מיר זענען געקומען אין יענע טעג קיין קאַיִר, האָבן אונדז די פּשוטע מענטשן אויפגענומען מיט אַ סך אויפריכטיקער פריינטשאַפט. „צי האָט איר געבראַנגט מיט זיך דעם שלום?" — האָבן זיי געפרעגט אין זייער נאַיִווער דערוואַרטונג. מיר, די געוועזענע קינדער פון טייוול, זענען איצט פלוצים געוואָרן די מלאכים פון שלום...

אָבער וואָס האָבן מיר, זשורנאַליסטן, דען געקענט זיי ענטפערן? וואָס האָבן מיר געקענט זיי געבן, כדי צו באַפרידיקן זייער דורשט נאָכן שלום? פאַרשטייט זיך — נישט מער ווי דעם ווונטש און די האָפענונג, פאַר זיי און פאַר אונדז צוגלייך. סוף־כל־סוף, נישט מיר מאַכן די געשיכטע. די געשיכטע ווערט געמאַכט דורך די שליטים, אין די קאַבינעטן פון די רעגי־רונגען, און טיילמאָל, גאַנץ זעלטן — דורכן פאָלק. מיר זענען די אָבסער־וואַטאָרן, די וואָס באַשרייבן און רעגיסטרירן די געשיכטע, מיר זענען אירע אַקטיווע עדות.

מצרישע אַרבעטער ביים נילוס באַ־גריסן ישראלדיקע זשורנאַליסטן.

האָט אין יענע טעג זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג און מיר האָבן אַריינ־געבליקט אין יענעם לאַנד, ווו אַ באַפעלקערונג פון 40 מיליאָן נפשות מערט זיך אָן אויפהער אין דער גרינער דעלטע און אויף דעם שמאָלן פאַס לענג־אויס דעם נילוס אויף אַ באָדן, וואָס פאַרנעמט נישט מער ווי אַ שטח פון 35 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער, אַ קליינטשיקן ברוכטייל פון דעם ריזיקן מדבר־לאַנד פון אַ מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער; און מיר האָבן געזען דאָרט אַ פאָלק, וואָס האָט געירשנט די רייכע קולטור פון די אַלטערטימלעכע מצרים, די בויער פון די פּיראַמידן — און וואָס באַאַרבעט נאָך אַלץ דעם באָדן מיטן הילצערנעם אַקער איינגעשפּאַנט אין אָקסן.

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט צום אַהיימפאָר, האָבן אונדז די נייע מצרישע פריינט באַגלייט מיט גוטע ווונטשן און מיט בליקן פון דערוואַרטונג. און ווען מיר זענען צוריקגעקומען קיין ישראל, האָבן אויך אונדזערע אַלטע פריינט אונדז געפרעגט:

„האָט איר געבראַכט פון דאָרט דעם שלום?"...

„לעבנס־פראַגן", יאַנואַר־פעברואַר 1978

.15

דאָס שלום־מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט

„ד״ר בן־אלישר / איר האָט אַ זיסן שמייכל — און די אויגן אייערע זענען פול מיט מחשבות / איר מעגט טראַכטן וואָס איר ווילט / אָבער געדענקט, אַז איר זענט נישט דער איינציקער חכם / און איר זענט אויך נישט דער איינציקער וואָס האָט ליב זיין פאָלק... — — —

„איר ווילט אונדז פאַרניכטן / און מיר ווילן אייך פאַרניכטן / אָבער דאָס איז דאָך נישט מעגלער / דעריבער לאָמיר לעבן צוזאַמען״...

די דאָזיקע פערזן אונטערן קעפל „צו דעם ישראלדיקן פאַרהאַנדלער״, זענען דערשינען אין אַ רעמל אויבן אויף דער ערשטער זייט פון דער בכבודיקער מצרישער צייטונג „על אַהראַם״ פון 18־טן דעצעמבער 1977, אין פינפטן טאָג פון די קאַירער געשפּרעכן. אונטער דעם ליד זענען געווען אונטערגעשריבן די צוויי אותיות „ס.ג.״, וועלכע זענען די ראשי תיבות פונעם נאָמען פון דעם מצרישן דיכטער סאַלאַך גאַמיל.

דאָס באַווייזן זיך פון דעם דאָזיקן ליד אין דער מצרישער צייטונג האָט אַרויסגערופן אַ היפּשע אויפרודערונג צווישן די זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט יענעם פרימאָרגן אין דעם פּרעסע־צענטער אין „מענאַ־האַוז״. דאָס איז געווען אין די טעג פון די גרויסע האָפענונגען און פון דער אָפּטימיסטישער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין דער מצרישער הויפּט־שטאָט, אין די טעג פון דערוואַרטונג אויף אַ פּאָזיטיווער אַנטוויקלונג, וואָס וועט ברענגען גאָר גיך צום אונטערשרייבן אַ שלום־אָפּמאַך. דאָס איז געווען אין די טעג, ווען עס האָט זיך פאַרפלאָכטן אַ פריינטשאַפט צווישן די ישראלדיקע זשורנאַליסטן און זייערע מצרישע קאָלעגן, און אַ סך פון די ישראלים האָבן געשטוינט הלמאי עס איז פּלוצים דערשינען דאָס דאָזיקע ליד, און דווקא אויף אַזאַ בולטן אָרט און אין אַזאַ צייט.

אָבער קיין זאַך האָט נישט אַזוי געטריי, ווי גראָד דאָס דאָזיקע ליד, אויסגעדריקט די ווירקלעכקייט און דאָס אָנערקענען די ווירקלעכקייט מצד די מצרים, וועלכע זענען צוגעטראָטן צו די אונטערהאַנדלונגען ניכטערע, און שלום־מאַכנדיק מיט די פאַקטן.

„איר ווילט אונדז פאַרניכטן, און מיר ווילן פאַרניכטן אייך״. — האָט מען דאָך דעם דאָזיקן פּזמון געהערט אין מצרים און אין די אַנדערע אַראַבישע לענדער אַ לאַנגע צייט, און אויסער די אומגעהויערע קרבנות און שאָדנס צוליב די מלחמות, האָט קיין שום נוצן נישט געהאַט פון דעם

דאָס מצרישע פאָלק, וואָס קרעכצט אונטער דער שווערער עקאָנאָמישער לאַסט און וואָס ליידט נאָך אַלץ פון די רעזולטאַטן פון אַט דעם פּזמון.

אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ אין איסמאַיליאַ האָט ה׳ מנחם בעגין דערמאָנט, אַז אין זיינע געשפּרעכן מיטן מצרישן פּרעזידענט האָט זיין פּאַרטנער מודה געווען פאַר אים, אַז דער דאָזיקער צוגאַנג און די לאָזונג פון „אַריינוואַרפן די ייִדן אין ים אַריין״ — האָט גורם געווען אַן אומגעהויערן שאָדן די מצרים און דער גאַנצער אַראַבישער וועלט. ער האָט זיך אויך מודה געווען, אַז די דאָזיקע דאָקטרין, און דער אַראַבישער אָפּזאָג משלים צו זיין מיט דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל — זיי האָבן דאָס געהאָלפן דער פאַרשטייפונג פון ישראלדיקן צוגאַנג.

זיי זעען ישראלים צום ערשטן מאָל...

דער דאָזיקער באַוווסטזיין איז איצט אַריינגעדרונגען אין די מוחות פון די מצרישע מאַסן, וועלכע האָבן אויפגענומען מיט התלהבות די איניציאַטיוו פון זייער פּרעזידענט — נישט אין רעזולטאַט פון אַ פּלוצימדיקער איבערקערעניש אין זייער פונדאַמענטאַלער שטעלונג, נאָר דורך משלים זיין מיט דערווירקלעכקייט און דורך אָנערקענען די באַדערפעניש פאַר אַ רעאַליסטישן צוגאַנג, ווייל אַנדערש איז נישטאָ קיין אויסוועג פון דעם בלינדן געסל.

ווען מיר האָבן געפרעגט די מצרים, פאַרוואָס האָבן זיי די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן ביי די דאָזיקע שאָדן־ברענגענדיקע לאָזונגען, און פאַרוואָס האָבן זיי די גאַנצע צייט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די שטעלונג, וועלכע זיי האָבן איבערגענומען איצט — האָבן זיי בדרך־כלל געענטפערט מיט דעם אָנגענומענעם ווערטל: „בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל נישט״. אָבער זיי האָבן אויך פאַרענטפערט זייער פריערדיקע אויפפירונג מיט דער שטייפקייט פון דער ישראלדיקער רעגירונג. אין אָפנהאַרציקע שמועסן, האָבן זיי זיך מודה געווען אין דעם, וואָס מיר האָבן געוווּסט פון פריער, אַז ווען נישט די יום־כיפור מלחמה, וואָלט שווער געווען זייער פירער צו

מאַכן דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן שריט און צו אָנערקענען ישראל. זיי האָבן געטענהט, אַז עס זענען דורך זיי געמאַכט געוואָרן אַ סך פּרוּוון, און אַז זיי האָבן שוין אַ סך מאָל געמאַכט רמזים וועגן דער דאָזיקער גרייטקייט און האָבן זיך אַלעמאָל אָנגעשטויסן אויף אַן אָפּזאָג אָדער אויסמיידנדיק מצד ישראל. גלייכצייטיק אָבער האָבן זיי אויך ביז איצט נישט געוואָגט אַפילו אַרויפצוברענגען אויפן גדאַנק די עצם מעגלעכקייט, אַז זייער מנהיג וועט איניציאירן דירעקטע געשפּרעכן מיט ישראל — און מיט דעם זענען זיי זיך נתפּעל, און פאַר דעם זענען זיי דאַנקבאַר זייער „ראַיס".

*

די דירעקטע געשפּרעכן צווישן סאַדאַטן און בעגינען און צווישן ביידע דעלעגאַציעס אויף דער קאַירער קאָנפערענץ האָבן געבראַכט צו אַ דירעקטן קאָנטאַקט פון די צענדליקער זשורנאַליסטן און די מענטשן פון דער ישראל־דיקער עלעקטראָנישער קאָמוניקאַציע, מיט די איינוווינער פון מצרים. דער דאָזיקער קאָנטאַקט האָט זיך באַרעכטיקט. די צדדים האָבן געלערנט דער־קענען איינער דעם אַנדערן, און די דאָזיקע באַקענונג מוז פירן צו אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש. דאָס איז, ווייזט זיך אַרויס, אַ גאָר וויכטיקער עלעמענט אין דעם פּראָצעס פון מאַכן שלום.

די מצרים, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אין יעדן אָרט און אין אַלע קאָנטאַקטן בעת אונדזער באַזוך אין זייער לאַנד, האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי האָבן געהאַט וועגן אונדז זייער אַ נעגאַטיוון באַגריף. סיי אַלס ישראלים און סיי אַלס ייִדן. זיי האָבן אין אונדז געזען די שליחים פון טייוול. אַזוי האָט דאָך אונדז געשילדערט די אָפיציעלע פּראָפּאַגאַנדע. און אָט דערשיינען מיר איצט פּלוצים פאַר זיי ווי געוויינלעכע מענטשן, אַזוי ווי זיי.

אָבער דער דאָזיקער נייער אופן פון זען די ווירקלעכקייט איז באַווירקט נישט ווייניק פון די איבערקערענישן פון אָט דער ווירקלעכקייט, און ער איז נישט ווייניק אָפּהענגיק פון די הצלחות און דורכפאַלן אין דעם פּראָצעס פון די אונטערהאַנדלונגען. די דאָזיקע זאַך שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם טאָן פון די ידיעות און פון די אַרטיקלען אין דער מצרישער פּרעסע.

אַזוי, למשל, זענען מיר דערשטוינט געוואָרן לייענענדיק אַ געווויסן טאָג אַ ידיעה אין דער מצרישער צייטונג „עדזשיפּשן גאַזעט", וואָס דערשיינט אין דער ענגלישער שפּראַך — פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ ישראל־דיקע, און נישט קיין מצרישע צייטונג. עס רעדט זיך דאָרט וועגן דעם, אַז פון איצט אָן וועלן זיך פאַרגרעסערן די מערבדיקע אינוועסטיציעס אין מיטעלן מזרח, און אין דעם טעקסט פון דער ידיעה ווערט דערציילט דער עיקר וועגן דער מעגלעכקייט פון פאַרגרעסערן די אינוועסטיציעס אין ישראל...

אָבער אַן אַנדערן טאָג האָבן מיר געקענט לייענען אין אַ לייט־אַרטיקל אין דער זעלבער צייטונג, אַז ישראל האָט נישט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען קיין „היסטאָרישע רעכט" אויף ארץ ישראל, ווייל די ייִדישע הערשאַפט אין דעם דאָזיקן לאַנד איז געווען, שרייבט די צייטונג, בלויז אַ גאָר קורצער

עפּיזאָד אין דער געשיכטע פונעם מיטעלן מזרח. אין דעם לייט־אַרטיקל ווערט געזאָגט, אַז די יידישע קריסטאַליזירטע הערשאַפט אין ארץ ישראל האָט געדויערט נישט מער ווי הונדערט יאָר, אין דער תקופה פון די מלכים שאול, דוד און שלמה — און נישט מער. דאַקעגן האָבן איבערגעלאָזט אַ סך אַ מער בולטן שטעמפּל אויף דער געשיכטע פון לאַנד און האָבן געווירקט פיל לענגערע תקופות — די כנענים, די פלישתים, די מאַמאַלוקן, די שומרונים, די אדומים, די פעניקיער און אַנדערע, און אַפילו די קרייץ־טרעגער — און מער פון אַלעמען, פאַרשטייט זיך, די אַראַבער, טענהט די מצרישע צייטונג.

אין דער דאָזיקער זיך בייטנדיקער אַטמאָספער צוליב די ענדערונגען אין די רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ, האָבן די זעלבע צייטונגען געקענט אין איין טאָג אָנגרייפן די פּאַלעסטינעזישע עקסטרעמיסטישע פירער און אַרויפוואַרפן אויף זיי די אחריות פאַרן גורל און פאַר די ליידן פון פּאַלעסטינעזישן פאָלק — און אויף צומאָרגנס אָנגרייפן ישראל, הלמאי זי איז נישט גרייט זיך צו רעכענען מיט די דאָזיקע ליידן און אַנטקעגנ־צוקומען די פאָדערונגען פון פּאַלעסטינעזישן פאָלק וועגן מלוכהשער זעלבשטענדיקייט.

און צום סוף — די זעלבע אָנערקענונג און די „נייע באַנעמונג פון דער ווירקלעכקייט" האָט נישט אָפּגעהאַלטן די מצרישע וואָכן־צייטונג „אַכבאַר על יום" אַרויסצוקומען די טעג מיט אַ בייסיק־שאַרפן אָנגריף אויף בעגינען, נאָכדעם ווי דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, מוסטאַפאַ אַמין, האָט זיך אַנטוישט אין די רעזולטאַטן פון דער איסמאַיליאַ־באַגעגעניש. אין זיין אַרטיקל האָט דער רעדאַקטאָר פון דער מצרישער צייטונג פאַר־גליכן בעגינען צו שיילאָקן, דעם יידישן גייציקן סוחר פון ווענעציע אין שעקספּירס דראַמע, און דערביי אויך באַמערקט, אַז בעגין דאַרף דאַנקען גאָט וואָס מ'האָט אים אַרויסגעלאָזט פון מצרים און ער האָט נישט באַקומען קיין קלעפּ...

דאָס אַלץ לערנט אונדז ווי שטאַרק קאָמפּליצירט און פאַרפּלאָנטערט די ווירקלעכקייט איז — אויך נאָך דעם ווי דער מצרישער פירער און זיין פאָלק האָבן אויפגעעפנט די אויגן און באַשלאָסן שלום צו מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט.

ל. נ. 8.1.1978

16.

די פאַבריק פון רעוועלאַציעס

עס וואָלט אינטערעסאַנט געווען צו וויסן וואָס עס האָבן געפילט די אַראַבישע נאַפּט־שייכן, באַזונדערס די גבירים פון די לענדער, וואָס געהערן צו דעם „פּראָנט פון אָפּזאָג״, ווען זיי האָבן זיך דערוווסט ווי אַזוי די ישראַלדיקע פאַרשטייער און זשורנאַליסטן האָבן זיך „באַזעצט״ אין דעם פּראַכטפולן האָטעל אין „מענאַ־האַוז״ אין קאַיר. די דאָזיקע אַראַבישע נאַטאַבלען און פּרינצן, וואָס באַזוכן אָפט דעם אַריסטאָקראַטישן פּרעסטיזש־האָטעל, האָבן זיכער זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז די ישראַלים וועלן אַ געוויסן טאָג „אָקופּירן״ דאָס דאָזיקע אָרט און וועלן זיך פילן אַזוי פריי און היימיש אין אָט דער אָריענטאַלישער געביידע, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דורך די טערקישע הערשער מיט איבער הונדערט יאָר צוריק אין סטיל, וואָס דערמאָנט די לעגענדעס וועגן די פאַרשווענדערישע רייכ־טימער פון די אָריענטאַלישע הערשער.

די ישראַלים, וועלכע האָבן זיך גיך אַקלימאַטיזירט און צוגעפּאַסט צו דער אַטמאָספער אויפן אָרט, האָבן אויך אַרויסגעוויזן זייער באַהערשונגס־פעיִקייט אין אָט דעם הויז, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען געווען נאָר אַ קליינע גרופּע צווישן די הונדערטער פרעמדע און מצרישע זשורנאַ־ליסטן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אַהער. דער האָטעל איז געוואָרן דער פאָקוס פון דער וועלט־פּאַראינטערעסירונג אין משך פון די געציילטע וואָכן, וואָס עס איז דאָ פאַרגעקומען די קאַירער קאָנפערענץ.

דעם נייעם — צייטווייליקן — כאַראַקטער פון דעם אָרט נאָך סאַדאַטס „שלום־איבערקערעניש״ האָט אויף אַ גאַר בולטן אופן סימבאַליזירט אַ סורעאַליסטיש בילד, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן ווען מיר זענען געזעסן אין דעם סופּער־עלעגאַנטן „כאַן כאַלילי״, דעם רעס־טאָראַן פון האָטעל (כאַן כאַלילי״ איז אויך דער נאָמען פון דעם אַלטן באַרימטן „וואַנצן־מאַרק״ פון קאַיר) : צוויי קאַרטאָן־שאַכטלעך זענען געלעגן אויפן טיש נעבן פענצטער, אויפן פאָן פון די פּיראַמידן פון גיזאַ, וועלכע מ׳האָט געזען דורך דעם געפּרענדזלטן פאָרהאַנג, וואָס באַדעקט דאָס גרויסע פענצטער פון אַלהאַמבראַ־סטיל, איינגערוימט אין דעם פּלאַמ־באַיאַנישן בויגן־געוועלב פון דער אַראַבישער אַרכיטעקטור. אויף די שאַכט־לען איז געווען אָנגעצייכנט דער עק פון אַ „באַינג״־עראָפּלאַן פון „אל־על״, מיט דער אויפשריפט : „כשר״...

דאָס כשרע עסן האָט מען אָבער געבראַכט נישט פון ישראַל, נאָר פון עסטרייך, אונטער דער השגחה פונעם הויפּט־ראַבינאַט פון בריסל.

דער דאָזיקער פאַקט האָט אָבער נישט פאַרמינערט דעם אומגעוויינלעכן מעמד פון אָט דעם צוזאַמענפלעכט פון קעגנזאַצן, וועלכער האָט סימבאָליזירט דעם געפלעכט פון די אומשטענדן, אין וועלכע עס איז געקומען צו דער היסטאָרישער באַגעגעניש אין קאַיר. און ווי עס האָט מיר דערציילט אין ערשטן טאָג נאָך אונדזער קומען דער יונגער, אין אינדיע געבוירענער, פאַרוואַלטער פון דעם האָטעל, ה׳ וואַדיאַ האָמי, פון דער אינדישער געזעלשאַפט, וועלכע פירט אָן מיט דעם האָטעל, איז נישט געווען קיין איינער צווישן די ישראלים, וואָס זאָל פאַרלאַנגען כשר עסן, כאָטש ער האָט באַשטעלט פון אויסלאַנד 150 כשרע פאָרציעס, וואָס ווערן געבראַכט מיט אַן עראָפּלאַן. אָבער אויף צומאָרגנס האָבן זיך דאָך אָפּגעפונען אַ צוויידריי אָפּגעהיטענע יידן, איינער פון זיי אַ שליח פון „הצופה״: זיי האָבן געוואָרנט, אַז עס קען חלילה נאָך אויסברעכן אַ רעגירונגס-קריזיס אין ירושלים, אויב מ׳וועט נישט זאָרגן פאַר כשר עסן אין קאַיר... דעריבער האָבן די פאַרוואַלטערס פון דעם רעסטאָראַן זיך צוגעאיילט און אַרויסגעשטעלט די צוויי קאַרטאָנענע שאַכטלעך מיט דער אויפשריפט „כשר״, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס נייגער ביי אונדזערע מצרישע קאָלעגן, אויפן פאָן פון די אייביקע פּיראַמידן אין לאַנד פון נילוס. דאָס דאָזיקע בילד האָט ווירקלעך אויסגעזען ווי אַ רעקלאַמע-בילד פון באַקאַנטן סאָרט פון ביליקן קיטש — ווען דאָס וואָלט נישט געווען די אמתע ווירקלעכקייט פון דעצעמבער 1977.

די דאָזיקע ווירקלעכקייט האָט דאָס צוזאַמענגעבראַכט אין דעם רייכן האָטעל, וואָס געפינט זיך אין דער פאָרשטאָט גיזאַ, דרייצן קילאָמעטער פונעם צענטער פון קאַיר, איבער טויזנט זשורנאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע זענען געהיטן געוואָרן טאָג און נאַכט דורך אַזאַ ענלעכער צאָל מצרישע זיכערהייטס-לייט, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף אַלע שטאָקן און ביי יעדן איינגאַנג, און אויך ביי די דריי־פיר באַריערן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פאַרן איינגאַנג צום שטח פון האָטעל.

דאָס הייסט נישט, אַז די זשורנאַליסטן זענען געווען אין אַ מין „הויז־אַרעסט״ און אַז זיי האָבן נישט געקענט זיך פריי באַוועגן אין קאַיר און איבער מצרים. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער זיכערהייט האָבן זיך באַמיט צוצושטעלן אַ מצרישן זיכערהייט-באַגלייטער פאַר יעדער גרופּע אָדער פאַר יעדע עטלעכע זשורנאַליסטן, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַרויסלאָזן אין שטאָט אַריין אויך פאַר זייערע פּערזענלעכע צוועקן. אָבער פּונקט אַזוי ווי אין יעדן אַנדערן תחום האָט אויך דאָ געאַרבעט „פלייסיק״ די מצרישע ביוראָקראַטיע, און יעדע בקשה איז געווען באַגלייט מיט אָפּשלעפּעניש און פאַרלוסט פון טייערער צייט. דעריבער פלעגן די מענטשן שוין געפינען אַ וועג ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דעם זיכערהייטס-רינג און צו באַקענען מצרים און אירע איינוווינער אָן דער הילף פון „פאַרמיטלערס״. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך אָן די פאַרמיטלערס זענען די ישראלים אויפגענומען געוואָרן גאָר פריינטלעך, אָפטמאָל אַפילו מיט התלהבות, דורך די פּשוטע פאָלקס-מענטשן און מענטשן פון אַלע שיכטן ווען מ׳האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס ישראלים.

אָבער דער פּרעסע־צענטער, װעלכער איז איינגעאָרדנט געװאָרן דורך די מצרישע מאַכט־אָרגאַנען אין אַ גרויסן זאַל פון דעם האָטעל, איז גאָר גיך פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ פאַבריק, װאָס האָט געליפערט נייעס און קלאַנגען פאַר דער גאַנצער װעלט װעגן דעם װאָס עס קומט פאָר, אָדער װאָס עס קומט נישט פאָר, אויף די געשלאָסענע זיצונגען פון דער קאַירער קאָנפערענץ. דער אָפיציעלער װאָרטזאָגער פון דער קאָנפערענץ, דער קלוגער ד״ר סאַיד מאָרסי, ביי װעמען דער שמייכל איז קיינמאָל כמעט נישט פאַרשװוּנדן פון פּנים, פלעגט פון צייט צו צייט צוזאַמענרופן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין דעם גאָרטן־רעסטאָראַן נעבן דעם שװים־באַסיין פון האָטעל. אָבער זיינע דערקלערונגען זענען לרוב געװען אָפיציעלע קאָמוניקאַטן, װאָס האָבן געװיינלעך געקלונגען אין טראַפאַרעט־נוסח, אַז די קאָנפערענץ איז זיך צוזאַמענגעקומען און באַהאַנדלט די לויפנדיקע פּראָבלעמען און באַשלאָסן זיך װידער צונויפצוקומען מאָרגן די און די שעה, כדי װייטער צו באַהאַנדלען די פּראָבלעמען, װאָס שטייען אויף דער טאָג־אָרדענונג... אויך אין זיינע ענטפערס אויף די פראַגן האָט ער געװוּסט זיך אַרויסצודרייען מיט קלוגשאַפט און מיט האַרציקייט פון יעטװעדער פאַרפּליכטנדיקער דערקלערונג. די עיקרדיקע נייעס האָבן די זשורנאַליסטן געשעפּט פון די קװעלן, װאָס יעדער איינער האָט מצליח געװען זיך איינ־צושאַפן פון צװישן די מיטגלידער פון די דעלעגאַציעס, יעדער לויט זיינע קאָנטאַקטן און פאַרבינדונגען, און אויך — פון די זשורנאַליסטן, מיט װעלכע מ׳האָט זיך באַפריינדעט זיצנדיק מיט זיי צוזאַמען אין די טעג פון דער קאָנפערענץ אינעם פּרעסע־צענטער.

אַלפרעד עטערטאָן, דער אָנפירער פון דער אַמעריקאַנישער דעלעגאַציע צו די געשפּרעכן אין קאַיר, באַדינט זיך מיט עסן אין גאָרטן־רעסטאָראַן פון „מענאַ־האַוז״.

כאָטש די קאָנפערענץ אין קאַיר איז אין יענע טעג געווען דער פאָקוס, וואָס האָט קאָנצענטרירט און צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט, האָט זי אָבער נישט געליפערט קיין איבעראַשנדיקע ידיעות. מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז די וויכטיקע באַשלוסן וועלן אָנגענומען ווערן מחוץ אירע ווענט און אויף אַ העכערן ראַנג. דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז איינציקע נייעס האָבן זיך „אויסגעקאָכט" אין דעם פרעסע־צענטער אויף אויפן סמך פון געדאַנקען־ספעקולאַציעס, פון שמועסן צווישן זשורנאַליסטן און פון אַנאַליזירן די לאַגע, ווען די מעגלעכע אַנטוויקלונגען פלעגן זיך פאַרוואַנדלען אין קלאַנגען און פון קלאַנגען אין „ידיעות" — און אַזוי פלעגן זיך נישט זעלטן פאַרשפרייטן איבער דער וועלט אַזעלכע ידיעות, וואָס פלעגן פאַרנעמען די הויפּט־קעפּ פון די צייטונגען און פלעגן נאָכדעם אָפגעלייקנט ווערן...

אַזעלכע ספעקולאַטיווע ידיעות האָבן מיר געקענט זען אָפּגעדרוקט אויף די ביולעטינען פון די נייעס־אַגענטורן, וואָס זענען אויפגעהאַנגען געוואָרן אויף די מעלדונגס־טאָוולען ווי נאָר זיי זענען אַרויס פון טעלעפּרינטער קורץ נאָכדעם, ווי אַ קלאַנג אָדער אַ השערה איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך איינעם פון די אַנוועזנדיקע זשורנאַליסטן אין זאַל — און קאָרעס־פּאָנדענטן פון דער גאַנצער וועלט פלעגן גלייך אַראָפּשרייבן די ידיעות פון די ביולעטינען פון די גרויסע נייעס־אַגענטורן און אַריבערטעלעפאָנירן זיי אין זייערע רעדאַקציעס מיט אַ צוגאָב פון „פאַרב", דהיינו מיט אַן אייגענעם קאָמענטאַר פון דעם קאָרעספּאָנדענט. אָבער עס זענען אַרויס פון אַט דעם זאַל אין דער ברייטער וועלט אַריין אויך „סקופּן", וואָס האָבן געשפּייזט די וועלט־פּרעסע מיט וויכטיקן לייען־מאַטעריאַל.

אין גרויסן זאַל פון דעם פּרעסע־צענטער האָבן געאַרבעט זייט־ביי־זייט די מאַנשאַפטן פון דער מצרישער נייעס־אַגענטור „מיטעלער מזרח" און פון „רויטער", „אַסאָשייטעד פּרעס", „יו. פּי.", „פראַנס פּרעס" און אַנדערע, מאַנשאַפטן פון די גרעסטע טעלעוויזיע־ און ראַדיאָ־נעצן פון אייראָפּע, פון יאַפּאַן און פון אַמעריקע; מ׳האָט דאָ געקענט טרעפן זשורנאַליסטן מיט אַ וועלט־נאָמען, אַזעלכע ווי די אַמעריקאַנער קאַרל טשאַנסלער, דזשעימס אַנדערסאָן און אַרנאָ דע באָרשגרייוו, און דעם אין מצרים געבוירענעם פראַנצויזישן ייִד עריק רולאָ.

שטאַרק נישט באַקוועם האָבן זיך געפילט אין דער געשאַפענער לאַגע די צוויי פאַרשטייער פון דער סאָוועטישער „טאַס"־אַגענטור קאָנסטאַנטין דאַנדאַראָוו און מיכאַיִל קאָזשעווניקאָוו, וועלכע האָבן אויך פאַרטראָטן די „פּראַוודאַ" און דעם „טרוד"; עטוואָס היימישער, אָבער אויך נישט אינ־גאַנצן באַקוועם צוליב זיין ספּעציפישער לאַגע, האָט זיך געפילט דאָ דער זייער אינטעליגענטער פאַרשטייער פון דער פוילישער פּרעסע־אַגענטור („פּאַפּ") טאַדעוש יאַצקאָווסקי, וועלכער פלעגט קומען גאַנץ זעלטן אין „מענאַ־האָוז" און מיט וועלכן מיר האָבן געהאַט אַ לענגערן, ביז גאָר באַלערנדיקן, שמועס.

און איר האָט געקענט דאָ אויך טרעפן קאָרעספּאָנדענטן פון ראַדיאָ, פון דער טעלעוויזיע און פון דער גרויסער וועלט־פּרעסע, וועלכע זענען געווען גליקלעך צו עפענען אַ שמועס אין אַ פּליסיקן, זאַפטיקן ייִדיש און זיך אָפּצורוען פון דעם גרויסן הו־האַ אין דעם טומלדיקן וועלט־מאַרק פון ידיעות און רעוועלאַציעס — צוריקקערנדיק זיך צום מאַמע־לשון, וועלכן אַ טייל פון זיי האָבן נישט פאַרגעסן, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען שוין לאַנגע יאָרן געווען אָפּגעריסן פון דעם באַקאַנטן קלאַנג, וועלכן זיי האָבן צופעליק ווידער דערהערט פון אַ ייִדישן זשורנאַליסט פון ישראל — גראָד אין קאַיר...

ל. נ. 10.1.1978



זשורנאַליסטן ביים איינגאַנג צום פּרעס־סע־צענטער.

17.

דער שווייגנדיקער ספינקס

דאָס פּאָליטישע וועטער האָט זיך ווידער געענדערט. נעכטן איז געווען קאַלט, היינט איז פאַרוואָלקנט, טיילווייז געלייטערט. דער ספינקס, דער אַלטער סימבאָל פון מצרים, קוקט זיך צו שווייגנדיק צו די כסדרדיקע ענדערונגען פון דער לאַגע, קוקט אויף דעם טומל און גערודער פון דעם היסטאָרישן „מאָמענטום", וואָס גייט־אָן פאַר די אויגן פון דעם אייביקן עדות פון דער געשיכטע.

די טעג איז געוואָרן אַ יאָר זינט דער געשעעניש, וואָס האָט כמעט צעטרייסלט דעם רעזשים פון סאַדאַט, וועלכער ווערט היינט באַצייכנט אַלס דער „גיבור פון שלום". מיט אַ יאָר צוריק, דעם 18־טן און 19־טן יאַנואַר 1977, איז דערשטיקט געוואָרן אַ בונט קעגן דעם רעזשים אויפן פּאָן פון דעם יקרות און פון דער נויט אין מצרים.

אין די אויגן פון דער וועלט צייכנט זיך אָן דאָס וואָרט „מצרים" אין דער געשטאַלט פון די פּיראַמידן, ספינקסן און אַלטערטימלעכע טעמפּלען. היינט ווערן צו דעם צוגעגעבן: דער סועץ־קאַנאַל און דער פּרעזידענט סאַדאַט, וועלכער האָט זוכה געווען צו געווינען דעם טיטל „דער מאַן פון דעם יאָר" אין דעם אַמעריקאַנער „טיים"־מאַגאַזין.

פאַר די ייִדן איז מצרים דאָס לאַנד, וואָס באַגלייט די געשיכטע פון יידישן פאָלק און זיינע תפילות זינט יציאת מצרים ביז אונדזערע טעג, די טעג פון אומגעריכטע שלום־געשפּרעכן נאָך דער מלחמה פון די דרייסיק יאָר.



אַזוי ווי מיט פינף טויזנט יאָר צוריק: דאָס וואַסער־ראָד און דער אָקס — באַוואַסערן די פעלדער.

אָבער ווען עס זענען געעפנט געוואָרן די טויערן פון מצרים פאַרן ישראלדיקן בירגער — הגם נאָך אַלץ נישט פאַר קיין מערערע ישראלדיקע בירגער — האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ לאַנד, וואָס איז אַנדערש פון די אַלע פאַרשטעלונגען, אין וועלכע מיר זענען געוווינט געווען עס צו זען: אַ לאַנד, וואָס איז שווער צו באַצייכענען לויט אַ ספּעציעלן כאַראַקטער־שטריך, ווייל אַ סך שטריכן כאַראַקטעריזירן עס. אויפן ערשטן אויגנבליק ווערט דער באַזוכער שאָקירט פון דער פּילפאַרביקייט און דעם געמיש פון אַלץ מיט אַלעמען. אַ לאַנד פון אומגעהויער טיפע קעגנזאַצן, פון קאָלאָסאַלער רייכקייט און אומבאַשרייבלעכער אָרעמקייט; אַ לאַנד פון באַזונדערס־אַרטיקן קאָלאָריט אינמיטן דעם איינטאָניקן געלן מדבר.

און פּונקט ווי די לאַנדשאַפט — אַזוי אויך דער מצרישער מענטש.

דער אָנדענק פון דער ערשטער באַגעגעניש

איך פּרוביר זיך דערמאָנען און רעסטאַווּרירן אין מיין זכּרון די געפילן מיינע אין די מינוטן פון מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אָט דעם שכנותדיקן לאַנד, וואָס איז געווען — און איז נאָך אַלץ — אַזוי ווייט און אַזוי אומ־באַקאַנט און אומבאַגרייפלעך. אויף אַ גלייכער לופט־ליניע איז דער מרחק פון לוד ביז קאַיר סך־הכּל 40 מינוט פליען; די פלי־צייט פון דעם עראָפּלאַן, וואָס האָט געפירט דעם פּרעמיער פון ישראל קיין איסמאַיליע, איז געווען נאָך ווייניקער: 35 מינוט. אָבער דער ערשטער פלי פון דעם „אל על״־עראָפּלאַן אויף דער ליניע לוד—קאַיר, מיט וועלכן עס איז געפלויגן די דעלעגאַציע צו די געשפּרעכן אין קאַיר מיט איבער אַ חודש צוריק, האָט געדויערט אַ שעה מיט פערציק מינוט — ווייל דאָס איז נאָך אַלץ געווען אַן אומדירעקטער פלי דורכן מיטללענדישן ים און אַלעקסאַנדריע, און נישט איבער דעם שטרייטפּולן אינדזל סיני. די דאָזיקע אויסמיידנדיקע ליניע האָט אויך סימבאָליזירט די וואַקלענישן אין די ישראל־עגיפּטישע באַציִונגען ביים אָנהויב פון דעם שוווּנג פונעם שלום־פּראָצעס, וואָס אויך ער פירט זיך נישט אויף קיין גלייכער ליניע...

וויפל מיינע קאָלעגן זשורנאַליסטן זאָלן נישט האָבן פּרובירט צו דעמאָנ־סטרירן די ציניִשקייט פון דער פּראָפעסיע, און וויפל זיי זאָלן נישט האָבן פּרובירט זיך צו ווּיצלען אויפן חשבון פון דער געשיכטע און פון „מאַכן געשיכטע״ — האָט מען נישט געקענט זיך נישט איבערנעמען מיט דער מעלדונג, וואָס מיר האָבן דערהערט פון דעם פּילאָט, אַז מיר זענען טאַקע אַריין אין דער געשיכטע: מיר זענען אַריין אין דעם לופט־געביט פון עגיפּטן און מיר פליען איבער די זאַמדן פון דער מצרישער וויסטע. ישראל־דיקע עראָפּלאַנען זענען שוין אַ סך מאָל אַריינגעדרונגען אין דעם לופט־רוים פון מצרים, און אַ סך מאָל זענען זיי דאָרט געפלויגן ווי ביי זיך אין דער היים; אָבער אונדזער פלי איז געווען דער ערשטער פרידלעכער פלי פון אַ ישראלדיקן ציווילן עראָפּלאַן.

די אומענדלעכע זאַמדן און די הייזער, וואָס זענען ווי איינגעפלאַנצט געוואָרן אין אָט די זאַמדן, האָבן ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן באַווייזן פאַר

אונדזערע אויגן. מיר האָבן דערזען, אַז דער מדבר באַהערשט דאָס לעבן — און נישט פאַרקערט. גרוי־געלער זאַמד, פאַרברענט פון דער מיטלמזרח־דיקער זון, אָדער אפשר איז דאָס גאָר די זון פון צפון־אַפריקע?

עפּעס טרויעריקס שלאָגט אַרויס פון דער דאָזיקער איינטאָניקייט. פּאַמעלעך באַווייזן זיך גרעסערע הייזער, וואָס ווערן אַלץ געדיכטער און געדיכטער, און אויך די זעען אויס ווי איינגעגראָבן אין דעם געלן זאַמד. זייער קאָליר איז ווי די קאָליר פון דעם זאַמד אַרום זיי; און אַזוי איז אויך די פאַרב פון די מענטשן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט שפּעטער, ווען מיר זענען פאַרבייגעפאָרן איבער די גאַסן פון דער שטאָט קאַיר מיט אירע אַכט ביז עלף מיליאָן איינוווינער.

אַ מיליאָן נייע מיילער יעדעס יאָר

די גענויע צאָל איינוווינער פון קאַיר קען מען קיינמאָל נישט וויסן, פּונקט ווי מ׳קען נישט וויסן גענוי די צאָל איינוווינער פון גאַנץ מצרים. דאָס ריזיקע לאַנד, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף אַ שטח פון בערך אַ מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער, האָט נישט מער ווי 3.5 (דריי מיט אַ האַלבן!) פּראָצענט פרוכטבאַרן באָדן, אויף וועלכן עס לעבט אַ באַפעלקערונג פון 40 מיליאָן נפשות.

מיט אַ יאָר צוריק האָט די צאָל איינוווינער באַטראָפן מיט אַ מיליאָן נפשות ווייניקער. באַהאַוונטע מענטשן טענהן, אַז אין דער הויפּט־שטאָט פון מצרים געפינען זיך אין משך פון טאָג עלף מיליאָן מענטשן, אָבער עס בלייבן דאָרט נעכטיקן נישט מער ווי פינף מיליאָן. די איבעריקע פאַרלאָזן אין אָוונט די שטאָט, כדי זיך צוריקצוקערן אַהין צומאָרגנס פאַרטאָג. דאָס שטערט אָבער נישט עס זאָלן צוקומען הונדערטער־טויזנטער פרישע מיילער נאָך נייַן חדשים... דער לעבנס־באַזיס פון דער שטאָט איז נישט מער ווי פאַר צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן איינוווינער. דעריבער קענען מיר זען נעבן די פּרעכטיקע גאַסן אין צענטער פון קאַיר און נעבן די פּראַכטפולע גרויסע הייזער — נישט געפּלאַסטערטע געסעלעך מיט גריבער און קאַלוזשעס און אָן טראָטואַרן, אָבער מיט הייזער, פון וועלכע עס שרייען אַראָפּ דער דלות און די אָרעמקייט. די דאָזיקע אָרעמקייט טרעפן מיר אין יעדן ווינקל פון מצרים לענגאויס דעם נילוס, וועלכער איז דער איינציקער לעבנס־אָדער, וואָס באַוואַסערט און באַשפּייזט די באַפעלקערונג, וואָס האַלט זיך אין איין פאַרמערן: בערך אַ מיליאָן נייע מיילער קומען צו יעדעס יאָר צו דער באַפעלקערונג פון מצרים.

אין קאַיר, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט פון דעם לאַנד, ווערן די לעבנס־אַרטעריעס זייער אָפט פאַרשטאָפּט — אָבער דאָס לעבן שטראָמט, נישט געקוקט אויף די שטערונגען אין דער צעטרייסלטער ווירטשאַפט פון עגיפּטן. די פאַרקער־געזעצן ווערן איגנאָרירט — נישט אָפּגעהיט אין דער פילמיליאָניקער הויפּט־שטאָט — אָבער דאָס לעבן האָט זיך איינגעשאַפט אַן אייגענע געזעצמעסיקייט אין אָט דעם תוהו ובוהו; פאַרקער־פאַרשטאָפּונגען שאַפן זיך אָן אויפהער, צו יעדער מינוט, אויף יעדער פאַרקער־אַרטעריע — אָבער

זיי צעפּליסן זיך זייער גיך, ווייל דאָס לעבן דאַרף ווייטער שטראָמען און געפינען אַן אויסוועג פון אָט די פאַרשטאָפּונגען אין דעם פּאַרקער ווי אין לעבן פון דעם לאַנד.

טויבן און מענטשן

אין די ווייטע פאַרוואָרפענע מקומות, אין פאַיום, בעני סואף און אין אַנדערע ערטער לענגאויס דעם נילוס, האָבן מיר געזען דאָס אמתדיקע לעבן פון מצרישן פאָלק, וואָס לעבט אַזוי, ווי עס האָבן עס געזען די דערנעבן שטייענדיקע פּיראַמידן און ספינקסן מיט פיר און מיט פינף טויזנט יאָר צוריק. אין די דאָזיקע ערטער האָבן מיר געזען ווי אַזוי מ'באַאַרבעט נאָך אַלץ דעם באָדן מיט אַ הילצערנעם אַקער איינגעשפּאַנט אין אָקסן. מיר האָבן געזען ווי אַזוי מ'באַנוצט זיך מיטן שטראָם פון נילוס צו באַוועגן די גרויסע רונדיק־פלאַכע שטיינער צו מאָלן מעל — מיט דער הילף פון ברעטער, וואָס מען הויבט אויף מיט דער האַנט, כדי אַריינצולאָזן דעם



אַ „קאָלאָניע" פון טויבן־שלאַקן אין מצרישן דאָרף.

שטראָם — גענוי אַזוי ווי מיט פינף טויזנט יאָר צוריק. טויבן־שלאַקן געבויט פון ליים הייבן זיך אַרויף צום הימל ווי הויכע טורעמס נעבן די פינצטערע ליימענע קיביטקעס אָן פענצטערס, אין וועלכע עס לעבט די מערהייט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג פון מצרים. די טויבן — דאָס זענען די „אינדיקעס" און די „גענדז" פון דעם מצרישן פויער. עס איז גענוג אָנצו־ווייזן אויפן פאַקט, אַז די נאַציאָנאַלע הכנסה פון אַלע 40 מיליאָן מצרים צוזאַמען איז נישט גרעסער ווי די נאַציאָנאַלע הכנסה פון ישראל, וועלכע האָט אַ באַפעלקערונג פון 3.6 מיליאָן נפשות.

די פּיראַמידן און די ספינקסן, וועלכע זענען צעשפּרייט לענגאויס דעם נילוס, זענען שווייגנדיקע עדות פון דעם אַלעם, וואָס דאָס עגיפּטישע פאָלק האָט אַדורכגעמאַכט אין משך פון די טויזנטער יאָרן פון זיין געשיכטע. דער

מצרישער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט פון די ספינקסן — צו שווייגן. זיין פּאַטאַליסטישער כּאַראַקטער דערמוטיקט אים נישט זיך צו בונטעווען. דער עגיפּטער צייכנט זיך אויס מיט זיין כּוח צו ליידן און מיט זיין גרויסן געדולד, און ער נעמט אָן דעם גורל מיט אַ פּאַטאַליסטישער הכנעה, פאַרלאָזנדיק זיך אויף אַללאַ און אויף זיינע געהילפן...

אָבער דער געדולדיקער און הכנעהדיקער כּאַראַקטער האָט נישט אָפּגעהאַלטן די מצרישע אַרבעטער פון שטיצן די איבערקערעניש מיט 25 יאָר צוריק קעגן דער מאָנאַרכיע, הגם זי איז דורכגעפירט געוואָרן אין זייער נאָמען דורך דער מיליטערישער קאַסטע. אין קעגנזאַץ אָבער צו דער איבערקערעניש פון די יונגע אָפיצירן, איז די אַנגאַזשירטקייט פון דעם מצרישן אַרבעטער געווען אַ סך אַן אַקטיווערע אין דער מרידה, וואָס איז אויסגעבראָכן מיט אַ יאָר צוריק, דעם 18־טן און 19־טן יאַנואַר 1977, ווען אַרבעטער זענען אַרויס אויף די גאַסן פון קאַיר, כּעלואַן און אַלעקסאַנדריע, כּדי צו דעמאָנסטרירן קעגן דעם יקרות, נאָכדעם ווי דער רעזשים פון אַנואַר סאַדאַט האָט אַדורכגעפירט אַ ווייטיקלעכע העכערונג פון די פּרייזן.

די דאָזיקע מרידה איז דערשטיקט געוואָרן מיט אַ שטאַרקער האַנט. היינט באַמיען זיך די מצרים צו פאַרגעסן זייער צאָרן פון מיט אַ יאָר צוריק, און ריכטן איצט זייערע האָפענונגען צום מנהיג — דעם זעלבן מנהיג, קעגן וועלכן זיי האָבן זיך דעמאָלט צעבונטעוועט — טאָמער וועט ער טאַקע ברענגען דעם שלום. ווייל אויפן שלום לייגן זיי אַלע האָפענונגען צו פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע.

היינט, איבער צוויי חדשים נאָכדעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „פּראָצעס פון שלום", זענען די געפילן ביי די מצרים געמישטע, פּונקט אַזוי ווי ביי די ישראלים. אָפּטימיזם אויסגעמישט מיט שטאַרקער זאָרג, אַזוי ווי עס איז געווען דאָס וועטער יענעם טאָג, ווען מיר זענען געקומען קיין קאַיר: קאַלט און וואַרעם, רעגן און זון.

דער הימל איז פאַרוואָלקנט, אָבער די מענטשן דערוואַרטן אַן אויסלייטערונג און גוטע רעזולטאַטן, דהיינו — אַ פאַרשטענדיקונג און אַ שלום. אַלע ווייסן, אַז דאָס איז שווער. דעריבער וואַרט מען אויף אַ נס, אויף נאָך אַ נס — ווייל סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים איז שוין געווען אַ נס, און אַלע ווייסן, אַז אויב אַ נס זאָל נישט געשען — איז עלול צו קומען, חלילה, אַן אומגליק.

ל. נ. 20.1.1978

18.

די צייט־באָמבע אין אַסואַן

די היינטיקע באַגעגעניש אין אַסואַן, ווו דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ „זייטן־שפּרונג״ אויפן וועג פון סאַוד־אַראַביע קיין פּאַריז, אין די ראַמען פון זיין איצטיקער וועלט־רייזע — שטעלט מיט זיך פאָר אַן אויסערסט וויכטיקע פּאַזע אין דעם „מאָמענטום״ פון דעם שלום־פּראָצעס, וועלכן עס האָט אָנגעהויבן דער מצרישער פּרעזידענט מיט זיין היסטאָרישן באַזוך אין ירושלים, און וועלכער דאַרף פאָרגעזעצט ווערן מיט אָנהויבן די אונטערהאַנדלונגען אויפן מיניסטעריאַלן ראַנג אין ירושלים און אין קאַיר אין צען טעג אַרום.

דער דאָזיקער צוזאַמענטרעף צווישן די פּרעזידענטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון מצרים, וועט אָן ספק שטיין אונטערן צייכן פון דעם דרוק, וועלכער ווערט אויסגעאיבט פון אַלע זייטן, כדי צו ענדערן די שטעלונג סיי פון אַמעריקע און סיי פון ישראל: די גאַנצע רייזע פון דעם אַמעריקאַנישן פּרעזידענט אין די לענדער פון מיטלען מזרח שטייט אייגנטלעך אונטערן צייכן פון אָט דעם דרוק, וועלכער איז אויסגעאיבט געוואָרן אויף אים אין טעהעראַן און אין ריאַד, און וועלכער וועט נאָך מער פאַרשטאַרקט ווערן היינט אין אַסואַן. די דאָזיקע שטאָט איז ביז נישט לאַנג געווען דער סימבאָל פון דער סאָוויעטישער השפּעה אין מצרים; דאָרט האָבן די סאָוויעטן אויסגע־בויט איינע פון זייערע גרעסטע טעכנאָלאָגישע ווערק, די איצט שוין פּראָב־לעמאַטישע אַסואַן־דאַמבע — דאָרט וועט איצט דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן דאַרפן באַווייזן ווי גרויס עס איז די השפּעה, וואָס עס האָט היינט אַמעריקע אויף אָט דעם לאַנד.

זינט סאַדאַט האָט אַרויסגעטריבן די סאָוויעטישע מיליטערישע און פּאָ־ליטישע „ראַטגעבערס״ און האָט זיך באַפרייט פון דער סאָוויעטישער השפּעה, האַלט ער אין איין טענה׳ן, אַז אין דער האַנט פון די פאַראייניקטע שטאַטן געפינען זיך 99 פּראָצענט פון די קאָרטן פאַר אַ פרידלעכער לייזונג פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט; אין אַ געוויסן מאָמענט האָט סאַדאַט מצליח געווען אויך זיך צו באַפרייען אַפילו פון דער אַמעריקאַנישער השפּעה — ווען ער האָט אָנגענומען זיין דראַמאַטישן באַשלוס און איז געקומען קיין ירושלים, כדי צו פאַרהאַנדלען אויג־אויף־אויג, אין דירעקטע געשפּרעכן, מיטן פּרעמיער פון ישראל. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער מוז ווידער אָנקומען צו וואַשינגטאָן, כדי זי זאָל אויסנוצן די „99 פּראָצענט פון די קאָרטן״, וואָס זי האָט, לויט זיין טענה, אין אירע הענט.

דער מצרישער פּרעזידענט ווייסט זייער גוט, אַז די דערקלערונג, וואָס פּרעזידענט קאַרטער האָט געהאַט אָפּגעגעבן מיט אַ האַלב יאָר צוריק וועגן דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ „היימלאַנד״ פאַר די פּאַלעסטינעזער, האָט

געהאַט אַן אומגעוויינלעך שטאַרקע ווירקונג אויף דעם פּראָצעס, וואָס האָט געפירט צו דעם איצטיקן „אויטאָנאָמיע־פּלאַן" פון דער ישראלדיקער רע־גירונג. ווײַל דעריבער סאַדאַט באַווירקן דעם אַמעריקאַנישן פּרעזידענט ער זאָל זיך מיט דעם נישט באַגנוגענען, נאָר זאָל ווײַטער דריקן אויף ישראל צו באַפרידיקן די פאָדערונג פון די מצרים וועגן אָנערקענען דאָס רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג פאַרן פּאַלעסטינעזישן פאָלק. אַזאַ פאָרמולע וואָלט דערמעגלעכט מצרים צו קומען צו אַ שלום־הסכם מיט ישראל, ווײַל דאָס אָנווענדן דאָס דאָזיקע „רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג" וואָלט געפירט צום שאַפן אַ פּאַלעסטינעזישע מדינה און וואָלט באַפרייט מצרים פון דעם דרוק מצד די פּאַלעסטינעזישע עקסטרעמיסטן פון „פ.ל.אָ." און מצד דעם גאַנצן „פראָנט פון אָפּזאָג" פון די פײַנטלעכע אַראַבישע מדינות.

צי וועט אָבער קאַרטער אַנטקעגנקומען דער מצרישער פאָדערונג, צי וועט ער גרייט זײַן אָנצווענדן די „דרוקמאַשין" — דהיינו, די מיטלען, וואָס אַמעריקע האָט אויף אויסצואיבן אַ דרוק אויף ישראל, כדי זי זאָל אײַנגיין אויף אָט דער מצרישער פאָדערונג ?

די זאָרג פאַר כוסיינען

קאַרטער האָט שוין לעצטנס אומצווײַדײַטיק קלאָר געמאַכט, אַז מיט זײַן דערקלערונג וועגן אַ פּאַלעסטינעזיש „היימלאַנד" מיינט ער נישט קיין אומ־אָפּהענגיקע פּאַלעסטינעזישע מדינה, נאָר אַ לייזונג, וואָס זאָל צוריקקערן דעם מערבדיקן ברעג אונטער דער הערשאַפט פון יאַרדאַנישן קעניג, אָדער אַ געוויסע אויטאָנאָמיע פאַר די פּאַלעסטינעזער — וואָס זאָל אָבער זײַן פאַרבונדן מיט יאַרדאַניע.

נישט געקוקט דערויף, וואָס בעת בעגינס באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט קאַרטער באַצייכנט דעם שלום־פּלאַן פון ישראל ווי אַ באַזע פאַר אונ־טערהאַנדלונגען וועגן אַ שלום, האָט אָבער אַמעריקע אויך קלאָר געמאַכט, אַז דערמיט האָט זי נאָך נישט געגעבן איר הסכמה צום דאָזיקן פּלאַן. איר קעג־נערשאַפט צו אַן אומאָפּהענגיקער פּאַלעסטינעזישער מדינה האָט אָבער אַרויסגערופן אַן אומגעהויער שאַרפע רעאַקציע מצד דעם „פראָנט פון אָפּזאָג", און וואַשינגטאָן וואָלט נישט געוואָלט פאַרשאַרפן אירע באַציִונגען מיט די דאָזיקע לענדער, ווייל זי וויל נישט לאָזן פאַרשטאַרקן דאָרט די סאָוויעטישע השפעה.

אַזוי אַרום געפינט זיך קאַרטער אין אַ שווערער דילעמע קומענדיק קיין אַסואַן, ווו ער וועט דאַרפן „עפּעס ברענגען" דעם מצרישן פּרעזידענט, כדי צו פאַרשטאַרקן אויך דעמס פּאָזיציע אין אָנבליק פון דער שווערער לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך איצט.

דער דרוק אויף בעגינען

נישט אין קיין בעסערער לאַגע געפינט זיך דער פּרעמיער פון ישראל, וועלכער איז אויסגעשטעלט אויף אַ דרוק פון ביידע זײַטן : פון איין זײַט דריקט אויף אים דער אַמעריקאַנישער פּרעזידענט, וועלכער זוכט צו דערפירן

צו אַ דערנענטערונג צווישן די שטעלונגען פון ישראל און מצרים; און פון דער אַנדערער זייט דריקט אויף אים נישט נאָר דער „גוש אמונים״, נאָר דער גאַנצער לאַגער פון דער „ארץ־ישראל השלמה״, די מענטשן פון זיין אייגענער פּאַרטיי, און די מענטשן פון דער התישבות — אויך פון דער אַרבעטנדיקער התישבות פון „מערך״ — וועלכע זענען נישט צופרידן מיט דעם איצטיקן שלום־פּלאַן און וועלכע וועלן אַוודאי זיין נאָך ווייניקער צופרידן, ווען אין גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען און אונטערן אַמעריקאַניש־מצרישן דרוק וועט ישראל דאַרפן איינגיין אויף ווייטערדיקע קאָנצעסיעס.

דערווייל אָבער, ערב דער היינטיקער באַגעגעניש אין אַסואַן און ערב די געשפּרעכן, וואָס דאַרפן זיך אָנהייבן אויפן מיניסטעריאַלן ראַנג — פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע אין ירושלים און פון דער מיליטערישער קאָמיסיע אין קאַיִר — האָט די רעגירונג נעכטן דורכגעפירט אַן ערנסטע פּאָליטישע דעבאַטע און אָנגענומען אַ מער האַרטנעקיקע שטעלונג אין פּראָצעס פון דעם „שלום־מאָמענטום״. כדי צו באַרויִקן דעם לאַגער פון דער „ארץ ישראל השלמה״ און כדי אָפּצושוואַכן דעם דרוק פון די זידלערס, ווי אויך כדי צו פאַרשטאַרקן די אייגענע פּאָזיציע אין באַצוג צו קאַיִר — האָט די רעגירונג נאָמינירט דעם „שפּאַרבער שבשפּאַרבערס״, דעם לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער און פּאָרזיצער פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר די ענינים פון דער התישבות אויף די שטחים, אַריאל שרון, אַלס דיינ׳ס געהילף און פאַרטרעטער אין די אונטער־האַנדלונגען פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע, וועלכע וועט זיך צוזאַמענקומען אין צען טעג אַרום אין ירושלים.

אויף דער נעכטיקער אויסעראָרדנטלעכער זיצונג פון דער רעגירונג זענען באַהאַנדלט געוואָרן נישט נאָר די טעאָרעטישע פּראָבלעמען וועגן דעם ווי אַזוי צו פירן די אונטערהאַנדלונגען און ווי אַזוי זיך קעגנצושטעלן דעם דערוואַרטן דרוק פון וואַשינגטאָן און פון קאַיִר. עס זענען אויך באַהאַנדלט געוואָרן די קאָנקרעטע פּראָבלעמען פון פאַרשטאַרקן און „געדיכטער מאַכן״ די באַזידלונג אין די ראַיאָנען, פון וועלכע די רעגירונג האָט נישט בדעה אָפּצוטרעטן אין די ראַמען פון אַ שלום־אָפּמאַך; און צווישן אַנדערן זענען אויך באַהאַנדלט געוואָרן אַ ריי אַלטערנאַטיווע פאַרשלאַגן, וועלכע ישראל איז עלול אַרויסצורוקן אין די שלום־אונטערהאַנדלונגען — ווי למשל דעם פאַרשלאַג וועגן אַן אויסטויש פון שטחים מיט מצרים, כדי איבערצולאָזן פּתחת רפיח און ימית אונטער דער פּאָליטישער סוווערעניטעט פון ישראל, און אַזוי אַרום אַנטקעגנצוקומען דעם דרוק פון די דאָרטיקע זידלערס; די רעגירונג האָט אויך געמוזט נעמען שטעלונג צו די פּלענער פון „גוש אמונים״ אויפצושטעלן נייע ישובים גראָד אין די טעג, ווען ישראל געפינט זיך אין גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען מיט מצרים.

שטייען דעריבער די איצטיקע טעג אונטערן צייכן פון אַ דראַמאַטישן דרוק פון אַלע זייטן, בעת די היינטיקע געשפּרעכן אין אַסואַן שטעלן פאַר מיט זיך אַ פּאָליטישע צייט־באָמבע לגבי די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען אין דעם ראַיאָן.

ל. נ. 4.1.1978

דער ערשטער קריזיס אין „מאָמענטום"

דער „מאָמענטום" פון דעם שלום־פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיטן באַזוך פון מצרישן פּרעזידענט אין ירושלים מיט דריי חדשים צוריק, איז אַריין אין אַ נייער, גאָר ערנסטער פאַזע, ווען אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן דער ערשטער קריזיס: די מלחמה פון דעקלאַראַציעס האָט פאַרשאַרפט די קעגנזאַצן און האָט גורם געווען צו דעם, אַז עס איז אָפּגעלייגט געוואָרן דאָס צוזאַמענרופן די פּאָליטישע קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט זיך צונויפקומען היינט אין ירושלים.

עס איז נישט קיין נאָווינע, אַז אין פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען, באַזונדערס אין שלום־אונטערהאַנדלונגען, זענען פאַראַן עליות און ירידות, מאָמענטן פון גרויסע האָפענונגען און פון טיפע אַנטוישונגען; עס זענען נאָך נישט געווען קיין שלום־אונטערהאַנדלונגען, וואָס זאָלן צוגיין אינגאַנצן גלאַטיק און אָן שום שטערונגען און פאַרדרוסן. אין גאַנג פון די דינגענישן טרעפט מען זיך אַלעמאָל אָן אויף מאָמענטן, ווען די פּאַרטנערן דרייען זיך אויס איינער צום אַנדערן מיטן רוקן און זענען שוין גרייט אַט־אַט אַוועקצוגיין און עס דוכט זיך, אַז פון דעם עסק איז גאָרנישט געוואָרן; אָבערביידע קערן זיך שפּעטער געוויינלעך צוריק און מ׳דינגט זיך ווייטער און מ׳קומט געוויינלעך צו אַן אויסגלייך.

אָבער עס טרעפט אויך, אַז מ׳גייט זיך פאַנאַנדער און מען קען זיך שוין ווידער מער נישט צוזאַמענקומען — ווען די „שער" צווישן די אָנבאָטן פון ביידע צדדים איז צו ברייט און מ׳קען צו קיין אויסגלייך נישט קומען.

צעבראָכן די כלים

אין דעם פאַל איז אָבער די לאַגע אינגאַנצן אַן אַנדערע. דער וויזיט פון מצרישן פּרעזידענט אין ירושלים איז געווען פון אַן איינציק־אַרטיקן כאַראַקטער. דער דאָזיקער וויזיט האָט צעבראָכן אַלע כלים פון די קאָנווענציאָנעלע אָנגענומענע פּירונגען אויפן אינטערנאַציאָנאַלן שאַך־ברעט. סאַדאַט האָט מיט זיין אומדערוואַרטן שריט איינגעפירט גאָר נייע כללים, וועלכע די וועלט האָט נאָך ביז איצט נישט געקענט, און האָט געשאַפן אַ שפּאָגל־נייע ווירקלעכקייט אין אונדזער ראַיאָן. נאָך דרייסיק יאָר מלחמה און שנאה האָט ער געעפנט נייע מעגלעכקייטן און באַוויזן, אַז אַ שלום איז נישט אוממעגלעך. ער האָט אויך באַוויזן, אַז אין דעם ים פון שנאה קען מען פּלוצים אַנטדעקן שטאַרקע כוואַליעס פון פריינטשאַפט. מען דאַרף נאָר דערזען די גוטע כוונות, און דאַן ווערט ליכטיק אויפן הימל, די כוואַליעס פון שנאה און פון אויסזיכטלאָזיקייט ווערן צעטריבן און עס שאַפט זיך אַ נייע אַטמאָספער.

אַזאַ איז געווען די לאַגע מיט דריי חדשים צוריק, ווען סאַדאַט איז געקומען קיין ירושלים, און די דאָזיקע לאַגע האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען

מ׳האָט געדאַרפט די גוטע כוונות פאַרוואַנדלען אין מעשים, דהיינו: — ביז וואַנען מ׳איז צוגעטראָטן צו תכלית. דאָ האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן ווי ריכטיק עס איז דאָס אַלטע ווערטל, אַז דער וועג צום גהינום איז אויסגעפּלאַסטערט מיט גוטע כוונות...

די דרייסיק־יאָריקע מלחמה צווישן די אַראַבער און ישראל האָט געשאַפן אַזאַ תהום, אַזעלכע טיפע קעגנזאַצן, וועלכע מ׳קען זיכער נישט איבערווינדן אין דריי חדשים, און אַוודאי נישט אין אונטערהאַנדלונגען, וועלכע דויערן סך־הכל עטלעכע טעג.

לאָמיר זיך דערמאָנען דעם גאַנג פון דעם א. ג. „מאָמענטום״, פון דעם שלום־פּראָצעס, וועלכן פּרעזידענט סאַדאַט האָט פּראָקלאַמירט קומענדיק קיין ירושלים: די ערשטע פאַזע פון די אונטערהאַנדלונגען אין רעזולטאַט פון דעם וויזיט איז געווען — דער אַרויספאָר פון דער ישראלדיקער דעלעגאַציע בראש מיטן גענעראַל־דירעקטאָר פון דער פּרעמיער־קאַנצעלאַריע ד״ר אליהו בן־אלישר קיין קאַיִר. די אונטערהאַנדלונגען, וועלכע האָבן געדויערט צוויי וואָכן, האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דער באַגעגעניש צווישן דעם פּרעמיער מנחם בעגין און דעם מצרישן פּרעזידענט אַנואַר סאַדאַט אין איסמאַיליאַ. דער ציל פון די צוויי־טאָגיקע געשפּרעכן, אויסצואַרבעטן אַ בשותפותדיקע „דעקלאַראַציע פון כוונות״, איז נישט דערגרייכט געוואָרן. דאַקעגן איז דערגרייכט געוואָרן די הסכמה פון ביידע מלוכה־לייט וועגן שאַפן צוויי קאָמיסיעס אויפן ראַנג פון מיניסטאָרן — אַ פּאָליטישע און אַ מיליטערישע — וועלכע זאָלן זיך צוזאַמענקומען איינע אין ירושלים און די צווייטע אין קאַיִר. די דאָזיקע צוויי קאָמיסיעס וועלן דאַרפן באַהאַנדלען די פּאָליטישע און מיליטערישע אַספּעקטן פון אַ לייזונג, וואָס זאָל פירן צו אַ שלום־אָפּמאַך אין דעם ראַיאָן.

אינצווישן האָט ישראל דערלאַנגט איר שלום־פּלאַן, און מצרים האָט דערלאַנגט אירע קעגן־פּראָפּאָזיציעס; אינצווישן איז זיך צוזאַמענגעקומען פאַראַכטאָגן די מיליטערישע קאָמיסיע אין קאַיִר, און פאַר דעם האָט דער זיכערהייטס־מיניסטער עזר ווייצמאַן זיך געטראָפן מיט סאַדאַטן אין אַסואַן; אינצווישן האָט דער פּרעמיער בעגין אין זיין שלום־פּלאַן, וועלכן ער האָט פריער פאָרגעשטעלט דעם אַמעריקאַנישן פּרעזידענט אין וואַשינגטאָן, אָנערקענט די סוווערעניטעט פון מצרים איבער גאַנץ סיני און אַרויסגערוקט דעם פּראָיעקט פון אַן אויטאָנאָמיע אונטערן מיליטערישן פּאַטראָנאַט פון ישראל פאַר די פּאַלעסטינעזישע אַראַבער אויפן מערבדיקן ברעג פון ירדן און אין עזה־פּאַס; אינצווישן איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה פון דעקלאַראַציעס, אין וועלכער מען האָט זיך באַנוצט מיטן געווער פון דער פעדער און פון דעם עלעקטראָנישן מעדיום פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע.

דאָס אַלץ איז געווען אַ לעגיטימער טייל פון דעם־אָ שלום־פּראָצעס, וועלכן סאַדאַט האָט פּראָקלאַמירט און אויף וועלכן בעגין האָט זיך אָפּגערופן פּאָזיטיוו, גיך און מיט דער פולער ענערגיע, שטאַרקנדיק דעם אָפּטימיזם און דערהויבנדיק דעם גראַד פון די גוטע דערוואַרטונגען.

די דריי כאַראַקטער־צייכנס פון די אונטערהאַנדלונגען

ווי געזאָגט, איז יעדער שלום־פּראָצעס באַגלייט מיט די זעלבע דערשיי־נונגען פון עליות און ירידות אויפן ציפּערבלאַט פון דעם פּאָליטישן באַראָ־מעטער. אָבער די איצטיקע אונטערהאַנדלונגען שיידן זיך שטאַרק אונטער פון אַלע אַנדערע מיט די דריי עיקרדיקע ספּעציפישע כאַראַקטער־צייכנס:

א. דער באַזוך פון מצרישן פּרעזידענט אין ירושלים, וועלכן מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט — אַ פּרעצעדענסלאָזער באַזוך פון אַ מלוכה־פירער אין דער פּיינטלעכער הויפּט־שטאָט אין צושטאַנד פון מלחמה, און די פריינט־לעכע אויפנאַמע, וואָס איז אים געמאַכט געוואָרן אין ירושלים, ווי אויך די פריינטלעכע אויפנאַמע פאַר דער ישראל־דעלעגאַציע אין קאַיר;

ב. די ראָל פון דעם „עלעקטראָנישן מעדיום", פון די קאָמוניקירונגס־מיטלען אין דעם שלום־פּראָצעס: דער אָנטייל פון צוויי אַמעריקאַנישע טעלעוויזיע־אינטערוויוערס אַלס פאַרמיטלערס, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די אינטערנאַציאָנאַלע עפנטלעכע מיינונג; דהיינו — די ראָל פון דער עפנט־לעכער מיינונג אין דעם פאַרהאַנדלונגס־פּראָצעס.

ג. דאָס שאַפן נייע געשעענע פאַקטן אויפן געביט פון די זידלונגען אין פּתחת רפיח.

אויב די ערשטע צוויי פאַקטאָרן האָבן געשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָל אין דער איניציאַטיוו און אין צואיילן דעם שוווּנג פון דעם שלום־פּראָצעס, איז דער דריטער פאַקטאָר, דער ענין פון די זידלונגען, געוואָרן דער שווערער מכשול, וואָס האָט דערפירט צום קריזיס אין די שלום־אונטערהאַנדלונגען. די פּאָזיטיווע ראָל פון דעם „עלעקטראָנישן מעדיום" און פון דער אָפענער דיפּלאָמאַטיע, האָט אויף דעם פּונקט געגעבן נעגאַטיווע רעזולטאַטן און גורם געווען דעם ערשטן שווערן קריזיס אין די שלום־אונטערהאַנדלונגען.

די „יידישע מלחמות"

מיר ווייסן, ווי שטאַרק דער ענין פון זידלונגען איז אַ טייל פון די „יידישע מלחמות". מיר ווייסן אויך ווי שטאַרק עס איז דער דרוק, וואָס ווערט אויסגעאיבט אויף בעגינען אין זיין אייגענער פּאַרטיי און אין זיין אייגענער רעגירונג פאַר צואיילן די קאָלאָניזאַציע פון פּתחת רפיח און „אַריינכאַפּן" וויפל עס לאָזט זיך פאַרן צוטרעטן צו די פּראַקטישע אונטער־האַנדלונגען. ווייסן מיר אויך, פאַר וואָס פאַר אַ שווערער דילעמע עס שטייט בעגין, וועלכער ראַנגלט זיך צווישן זיין אידעאָלאָגיע פון שלמות הארץ און דער פּאָליטישער ווירקלעכקייט, פאַר וועלכער ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך סאַדאַטס איניציאַטיוו, וועלכע האָט אים קיין אַנדערע ברירה נישט איבערגעלאָזט — ווייל אַנדערש וואָלט ער פאַראורטיילט געוואָרן דורך דער גאַנצער וועלט אַלס דער, וואָס האָט געשטרויכלט די געלעגנהייט צו דערגרייכן אַ שלום.

ווי באַוווּסט, האָט די רעגירונג פּרובירט אויפעסן דעם קוכן און לאָזן אים גאַנץ, ווען זי האָט אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג פון דעם אַגראַר־מיניסטער אַריאל שרון וועגן אויסברייטערן דעם שטח פון פּתחת רפיח און אויפבויען

נייע ישובים — און האָט אַנשטאָט דעם באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן און „גערדיכט מאַכן" די עקזיסטירנדיקע זידלונגען אין דעם ראַיאָן.

דער דאַזיקער באַשלוס האָט נישט געקענט אַדורכגיין אָן אַ רעאַקציע מצד דעם מצרישן פאַרהאַנדלונגס־פּאַרטנער, וועלכער זעט אין דעם אַ פּראָוואָקאַציע און אַ באַשווערונג פון די אונטערהאַנדלונגען.

אויב דאָס איז אַזוי — ווי אַזוי האָבן די מצרים שוין געקענט רעאַגירן אויף אַ צווייטער ידיעה פון סוף פאַריקער וואָך, אַז נישט געקוקט אויפן באַשלוס פון דער רעגירונג זענען געבראַכט געוואָרן בולדאָזערס פון קרן קיימת און האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַן אָפּשניט פון 40 קילאָמעטער, ביז 18 קילאָמעטער אויף דרום פון על אַריש — מיט דער טענה, אַז דאָס ווערט געמאַכט לויט אַ באַשלוס פון דער רעגירונג. לויט קלאַנגען, וואָס זענען געוואָרן אָפּגעלייקנט, האַנדלט עס זיך אין רעאַליזירן אַ פּראָיעקט פון אויפשטעלן אַזש 53 נייע ישובים אָדער אָנהאַלטס־פּונקטן אין דעם ראַיאָן (ווי באַוווּסט, האָט שוין געהאַט געפאָדערט „בלויז 20").

דער מצרישער פּרעזידענט האָט רעאַגירט אויף דער דאָזיקער אָפּעראַציע מיט אַן אינטערוויו אין וועלכן ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פאַרלוירן די האָפענונג אויף אַ פאָרשריט אין די שלום־אונטערהאַנדלונגען און אויף דעם, אַז עס זאָל דערגרייכט ווערן דער ערשטער ציל פון פאַרעפנטלעכן אַ דעקלאַראַציע פון כוונות.

אַנשטאָט אַ דעקלאַראַציע פון כוונות, איז אַלזאָ אויסגעבראָכן אַ מלחמה פון דעקלאַראַציעס, אין וועלכער דער פּרעמיער בעגין האָט געבעטן אַ וואַפנשטילשטאַנד. אָבער דערווייל האָט זיך אַריינגעמישט דער דריטער צד — אַמעריקע: דער פּרעזידענט קאַרטער האָט פון איין זייט דערקלערט, אַז ער שטעלט זיך נישט פאָר, אַז בעגין זאָל צוליב די נייע זידלונגען וועלן שטרויכלען די שלום־אונטערהאַנדלונגען, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער געהייסן זיין אויסערן־מיניסטער סיירוס ווענס ער זאָל בלייבן אינדערהיים און נישט פאָרן קיין ירושלים. די זיצונג פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע, אין וועלכער עס דאַרפן זיך באַטייליקן די דריי אויסערן־מיניסטאָרן, איז אַלזאָ אָפּגעלייגט געוואָרן. דאָס איז דער ערשטער סימן פון דעם ערשטן קריזיס אין די אונטערהאַנדלונגען.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז דער שלום־פּראָצעס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער שווער־פּונקט איז נאָר אַריבערגעפירט געוואָרן קיין וואַשינגטאָן, ווו די אַמעריקאַנער פּאָליטיק, וועלכע איז ביים אָנהויב געווען עטוואָס פּאַסיוו, נעמט איבער אַן אַקטיווע ראָל פון פאַרמיטלען — און אפשר גאָר פון אָנוואַרפן אַ פשרה — אין דער פראַגע פון די זידלונגען, כדי צו העלפן אַריבערשפּרייזן די ערשטע ערנסטע שטרויכלונג און צו פאַרמיידן אַ דופּקאַל אין דער שלום־איניציאַטיוו, אויף וועלכער אַזוי פיל מענטשן האָבן געלייגט זייערע בעסטע האָפענונגען.

ל. נ. 16־טער יאַנואַר 1978

דער באַנייטער אָנהויב אין ירושלים

גאָר שווער איז צוגעגאַנגען דער געבורט פון דעם צווילינג, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער באַגעגעניש צווישן בעגינען און סאַדאַטן אין איס־מאַיליאַ: באַזונדערס איז צוגעגאַנגען שווער דער געבורט פון דעם צווייטן קינד פון דעם צווילינג — פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע, וועלכע איז נאָך אַ געפּערלעכן קייזער־שניט פון 24 שעה זיך צוזאַמענגעקומען נעכטן אין ירושלים. דאָס אַנדערע קינד פון דער דאָזיקער באַגעגעניש, די מיליטערישע קאָמיסיע, וועלכע האָט שוין פּאַריקע וואָך אָנגעהויבן איר אַרבעט אין קאַיר, וועט מאָרגן דאָרט ווידער באַנייען אירע פּאַרהאַנדלונגען.

אַזוי איז מען מיט מזל איבערגעקומען די שווערע געבורטווייען, דעם ערשטן ערנסטן קריזיס אין דעם ישראל־מצרישן שלום־פּראָצעס, וועלכער איז שיעור נישט געוואָרן אויפגעלייזט צוליב דעם נוסח פון דער געבורט־מעטריקע: עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם אופן פון פאָרמולירן דעם סדר־היום פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע, וועלכע האָט לויטן פּלאַן געדאַרפט זיך צוזאַמענקומען אין ירושלים מאָנטיק. צוליב דעם וויכוח וועגן דעם נוסח פון סדר־היום האָט דער אַמעריקאַנישער אויסערן־מיניסטער, ווי באַוווסט, זונטיק 3 אַזייגער פאַרטאָג געהאַט בטל געמאַכט זיין אַרויספאָר קיין ישראל. און אָן דעם אמתדיקן מחותן, איז קלאָר געווען, וועט די בשותפותדיקע ישראל־מצרישע פּאָליטישע קאָמיסיע זיך נישט קענען צוזאַמענקומען.

די ראָל פון אַמעריקע

דער קריזיס איז אַלזאָ געווען אַ שאַרפער, אָבער אַ קורצער. און וואָס מ׳קען פון אים לערנען איז דאָס, אַז אין אים איז צום בולטסטן געקומען צום אויסדרוק די דעציִדירנדיקע ראָל פון אַמעריקע אין אַלע אונטערהאַנדלונגען, וואָס וועלן להבא געפירט ווערן צווישן ישראל און מצרים.

דער פּרעלודיום צו די אונטערהאַנדלונגען, נאָך איידער זיי האָבן זיך אָנגעהויבן, האָט שוין באַוויזן, אַז אָן אַמעריקע וועט נישט קענען צושטאַנד־קומען קיין שום פאַרשטענדיקונג, אַז אָן אַמעריקע וועט נישט קענען געפונען ווערן קיין שום לייזונג פאַר דעם טראַגישן קאָנפליקט אין מיטעלן מזרח.

דער דאָזיקער פאַקט איז נאָך שאַרפער אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך דעם פּאַראַדאָקס, וואָס דער „ראָמאַן״ צווישן ישראל און מצרים, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט סאַדאַטס דערקלערונג, אַז ער איז גרייט צו פאָרן קיין ירושלים — האָט נישט נושא חן געווען ביי די אַמעריקאַנער מלוכה־פירער און האָט זיי אַפילו לכתחילה אַריינגעפירט אין אַ פאַרלעגנהייט. סאַדאַטס איניציאַטיוו האָט דאַן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די אַמעריקאַנער וואָלטן אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער פאַרמיטלונג מיטן מאָמענט, ווען סאַדאַט האָט באַשלאָסן אַליין צו מאַכן דעם שידוך — כאָטש ער האָט די לעצטע יאָרן געטענהט, אַז אין די הענט פון אַמעריקע געפינען זיך 99 פּראָ־

צענט פון די קאַרטן, און אַז נאָר אַמעריקע איז עלול צו ברענגען אַ שלום צווישן ישראל און די אַראַבער.

אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז געריכט איז געווען סאַדאַט מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט, און נישט מיט דעם וואָס ער האָט געטאָן. אַמעריקע, וועלכע האָט לכתחילה זיך געפונען „מחוץ דער שפּיל" און האָט געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף דעם אומגעריכטן „ראָמאַן", האָט אָבער גיך איבער־גענומען די איניציאַטיוו און האָט באַוויזן, אַז אָן איר וועט גאָרנישט אַרויס־קומען. און צום בולטסטן איז דאָס טאַקע געקומען צום אויסדרוק אין אַט דעם קורצן קריזיס, וואָס איז אויסגעבראָכן פאַר דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ אין ירושלים, און צוליב וועלכן דאָס דערעפענען די קאָנפערענץ פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע איז צושטאַנדגעקומען מיט 24 שעה שפּעטער.

פּראָצעדור און — מהות

די סיבה פון דעם אויסגעבראָכענעם קאָנפליקט — וואָס איז געוואָרן באַגלייט מיט שאַרפע און ברוגז'דיקע דעקלאַראַציעס פון סאַדאַטן און פון אַנדערע מצרישע פּערזענלעכקייטן — ליגט פאַקטיש אין דעם טיפן תהום פון די פּרינציפּיעלע אונטערשידן, וואָס וועלן אָן ספק באַגלייטן דעם גאַנצן אונטערהאַנדלונגס־פּראָצעס אין אַלע זיינע פאַזעס און וועלן נאָר אָן ספק גורם זיין נישט איין קריזיס און נישט איין סיבה פאַר פאַרדרוסן. אין דעם מאָמענט האָט זיך עס געהאַנדלט אין אַ פּראָצעדורעלן ענין — וועלכער טראָגט אָבער אַ שטאַרק פּרינציפּיעלן כאַראַקטער און איז גאָר שטאַרק פאַרבונדן מיט די מהותדיקע ענינים, וואָס דאַרפן באַהאַנדלט ווערן אויף דער קאָנפערענץ: עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם נוסח פון דעם סדר־היום.

ווייל — שוין אין דעם נוסח איז געקומען צום אויסדרוק דער קאַרדי־נאַלער אונטערשיד צווישן די שטעלונגען פון ביידע צדדים צו די סאַמע מהות'דיקע ענינים פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. אַזוי, למשל, האָט מצרים פאָרגעלייגט, אַז אין צווייטן פּונקט פון דער טאָג־אָרדענונג זאָל געזאָגט ווערן, אַז עס ווערן באַהאַנדלט די גרונט־ליניעס פאַר אונטער־האַנדלונגען וועגן אַ פולן צוריקטריט פון ישראל פון די אָקופּירטע שטחים אויפן מערבדיקן ברעג און אין עזה־פּאַס און וועגן זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פאַר די פּאַלעסטינעזער.

ישראל האָט זיך קעגנגעשטעלט דער דאָזיקער פאָרמולירונג און האָט געפאָדערט אין דעם צווייטן פּונקט באַהאַנדלען „דאָס פּראָבלעם פון די פּאַלעסטינעזער אין יהודה און שומרון און אין עזה־פּאַס". אַזוי אַרום איז דער אונטערשיד צווישן דער מצרישער און דער ישראלדיקער פאָרמולירונג געווען דער אונטערשיד צווישן — שטחים און מענטשן... די מצרים האָבן געפאָדערט באַהאַנדלען דעם ענין פון די פּאַלעסטינעזישע שטחים, בעת ישראל האָט געוואָלט באַהאַנדלען די פראַגע פון דער פּאַלעסטינעזישער באַפעלקערונג. אין תוך אַ שטאַרק וועזנטלעכער אונטערשיד. אויך אין דער באַצייכענונג פון די דאָזיקע שטחים — האָט מצרים פאַרלאַנגט צו באַנוצן דעם אויסדרוק „מערבדיקער ברעג", בעת ישראל האָט זיך באַנוצט מיט „יהודה און שומרון".

אין דריטן פּונקט פון סדר־היום, אין וועלכן מצרים האָט פּאַרגעלייגט צו באַהאַנדלען די פּרינציפּן פון אַ גערעכטער שלום־לייזונג, האָט ישראל פאַרגעלייגט דעם נוסח פון „באַהאַנדלען די פּרינציפּן פון זיכערהייט און פון איינפאַרשטענדיקטע גרענעצן אויפן גרונט פון דער רעזאָלוציע 242 פון זיכערהייטס־ראַט".

אָט דער אונטערשיד אין נוסח האָט דאָס שיעור נישט גורם געווען צום אויפרייס פון די שלום־אונטערהאַנדלונגען. אָבער דאָס **לעצטע וואָרט** אין אָט דעם ערשטן קריזיס האָט באַקומען וואַשינגטאָן, וועלכע האָט פּאַרגע־לייגט דעם פאָלגנדיקן נוסח פון דער טאָג־אָרדענונג:

א. אַ דעקלאַראַציע וועגן די פּרינציפּן, וואָס זאָלן ריכטן די אונטער־האַנדלונגען וועגן אַן אומפּאַסנדיקער שלום־רעגולירונג אין מיטעלן מזרח.

ב. די ריכט־ליניעס פאַר אונטערהאַנדלונגען בנוגע די ענינים פון מערב־דיקן ברעג און פון עזה.

ג. די יסודות פון שלום־אָפּמאַכן צווישן ישראל און אירע שכנים אין איינקלאַנג מיט די פּרינציפּן פון דער רעזאָלוציע 242 פון זיכערהייטס־ראַט.

אויף דעם אופן האָט אַמעריקע געהאָלפן בייצוקומען דעם ערשטן קריזיס — מיט דער הילף פון ווערטער, וואָס מיידן אויס די וועזנטלעכע קאָנפראָנטאַציע. אָבער די דאָזיקע קאָנפראָנטאַציע קען נישט אויסגעמיטן ווערן אין די אונטערהאַנדלונגען. גוט וואָס זי קומט פאָר ביים אונטער־האַנדלונגס־טיש און נישט אויפן שלאַכט־פעלד, און דאָס גיט האָפענונגען, אַז די „שלאַכט" וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ נצחון פון דעם שלום.

דערווייל אָבער שטייט ביי דער זייט, ווי אַ פאַראינטערעסירטער אָבסער־וואַטאָר, דער קעניג כוסיין, וועלכער וואָרט אויף אַ געלעגנהייט זיך אָנצו־שליסן צו די שלום־אונטערהאַנדלונגען, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן די באַן און נישט צו פאַרלירן דעם ביסן, וואָס קען אים אַריינפאַלן אין מויל אַריין. אויך ער איז, פּונקט ווי ישראל, קעגן אַ באַזונדערער פּאַלעסטינעזישער מדינה און ער וואָלט געוואָלט, אַז די „שטחים", זאָלן צוריקגעקערט ווערן אים, וואָס ישראל וויל אָבער נישט. דעריבער האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט צושטיין צו די אונטערהאַנדלונגען נאָר דעמאָלט, ווען ישראל וועט זיך פאַרפליכטן צו פאַרלאָזן די שטחים און דערטיילן די פּאַלעסטינעזער דאָס רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג. דערווייל אָבער קלייבט ער זיך צו פאָרן קיין אַסואַן און „אַריינצוכאַפּן אַ שמועס" מיטן פּרעזידענט סאַדאַט, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער זונדערט זיך אָפּ אויף צען טעג, כדי נאָכצופאָלגן און זיך צו ווידמען אויסשליסלעך די אונטערהאַנדלונגען פון דער פּאָליטי־שער קאָמיסיע, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אין ירושלים, און פון דער מיליטערישער קאָמיסיע, וועלכע באַנייט אירע זיצונגען מאָרגן אין קאַיר.

צו טיף איז דער תהום און צו גרויס איז די עקשנות פון ביידע צדדים, אַז דאָס זאָל אָנקומען לייכט. עס וועלן נאָך זיין אַ סך שוועריקייטן, אַ סך איבעררייסן, אַ סך ברוגזן און איבערבעטונגען. אָבער איין פאַקט איז שוין זיכער: אַז אַמעריקע איז ווידער געוואָרן דער הויפּט־דיריגענט פון דעם אָרקעסטער, וועלכער דאַרף אויפשפּילן די שלום־סימפאָניע.

ל. נ. 18.1.1978

סאַדאַט האָט דאָס מאָל נישט איבעראַשט

מ׳קען זאָגן, אַז דער מצרישער פּרעזידענט האָט ווידעראַמאָל איבעראַשט: דאָס מאָל דערמיט וואָס ער האָט נישט איבעראַשט... אין זיין סטראַטעגיע פון פּאָליטישע און פּסיכאָלאָגישע שאָקן האָט ער דאָס מאָל גורם געווען אַנטוישונג די אַלע, וואָס האָבן דערוואַרט פון אים אַ נייע איבעראַשונג — אַ נייעם אומדערוואַרטן גאַנג, וועלכן ער זאָל אַנטפּלעקן אין דער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן דעם שבת פאַרן מצרישן פּאַרלאַמענט.

פאַרשידענע ספּעקולאַציעס זענען געמאַכט געוואָרן פאַר זיין רעדע, וועלכע איז דערוואַרט געוואָרן מיט גרויס שפּאַנונג. די דאָזיקע ספּעקו־לאַציעס האָבן אַנטהאַלטן אַלע מעגלעכע פּראָוויסוּנגען — אָנהויבנדיק פון פאַרקלאַפּן די טיר פון די שלום־אונטערהאַנדלונגען, ביז אַ דערקלערונג וועגן זיין דעמיסיע. ביידע מעגלעכקייטן האָבן געדאַרפט זיין אַ טייל פון די צוגעגרייטע אַקאָרדן, וועלכע געפינען זיך אין דעם אַרסענאַל פון סאַדאַטס דראַמאַטישן רעפּערטואַר. לויט אַט דעם סצענאַר, אויב ער וואָלט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, וואָלט ער געקענט אַרויפוואַרפן די פולע שולד אויפן ישראלדיקן צד און זיך צוריק אַריינפלעכטן אין דעם אַל־אַראַבישן אָרקעסטער, כדי אויסצואיבן — צוזאַמען מיט די אַנדערע אַראַ־בישע לענדער און אונטער די דראָונגען פון מלחמה — אַ באַנייטן דרוק אויף ישראל; לויט דער צווייטער מעגלעכקייט, אויב ער וואָלט אָנגעמאָלדן זיין דעמיסיע, וואָלט געקומען צו „ספּאָנטאַנישע" מאַסן־דעמאָנסטראַציעס, וועלכע וואָלטן אים „געצוווּנגען" צוריקצוציען זיין דעמיסיע און וואָלטן אים געגעבן אַ באַנייטן און פאַרשטאַרקטן מאַנדאַט פון זיין פאָלק פאַר נייע דראַמאַטישע געגנג, וואָס קיינער קען זיי נישט פאָרויסזען...

דער נייער אויסגאַנגס־פּונקט: אומצוטרוי און דערפאַרונג

די דאָזיקע מעגלעכקייטן זענען גענומען געוואָרן אין באַטראַכט אויפן סמך פון סאַדאַטס אייגענער „סטראַטעגיע פון שאָקן". געשען איז אָבער נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע — סאַדאַט האָט באַשלאָסן „אָנצולערנען ישראל" און וייטער פאָרצוזעצן דעם פריערדיקן וועג.

אָבער אויף וואָס פאַר אַ אופן די קאָנטאַקטן זאָלן נישט באַנייט אָדער פאַרגעזעצט ווערן — וועט זיך דאָס במילא שוין אָנהייבן פון אַ נייעם אויסגאַנגס־פּונקט. דער נייער אָנהויב וועט זיכער זיין אַ סך שווערער ווי דער ערשטער. ער אַנטהאַלט שוין אין זיך אַ היבשן אָנזאַץ פון פאַרדרוסן און פאַרביטערונגען, פון אָנגעזאַמלטע ברוגזן און באַליידיקונגען, און אויך אַ היבשע מאָס פון קעגנזייטיקן אומצוטרוי. אָבער פון דער אַנדערער זייט

וועט די נייע פּאַזע פון די קאָנטאַקטן שוין זיין באַזירט אויף אַ גרעסערער מאָס פון דערפאַרונג און זיי וועלן זיך פירן מיט מער פּאָרזיכטיקייט.

פאַרשטייט זיך, דאָס אַלץ ווערט געזאָגט מיטן תנאי, אַז עס וועלן נישט זיין קיין נייע איבעראַשונגען, צו וועלכע מיר זענען שוין געוווינט, אָבער וועלכע מ׳קען קיינמאָל נישט פּאָרויסזען, און אויב עס וועלן נישט זיין קיין בכיוונדיקע שטערונגען — פון דעם סאָרט ווי עס איז געווען דאָס אַרויסשיקן די טראַקטאָרן און בולדאָזערס קיין פיתחת־רפיח אין דער צייט, ווען די פּאָליטישע קאָמיסיע אין ירושלים האָט פאַרהאַנדלט וועגן אַ בשותפותדיקער דעקלאַראַציע פון פרינציפּן.

דער געשטרויכלטער „מאָמענטום"

ווי מיר ווייסן, איז דער דאָזיקער פאַקט געווען איינער פון די עיקרדיקע סיבות, וואָס האָבן דערפירט צו סאַדאַטס באַשלוס אָפּצורופן זיין דעלע־גאַציע פון ירושלים און צו באַפעלן איר זיך צוריקצוקערן קיין קאַיר, נישט וואַרטנדיק אַפילו אויף קיין באַריכט וועגן דעם פאַרשריט, וואָס איז דערווייל אָנגעגאַנגען אויף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע. אין דער האַנדלונג פון מיניסטער שרון — ביי דער צושטימונג און אונטער דער דעקונג פון דער רעגירונג, ווי אויך אין די דערקלערונגען פון דיינ׳ען און פון בעגינען האָט סאַדאַט געזען אַ פאַרלעצונג פון צוטרוי און אַ פרווו צו שטרויכלען אָדער צו פאַרשלעפּן דעם טעמפּאָ פון דעם שלום־פּראָצעס, אַ פרווו אונטער־צוגראָבן דעם א.ג. „מאָמענטום" און אַזוי אַרום צו שטרויכלען די כוונות און די צילן, וועלכע ער האָט זיך געשטעלט מיטן אונטערנעמען די ריזי־קאַלישע איניציאַטיוו.

פון דער אַנדערער זייט איז אָבער דער מצרישער פרעזידענט געפאַלן אַ קרבן פון זיין אייגענער סטראַטעגיע, וועלכע האָט זיך באַזירט אויף די געזעצן פון דער פּאָליטישער דינאַמיק, אָבער אָן דער ווייטזיכטיקער צוגן־אויסרעכענונג פון אַ געניטן שאַך־שפּילער.

סאַדאַט איז, ווי עס האָט זיך ביז איצט געהאַט אַרויסגעוויזן, אַ קלוגער פּאָליטיקער מיט אַ גוטן פּאָליטישן חוש. אָבער ווי אַן איינציקער הערשער אין זיין לאַנד, איז ער — ווי אַלע אַליינהערשערס — אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון פּאָליטישן נעוראָטיזם און איז אויסגעשטעלט אויף די פּאָלגן פון זיינע זיך־ענדערנדיקע קאַפּריזן. נישט זעלטן ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די קאַפּריזן זענען אויך אַ טייל פון סאַדאַטס סטראַטעגיע אויף אַ קורצער מעטע.

דער פּרייז פון „דערפאַרונג"

אין זיין רעדע פאַרן מצרישן פּאַרלאַמענט האָט סאַדאַט קלאָר געמאַכט — פונקט אַזוי ווי ער האָט עס קלאָר געמאַכט אין זיין רעדע אין דער כנסת מיט צוויי חדשים צוריק — אַז די פראַגע פון די שטחים, דהיינו די פאָדע־רונג וועגן צוריקקערן אים דעם גאַנצן סיני, קען נישט זיין קיין ענין פאַר

דיינגענישן — פונקט אַזוי ווי בעגין האָט דערקלערט, אַז די פראַגע פון דער נישט־צעטיילבאַרער ירושלים קען נישט זיין קיין טעמע פאַר אונטער־האַנדלונגען — הגםביידע זענען איינגעגאַנגען דערויף, אַז יעדע טעמע שטייט אָפן פאַר אַ דיסקוסיע צווישן די צדדים. סאַדאַט, וועלכער האָט זייער גוט געוווּסט ווי ווייט עס קענען גיין די פאַרציכטונגען, וואָס ער קען אַרויסבאַקומען ביי בעגינען, און וועלכער האָט זיך אָן ספק גערעכנט מיט די מעגלעכקייטן אין אָנבליק פון בעגינס אידעאָלאָגישע אַנשווינגען און פון דעם צוזאַמענשטעל פון דער רעגירונג — האָט אָבער געהאָפט, אַז די דינאַמיק און דער טעמפּאָ פון זיין שלום־איניציאַטיוו וועלן מצליח זיין „צוצודריקן בעגינען צו דער וואַנט" און וועלן אים שטעלן אין אַ לאַגע אָן אַן אַנדערער ברירה, מיט דער הילף פון די אַלע מיטלען, וואָס ער האָט אַנגעווענדעט אין זיין שלום־אָפענסיווע. לויט זיין איבערצייגונג האָט ער שוין פאַרגעשלאָגן ישראל דעם מאַקסימום, אַנטקעגנקומענדיק דער פאָ־דערונג פון ישראל אין דער פראַגע פון דעם „מהות פון שלום", און דערצו נאָך אָנערקענענדיק די זאָרג פון ישראל פאַר איר זיכערהייט און גרייט זייענדיק אויך צו געפינען בשותפותדיקע מיטלען און רעגולירונגען צו גאַראַנטירן די דאָזיקע זיכערהייט.

אויף דעם אופן האָט זיך איינגעגעבן סאַדאַטן צו „נייטראַליזירן" ישראל פאַר דער עפנטלעכער מיינונג אויף דער וועלט און צו שטעלן זי אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע צוליב איר נישט־גרייטקייט אויפצולייזן די ישובים אין סיני און איינצוגיין אויפן פרינציפ פון זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פאַר די פאַלעסטינעזער אויף די פאַרנומענע שטחים. סאַדאַט האָט געהאָפט, אַז די דינאַמיק פון זיין שלום־אָפענסיווע וועט צווינגען די רעגירונג פון מנחם בעגין נאָכצוגעבן זיינע פאָדערונגען, מחמת הינטער אים וועט שטיין דער כוח פון דער עפנטלעכער מיינונג אויף דער וועלט. יעדע שטרויכלונג אָדער פאַרלאַנגזאַמערונג פון אָט דעם דינאַמישן פּראָצעס האָט געדראָט מיט אָפּשוואַכן דעם דאָזיקן כוח זיינעם, און וואָלט דערמעגלעכט בעגינען צו אָרגאַניזירן זיין פּאָליטישן און פּראָפּאַגאַנדיסטישן כוח צו אַ קעגן־אָפענסיווע.

ווי געזאָגט, האָט סאַדאַט נישט פאַרשלאָסן די טיר, הגם דער תהום פון די קעגנזאַצן איז געבליבן דער זעלבער ווי פריער, און די שוועריקייטן זענען געוואָרן אַ סך גרעסער. די דאָזיקע לאַגע האָט אפשר פאַנאַנדער־געטריבן די אילוזיעס, אָבער זי האָט צוריקגעקערט אויף דער אָרענע דעם אמתן באַלעבאָס פון דער לאַגע — די אַמעריקאַנער, וועלכע וועלן איצט איבערנעמען די איניציאַטיוו און די ראָל פון פאַרמיטלער, און זיי וועלן שוין ריכטן די אַנטוויקלונגען — לויט זייערע גלאָבאַלע אינטערעסן.

ל. נ. 23.1.1978

די אָפּציע פון אילוזיעס

די געשיכטע אין מיטעלן מזרח שטראָמט היינט גיכער ווי דאָס וואַסער אין נילוס. דאָס קלינגט אפשר ווי אַ מליצה, אָבער אין דער קורצער צייט זינט יענעם היסטאָרישן שבת־צונאַכטס, ווען דער עגיפּטישער פּרעזידענט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט זיין שלום־דעסאַנט אין ירושלים, האָבן שוין אַ היפּש ביסל וואַסערן אָפּגעשטראָמט אין נילוס, אין ירדן און אין פּאָטאָמעק, און די פּאָליטישע פּאַסירונגען און אומוואַנדלונגען זענען דאָ אויך געלאָפן אַ סך גיכער, ווי מען איז דאָס געוווינט אַפילו אין אונדזער ראַיאָן. אַ סך אָפּציעס זענען פאַר דער צייט אויפגעקומען און ווידער אויפגעגעבן געוואָרן. געבליבן איז די איינציקע זיכערע אָפּציע — די אָפּציע פון אילוזיעס. כאָטש אַ סך פון די אויפגעקומענע אילוזיעס זענען אין אָט דער קורצער צייט שוין אויך געוואָרן צערונען, אַזוי ווי דער חלום, אין וועלכן מיר האָבן געלעבט אין יענע טעג, אין די טעג פון „משיחס צייטן", ווען דער שלום איז גע־שטאַנען ממש פאַר דער טיר פון אַלעמענס דערוואַרטונגען.

עס וואָלט נישט געווען איבערגעטריבן צו פאַרגלייכן די איצטיקע שאַנסן אויף אַ שלום צו אַ פאַטאַ מאָרגאַנאַ אין מדבר: אָט איז ער מיט דער האַנט צו דערגרייכן, און אָט דערווייטערט ער זיך און פאַרשווינדט, און אָט באַווייזט ער זיך ווידער ווי אַ רעאַלע מעגלעכקייט און אָט פאַרשווינדט ער ווידער.

דער אונטערשיד באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס אין קעגנזאַץ צום פאַטאַ־מאָרגאַנאַ, איז דער שלום נישט קיין פּרוכט פון קיין האַלוצינאַציעס, נישט קיין פאַנטאַזיע — נאָר אַ רעאַלע מעגלעכקייט, וועלכע האָט זיך אַלס אַזעלכע שוין טאָקע געהאַט באַוויזן פאַר אונזערע אויגן מיט סאַדאַטס עצם באַזוך אין ירושלים. און אויב ער איז אפשר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַטאַ מאָרגאַנאַ, איז דאָס נישט צוליב זיין אומרעאַלקייט, נאָר צוליב דער נישט־רעאַלער פּאָליטיק פון די, וועלכע האַלטן דעם גורל פון שלום אין זייערע הענט.

אַוודאי איז עס נישט אַזוי פּשוט צו מאַכן שלום, ווי צו שרייבן וועגן דעם. אַוודאי איז אויך פאַראַן אַ סך דראַמאַטישקייט, וואָס איז אַריינגעברענגט געוואָרן ווי אַ צוגאָב־עלעמענט אין דער סטראַטעגיע, מיט וועלכער עס באַנוצן זיך די צדדים אין דער איצטיקער מלחמה פאַרן שלום. דער איבעררייס פון די פּאָליטישע געשפּרעכן צווישן ישראל און מצרים, למשל, איז געקומען מיט דער זעלבער טעלעוויזיאָנישער דראַמאַטישער פּלוצימדיקייט, מיט וועל־כער עס איז געקומען דער באַזוך פון דעם עגיפּטישן פּרעזידענט. מעגלעך, אַז די דאָזיקע פּלוצימדיקייט דרינגט אַרויס פון סאַדאַטס אימפּולסיוון כאַראַקטער. עס איז אָבער אויך זייער מעגלעך, אַז זי האָט מיט זיך פאַר־

געשטעלט אַ פּרווו — אַ פּאַרצווייפלטן פּרווו — צו מאַכן אַ גרויסן שפּרונג און אַ סוף מאַכן צו דער דרייסיק־יאָריקער מלחמה „מיט איין קלאַפּ".

ווי עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, האָט דער עגיפּטישער פּרעזידענט — און צוזאַמען מיט אים אויך דער גרעסטער טייל פון די פּאָליטישע קאָמענ־טאַטאָרן — נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז אויסער דעם טיפן און ברייטן תהום פון די פּאָליטישע קעגנזאַצן, האָט ער נאָך געהאַט אַריבערצושפּרינגען אויך אַ פילאָזאָפישן תהום: דאָס איז דער גרויסער אונטערשיד צווישןביידע צדדים אין דער **אויפפאַסונג פון דער צייט**. דער זייגער אַרבעט נישט ביי ביידע גלייך. אין דער צייט, ווען דער עגיפּטישער פּרעזידענט איילט זיך, ווייל יעדע מינוט איז אים טייער, יעדע אָפּשלעפּונג קען גורם זיין אומ־געוווּנטשענע רעזולטאַטן, יעדע פאַרזוימונג קען גורם זיין דאָס אַריינמישן זיך פון נישט פאַרויסגעזעענע פאַקטאָרן, וואָס זענען עלול צו שטרויכלען די גאַנצע שלום־אָפענסיווע — איילן זיך נישט בעגין און דיין. אין איינ־קלאַנג מיט דער אַלטער פילאָזאָפיע פון די פריערדיקע רעגירונגען פון „מערך", אַז „די צייט אַרבעט פאַר אונדז", זוכט אויך די בעגין־רעגירונג צו געווינען צייט, צו פאַרהאַלטן דעם האַסטיקן טעמפּאָ פון סאַדאַטס „מאָמענ־טום". און די סיבה פון דעם איז פולשטענדיק פאַרשטענדלעך — פונעם שטאַנדפּונקט, פאַרשטייט זיך, פון דער רעגירונג פון „ליכוד" און פון אירע אינטערעסן.

*

בעגינס באַלדיקער אָפּרוף אויף סאַדאַטס שלום־איניציאַטיוו און זיין ערשטמאָליקע פּשרה־גרייטקייט אין די פאָרמעל־פּראָצעדורעלע, און טייל־ווייז אַפילו אין די וועזנטלעכע, ענינים פון די ישראל־עגיפּטישע פאַר־העלטענישן, האָט אַרויסגערופן אַ פּאָזיטיוון אָפּקלאַנג מיט אַנערקענונג פאַר דעם ישראלדיקן פּרעמיער אין דער פרייער וועלט. מיט דער צייט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען זיין איינציקע ברירה, פאַר וועלכער עס האָט אים געשטעלט דער עגיפּטישער פּרעזידענט, אַריינשטופּנדיק אים אין אַ שטעגל, פון וועלכן ער האָט נישט געהאַט קיין צוריקוועג. אין פאַל ווען בעגין וואָלט נישט אָנגענומען די ערשטע אַרויספאָדערונג פון סאַדאַטן, וואָלט ער געעפנט דערמיט אַ וועג פאַרן צוריקקער פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין דעם ראַיאָן, און אין דער מערב־וועלט וואָלט ישראל געוואָרן פּאָליטיש נאָך מער איזאָלירט ווי ביז איצט. אין אַ געפאַר וואָלט אויך געשטאַנען די אונטערשטיצונג פון אַמעריקע, דעם איינציקן אָנשפּאַר פון ישראל. די רעזולטאַטן פון אַזאַ אָפּזאָג וואָלטן געווען פאַטאַלע פאַר דער בעגין־רעגירונג און פאַר דער מדינה. סאַדאַט האָט אויך גוט געוווּסט, אַז דאָס, וואָס ער וואָלט נישט געקענט דערגרייכן ביי אַ רעגירונג פון „מערך", וועלכע וואָלט געהאַט קעגן זיך די שטאַרקע אָפּאָזיציע פון רעכטס בראש מיט בעגינען, קען ער גיכער דערגרייכן ביי בעגינען, וועלכער ווייסט אַזאַ אָפּאָזיציע קעגן זיך נישט האָבן.

דאָס האָט אָבער סאַדאַטן זיך איינגעגעבן נאָר אין דער ערשטער פאַזע, אין רעזולטאַט פון דער ערשטער אויפטרייסלונג, וועלכע ער האָט געשאַפן

מיט זיין געוואַגטן באַזוך אין ירושלים. ער האָט, קענטיק, נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז סוף־כל־סוף קען בעגין נישט האַנדלען קעגן זיין אייגענער אידעאָלאָגיע און קעגן דער פּאַרפּליכטונג, וועלכע ער האָט אויף זיך גענומען און אין זכות פון וועלכער ער איז געקומען צו דער מאַכט אין די וואַלן פון 17־טן מאַי. אויסער דעם האָט בעגין זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָפּאָזיציע אין זיין אייגענער פּאַרטיי, און אויך די אָנפירונג פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן אים אַטאַקירן גראָד פון רעכטס. בעגין, דער יורש און נאָכפאָלגער פון זשאַבאָטינסקי, דער קאָנסעקווענטער פרעדיקער פון דער „ארץ ישראל השלמה", דער אָנערקענטער פירער פון דער עקסטרעמער רעאַקציע, איז דורך די פירער פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי באַשולדיקט געוואָרן אין צופיל נאָכגעביקייט, אין „מפקיר זיין די זיכערהייט פון ישראל".

בעגינס און דיינ׳ס שפּעטערדיקע האַנדלונגען האָבן באַוויזן, אַז די כוונות פון זייערע ערשטע שריט זענען געווען בלויז פון טאַקטישן כאַראַק־טער. אין תוך גענומען איז זייער פּאַרפּליכטונג מוותר צו זיין אויפן האַלב־אינדזל סיני געווען אַן אויבנאויפיקע, און זיי האָבן אויך געהאָפט, אַז דורך דעם וועט סאַדאַט מוותר זיין אויף צו דריקן אין דער פּאַלעסטינעזישער פראַגע. אין דער פראַגע איז סאַדאַט ווירקלעך געגאַנגען אויף אַ פּשרה, אויסמיידנדיק די פּ.ל.אָ. און איינגייענדיק אויף אַ לענגערער איבערגאַנגס־תקופה ביז דער שאַפונג פון אַ פּאַלעסטינעזישער מדינה. אָבער אויפן פּרינציפּ פון זעלבסט־באַשטימונג האָט דער עגיפּטישער צד נישט מוותר געווען. אין דער דאָזיקער פראַגע איז אויך דורכגעפאַלן דער פּרווו צו פאַר־עפנטלעכן אַ בשותּפותדיקע דעקלאַראַציע פון כוונות בעת דער באַגעגעניש פון סאַדאַטן מיט בעגינען אין איסמאַיליאַ.

אַנשטאָט אַ דעקלאַראַציע פון כוונות, איז אויף דער באַגעגעניש אין איסמאַיליאַ באַשלאָסן געוואָרן, ווי באַוווּסט, צו שאַפן צוויי קאָמיסיעס, וואָס זאָלן קאָנפערירן אין ביידע הויפּט־שטעט — אַ פּאָליטישע ישראל־מצרישע קאָמיסיע, בראש מיט די אויסערן־מיניסטאָרן פון ביידע לענדער, אין ירושלים, און אַ מיליטערישע קאָמיסיע, בראש מיט די קריגס־מיניסטאָרן — אין קאַיר. אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען די פּאָליטישע קאָמיסיע האָט אָנגעהויבן אירע באַראַטונגען אין ירושלים, איז דער לאַנדווירטשאַפט־מיניסטער אריאל שרון, דער פּאָרזיצער פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר די ענינים פון קאָלאָניזאַציע, אַרויסגעטראָטן מיטן פּלאַן וועגן אויפשטעלן צענדליקער נייע ישובים אין צפון־סיני, אויף דרום פון עזה־פּאַס.

די פּראָטאָקאָלן פון דער רעגירונג און די דאָקומענטן, וואָס זענען נוגע דער דאָזיקער פרשה, וועלן נאָך אין משך פון לאַנגע יאָרן פאַרבלייבן אַ מלוכהשער סוד, קיינער ווייסט נישט וואָס עס איז באמת באַשלאָסן געוואָרן אויף דער געשלאָסענער זיצונג פון דער רעגירונג. לויטן אָפיציעלן קאָמו־ניקאָט האָט די רעגירונג נישט אָנגענומען שרונס פאָדערונג און האָט אַנשטאָט דעם באַשלאָסן „געדיכט צו מאַכן" די עקזיסטירנדיקע ישובים אין צפון־סיני. אָבער צומאָרגנס נאָך דעם באַשלוס פון דער רעגירונג, און אין מיטן די אונטערהאַנדלונגען פון דער ישראל־עגיפּטישער פּאָליטי־שער קאָמיסיע, האָט דער „קרן קיימת" געבראַכט אין צפון־סיני ריזיקע

בולדאָזערס און טראַקטאָרן און אָנגעהויבן דורכפירן ברייטפּאַרמאַסטענע אַרבעטן פון צוגרייטן און אַרומצוימען דעם באָדן פאַר צענדליקער נייע ישובים אויף נייע שטחים פון צענדליקער קילאָמעטערס. און אויף די פראַגן פון זשורנאַליסטן האָט שרון געטענהט, אַז די אַרבעטן ווערן געפירט אין איינקלאַנג מיטן באַשלוס און מיט דער פולער הסכמה פון דער רעגירונג.

אין אָט דער לאַגע האָט סאַדאַט באַפוילן זיינע פאַרשטייער אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע איבערצורייסן די אונטערהאַנדלונגען און זיך צוריק־צוקערן קיין קאַיר. נאָך דעם, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די „מלחמה פון דעקלאַראַציעס", און ווען די עגיפּטער האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן נישט דערלויבן קיין יידישע ישובים אין סיני, האָט משה דיין צוויי טעג פאַרן אויפרייס פון די אונטערהאַנדלונגען געוואָרנט, אַז „אויב די עגיפּטער וועלן אַרויסשטעלן באַדינגונגען, וועלן זיי זיך דאַרפן צוריקקערן קיין קאַיר".

שפּעטער האָבן סיי בעגין און סיי דיין זיך געוווּנדערט הלמאי סאַדאַט האָט באַפוילן זיינע פאַרשטייער איבערצורייסן די געשפּרעכן, אין דער צייט ווען די צדדים אין דער קאָמיסיע זענען שוין געווען „אַזוי נאָענט צו אַ הסכם"...

*

קלאָר, אַז נישט בלויז די בולדאָזערס און די פראַגע פון די ישובים אין סיני זענען געווען די סיבה פון איבעררייסן די שלום־געשפּרעכן. די בולדאָזערס אין צפון־סיני זענען אָבער געווען איינער פון די פאַקטאָרן, וואָס האָבן פאַר־האַלטן דעם „מאָמענטום", בעת אין דער זעלבער צייט האָט זיך פאַרשטאַרקט דער דרוק אויף סאַדאַטן אין אַראַבישן לאַגער. עס האָט זיך געשטאַרקט דער „פראָנט פון אָפּזאָג" און אויך די קעגנערשאַפט מצד סאַוד־אַראַביע, פון וועלכער מצרים באַקומט ריזיקע סומעס צו ראַטעווען איר שטאַרק באַדראָטע אָרעמע ווירטשאַפט. סאַדאַט האָט זיך נישט געקענט דערלויבן אויף קיין פאַרשלעפּונגען, ווען ער האָט דערזען פאַר זיך די בפירושדיקע באַמיונגען פון דער בעגין־רעגירונג צו פאַרציען די שלום־אונטערהאַנדלונגען און צו „געווינען צייט", כדי נאָך מער צו באַפעסטיקן זיך אויף די אָקופּירטע שטחים, מיט דער כוונה זיי נישט צורקצוקערן.

אין דער זעלבער צייט האָט ישראל דערלאַנגט אירע אייגענע שלום־פאַרשלאַגן, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן דעם פּלאַן פון אַן „אויטאָנאָמיע" פאַר די פּאַלעסטינעזער אויפן מערב־ברעג פון ירדן און אין עזה־פּאַס. אַ פּלאַן, וואָס האָט פאַר די אָנהענגער פון דער „ארץ ישראל השלמה" אויסגעזען צו זיין שטאַרק נאָכגעביק און וואָס האָט טאַקע אַרויסגערופן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט ביים „גוש אמונים", אין די רייען פון „חרות" און אַפילו אין די אַקטיוויסטישע קרייזן פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי. אָבער אין דער אמתן איז דער דאָזיקער פּראָיעקט אַן אַדאַפּטאַציע פון משה דיינס געדאַנקען וועגן אַ „פונקציאָנעלער לייזונג" פאַר דער פּאַלעסטינעזישער פראַגע, דהיינו — אַן „אויטאָנאָמיע" אונטער דער באַוואַכונג פון דער ישראל־אַרמיי, מיטן רעכט פון דער פּאַלעסטינעזישער באַפעלקערונג אויסצוויילן צווישן דער

בירגערשאַפט פון ישראל, אָדער פון יאַרדאַניע. היות עס זעט נישט אויס, אַז די פּאַלעסטינעזער וועלן גרייט זיין אָנצונעמען די ישראלדיקע בירגערשאַפט, וועט דאָן מער נישט זיין קיין דעמאָגראַפישע געפאַר פאַר דער ייִדישער מדינה: די איינוווינער פון די אָקופּירטע שטחים אויפן מערבדיקן ברעג און אין עזה־פּאַס וועלן קענען שטימען צום יאַרדאַנישן פּאַרלאַמענט. אויף אַ פראַגע אין דער כנסת — וואָס וועט זיין, אויב די איינוווינער וועלן אויסוויילן די דריטע מעגלעכקייט, דהיינו: די פּאַלעסטינעזישע בירגערשאַפט? — האָט דער אויסערן־מיניסטער דיין געענטפערט שאַרף און קלאָר: צו דעם צוועק האָבן מיר די אַרמיי, וועלכע וועט צו דעם נישט דערלאָזן...

דער דאָזיקער ענטפער (וועלכער האָט, אַגב, געקאָסט דער רעגירונג פינף שטימען, וואָס זי האָט פאַרלוירן בעת דער צוטרוי־אָפּשטימונג אין דער כנסת), האָט קלאָר געמאַכט דעם כאַראַקטער פון דעם „שלום־פּלאַן", וועלכן ס'האָט פאָרגעלייגט בעגין. דער דאָזיקער פּלאַן, וועלכער ווערט באַצייכנט אַלס „אַן אויטאָנאָמיע פאַר די פּאַלעסטינעזער, אָבער נישט פאַר פּאַלעסטינע", איז אין דער אמתן אַ פּלאַן פון אַ מיליטערישן פּראָטעקטאָראַט, אַ צעטיילונג פון די פונקציעס: דער שטח זאָל געהערן צו ישראל, און זיינע איינוווינער — צו יאַרדאַניע. זיין חסרון באַשטייט אין דעם, וואָס דער חשבון איז געמאַכט געוואָרן אָן דעם באַלעבאָס: נישט די פּאַלעסטינער איינוווינער זענען גרייט אים אָנצונעמען, און נישט יאַרדאַניע, וועלכע איז אויך וועגן דעם נישט געוואָרן געפרעגט. און פאַרשטענדלעך, אַז אויך עגיפּטן האָט אים נישט געקענט אָקצעפּטירן, ווייל זי וואָלט אויסגעשטעלט געוואָרן צו שפּאָט און צו שאַנד אין דער אַראַבישער וועלט.

די פאָדערונג וועגן שאַפן אַ פּאַלעסטינעזישע מדינה דורך אָנערקענען דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג פאַר דער פּאַלעסטינעזישער באַפעל־קערונג און די פולע עוואַקואַציע פון סיני — דאָס זענען כמעט די איינציקע וועזנטלעכע שטרייט־פראַגן, איבער וועלכע עס האָט זיך ביז איצט נישט איינגעגעבן צו פאַרוואַרפן קיין בריק צווישן די צדדים. סאַדאַט קען נישט אָפּזאָגן זיך פון די שטחים אין צפון־סיני, ווייל דאָס וואָלט אַרויסגערופן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט ביי זיין אייגענעם פאָלק, און אין דער פּאַלעסטי־נעזישער פראַגע וואָלט ער נאָך מער איזאָלירט געוואָרן אין דער אַראַבישער וועלט. ישראל פון איר זייט קען נישט גיין אויף קיין מער ווייטגייענדיקער פשרה — צוליב דעם עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער פון איר איצטיקער רעגירונג, וועלכע פאַררופט זיך נאָך אויף דער כלומרשט אַלגע־מיינער הסכמה פון דער ישראלדיקער באַפעלקערונג.

עס איז שווער צו זאָגן, צי אין פאַל פון אַ רעאַלער מעגלעכקייט פון אַ שלום, ווי דאָס האָט ווירקלעך אויסגעזען אין די ערשטע טעג פון סאַדאַטס שלום־אָפענסיווע, וואָלט די באַפעלקערונג פון ישראל נישט גרייט געווען, אין איר מערהייט, זיך אָפּזאָגן פון אַלע אָקופּירטע שטחים. די בעגין־רעגירונג איז נישט גרייט אויף קיין רעפערענדום אין אַט דער פראַגע, ווייל זי וויל די שטחים נישט פאַרלירן. אָבער אויב עס גייט אין דער אָפּאָזיציאָנעלער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט זי אין דעם פאַל אַנטפּלעקט זייער נישט קיין אָנשטענדיקע ראָל, שטעלנדיק זיך הינטער דער אַנעקסיאָניסטישער פּאָליטיק

פון דער בעגין־רעגירונג. נאָך מער — זי האָט אַפילו אַטאַקירט די רעגירונג הלמאַי זי איז כלומרשט „צו ווייט געגאַנגען״ אין איר פשרה־גרייטקייט, מחמת לויט דער טענה פון פרס, גלילי און גאָלדע מאיר איז דער פּלאַן פון דער אויטאָנאָמיע „געפערלעך״, ווייל ער שאַפט אַ שאַנס פאַר אַ פּאַלעסטינעזישער מדינה: דער דאָזיקער פּלאַן זעט פאָר דאָס רעכט פון באַהאַנדלען די ענינים פון דאָס ניי אין פינף יאָר אַרום... און וואָס שייך צפון־סיני, איז די „אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע״ נישט אָפּגעשטאַנען פון דער „ארץ ישראל השלמה״ און האָט אויך אין די זעלבע טעג פון שרונ׳ס בולדאָזער־פּאָליטיק אין דער צייט פון די פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען, אויפגעשטעלט דעם קיבוץ „חולית״ אין פתחת רפיח.

זייער מעגלעך, אַז עס וועט אפשר ווערן דערגרייכט אַ פשרה־פאָרמולע אין נוסח, למשל, אַז „די פּאַלעסטינעזישע איינוווינער פון מערב־ברעג און פון עזה־פּאַס וועלן ווערן מיטבאַטייליקט אין באַשטימען זייער ווייטערדיקן גורל״. אַזאַ נוסח איז פאָרגעלייגט געוואָרן דורך וואַשינגטאָן, כדי אַרומצוגיין די טיפע חילוקי־דעות און דערווייל ווייטער צו פירן די אונטערהאַנדלונגען איבער די לייכטערע ענינים, נאָכדעם ווי זיי זענען באַנייט געוואָרן נאָך דעם ערשטן ערנסטן קריזיס. מעגלעך, אַז בעת דער באַגעגעניש צווישן סאַדאַטן און קאַרטערן אין וואַשינגטאָן וועט געפונען ווערן אַ נאָך מער אויסגעקליגלטער נוסח. אָבער די בריק פון ווערטער וועט זיכער ניט קענען זיין קיין גענוג פעסטער פונדאַמענט פאַר אַ שלום, וואָס זאָל באַפרידיקן די צדדים און זאָל טאַקע פאַרמיידן אַ שפּעטערדיקע מלחמה, ווי סאַדאַט און בעגין האָבן זיך דאָס פאַרפליכטעט בעת זייער ערשטער באַגעגעניש אין ירושלים.

די עגיפּטער האָבן שוין קלאָר געמאַכט, אַז זיי זענען גרייט אויף אַלע מעגלעכע רעגולירונגען, וואָס זאָלן באַפרידיקן די זיכערהייטס־דאגות פון ישראל, און זיי זענען אויך גרייט אויף צו באַשטימען אַ לענגערע איבערגאַנגס־תקופה פאַר דער רעאַליזירונג און לייזונג פון דעם פּאַלעסטינעזישן פּראָבלעם. זיי קענען זיך אָבער נישט אָפּזאָגן פון דעם פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג און פון צוריקקערן די פולע סוווערעניטעט איבער די אַראַבישע שטחים.

דאַקעגן האָבן די פירער פון דער ישראל־רעגירונג קלאָר געמאַכט, אַז די ישובים אין צפון־סיני זענען לעבנסוויכטיק פאַר דער זיכערהייט פון ישראל, און אַזוי אויך די ישובים אין „יהודה און שומרון״ (די שטחים אויף מערב פון ירדן), וועלכע האָבן אויסער דעם אויך זייער „היסטאָרישע״ באַרעכטיקונג. הגם די רעגירונג האָט שוין געבראָכן דעם „טאַבו״ און האָט שוין אָנערקענט, אַז עס עקזיסטירט אַ „פּאַלעסטינעזיש פּראָבלעם״ (לויט בעגינס נוסח: „אַ פּראָבלעם פון ארץ־ישראלדיקע אַראַבער״), האַלט זי זיך נאָך אַלץ עקשנותדיק ביי איר קעגנערשאַפט צו אָנערקענען די עקזיסטענץ פון אַ פּאַלעסטינעזיש פאָלק. זי שטעלט זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגן דער פאָדערונג וועגן רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג און לאָזט נישט די דאָזיקע פאָרמולירונג אַריינעמען אין דער געפּלאַנטער דעקלאַראַציע פון כוונות. און דאָס אַלץ דערפאַר, ווייל זי וואַרפט אָפּ קאַטעגאָריש דעם געדאַנק וואָס

דרינגט פון דעם אַרויס, וועגן אַ פּאַלעסטינעזישער מדינה. אויפן פּאָרוואורף פון די קריטיקער, וואָס טענהן, אַז די רעגירונג האָט שוין געשאַפן אַן אָפּציע צו רעוווידירן דעם דאָזיקן באַשלוס נאָך פינף יאָר, ווי זי אַליין לייגט דאָס פּאָר אין איר שלום-פּלאַן — האָבן שוין דיין און בעגין אַליין בפירוש פּאַר־זיכערט, אַז צו דעם וועט קיינמאָל נישט קומען: ישראל וועט בשום אופן נישט מוותר זיין אויף די שטחים פון „יהודה און שומרון”. צווישן די פיר פּאַקטאָרן, וואָס וועלן דאַרפן צוזאַמען באַשטימען דעם גורל פון די פּאַלעס־טינעזישע אַראַבער, דהיינו — ישראל, מצרים, יאַרדאַניע און אַ פּאַלעס־טינעזישע פּאָרשטייערשאַפט — וועט ישראל האָבן דאָס רעכט פון וועטאָ, אַזוי אַז עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פּאַר אַן ענדערונג... צו דעם צוועק ווערן שוין געפּלאַנט צענדליקער, און אפשר הונדערטער, נייע ישובים אויף די „שטחים”, אויסער שילה און אַנדערע, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן גראָד אין די דאָזיקע טעג.

אויסערליש האָבן געקלונגען די טענות פוןביידע צדדים וועגן דער מאָס פון זייער נאָכגעביקייט און אויף די פשרות, אויף וועלכע זיי זענען איינגע־גאַנגען, פּאָרוואַרפנדיק דעם אַנדערן צד שטייפקייט און פשרהלאָזיקייט. בעגין האָט געטענהט, אַז סך-הכל האָט אים סאַדאַט „גאָרנישט געגעבן אויסער ווערטער און הבטחות, בעת ישראל איז גרייט אָוועקצוגעבן (כמעט) דעם גאַנצן סיני”, ד. ה. ממשותדיקס. וואָס שייך דעם „קרבן” וועלכן סאַדאַט האָט געגעבן מיט זיין קומען קיין ירושלים — איז בעגין אויך גרייט צו פּאָרן קיין קאַהיר, אויב מ'וועט אים נאָר איינלאַדן אַהין... און וואָס שייך דער אָנערקענונג? — ישראל נויטיקט זיך נישט אין קיינעמס אָנערקענונג, זי וועט זיך ביי קיינעם נישט בעטן מ'זאָל זי אָנערקענען, זי עקזיסטירט אין איר אייגענעם זכות, האָט בעגין דערקלערט מיט זיין כאַראַקטעריסטישן פּאַטאָס.

דאַקעגן טענהט סאַדאַט, אַז ער האָט שוין געגעבן אַלץ, בוכשטעבלעך אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט, און אין וואָס ישראל נויטיקט זיך: דאָס אָנערקענען ישראל ווי אַ טייל פון דעם מיטעלן מזרח, דאָס אונטערשרייבן אַ שלום (איצט, און נישט דורך די שפּעטערדיקע דורות, ווי ער פלעגט פריער טענהן), באַשטימען די געהעריקע זיכערהייטס-רעגולירונגען, דאָס נאָרמאַליזירן די פרידלעכע באַציונגען און די קעגנזייטיקע פּאַרפליכטונג צו לייזן אַלע מעגלעכע קאָנפליקטן נישט דורך מלחמה. און דאָס אַלץ, זאָגט ער, ווערט דורך ישראל באַצייכנט אַלס „שטייפקייט”!

אין די דאָזיקע קעגנזייטיקע פּאָרוואורפן ליגט, אייגנטלעך, דער טיפער תהום פון די קעגנזאַצן, ווייל זיי כאַראַקטעריזירן דעם פּריאָריטעט-לייטער פון די ענינים פון נאַציאָנאַלער חשיבות ביי די צדדים.

אין משך פון אַלע יאָרן האָט ישראל געטענהט, אַז נישט די „שטחים” זענען די סיבה פון דעם קאָנפליקט, נאָר דער „מהות פון שלום”. מיטן מאָ־מענט, ווען עס וועט פּאַרזיכערט ווערן ישראל אָט דער „מהות פון דעם שלום”, וועט זי זיך מער נישט נויטיקן אין די שטחים. אין דער זעלבער צייט אָבער האָבן די פירער פון ישראל אָפּגעוואָרפן די אַראַבישע טענה, וואָס ווערט איצט אונטערגעשטיצט דורך דער עפנטלעכער מיינונג אין דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס פּאַלעסטינעזישע פּראָבלעם איז „דאָס האַרץ פון דעם

קאָנפליקט אין מיטלען מזרח" — דעריבער איז ישראל נישט מחויב צוריק־צוקערן די שטחים, וועלכע זענען דערצו נאָך די „היסטאָרישע שטחים פון ארץ ישראל" — לויט דער ציוניסטישער אידעאָלאָגישער אויפפאַסונג.

לאָמיר אין קורצן רעזומירן **די רעזולטאַטן, די שוועריקייטן און די אויס־זיכטן**, וואָס עס האָט ביז איצט געבראַכט מיט זיך די עגיפּטישע שלום־אָפענסיווע, וועלכע האָט אַזוי הויך אויפגעהויבן דעם גראַד פון די דערוואַר־טונגען. זי געפינט זיך איצט אין אַ גאַנץ פּראָבלעמאַטישער סיטואַציע, וואָס איר ווייטערדיקע ריכטונג קען קיינער נישט פאָרויסזאָגן אויפן סמך פון ראַציאָנעלע אויסרעכענונגען.

וואָס שייך די קאָנקרעטע רעזולטאַטן, האָט סאַדאַטס שלום־איניציאַטיוו פון איין זייט געבראַכן דעם אַראַבישן „טאַבו" און באַגראַבן אויף שטענדיק די „דריי לאָוון פון כאַרטום" אין באַצוג צו ישראל; פון דער אַנדערער זייט האָט זי צוגענומען ביי די פירער פון ישראל אויף שטענדיק דעם אַלטן תירוץ, אַז „עס איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן".

אין דער זעלבער צייט האָט סאַדאַטס שלום־אָפענסיווע אונטערגעגראָבן די זשענעווער קאָנפערענץ, וועלכע האָט זיך געדאַרפט צוזאַמענקומען אין דעצעמבער. די געשפּרעכן אין קאַיר, וועלכע זענען פאָרמעל אָנגערופן געוואָרן אַלס די „צוגרייטונגס־געשפּרעכן צו דער זשענעווער קאָנפערענץ", האָבן אָבער געמאַכט די זשענעווער געשפּרעכן פאַר אוממעגלעך, מחמת זיי האָבן געשפּאָלטן די אַראַבישע וועלט און דערווייטערט די פּ.ל.אָ., וועלכע האָט געזוכט אַ וועג זיך צו באַטייליקן אין די געשפּרעכן אין זשענעווע און זיך אַריינפלעכטן אין דעם שלום־פּראָצעס.

אָבער דער געוואַגטער שריט פון דעם עגיפּטישן פּרעזידענט האָט גע־שטאַרקט די האָפענונגען אויף אַ שלום, דורך דער דירעקטער דערנענטערונג, וואָס ער האָט דערמעגלעכט צווישן ישראל און מצרים, צווישן יידן און אַראַבער. אמת, אין דער קורצער צייט האָט די דאָזיקע דערנענטערונג שוין באַוויזן אויך אַרויסצוברענגען פאַרביטערונגען און פאַרדרוסן. אָבער דאָס איז דער נאַטירלעכער גאַנג פון אַזאַ פּראָצעס. אַנואַר סאַדאַט, וועלכער איז שוין דורך דעם פריערדיקן אַמעריקאַנישן אויסערן־מיניסטער הענרי קיסינ־דזשער אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם אַמעריקאַנישן ווירקונגס־קרייז און האָט אַרויסגעשטויסן פון זיין לאַנד סאָוויעט־רוסלאַנד, — האָט אין בעגינען געפונען אַ פּראָבלעמאַטישן פאַרבינדעטן: ווי מיר געדענקען, האָט בעגין געגומען אויף זיך די ראָל פון צוימען די סאָוויעטישע עקספּאַנסיע אין דעם ראַיאָן, דערקלערנדיק גלייך נאָך זיין אויסוואַל אַלס פּרעמיער דעם 17־טן מאַי 1977, אַז ישראל און אַמעריקע האָבן אויף דעם געביט אַ בשותּפותדיקן אינטערעס. איצט איז, הייסט עס, צוגעקומען צו דעם דאָזיקן אינטערעס נאָך אַ שותּף, וועלכן אַמעריקע קען נישט גרינגשעצן.

די שלום־אָפענסיווע פון אַנואַר סאַדאַט האָט אונז געלערנט, אַז אָן מצרים קענען די אַראַבער נישט מאַכן קיין מלחמה, און אָן איר קען נישט דערגרייכט ווערן קיין שלום. די איצטיקע אַנטוויקלונגען האָבן אויך באַוויזן, אַז **בלויז** מיט מצרים, אָן דער באַטייליקונג פון די אַנדערע אַראַבישע פאַקטאָרן, איז דער שלום אונטער אַ גרויסן ספק.

„אונזער צייט", פעברואַר 1978

די האַלב־אָפּענע טיר צו דעם שלום־המשך

דער רעדנער־פּאַרמעסט סאַדאַט—בעגין האָט זיך פאַרענדיקט מיטן רע־זולטאַט פון רעמי: קיינער האָט נישט געוווּנען און קיינער האָט נישט פאַר־שפּילט. דער נעפּל אַרום די שלום־באַמיונגען, וואָס האָבן זיך געהאַט אָנגעהויבן מיט אַזוי פיל התלהבות און האָבן געהאַט דערוועקט אַזוי פיל גוטע האָפענונגען — איז נאָך אַלץ געבליבן הענגען געדיכט אין דער לופט. דער באַלעם איז אָבער איבערגעגאַנגען צום שידס־ריכטער, צום אַמעריקאַ־נישן פאַרמיטלער, וועלכער מאַכט איצט די באַמיונגען צו באַנייען די שפּיל.

די רעדע פון פּרעמיער מנחם בעגין אין דער כנסת האָט נישט געהאָלפן פאַנאַנדערטרייבן דעם נעפּל, אָבער ער האָט אויך נישט צוגעגעבן צו דער געדיכטער אַטמאָספער, וועלכע הערשט זינט דער מצרישער אויסערן־מיניס־טער און זיינע געהילפן זענען אָפּגערופן געוואָרן פון ירושלים, און די באַראַ־טונגען פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע זענען געוואָרן איבערגעריסן. דער פּרעמיער, וועלכער האָט, ווי געזאָגט, געלאָזט אָפן די טיר פאַר דער באַנייונג פון די געשפּרעכן אין קאַיר, נאָך דעם ווי די אָנגעגליטע אַטמאָספער וועט זיך אַביסל אָפּקילן, האָט אַרויסגעשטעלט דעם באַדינג, אַז עס זאָלן זיך נישט איבערחזרן די באַליידיקונגען קעגן דעם כבוד פון ישראל און פון יידישן פאָלק.

די מצרים, פון זייער זייט, האָבן זיך באַמיט צו פאַרמינערן דעם באַדייט פון די גרילצן, וואָס האָבן זיך געהערט אין דער מצרישער פּרעסע. דער עגיפּטישער אויסערן־מיניסטער איבראַהים קאַמאַל האָט אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונג, אַז עס זענען געווען „אַנטיסעמיטישע אויסדרוקן", טענהנדיק אַז אויך די אַראַבער זענען סעמיטן. הגם ער האָט מודה געווען, אַז עס זענען געווען געוויסע „אָפּווייכונגען" אין דער עגיפּטישער פּרעסע, האָט אָבער דער ישראלדיקער צד, לויט זיין מיינונג, איבערגעטריבן אין זיין פילבאַרקייט, ווייל אויך די מצרים, זאָגט ער, האָבן געהאַט גענוג מאָטיוון זיך צו פילן באַליידיקט. און דער עיקר — נישט פון ווערטער, נאָר טאַקע פון קאָנקרעטע מעשים מצד ישראל, מעשים וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו שאַפן געשעענע פאַקטן אינמיטן די אונטערהאַנדלונגען, און האָבן אַזוי אַרום אונטערגעגראָבן דעם צוטרוי, וואָס איז אַזוי נויטיק אין די אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ שלום.

אויף די דאָזיקע שטערונגען האָט אויך אָנגעוויזן אין זיין רעדע דער פירער פון מערך, שמעון פּרס, וועלכער האָט אויף אַ מעסיקן אופן קריטיקירט דאָס אַרויסשיקן טראַקטאָרן קיין פּתחת רפיח און דאָס אויסברייטערן די אַרבעטן אויף צו בויען נייע ישובים גראָד אין דער צייט, ווען די פּאָליטישע קאָמיסיע האָט זיך געהאַט דערנענטערט צו אַ פּשרה ביים אויסאַרבעטן די

פרינציפּן־דעקלאַראַציע. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן דעם פירער פון דער אָפּאָזיציע צו שטיצן די עיקרדיקע פּאָליטיק פון דער רעגירונג (הגם אין דער אָפּשטימונג אין דער כנסת האָט דער מערך זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען), באַזונדערס בנוגע דער נויטווענדיקייט פון אויפהאַלטן די זידלונגען אין פּתחת־רפיח. ער האָט אָבער אַרויסגערוקט ערנסטע באַוואָרענישן בנוגע דער „פּאַלעסטינעזישער לייזונג״: אַנשטאָט דעם רעגירונגס־פּלאַן וועגן אויטאָנאָמיע פאַר די איינוווינער פון די „שטחים״, האָט ער גערופן צו עפענען די „יאַרדאַנישע אָפּציע״ און צו גיין אויפן וועג פון אַ טעריטאָריאַלער פּשרה.

נישט געקוקט אויף די טומלדיקע שטערונגען מצד די פאַרשטייער פון רק״ח (אָדער פון חד״ש, ווי זיי רופן זיך היינט אין דער כנסת), האָט די מאָנ־טיקדיקע דעבאַטע אין דער כנסת נישט אַרויסגעוויזן קיין ערנסטע אָפּאָזיציע צו דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. אויך די פלאַמיקע רעדע פון דעפּ. משה שמיר און זיין אָפּהאַלטן זיך פון שטימען צוזאַמען מיט גאולה כהן, וועלכע האָבן דורך דעם געבראָכן די פּאַרטיי־דיסציפּלין — האָט נישט אָנגעזאָגט קיין געפאַר פון אַן אינערלעכן שטאַרקן דרוק פון רעכטס; אויך די 9 שטימען פון לינקס האָבן נישט געקענט מאַכן קיין שטאַרקן איינדרוק אויף דער רעגירונג, וועלכע פאַררופט זיך אויפן „נאַציאָנאַלן קאָנצענזוס״.

אָבער עס זעט אויס, אַז נאָך איידער די רעגירונג קען קומען צו אַ פּשרה מיט מצרים וועגן באַנייען די שלום־אונטערהאַנדלונגען, איז זי געקומען צו אַ פּשרה מיטן „גוש אמונים״ און מיט די אָנהענגער פון דער „ארץ ישראל השלמה״; אין זעלבן טאָג, ווען דער פּרעמיער איז אין זיין רעדע אַרויסגע־טראָטן מיט די באַשולדיקונגען קעגן סאַדאַטן און קעגן די מצרישע פּאַרטנערן אין די אונטערהאַנדלונגען — זענען אויפן שטח דורכגעפירט געוואָרן צוויי נישט דווקא סימבאָלישע אַקטן: דער חנוכת־הבית פון דער שטאָט קצרין אין רמת־הגולן, און דאָס לייגן דעם ווינקל־שטיין פאַר שילה, דעם ישוב פון „גוש־אמונים״ אין שומרון.

אמת, דער ווינקלשטיין פאַר דער שטאָט קצרין איז פאַרלייגט געוואָרן נאָך אין דער צייט, ווען אין לאַנד האָט געהערשט דער „מערך״. אָבער טראָץ דער דעקלאַרירטער שטעלונג פון דער „מערך״־רעגירונג בנוגע דעם גולן, איז איצט צום ערשטן מאָל אָפיציעל דערקלערט געוואָרן, אַז רמת־הגולן איז אַ טייל פון ישראל „דע־פאַקטאָ״, און אַז ער וועט ווערן אַ טייל פון ישראל „דע־יורע״. די דאָזיקע דערקלערונג האָט אָפּגעגעבן אַ מיניסטער — דער שיכון־מיניסטער גדעון פּת, אין נאָמען פון פּרעמיער. און אין שילה, ווו עס איז לכתחילה פאַרבאָטן געוואָרן דער פייערלעכער צערעמאָניאַל פון לייגן דעם ווינקלשטיין פאַר דעם נייעם ישוב פון „גוש־אמונים״, איז לסוף דער פאַרבאָט אָפּגעשאַפט געוואָרן. און אין פּתחת־רפיח זענען אין דער זעלבער צייט פאַרגעזעצט געוואָרן די אַרבעטן ביים צוגרייטן דעם באָדן פאַר נייע זידלונגען.

און אַזוי אויך אויפן פּאָליטישן פעלד. די „גרויסע בולדאָזערס״ האָבן איצט פאַרענדיקט זייער רעדנער־פאַרמעסט, אויסגעשאָסן אַלע שווערע אַרגומענטן

— און איצט איז געקומען די צייט פאַר צוגרייטן דעם באָדן צו באַנייען די אונטערהאַנדלונגען — אויפן נידעריקערן ראַנג, ביי אַן אָפּגעקילטער אַט־מאָספער, אָבער ביי שווערערע באַדינגונגען ווי פריער.

אינצווישן האָבן די מצרים געמאַכט באַנייטע קליינע זשעסטן פון העפ־לעכקייט און פון גוטן ווילן. צום אָפּפאָר פון דער ישראלדיקער דעלעגאַציע און פון די 19 זשורנאַליסטן פון קאַיר, זענען פלוצים געקומען זיי באַגלייטן דריי מצרישע גענעראַלן, בראש מיטן שעף פון מצרישן מיליטערישן אינפאָר־מאַציע־דינסט, גענעראַל מוכאַמעד כוסיין שאַוקאַט. געזעגענענדיק זיך האַרציק מיט די ישראלים, האָט ער געזאָגט, אַז אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „שיילאָק" און אַנדערע, מיט וועלכע די מצרישע פרעסע האָט זיך באַנוצט קעגן בעגינען, זענען געווען פולשטענדיק איבעריק.

מעגלעך, אַז די דאָזיקע דעמאָנסטראַטיווע העפלעכקייט דאַרף העלפן די מצרים צו באַקומען פון אַמעריקע דאָס געווער, וואָס זיי פאַרלאַנגען איצט, כדי זיך אויסצוגלייכן מיט ישראל און כדי צו קענען „פאַרהאַנדלען פון אַ גלייכער פאָזיציע פון כוח" — ווי זיי טענהן. און מעגלעך, אַז דאָס איז אויך אין די ראַמען פון סאַדאַטס סטראַטעגיע פון שלאָגן און גלעטן, אָנ׳מוסרן און נאָכדעם העפלעך זיך פאַרנייגן. דערוויייל ווערן פאַרגעזעצט די קאָנטאַקטן ביי דער אַמעריקאַנישער פאַרמיטלונג. דיין און עטערטאָן פרובירן אויסאַר־בעטן דעם פראָיעקט פאַר אַ ישראל־מצרישער פרינציפּן־דעקלאַראַציע, וואָס זאָל געבן אַ נייעם שטויס דעם „מאָמענטום", דעם שלום־שוווּנג, וועלכן סאַדאַט האָט אָנגעהויבן מיט איבער צוויי חדשים צוריק און וועלכער איז איצט איבערגעריסן געוואָרן — מעגלעך נאָר אויף אַ קורצער צייט.

די טיר, וועלכע איז ברייט צעעפנט געוואָרן פאַרן שלום און פאַר די שענסטע האָפענונגען מיטן באַזוך פון מצרישן פרעזידענט אין ירושלים, שטייט איצט האַלב צוגעלענט: פאַר די אָפּטימיסטן שטייט זי האַלב־געעפנט; פאַר די פעסימיסטן — האַלב פאַרמאַכט...

„לעצטע נייעס", 25.1.1978

די דראַמע הינטערן פאָרהאַנג

וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען הינטער דעם אָראָפּגעלאָזטן פאָרהאַנג אין קעמפּ דייוויד און וואָס עס האָבן גערעדט צווישן זיך אונטער פיר אויגן די פּרעזידענטן פון אַמעריקע און פון מצרים — וועט מען גענוי קענען וויסן ערשט אין אַ דרייסיק אָדער פופציק יאָר אַרום, ווען עס וועלן אָפיציעל באַפרייט ווערן די דאָקומענטן פון די איצטיקע פּאָליטישע געהיי־מענישן. דערווייל מוז די וועלט־פּרעסע זיך שפּייזן מיט טרעפן די רעטענישן — אויפן סמך פון די מאָגערע און טרוקענע אָפיציעלע קאָמוניקאַטן, וואָס עס האָט האָט פאַרעפנטלעכט דאָס „ווייסע הויז".

די וועטעראַנען פון דער אַזוי גערופענער „זיבעטער גרויסמאַכט" — דהיינו פון דער פּרעסע — געדענקען נישט, אַז אַ וועלכע עס איז אָפיציעלע באַגעגעניש פון אַמעריקאַנישן פּרעזידענט מיט אַ פירער פון אַ צווייטער מדינה זאָל ווערן אַזוי שטאַרק אָפּגעשלאָסן פון דער פּרעסע און פון דער עפנטלעכער מיינונג, ווי די איצטיקע באַגעגעניש פון קאַרטערן מיטן מצרישן פּרעזידענט אין „קעמפּ דייוויד". אין זכות פון דעם, וואָס דאָס אָפּרו־אָרט אין „קעמפּ דייוויד" געפינט זיך אין אַ מיליטערישער באַזע, האָט זיך איינגעגעבן קאַרטערן צו פאַרבאָטן דאָס צוקומען פון די פּרעסע־רעפּאָרטערן און טעלע־וויזיע־פאָטאָגראַפן — סיידן נאָר אויף זיין פאַרלאַנג און אויף דער איינלאַדונג פון „ווייסן הויז". אָבער אין דער זעלבער צייט האָט די אַמעריקאַנער אַדמי־ניסטראַציע געזאָרגט דערפאַר, אַז טענדענציעזע ידיעות זאָלן אַרויסגעטריפט ווערן פון הינטער דעם דיקן פאָרהאַנג — ידיעות, וואָס זאָלן באַרויִקן די וואָס זענען באַאומרויִקט, און אפשר דערפרייען די, ווען דאָס „ווייסע הויז" איז פאַראינטערעסירט צו דערפרייען.

קאַרטערס עצות

לויט די דאָזיקע לאַנסירטע ידיעות זאָל קאַרטער האָבן געעצהט סאַדאַטן ער זאָל אַביסל צוימען דעם מטורפדיקן טעמפּאָ פון זיין „מאָמענטום" און זאָל אַרויסווייזן אַביסל מער געדולד, אויב ער וויל דערגרייכן אַ שלום און אויב ער וויל „ווייכער מאַכן" ישראל און אַרויסבאַקומען פון איר מערערע קאָנצעסיעס. לויט די דאָזיקע ידיעות, וועלכע זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער פּרעסע פון „גוט־אינפאָרמירטע" „מאָסגעבנדיקע", אָבער אַנאָנימע קוועלן, — זאָל קאַרטער האָבן געזאָגט צום מצרישן פּרעזידענט, אַז ישראל האָט שוין אַרויסגעוויזן עלאַסטישקייט, אַז דער פּרעמיער בעגין האָט שוין דעמאָנסטרירט אַ היפּשע מאָס פון נאָכגעביקייט — און אַז דאָס פאַרפּליכטעט דעם המשך פון די אונטערהאַנדלונגען אָן אַ דרוק מצד וואַשינגטאָן.

אין קעגנזאַץ צו דער אויסערלעכער דראַמאַטיזאַציע פון סאַדאַטס באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן דורך פאַרשטעלן די געשפּרעכן מיט אַ דיקן

פאַרהאַנג, — פאַרלאַנגט אָבער דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט פון סאַדאַטן ער זאָל אויף ווי ווייט מעגלעך אָפּשוואַכן די דראַמאַטיזאַציע, מיט וועלכער ער פירט זיין שלום־אָפענסיווע. לויט די דאָזיקע לאַנסירטע ידיעות איז וואַשינגטאָן, אַזוי ווי מצרים, פאַר אַ צוריקטריט פון ישראל — אָבער נישט פון אַלע פאַרנומענע שטחים; זי איז פאַר אויפהאַלטן די ניי־געשאַפענע יידישע ישובים אין סיני — אָבער פאַר צוריקקערן די מצרים די פולע סוווע־רעניטעט איבער דעם האַלב־אינדזל, דהיינו אויך איבער די יידישע ישובים; אַמעריקע שטיצט דעם געדאַנק וועגן אַ פּאַלעסטינעזיש „היימלאַנד" — אָבער זי וועט נישט שטיצן די פאָדערונג וועגן זעלבסטבאַשטימונג, אויב דער ציל דאַרף זיין שאַפן אַ באַזונדערע פּאַלעסטינעזישע מדינה.

אָט דאָס זענען מער אָדער ווייניקער די אויספירן, וואָס ווערן געמאַכט אויפן סמך פון די אַרויסגעטריפטע ידיעות פון הינטער דעם אַראָפּגעלאָזטן פאַרהאַנג אין קעמפּ דייוויד וועגן די אמתדיקע רעזולטאַטן פון סאַדאַטס באַזוך אין וואַשינגטאָן.

דער ציל פון סאַדאַטס נסיעה

צוליב וואָס איז, אַלזאָ, סאַדאַט געפאָרן אַהין — צי בלויז טאָקע כדי אויסצוהערן קאַרטערס עצות און צו הערן פון דעם אַמעריקאַנישן פּרעזידענט, אַז ער איז גרייט צו פאַרמיטלען, אָבער ער קען נישט אויסאיבן קיין דרוק אויף ישראל? איז דאָך סאַדאַטס באַזוך אין וואַשינגטאָן געווען איינער פון זיינע אויסגערעכנטע דראַמאַטישע שריט אויפן שאַך־ברעט פון זיין פּאָלי־טישער סטראַטעגיע, באַזירט אויף פּאָליטישע און פּסיכאָלאָגישע שאָקן — ווי אַ המשך פון דעם „מאָמענטום", וועלכן ער האָט אָנגעהויבן אין ירושלים.

ווען מ'לייענט די אַראַבישע פּרעסע, דער עיקר וואָס עס האָבן געשריבן די צייטונגען פון מצרים און פון לבנון, קען מען אַרויסדרינגען, אַז סאַדאַט איז געפאָרן אויסאיבן אַ דרוק אויף קאַרטערן, כדי ער זאָל פון זיין זייט אויסאיבן אַ דרוק אויף ישראל אין דער פראַגע פון די ישובים אין פּיתחת רפיח און פון דער „פּאַלעסטינעזישער זעלבסטבאַשטימונג". לויט דעם ביירוטער „על נאַהאַר" האָט סאַדאַט זיך געזאָלט באַקלאָגן פאַר קאַרטערן הלמאַי די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע האָט זיך באַצויגן אַזוי קאַלט צו זיין שלום־איניציאַטיוו. פאַרשטייט זיך, אַז אין זיין דזשענטעלמענישער העפ־לעכקייט וועט סאַדאַט נישט קומען צו קאַרטערן מיט אַזעלכע אָפענע טענות; ער קען אָבער ברענגען פאַר אים דעם מאָטיוו פון דער אַמעריקאַנישער „גלייכגילטיקייט" ווי אַ סיבה פון דער האַרטנעקיקייט, אין וועלכער ער באַשולדיקט ישראל.

אַנדערע אַראַבישע צייטונגען, דער עיקר די וואָס דערשיינען אין קאַיִר, האָבן אָנגעזאָגט זייערע לייענער, פאַררופנדיק זיך אויף „גוט אינפאָרמירטע קוועלן", אַז סאַדאַט וועט פאַרלאַנגען פון קאַרטערן אַן אומצווויידייטיקע דעקלאַראַציע, וואָס זאָל טאַדלען די „התנחלות" און זאָל דערקלערן די ניי אויפגעשטעלטע יידישע ישובים אויף די שטחים אַלס „אומגעזעצלעך".

אַזעלכע דערקלערונגען זענען שוין לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן נישט איין מאָל דורך די וואָרטזאָגערס פון ווייסן הויז, און דעם שבת, אין דער

צייט פון סאַדאַטס באַזוך אין קעמפּ דייוויד — אויך פון דעם אַמעריקאַנישן וויצע־פּרעזידענט וואַלטער מאָנדייל. אָבער סאַדאַט נויטיקט זיך אין אַ מער בפירושדיקן, מער אָפיציעלן דאָקומענט — אין אַ דעקלאַראַציע פון אַמעריקאַנישן פּרעזידענט, וואָס זאָל זיין פאַרפליכטנדיק פאַר די איצטיקע שלום־אונטערהאַנדלונגען.

אָבער אויב די דאָזיקע אַראַבישע צייטונגען האָבן אויסגעדריקט — אפשר פון אויבן אינסטרואירטע — ווונטשן פאַר סאַדאַטס הצלחות אין וואַשינגטאָן, איז די עגיפּטישע צייטונג, וועלכע דערשיינט אין ענגליש, דער „דיילי מייל", אַרויס מיט אַ סך אַ קלאָרערן לשון — מיט אַ דראָונג אויפן אַדרעס פון אַמעריקע, אַז — „אויב דער פּרעזידענט קאַרטער וועט נישט בקרוב געבן סאַדאַטן די ריכטיקע ענטפערס, איז זייער מעגלעך, אַז דער אַמעריקאַנער ציבור וועט וועלן וויסן פאַרוואָס וועלן זיי פּלוצים נישט קענען קריגן קיין בענזין אין זייערע אָרטיקע פאַרקויף־סטאַציעס"...

די צייטונג געדענקט גוט ווי אַזוי דער פּרעזידענט אייזענהאַוער האָט מיט 21 יאָר צוריק מצליח געווען מיט אַ בלויזן טעלעפאָן־געשפּרעך צו באַוועגן בן־גוריונען ער זאָל עוואַקואירן די צה"ל־כוחות פון סיני, און זי וווּנדערט זיך הלמאַי קען דאָס היינט קאַרטער נישט דערגרייכן.

אָן ספק ווייסט אויך די צייטונג, אַז פּונקט אַזוי ווי די אַראַבער האָבן דעמאָלט נישט געקענט דערגרייכן דאָס וואָס זיי קענען דערגרייכן היינט, מיט דער הילף פון צושרויפן דעם קראַן פון נאַפט — קען אָבער דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט אויך היינט נישט פּועלן ביי ישראל דאָס וואָס ער האָט געקענט פּועלן מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק. אָבער דראָונגען און רמזים זענען היינט אַ טייל פון דער שאַך־שפּיל, אַ טייל פון דער פּאָליטישער סטראַטעגיע. און סאַדאַט האָט פאַרנדיק קיין וואַשינגטאָן גוט געוווּסט ווי ווייט עס קענען גרייכן זיינע דערוואַרטונגען פון אָט דעם וויזיט.

דעריבער קען מען דערוואַרטן צוויי ממשותדיקע רעזולטאַטן פון סאַדאַטס באַזוך אין וואַשינגטאָן. דער ערשטער איז נוגע דער פראַגע פון די געוועריפערונגען, מחמת אַנואַר סאַדאַט וויל פאַרוואַנדלען — אין זכות פון זיין איצטיקער שלום־אָפענסיווע — די פאַראייניקטע שטאַטן אינעם הויפּט־צושטעלער פון געווער פאַר מצרים — אַזוי ווי ישראל האָט דאָס דערגרייכט נאָך דעם ווי פראַנקרייך האָט זיך פון איר אָפּגעקערט — אָדער לכל הפחות דערגרייכן די אַמעריקאַנישע רעקאָמענדאַציע צו באַקומען מאַסיווע געווערליפערונגען פון די מערב־אייראָפּעישע לענדער, וווהין ער פאַרט איצט אויפן צוריקוועג פון וואַשינגטאָן קיין קאַיר. זיין צווייטע דערוואַרטונג איז, צו דערגרייכן אַ גרעסערע אַנגאַזשירטקייט פון אַמעריקע, זי זאָל קומען מיט איר פאַרמיטלונגס־איניציאַטיוו און מיט אירע פּלענער — און דאָס איז דאָך דער אַלטער חלום, וועלכן עס האָט נאָך געוועבט נאַצער, וועלכער האָט געשטרעבט צו אַן אויפגעצווונגענעם שלום — כדי אויך ער זאָל קענען האָבן פאַר זיין פאָלק אַ באַרעכטיקונג הלמאַי דער שלום איז נישט געווען אַזאַ ווי ער האָט געהאַט אים צוגעזאָגט...

ל. נ. 6.2.1978

.25

די פֿאַרשטערטע אידיליע

אין דעם העכער צעניאָריקן ראָמאַן צווישן ירושלים און וואַשינגטאָן זענען שוין געווען אַ סך מחלוקתן און הייסע ליבעס, ברוגזן און איבערבע־טונגען, קאָנפראָנטאַציעס און קאָאָפּעראַציעס. ישראל האָט שוין אַ סך דער־פאַרונג אויף דעם געביט, און די קריזיסן, וואָס ברעכן אויס פֿון צייט צו צייט אין די ישראל־אַמעריקאַנישע באַציונגען, האָבן שוין אויפגעהערט צו איבעראַשן.

מען האָט זיך שוין אויך צוגעוווינט, אַז נאָך יעדן פּלאַם פֿון באַגייסטע־רונג, וואָס עס ברענגט מיט זיך אַ ישראלדיקער מדינה־פֿירער צוריקקומענ־דיק פֿון אַ באַזוך אין וואַשינגטאָן, קומט עטלעכע טעג שפּעטער אַ קאַלטער טוש פֿון אַנטוישנדיקע שריט צי דערקלערונגען פֿון „ווייסן הויז" אָדער פֿון סטייט־דעפּאַרטאַמענט; און אויך פֿאַרקערט — נאָך טעג פֿון פֿאַרדרוסן און אַנטוישונגען טרעפֿט אויך, אַז דער רב הראשי קערט זיך צוריק מיט אַ פּריילעכן שופֿר־שאַלן, נאָך דעם ווי ער האָט געהערט אַ פּאָר גוטע ווערטער פֿון אַמעריקאַנישן פּרעזידענט בעת זיינס אַ באַזוך אין ווייסן הויז...

אַזוי צי אַזוי — די באַציִונגען צווישן ירושלים און וואַשינגטאָן זענען געגליכן צו די באַציִונגען צווישן אַ פּאָרפּאָלק, וואָס ליבט זיך און קריגט זיך איבעראַנאַנד.

דער דריטער שותּף

אַזאַ צושטאַנד וואָלט נאָך געווען צום דערליידן, ווען צו דעם פּאָרפּאָלק וואָלט נישט צוגעקומען קיין דריטער שותּף, וואָס האָט דעם ראָמאַן פֿאַר־וואַנדלט אין דעם אייביקן ראָמאַנטישן דרייעק; און אויך צו דעם וואָלט מען זיך אפשר געמוזט צוגעוווינען, ווען די נייע לובאָוויניצע וואָלט נישט געוואָרן ביי וואַשינגטאָן אַ גרעסערער מיוחס ווי דאָס „געזעצלעכע ווייב", די אייביק געטרייע פֿאַרבינדעטע פֿון דער אַמעריקאַנישער גרויסמאַכט אין מיטעלן מזרח.

אין דעם דאָזיקן דרייעק איז צוליב אָט דער פּרעפֿערירונג פֿון קאַטאַר אויסגעבראָכן אַ שווערער משפּחה־סקאַנדאַל. צו קיין גט וועט דאָס זיכער נישט דערפֿירן, אָבער קיין גוטס וועט אויך פֿון דעם נישט אַרויסקומען. נישט געקוקט אויף דעם שאַרפֿן פּראָטעסט, וועלכן די רעגירונג פֿון ישראל האָט פֿאַרעפֿנטלעכט נאָך איר זונטיקדיקער זיצונג, האָט וואַשינגטאָן זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון איר נייעם ראָמאַן מיט קאַטאַר און זי האָט נישט אויפֿגעהערט צו שטעלן ישראל, דעם „געזעצלעכן ווייב", קיין האַרבע באַדינגונגען און פֿאָדערונגען, אַז זי זאָל אָפּטרעטן דער לובאָוויניצע דאָס וואָס עס קומט

איר לויט דער מיינונג פון וואַשינגטאָן, ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטן מיטגליד אין דעם דרייעק.

קלאָרע דיבורים

ס'איז קיין ספק נישט, אַז די באַציִונגען צווישן ישראל און וואַשינגטאָן זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שאַרף און אָנגעשטרענגט ווי זיי זענען איצט. דער אָפענער פּראָטעסט פון דער ישראל־רעגירונג איז געווען דער שאַרפסטער אויסדרוק פון די מיינונגס־פאַרשידנהייטן אין דער געשיכטע פון די ישראל־אַמעריקאַנישע באַציִונגען. און די דערקלערונג פון אַמעריקאַנישן אויסערן־מיניסטער, סיירוס ווענס — די דערקלערונג, וואָס האָט דאָס גורם געווען דעם דראַמאַטישן פּראָטעסט פון דער ישראל־רעגירונג — האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם סאַמע קלאָרסטן אויסדרוק פון דער אַמעריקאַנישער שטעלונג לגבי דער פאָרם און דעם אופן פון לייזן דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט.

נאָר נאַיִווע מענטשן האָבן געקענט גלויבן, אַז וואַשינגטאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם ראָדזשערס־פּלאַן, וועלכער איז אויסגעאַרבעט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווי די פּרינצי־פּיעלע ריכט־ליניע פון דער אַמעריקאַנישער פּאָליטיק אין באַצוג צום מיטעלן מזרח. זינט דאַן האָט וואַשינגטאָן לאַווירט און זיך אָפּגעהאַלטן פון אַנגאַזשירן זיך און זיך מתחייב צו זיין לגבי דער לייזונג פון דעם קאָנפליקט — כל זמן די זאַך איז נישט געווען רעאַל. איצט, וואָס מער עס דערנענטערט זיך דער „מאָמענט פון אמת", די שעה פון אָנטשיידונג, אַלץ קלאָרער מוז ווערן די אַמעריקאַנישע פּאָליטיק, באַזונדערס ווען דאָס ווערט אַלץ מער און מער אַ טייל פון אירע מלוכהשע אינטערעסן.

דער שלום־פּלאַן און דער בולדאָזערן־אַקאָמפּאַניאַמענט

ווען סאַדאַט איז געקומען קיין ירושלים און האָט זיך צוריקגעקערט פון דאָנען פול מיט באַגייסטערונג, אָבער אָן צו באַקומען פון ישראל אַ ממשותדיקע פאַרגיטיקונג, האָט מען אַ סך גערעדט אויף דער וועלט וועגן דעם, אַז בעגין האָט געדאַרפט אַנטקעגנקומען זיין מצרישן גאַסט מיט אַ באַדייטונגסוווערטן זשעסט. אונדזער פּרעמיער מנחם בעגין האָט דערויף געענטפערט, אַז „מיר שפּילן זיך דאָ נישט אין קיין זשעסטיקולאַציע" ; דער שלום־פּלאַן, וועלכן בעגין האָט שפּעטער געבערענגט פאַר דעם אַמערי־קאַנישן פּרעזידענט און האָט אים נאָכער פאַרגעשטעלט דעם עגיפּטישן פּרעזידענט — דאָס איז געווען דער ישראלדיקער ענטפער אויף דער מצרישער שלום־איניציאַטיוו.

דער דאָזיקער ענטפער פון דער ישראלדיקער רעגירונג וואָלט, מיט אַלע זיינע בלויזן און פעלערן, אפשר אַריינגעשריבן געוואָרן אין זכות פון דער מלוכהשער געוואַגטקייט פון דעם ישראלדיקן פּרעמיער־מיניסטער — ווען נישט די „פּירושים" פון די אַנדערע מיניסטאָרן און די ממשותדיקע שריט

פון דער רעגירונג און פון „גוש אמונים״: פון איין זייט די דערקלערונג פון דעם אויסערן־מיניסטער משה דיין וועגן דער ראָל פון צה״ל אין פאַרזיכערן די פאַרגעלייגטע אויטאָנאָמיע פאַר די פּאַלעסטינעזער, און פון דער אַנדערער זייט די דערקלערונגען פון דעם אַגראַר־מיניסטער אריאל שרון, אונטער דעם מוזיקאַלישן אַקאָמפּאַניאַמענט־גערויש פון די בולדאָ־זערס אין פּיתחת רפיח.

דער אַמעריקאַנישער זשעסט

איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס דעם אמתן זשעסט, וועלכן סאַדאַט האָט דערוואַרט פון בעגינען אין ירושלים — האָט ער באַקומען פון פּרע־זידענט קאַרטער אין וואַשינגטאָן.

ווען דעם אינהאַלט פון די געשפּרעכן, וואָס סאַדאַט האָט געפירט מיטן אַמעריקאַנישן פּרעזידענט אונטער פיר אויגן הינטער דעם אָראָפּגעלאָזטן פאָרהאַנג, איז ווייניק באַוווּסט און עס איז פון דאָרט כמעט גאָרנישט אַרויסגעטריפט געוואָרן — אויסער די טרוקענע אָפיציעלע קאָמוניקאַטן, וואָס זאָגן גאָרנישט. די צייטונגען, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויף „אינפאָרמירטע״ אָדער „באַגלויבטע״ קוועלן, האָבן דערציילט, אַז קאַרטער זאָל האָבן אויסגעאיבט אַ דרוק אויף זיין מצרישן גאַסט ער זאָל זיין מער נאָכגיביק אין די אונטערהאַנדלונגען מיט ישראל. די סטראַטעגיע, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן בעת דער דאָזיקער באַגעגעניש אין קעמפּ דייוויד, וועט זיך אַנטפּלעקן ערשט מיטן גאַנג פון דער צייט, לויט די שריט, וואָס וועלן אַנגעווענדט ווערן סיי דורך וואַשינגטאָן און סיי דורך קאַיִר. דערווייל אָבער מערקן זיך אין זייערע ערשטע שריט די צוויי קעגנזעצלעכע טענדענצן פון אַמעריקע און מצרים, וועלכע דאַרפן אפשר זיך אַריינפלעכטן אין אָט דעם פּאָליטישן סטראַטעגיע־פּלאַן: די שטייפקייט פון די אַמערי־קאַנער, און די פאַרהעלטנישמעסיקע ווייכקייט פון די מצרים.

צוויי טענדענצן

די דאָזיקע צוויי טענדענצן האָבן זיך אויסגעדריקט פון איין זייט אין דער האַרבער דערקלערונג פון אַמעריקאַנישן אויסערן־מיניסטער, וועלכער האָט נישט נאָר אויף זיין באַרימטער פּרעסע־קאָנפערענץ, נאָר אויך אין זיין אינפאָרמאַטיוון אינסטרוקטאַזש פאַר די מיטגלידער פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס געזאָגט, אַז ישראל וועט דאַרפן פולשטענדיק פאַרלאָזן דעם מערבדיקן ברעג פון ירדן און דעם עזה־פּאַס, און אַז אין משך פון פינף יאָר וועלן אויך די ישראלדיקע מיליטערישע כוחות זיך דאַרפן עוואַקויִרן פון די דאָזיקע שטחים. אין דער זעלבער צייט האָט דער מצרישער פּרעזי־דענט אַנוואַר סאַדאַט אין זיינע דערקלערונגען אין אייראָפּע, אויפן צוריק־וועג פון וואַשינגטאָן, זיך באַמיט צו דערשיינען אין זיין פּאָטערלעכן אימאַזש, מיט מעסיקע דערקלערונגען, אין וועלכע ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אָנגרייפן ישראל. פאַרקערט, אין זיין אינטערוויו פאַרן אַמעריקאַנישן נייעס־

מאַגאַזין „טיים" האָט ער אַרויסגערוקט אַ נייעם פּלאַן פון זעקס פּונקטן, וועלכע דאַרפן, לויט זיין טענה, אַנטקעגנקומען די זיכערהייטס־באַדערפעניש פון ישראל; אין דעם דאָזיקן פּלאַן זעט פאַר סאַדאַט — אין קעגנזאַץ צו סיירוס וועַנסן — די מעגלעכקייט פון איבערלאָזן אַ צאָל ישראלדיקע מיליטערישע אָנהאַלט־פּונקטן אויפן מערבדיקן ברעג אַפילו נאָך דער אַלגעמיינער עוואַקואַציע פון די ישראלדיקע כוחות.

די דערקלערונג פון דער ישראלדיקער רעגירונג איז אַלזאָ געווענדעט קעגן אַמעריקע, און נישט קעגן מצרים. די אַמעריקאַנער פּאָליטיק, וועלכע צילט צו העלפן איצט מצרים אין איר קאָמפּליצירטער לאַגע סיי אין דער אַראַבישער וועלט און סיי אין אַפריקע — אין שייכות מיט דער מלחמה צווישן עטיאָפּיע און סאָמאַליע — האָט פאַרשאַרפט די קאָנפראָנטאַציע צווישן ירושלים און וואַשינגטאָן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די דער־קלערונג פון סיירוס וועַנס און דאָס אָפענע באַפאָרצוגן די געליבטע איבער דעם געזעצלעכן ווייב, דהיינו — דאָס הנדלען זיך צו קאַיר אויפן חשבון פון ירושלים, איז אין אַ געוויסער מאָס אויך אַן ענטפער און אַ וואָרענונג צוליב דער לעצטער דערקלערונג פון דעם אויסערן־מיניסטער משה דיין וועגן דער ישראלדיקער הילף פאַר עטיאָפּיע.

ווי עס זאָל אָבער נישט זיין — אַמעריקע האָט נישט מורא פאַר קיין גט מצד ישראל, אַפילו ווען זי וועט פאַרזעצן איר הייסן ראָמאַן מיט מצרים. זי קען אָבער דערוואַרטן, אַז אין דעם אויסברוך פון רוגזה און צאָרן וועט ישראל איצט שטייפער מאַכן אירע באַדינגונגען אין די אונטערהאַנדלונגען מיט מצרים.

אַזאַ טענדענץ הערשט איצט אין דער רעגירונג. וועמען זי וועט ברענגען נוצן — דאָס ווייסט אָבער נישט קיינער.

ל. נ. 14.2.1978

.26

וואָס וועט ווייצמאַן אַהיימברענגען פון וואַשינגטאָן?

די אויפנאַמע, וואָס וועט היינט געמאַכט ווערן אין וואַשינגטאָן פאַר דעם זיכערהייטס־מיניסטער עזר ווייצמאַן, רופט אַרויס נייגעריקייט אין די פּאָלי־טישע קרייזן נישט בלויז פון וואַשינגטאָן און פון ירושלים. די דאָזיקע נייגעריקייט האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט מיט דער ידיעה וועגן ווייצ־מאַנס דראָונג, אַז ער וועט דעמיסיאָנירן, אויב עס וועט נישט אָפּגע־שטעלט ווערן די אַרבעט פון די בולדאָזערס ביים צוגרייטן נייע ישובים אויף די שטחים.

פאַר זיין אַרויספאָר פון ישראל האָט ווייצמאַן אַרויסגעגעבן אייניקע פאַראָרדענונגען אָפּצושטעלן אַלע אַרבעטן פון אויפשטעלן נייע ישובים אויף די שטחים. זיין מיניסטעריום האָט באַפוילן נישט אַרויפצולאָזן די באַזידלערס פון קדש ברנע אין צפון־סיני אויפן באָדן, וואָס איז געווען פון פריער פאַר זיי באַשטימט, ווי אויך נישט צו לאָזן די מיטגלידער פון „גוש אמונים" אַרויפצוגיין אויפן באָדן אין „נבי צלח" און אין „בית אל" נעבן ראַמאַללאַ.

פאַר די מתנחלים פון „בית אל", וועלכע געפינען זיך צייטווייליק אין אַ מיליטערישן לאַגער, איז באַפוילן געוואָרן אָפּצושטעלן דאָס געבן זיי עסן אין דעם מיליטערישן חדר־אוכל.

אָבער נאָכדעם ווי דער זיכערהייטס־מיניסטער איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, זענען צו אים דערגאַנגען ידיעות וועגן דעם באַפעל פון רב־אלוף „ראַפּול", דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב, צו דערטיילן עסן פון דער מיליטערישער קיך פאַר די מתנחלים פון „בית אל" און וועגן דער דער־לויבעניש, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך „געוויסע פאַקטאָרן" פאַרצוזעצן דאָס צוגרייטן דעם באָדן פאַר אָט די צוויי ישובים אין שומרון.

ווען דער פּרעמיער מנחם בעגין האָט זיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיט ווייצמאַנען, כדי אים אויפצוקלערן די סיטואַציע, האָט ווייצמאַן געדראָט מיט זיין באַלדיקן צוריקקער פון אַמעריקע און מיט זיין דעמיסיע, אויב די בולדאָזערס וועלן זיך באַוועגן אויפן שטח. הגם די דאָזיקע ידיעה איז אָפיציעל געוואָרן אָפּגעלייקנט, ווערט זי דאָך באַשטעטיקט דורך באַגלויבטע קוועלן. קיינער לייקנט אָבער נישט, אַז דאָס געשפּרעך צווישן ווייצמאַנען און מנחם בעגינען איז געווען זייער דראַמאַטיש, און אַז ווייצמאַן האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, אָנווייזנדיק אויף דעם גוואַלדיקן אומפאַרבעסער־לעכן שאָדן, וואָס די „התנחלות" איז עלול צו ברענגען אין דעם מאָמענט דעם איינציקאַרטיקן שאַנס אויף אַ שלום מיט מצרים און אויף אַ טיילווייזער פאַרשטענדיקונג מיט יאַרדאַניע.

דעריבער איז קלאָר מיט וואָס פאַר אַ נייגעריקייט און דערוואַרטונג עס איז אויפגענומען געוואָרן אין וואַשינגטאָן דאָס אָנקומען פון עזר ווייצמאַן, און מיט וואָס פאַר אַ נייגעריקייט מען דערוואַרט די „מתנה", וואָס עס

גרייט דער אַמעריקאַנער פּענטאַגאָן פאַר ווייצמאַנען אויפן געביט פון געווער־ליפערונגען פאַר ישראל.

ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט געווײלט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן דער אויסערן־מיניסטער משה דיין און זיין באַזוך האָט נישט אַרויסגערופן קיין שטאַרקן אָפּקלאַנג, און האָט אויך נישט איבערגעלאָזט קיין שפּורן. אין אַן אַנדערער צייט וואָלט דיינ׳ס אַ באַזוך זיכער צוגעצויגן אַ סך אַ גרעסערע פּאָליטישע אויפמערקזאַמקייט. ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז זיין „כאַריזמע״ שטאַרק געפאַלן, און דאָס נישט בלויז אין ישראל, נאָר אויך אין אויסלאַנד. כאָטש וואָס שייך דיינ׳ען קען מען גאָרנישט פּאָרויסזען, ווייל ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּאָליטישן „וואַנקאַ־וסטאַנקאַ״, אַ פיגור, וואָס פאַלט אָפּט און שטעלט זיך גלייך צוריק אויף די פיס — איז זיין שטערן אין איצטיקן מאָמענט שטאַרק איינגעלאָשן געוואָרן אויפן הימל פון דעם אַמעריקאַנישן „פּובליסיטי״ זינט עס האָט אויפגעלויכטן דער שטערן פון סאַדאַטן איבער וואַשינגטאָן, און זינט ישראל האָט זיך דאָרט קאָמפּראָמיטירט מיט שרונס לופט־טורעמס אין צפון־סיני און מיט די „אַרכעאָלאָגישע גראָבונגען״ אין שילה.

דעריבער ווערט שוין דער געפּלאַנטער באַזוך פון בעגינען אין אַ וואָך אַרום דערוואַרט אָן דער עמאָציאָנעלער שפּאַנונג, מיט וועלכער עס איז דערוואַרט געוואָרן זיין ערשטער באַזוך, קורץ נאָך זיין איבערנעמען די מאַכט אין ישראל.

נייגעריקייט און דרך־ארץ

צווישן די דריי ישראלדיקע פּאָליטיקער, וואָס דאַרפן קומען קיין וואַשינגטאָן אין משך פון דער וואָך, איז אַלזאָ דער זיכערהייטס־מיניסטער עזר ווייצמאַן די איינציקע פּערזאָן, וועלכע רופט היינט אַרויס דאָרט סיי נייגער און סיי דרך־ארץ.

דער דרך־ארץ, וועלכן עס האָבן פאַרלוירן אין וואַשינגטאָן די היינטיקע מנהיגים פון ישראל, איז אָבער געוואָרן רעזערווירט פאַר עזר ווייצמאַנען — אין זכות פון זיין נייער „כאַריזמע״ אַלס אַ מעסיקער און באַרעכנטער מלוכה־מאַן, וועלכער איז נישט פאַרשקלאַפּט צו קיין פּאַרטייאישע דאָגמעס פון די אַלטע צייטן און אויך נישט צו קיין פּאָליטישע דאָקטרינען, וואָס זאָלן בינדן זיינע הענט און זיינע אָנשויונגען. זיין פּאָפּולאַריטעט, וועלכע האָט ביז איצט נישט געליטן פון קיין „מחדלים״ און דורכפאַלן, איז איצט אין צושטאַנד פון אַ באַרג־אַרויף אין אַמעריקע, נאָך מער ווי אין ישראל. דערצו געניסט ער אויך פון דער „פּראָטעקציע״ פון סאַדאַטן, וועלכער האָט צו אים אַ גרויסע מאָס פון סימפּאַטיע. די דאָזיקע סימפּאַטיע פון די מצרים שטעלט אים אין אַ באַזונדערער פּאָזיציע ביי די אַמעריקאַנער, וועלכע זעען אין אים אַ בעסערן פּאַרטנער פאַר די אונטערהאַנדלונגען אין פאַל אויב זיי וועלן באַנייט ווערן נאָך בעגינס באַזוך אין וואַשינגטאָן.

עזר ווייצמאַן איז אָבער איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען קיין וואַשינגטאָן אַ וואָך פריער, פאַר בעגינס באַזוך, און פאַר בעגינס געשפּרעכן אין וואַשינגטאָן, צו וועלכע ער, עזר ווייצמאַן, וועט אים באַגלייטן צוזאַמען

מיט משה דיינ׳ען. אויסער די געפּלאַנטע געשפּרעכן, וואָס ער וועט פירן מיט די אָנפירערס פון „פענטאַגאָן״, וועט עזר ווייצמאַן אויך אויפגענומען ווערן אין „ווייסן הויז״, אויף דער איינלאַדונג פון פּרעזידענט קאַרטער. די געשפּרעכן, וואָס ווייצמאַן וועט פירן אין אַט די צוויי פעסטונגען פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, וועלן אָן ספק זיך אויסווירקן אויף די פּאָליטישע געשפּרעכן צווישן ישראל און אַמעריקע אין אַ וואָך אַרום.

פון דאַנען די נייגעריקייט אין די דאָרטיקע פּאָליטישע קרייזן, וועלכע ווילן וויסן ווי שטאַרק וועט ווייצמאַנס פּערזענלעכקייט קענען באַווירקן די דאָזיקע אַטמאָספער.

אין די פּאָליטישע און צווישן-מלוכהשע באַציִונגען איז דאָס אַ גאָר וויכטיקער עלעמענט.

אַ קריטישע פאַזע

ווייצמאַנס באַזוך אין וואַשינגטאָן קומט היינט פאָר אין אַ דראַמאַטישער סיטואַציע, אין זייער אַ קריטישער פאַזע אין די באַציִונגען צווישן ירושלים און וואַשינגטאָן. דער געוועזענער פּרעמיער יצחק רבין קען איצט טענהן מיט רעכט און מיט אַ גרויסער מאָס פון פאַרדרוס, אַז די רעגירונג פון „ליכוד״ האָט פאַרטאַכליעוועט איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען, וועלכע ווערן אים צוגעשריבן פון דער צייט, ווען ער האָט אַמטירט אַלס דער אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין וואַשינגטאָן. מיט אומגעהויערער מי׳ האָט זיך אים איינגעגעבן איינצושטעלן מיט דער אַמעריקאַנישער אַדמיניסטראַציע אַזעלכע באַציִונגען, וואָס האָבן דערפירט צו דער אַמעריקאַנער פאַר־פליכטקייט לגבי די זיכערהייטס-באַדערפענישן פון ישראל. די דאָזיקע באַ־ציִונגען, וואָס זענען שפּעטער פאַרגעזעצט און אפשר נאָך מער אַנטוויקלט געוואָרן דורך דעם איצטיקן אַמבאַסאַדאָר שמחה דיניץ, האָבן אויך דער־פירט צו דער פּאָליטישער שוץ, וועלכע וואַשינגטאָן האָט אויסגעשפּרייט איבער ישראל אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, און האָט דערמיט אַזוי שטאַרק פאַרלייכטערט דאָס אויסטראָגן די איזאָלאַציע, אין וועלכער ישראל געפינט זיך.

איצט זענען מיטאַמאָל געגאַנגען לאיבוד די דאָזיקע צוויי דערגרייכונגען, אין רעזולטאַט פון דער לייכטזיניקער און ראַדיקאַל-פאַריסענער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע האַלט זיך אין איין לעגיטימירן מיט איר „נאַציאָנאַלער גאוה״. די ערשטע רעאַקציע פון ישראל אויף סאַדאַטס שלום-איניציאַטיוו האָט טאַקע אַרויסגערופן גרויס רעספּעקט צו בעגינען און צו דער רעגירונג פון „ליכוד״; אָבער מיט אירע ווייטערדיקע האַנד־לונגען איז דער דאָזיקער רעספּעקט און דער גאַנצער קרעדיט געגאַנגען לאיבוד.

די נייע פאַרבינדעטע פון וואַשינגטאָן

די פּראָ-אַמעריקאַנישע אָריענטאַציע פון דעם מצרישן הערשער איז אויפגענומען געוואָרן דורך וואַשינגטאָן ווי אַ רייפע זיסע פרוכט, אין וועלכער זי האָט זיך אַזוי געגנויטיקט אין איר קאָנפראָנטאַציע מיט סאָוועט־

רוסלאַנד און מיט קובאַ אין דעם אַפריקאַנישן האָרן, אין דער מלחמה צווישן עטיאָפּיע און סאָמאַליע. וואַשינגטאָן פילט זיך פאַרפליכטעט צו פאַרגיטיקן מצרים פאַר אָט דער נייער אָריענטאַציע, און אויך אויפצוהאַלטן דעם אַליאַנס מיט סאַוד־אַראַביע, פון וועלכער עס איז אָפּהענגיק דער שטראָם פון נאַפט פאַר דער אַמעריקאַנישער אינדוסטריע און פאַר איר גאַנצער עקאָנאָמישער — און נישט נאָר עקאָנאָמישער — עקזיסטענץ. אויך איר מיליטערישע קראַפט איז אָפּהענגיק אין אַ גרויסער מאָס פון דעם סאַוד־אַראַבישן נאַפט.

אין אָט די באַדינגונגען איז אונטערגעקומען דער געדאַנק וועגן דער „פּאַקעט־טראַנזאַקציע" פון דער געווער־ליפערונג פאַר ישראל, מצרים און סאַוד־אַראַביע צוגלייך — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנישער געווער־ליפערונגס־פּאָליטיק.

די דאָזיקע דריי־עקיקע געווער־טראַנזאַקציע שטעלט אויך פאַר מיט זיך אַ קאַרדינאַלע ווענדונג אין די באַציִונגען צווישן ישראל און די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ישראל איז שוין מער נישט דאָס איינציקע צערטל־קינד פון אַמעריקע אין מיטעלן מזרח. איר סטאַטוס גלייכט זיך שוין אויס מיטן סטאַטוס פון די פּראָ־אַמעריקאַנישע אַראַבישע לענדער. נאָך מער — אין דער אַמעריקאַנישער עפנטלעכער מיינונג הויבט אָן די סימפּאַטיע זיך צו נויגן מער לטובת די אַראַבער: די לעצטע אַנקעטע־פאָרשונג פון דער עפנטלעכער מיינונג האָט געגעבן אַ גרעסערן פּראָצענט די וואָס זאָגן, אַז מצרים מיינט דעם שלום אויפריכטיקער ווי ישראל. דאָס איז אַ געוואַלדיקע ענדערונג פון אונדזער מאָראַלישער פּאָזיציע, און די דאָזיקע ענדערונג קאָן זיך אויך זייער שלעכט אָפּרופן אויף אונדזער זיכערהייט, וואָס איז דאָך ביי אונדז דער שוואַרצאַפּל אין אויג.

דעריבער רופט איצט אַרויס אַזאַ שטאַרקן אינטערעס דער באַזוך פון עזר וויצמאַן אין וואַשינגטאָן. עס איז אָנצונעמען, אַז די אַמעריקאַנער זענען פאַראינטערעסירט צו „בויען" זיין כאַריזמע, זיין פּערזענלעכקייט, און אויסצופּלאַסטערן פאַר אים דעם וועג צום סאַמע שפּיץ פון דער מאַכט אין ישראל. עס איז דעריבער אויך אָנצונעמען, אַז די אַמעריקאַנער וועלן פּרובירן — דורך וויצמאַנען — צו פאַרגיטיקן ישראל פאַר דער „פּאַקעטן־טראַנזאַקציע", און זיי וועלן אים פאַרלייגן געוויסע סאָרטן געווער צו פאַרשטאַרקן די זיכערהייט פון ישראל — אין אָנבליק פון דער געפאַר, וואָס עס טראָגט אין זיך דאָס אויסשטאַטן מצרים און סאַודיע מיט די סופּער־מאָדערנע קריגס־עראָפּלאַנען און אַנדערע סאָרטן וואָפן, וואָס זענען זיי צוגעזאָגט געוואָרן.

די אַמעריקאַנער מלוכה־פירער ווייסן אויך זייער גוט, אַז אַן „אַטראַקטיווע מתנה", וואָס זיי וועלן היינט דערלאַנגען עזר וויצמאַנען, וועט פאַרלייכטערן זייער אויפגאַבע אין די געשפּרעכן, וואָס זיי וועלן פירן אין אַ וואָך אַרום מיטן דריילינג בעגין־וויצמאַן־דיין, און וואָס וועלן דאַרפן פירן צום באַנייען דעם „מאָמענטום", דהיינו — דעם שלום־טראַנס, וועלכן דער מצרישער סאַדאַט האָט אָנגעהויבן מיט קרוב פיר חדשים צוריק.

ל. נ. 8.3.1978

.27

קאַיר אין אַ פאַרלעגנהייט

די בלוטיקע דראַמע פון דעם פאַרגאַנגענעם שבת אויפן ברעג־שאָסיי צווישן חיפה און תל־אביב האָט געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט די רעגירונג און די פראָפּאַגאַנדע־אָרגאַנען פון מצרים: זיי האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי צו רעאַגירן אין אַנבליק פון דער נישט־קלאָרער סיטואַציע, אין וועל־כער קאַיר געפינט זיך איצט צווישן ישראל און די פּאַלעסטינעזער.

די דאָזיקע נישט קלאָרע סיטואַציע איז פון איין זייט אַ רעזולטאַט פון דעם טעמפּן ווינקל, אין וועלכן עס זענען אַריין די ישראל־מצרישע געשפּרעכן און סאַדאַטס שלום־איניציאַטיוו, און פון דער אַנדערער זייט — פון דעם פּאַלעסטינעזישן טעראָר־אַנגריף, פון וועלכן די מצרים אַליין האָבן געליטן אין ציפערן סך הכל מיט אייניקע וואָכן צוריק, און בעת וועלכן עס איז דערמאָרדעט געוואָרן דער שרייבער און זשורנאַליסט פון „אַל אַהראַם" יוסוף אַ־סיבאַי. זינט דאַן איז שוין פאַרביי אַ געוויסע צייט — און די צייט אין מיטעלן מזרח, ווי באַוווּסט, שטייט נישט אויף אַן אָרט. אין אָט דער צווישנצייט האָט די רעגירונג פון ציפערן שוין אונטערגענומען באַמיִונגען זיך איבערצובעטן מיט מצרים, מיט וועלכער עס זענען איבער־געריסן געוואָרן די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען, און אויך די פּ.ל.אָ. האָט אַרויסגעשיקט פאַריקע וואָך אַ דעלעגאַציע קיין קאַיר, כדי צו פּרובירן זיך פאַרגלייכן מיט מצרים נאָך דעם מאָרד אין לאַרנאַקאַ, וועלכער האָט אַזוי פאַרשטאַרקט די אַנטי־פּאַלעסטינעזישע שטימונגען אין לאַנד פון נילוס.

אָט די אַנטוויקלונגען האָבן דאָס גורם געווען די שטייפע רעאַקציע פון דער מצרישער רעגירונג אויף דער בלוטיקער דראַמע פון דעם טעראָר־אַנגריף ביים „קאַונטרי־קלאַב" אין ישראל. אָבער די ענגהאַרציקע רעאַקציע פון דער מצרישער רעגירונג איז געווען אין אַ בולטן קאָנטראַסט צו די אויסדרוקן פון סימפּאַטיע צו די קרבנות פון פּאַלעסטינעזישן טעראָר, וואָס די אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָבן געפונען ביי די פּשוטע מצרישע בירגער אויף די גאַסן פון קאַיר.

אָפיציעל האָט בלויז דער מצרישער וויצע־אויסערן־מיניסטער, בוטרוס ראַלי, רעאַגירט אויף דעם טעראָריסטן־אַנגריף — אָבער ער האָט נישט אויסגעדריקט קיין מיטגעפיל אָדער סימפּאַטיע צו די קרבנות. פאַרקערט, ער האָט אויסגענוצט דעם אַנגריף, כדי צו דערמאָנען ישראל און די גאַנצע וועלט, אַז „אויב עס וועט נישט געפונען ווערן קיין לייזונג פאַרן פּאַלעסטינעזישן פּראָבלעם אין אַלע זיינע אַספּעקטן, וועלן מיר נישט האָבן קיין שלום אין מיטעלן מזרח". דאָס אייניציקע פּאָזיטיווע אין זיין דער־קלערונג איז נאָר געווען דאָס, וואָס ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג,

אַז דער אַנגריף וועט נישט איבערייסן דעם איצטיקן שלום־פּראָצעס. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז די בלוטיקע אַקציע האָט ווידער באַוויזן, אַז „די זיכערהייט פון ישראל וועט נישט דערגרייכט ווערן מיט דער הילף פון דער קאָלאָניזאַציע אָדער פון אַנעקסירן נייע שטחים".

די צוויי זייטן פון טעראָר

רעדנדיק וועגן דער בלוטיקער דראַמע אין ישראל און וועגן דעם פּאַלעס־טינעזישן איבערפאַל, האָט דער מצרישער וויצע־אויסערן־מיניסטער זיך אָפּגעהאַלטן פון באַנוצן זיך מיטן וואָרט „טעראָר", מיט וועלכן ער האָט זיך פריִער אַזוי אָפט באַנוצט אין באַצוג צו דעם אַנגריף פון די פּאַלעס־טינעזישע טעראָריסטן אין לאַרנאַקאַ. די סיבה איז אַ קלאָרע: אַ דעלע־גאַציע פון צוויי פאָרשטייער פון פּ.ל.אָ. איז געקומען פּאָריקע וואָך קיין קאַיִר, פּרובירנדיק דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער מצרישער רעגי־רונג. דער פריערדיקער כעס פון דער מצרישער רעגירונג צו די פּאַלעס־טינעזער איז קענטיק שוין אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אויב אַזאַ דעלעגאַציע קען זיצן אין קאַיִר און פאַרהאַנדלען מיט העכערע מצרישע באַאַמטע.

אָבער אין פולן ווידערשפּרוך צו דער אָפיציעלער רעאַקציע פון דער מצרישער רעגירונג איז געווען, ווי געזאָגט, די רעאַקציע פון פּשוטן מצרישן פאָלק, וואָס האָט אויסגעדריקט סימפּאַטיע צו די קרבנות פון דעם בלוטיקן אַנגריף, און שטאַרקן צאָרן קעגן די פּאַלעסטינעזער.

דער קאָרעספּאָנדענט פון דער אַמעריקאַנישער צייטונג „לאָס אַנדזשע־לעס טיימס" אין קאַיִר, דאַן סקאַנקי, שילדערט אין זיין קאָרעספּאָנדענץ דעם אויפברויז פון מצרישע בירגער, וועלכע ער האָט אינטערוויוּירט און וועלכע האָבן געטאַדלט אויפן שאַרפסטן אופן די מאָרד־אָפּעראַציע פון די טעראָריסטן. „ווען די ישראלים וואָלטן דאָס אונדז געטאָן — האָט אים געזאָגט אַ 23־יאָריקער סטודענט — וואָלט איך געהאַט חשק אויפצורייסן גאַנץ מדינת ישראל. אויב די ישראלים פילן איצט די זעלבע זאַך אין באַצוג צו די פּאַלעסטינעזער, האָב איך נישט קיין טענות צו זיי. די פּאַלעסטינעזער העלפן נישט קיינעם און נישט זיך אַליין".

זיי האָבן זייערע אייגענע פּראָבלעמען...

ד"ר אַבעלאַ סאַלאַר, אַ 26־יאָריקע דאָקטאָרין, האָט געזאָגט דעם אַמע־ריקאַנער קאָרעספּאָנדענט, אַז „די פּאַלעסטינעזער האָבן אַ האַרב פּראָבלעם, אָבער זיי האָבן נישט קיין רעכט צו הרגענען אומשולדיקע מענטשן אין אַן אויטאָבוס. זיי האָבן רעכט צו לעבן, אָבער זיי האָבן נישט קיין רעכט צו הרגענען. „די פּ.ל.אָ. זענען סיי טעראָריסטן און סיי נאַראָנים" — האָט די יונגע דאָקטאָרין געזאָגט. דער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט ציטירט אַ 45־יאָריקן שפּייז־הענדלער, וועלכער זאָגט, אַז די פּאַלעסטינעזער זענען מערדער, זיי הרגענען מצרים, זיי הרגענען ישראלים און זיי הרגענען אויך

פּאַלעסטינעזער. „זיי האָבן פאַרקויפט זייער פאָטערלאַנד, און איצט ווילן זיי אַז מיר זאָלן זיי פאַרגיטיקן פאַר דעם. אויב מיר שטייען נישט אויף זייער זייט, זענען זיי בייז אויף אונדז. איז שוין דעריבער בעסער, אַז ישראל זאָל ליקווידירן די פּ.ל.אָ.״.

די שטימען, וועלכע דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט ציטירט אין זיין צייטונג, זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַטמאָספער, וואָס הערשט איצט אין מצרים און פאַר די שטימונגען צווישן די פאַרשידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אַ בוי־אַרבעטער האָט פאַר אים אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע פאַר די קרבנות, אָבער ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט פיינט סיי די ישראלים און סיי די פּאַלעסטינעזער. ער גלויבט, אַז סאַדאַט וועט לייזן דאָס פּראָבלעם אויפן פרידלעכן וועג, נישט דאַרפנדיק הרגענען קיין ישראלים. „פאַרוואָס זאָלן די פּאַלעסטינעזער זיי הרגענען?״ — פרעגט דער מצרישער בוי־אַרבעטער.

אָבער צום מערסטן טרעפלעך האָט זיך אויסגעדריקט פאַר דעם אַמעריקאַנישן קאָרעספּאָנדענט דער 23־יאָריקער סאַאַד מאַנצור, אַן אַרבעטסלאָזער, וועלכער האָט נישט אַפילו קיין עלעמענטאַרע בילדונג. ער קען נישט לייענען און שרייבן און ער וווינט אין אַ חורבה:

„איך האָב גענוג מיינע אייגענע פּראָבלעמען. יעדן טאָג קומען צו אַלץ מער און מער פּראָבלעמען צוליב ישראל און צוליב די פּאַלעסטינעזער. לאָמיר פאַרגעסן וועגן זייערע פּראָבלעמען און טראַכטן וועגן אונדזערע. די פּאַלעסטינעזער האָבן ליב צו הרגענען. איך האָב געהערט אַז בעגין פלעגט הרגענען פּאַלעסטינעזער. אַלע זענען מערדער. וואָס בין איך שולדיק? מיר איז קאַלט, כ׳שלאָף אין דער דאָזיקער חורבה, ווייל איך האָב נישט קיין היים. מען דאַרף האָבן געלט צו לעבן. איך וויל אַז סאַדאַט זאָל לייזן די דאָזיקע פּראָבלעמען און מיר זאָלן האָבן רו פון די פּאַלעסטינעזער און פון די מלחמות״...

ל. נ. 15.3.1978

דער לבנונישער פּלאָנטער

— און בעגינס געשפּרעכן אין וואַשינגטאָן.

דער צייט־געיעג צווישן ירושלים און וואַשינגטאָן

די אַנטשיידונג איז אַלזאָ געקומען — פּיל גיכער ווי מען האָט זיך גערעכט. דער באַשלוס פון זיכערהייטס־ראַט וועגן שיקן אַן אינטערנאַציאָנאַלן אונ״אָ־כוח אין דרום־לבנון און אויפצופאָדערן ישראל אַ תיכּפדיקע עוואַקואַציע פון אירע כוחות איז צוגעאיילט געוואָרן — קעגן דעם ווילן פון ישראל, אָבער אין „זכות״ פון ישראל: די באַמיִונגען פון ישראל אָפּצולייגן דאָס אָננעמען אַזאַ באַשלוס זענען געשטרויכלט געוואָרן צוליב דעם באַזוך פון ישראלדיקן פּרעמיער אין וואַשינגטאָן.

דאָס קלינגט טאַקע ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער אַזאַ איז די לאַגע. ווען דער פּרעמיער מנחם בעגין האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין קיין וואַשינגטאָן — נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּגעלייגט צוליב דער מיליטערישער אָפּעראַציע אין לבנון זיין נסיעה אויף אַ וואָך צייט, האָט ער אויסגעאַרבעט זיינע פּאָרשלאָגן צו דערלאַנגען זיי דעם אַמעריקאַנישן פּרעזידענט וועגן פאַרזיכערן די צפונדיקע גרענעץ פון ישראל. אָבער ווייל אַמעריקע האָט דאָס געוווּסט, האָט זי זיך צוגעאיילט און האָט גערדריקט אויפן זיכערהייטס־ראַט, ער זאָל אָננעמען דעם באַשלוס נאָך איידער בעגין קומט קיין ניו־יאָרק און קיין וואַשינגטאָן, כדי דער פּרעזידענט קאַרטער זאָל נישט דאַרפן מיט אים דיסקוטירן אויף דער דאָזיקער טעמע.

דער צייט־געיעג

אַזוי אַרום זענען ירושלים און וואַשינגטאָן אַריינגעטראָטן אין אַ צייט־געיעג, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ נייעם עלעמענט אין דער „קאָנ־פּראָנטאַציע״ צווישן ישראל און די פאַראייניקטע שטאַטן: אין דער צייט, ווען ישראל האַלט זיך קאָנסעקווענט ביי איר אַלטער קאָנצעפּציע, נאָך פון די צייטן פון מערך, צו „געווינען צייט״ אָדער ווי דאָס האָט פריער געהייסן, אַז „די צייט אַרבעט פאַר אונדז״ — קען זיך אַמעריקע נישט דערלויבן צו פאַרלירן קיין צייט, נישט וועלנדיק אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר אַלץ נייע און נישט פאַרויסגעזעענע קאָמפּליקאַציעס.

דער פּרעמיער מנחם בעגין איז איינגעלאַדן געוואָרן קיין וואַשינגטאָן, כדי צו באַהאַנדלען מיטן אַמעריקאַנישן פּרעזידענט דעם אופן ווי אַזוי צו באַנייען די פּאַראַליזירט געוואָרענע שלום־אונטערהאַנדלונגען מיט מצרים, און דער פּרעזידענט קאַרטער וויל דעריבער נישט, אַז די געשפּרעכן זאָלן זיך קאָנצענטרירן אויף די לעצטע נייע אַנטוויקלונגען און אויפן פּראָבלעם

פון דרום־לבנון, ווי עס וויל דאָס דער פּרעמיער בעגין. דעריבער האָט אַמעריקע אויסגעאיבט איר שטאַרקן דרוק און אויסגענוצט איר גאַנצן אויטאָריטעט, כדי אַדורכצופירן איר רעזאָלוציע־פאָרשלאַג אין זיכערהייטס־ראַט; און אין דעם פאַל האָט זי געהאַט די אַקטיווע אונטערשטיצונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד. הגם פאָרמעל האָבן די צוויי קאָמוניסטישע פאָרשטייער אין זיכערהייטס־ראַט — ראַטנפאַרבאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע — זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען איבער דעם אַמעריקאַנישן רעזאָלוציע־פאָרשלאַג, האָט אָבער דער סאָוויעטישער הויפּט־דעלעגאַט אָלעג טראָיאַנאָווסקי אויסגעאיבט אַ דרוק אויף די אַראַבישע פאָרשטייער, זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון דערלאַנגען זייער אייגענעם רעזאָלוציע־פאָרשלאַג און זאָלן שטימען פאַרן פאָרשלאַג פון די אַמעריקאַנער. פאַר דעם פּרייז האָבן די אַמעריקאַנער מוותר געווען אין זייער פאָרשלאַג אויף דער כוונה צו טאַדלען דעם פּאַלעסטינעזישן טעראָר.

אַזוי אַרום איז ישראל געשטעלט געוואָרן פאַר אַ פּאַראַייניקטן דרוק פון אַלע מעגלעכע פאַקטאָרן אויף דער וועלט און פון אַלע „דריי וועלטן" — דעם מערב־בלאָק, דעם מזרח־בלאָק און דעם אַפראָ־אַזיאַטיש־אַראַבישן בלאָק — און דער בשותפותדיקער אַמעריקאַניש־סאָוויעטישער דרוק פאַר אַ ישראלדיקן צוריקטריט פון דרום־לבנון דערמאָנט זייער שטאַרק דעם פאַראייניקטן אַמעריקאַניש־סאָוויעטישן דרוק אויף ישראל מיט 21 יאָר צוריק, נאָך דער סיני־אַקציע.

נאָך קיינמאָל איז אָבער אַ באַזוך פון אַ ישראלדיקן פּרעמיער אין וואַשינגטאָן נישט פאַרגעקומען ביי אַזעלכע אויסטערליש שווערע אומשטענדן, ווי עס איז דער איצטיקער באַזוך פון פּרעמיער מנחם בעגין און פון דעם אויסערן־מיניסטער משה דיין.

געוויינלעך פירט זיך, אַז פאַר אַזאַ אָפיציעלן מלוכהשן וויזיט ווערן דורך דעם גאַסטגעבער געמאַכט געוויסע גאַסטפריינטלעכע זשעסטן. דאָס מאָל זענען די „זשעסטן" פאַר בעגינס באַזוך געוואָרן שוין גאָרנישט קיין געשמאַקע. דער ביטערער קוכן פון דער „פּעקל־טראַנזאַקציע", אין וועלכער אַמעריקע האָט אַריינגעפּאַקט אין איין פּעקל דעם פּראָיעקט פון געווער־ליפערונגען פאַר ישראל צוזאַמען מיט מצרים און סאוד־אַראַביע, און דאָס איצטיקע צווייִלן דעם באַשלוס פון זיכערהייטס־ראַט, מיטן בפירושדיקן אָפּזאָג זיך פאַר דעם צו באַראַטן מיט ישראל — דאָס אַליין שטעלט שוין פאַר מיט זיך אַ ראַדיקאַלע ווענדונג אין דער אַמעריקאַנישער פּאָליטיק אין מיטעלן מזרח, וועלכע איז ביז איצט — זינט דער אַבאַסאַדאָר־קאַדענץ פון יצחק רבין אין וואַשינגטאָן — געווען באַזירט אויף אַ פיל ענגערער קאָאָרדינאַציע צווישן ביידע מדינות, געשטיצט אויף די א. ג. „ספּעציעלע באַציִונגען" צווישן ירושלים און וואַשינגטאָן.

דער פאַרלוירענער קרעדיט

עס זעט אויס, אַז אין די צען חדשים פון דער בעגין־רעגירונג זענען באַגראָבן געוואָרן די דאָזיקע „ספּעציעלע באַציִונגען" און עס איז פאַר־

טאַכליעוועט געוואָרן דער קרעדיט, וועלכן ישראל האָט געהאַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. צוזאַמען מיט דער אונטערשטיצונג פון דער אַמעריקאַנישער אַדמיניסטראַציע האָט ישראל אויך פאַרלוירן די אונטערשטיצונג פון דער אַמעריקאַנישער עפנטלעכער מיינונג — און דאָס איז אַ סך אַ גרעסערער דורכפאַל, מחמת עס גייט דערמיט פאַרלוירן דער פאַרבייגייענדיקער כאַראַקטער פון דער דאָזיקער סיטואַציע. די גיגאַנטישע מיליטערישע אָפּעראַציע אין לבנון, ווי אין פלוג נויטיק און ווי דערפאָלגרייך זי זאָל נישט האָבן געווען, הגם זי האָט זיך פאַרצויגן איבער די אָפּטימיסטישע פּראָגנאָזן — האָט אָבער צונישט געמאַכט די כוואַליע פון סימפּאַטיע, וואָס איז אויפגעקומען פאַר ישראל אין רעזולטאַט פון דעם בלוטיקן שבת.

ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, וועט קאַרטער זיין געצוווּנגען, אפילו קעגן זיין ווילן, צו באַהאַנדלען מיט זיינע ישראלדיקע געסט די פּראָגע פון דער פּאַלעסטינעזישער אָנוועזנהייט אין דרום־לבנון און די באַדינגונגען פון דעם ישראלדיקן צוריקטריט — און שוין דאָס אַליין איז עלול צו שענקען די געשפּרעכן אַ נישט זייער אָנגענעמע און נישט זייער פריינטלעכע אַטמאָספער. צו דעם וועלן צוקומען די פריערדיקע ענינים, וואָס זענען געפּלאַנט געוואָרן צום באַהאַנדלען אין די וואַשינגטאָנער געשפּרעכן — די באַדינגונגען פאַר באַנייען דעם שלום־פּראָצעס, דהיינו די דירעקטע געשפּרעכן מיט מצרים.

אין דער זעלבער צייט האָט סאַדאַט אין קאַיר צוזאַמענגערופן אויפן קומענדיקן שבת זיינע נאָענטסטע געהילפן אין מצרישן „זיכערהייטס־ראַט״, וואַרטנדיק אויף די רעזולטאַטן סיי פון בעגינס געשפּרעכן אין וואַשינגטאָן, און סיי פון די אַנטוויקלונגען אין דרום־לבנון, וועלכע זענען עלול געווען אויף אייביק צו באַגראָבן די דערוואַרטונגען פון סאַדאַטס שלום־איניציאַטיוו — וואָס וואָלט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גרויסן נצחון פאַר די פּאַלעסטינעזישע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס, נישט געקוקט אויף זייער מיליטערישער מפּלה. נאָך אַ פּאָליטישע לעקציע פון אונדזערע מלחמה־נצחונות...

אין די ראַמען פון אָט דעם פּראָבלעם — אין די ראַמען פון דער ערשט־קלאַסיקער געלעגנהייט פון זינט דער מדינה־אַנטשטייונג צו פאַרהאַנדלען מיט מצרים וועגן אַ שלום — וועט מיטן אַמעריקאַנישן פּרעזידענט ווידעראַמאָל אַרומגערעדט ווערן בעגינס שלום־פּלאַן מיטן פאָרשלאָג וועגן דער אַזוי גערופענער „אויטאָנאָמיע״ פאַר יהודה און שומרון און פאַרן עזה־פּאַס אונטערן מיליטערישן פּאַטראָנאַט פון ישראל; און אחרון אחרון — דער נייער קאָנפליקט, וואָס אין אויסגעבראָכן צווישן ירושלים און וואַשינגטאָן (אַ קאָנפליקט, וואָס איז געווען „ניי״ ביזן אויסברוך פון דעם לבנונישן קאָנפליקט) — וועגן דעם ישראלדיקן, אָדער ריכטיקער געזאָגט: בעגינישן, פּירוש פון דער רעזאָלוציע 242 פון זיכערהייטס־ראַט, לויט וועלכן דער צוריקטריט איז נישט חל אויף יהודה און שומרון.

ווי מיר זעען, ליגט איצט פאַר בעגינען אַ שווער פּעקל אויפצוהייבן דאָרט אין וואַשינגטאָן, בעת די אַטמאָספער איז דאָרט גאָרנישט קיין געהויבענע.

דער אונ"אָ־כוח

די געשפּרעכן אין וואַשינגטאָן וועלן זיין באַגלייט מיטן מאַטאַרן־רויש פון די עראָפּלאַנען, וואָס וועלן ברענגען אין משך פון דער וואָך די פיר טויזנט קאַנאַדישע, פראַנצויזישע, דענישע און אפשר אויך אַנדערע זעלנער פאַרן אונ"אָ־כוח, כדי צו פאַרבייטן מיט זיי דעם כוח פון צה"ל אין דרום־לבנון. דערווייל האָט די אונ"אָ שוין אַנגעהויבן אַריבערפירן נעכטן די ערשטע „אַוואַנגאַרד"־איינהייט פון 400 זעלנער, וועלכע זי האָט נישט געדאַרפט פירן פון ווייט: פון דעם שכנותדיקן רמת־הגולן און פון עטוואָס ווייטער — פון סיני אויפן דרום.

די דאָזיקע אַנטוויקלונגען האָבן נאָכאַמאָל באַוויזן ווי פאַרזיכטיק עס דאַרפן זיין אונדזערע מדינה־פירער מיט זייערע רייד און ווי שפּאָרזאַם זיי דאַרפן זיין ביים וואַרפן זיך מיט הבטחות. בעגינס דערקלערונג אויפן צווייטן טאָג פון דער צה"ל־אָפּעראַציע, אַז אונדזערע כוחות וועלן דאָרט פאַרבלייבן אַזוי לאַנג, „ביז וואַנען עס וועט דערגרייכט ווערן אַ לייזונג וואָס וועט פאַרזיכערן, אַז לבנון זאָל מער נישט דינען ווי אַ באַזע פאַר אַנגריפן קעגן ישראל" — די דאָזיקע פאַרזיכערונג האָט שוין אַנגעוואָרעמט די אַפּעטיטן פון דער כנסת־דעפּוטאַטין גאולה כהן און פון אירע אַנהענגער צו פאַרלאַנגען מיר זאָלן דאָרט פאַרבלייבן אויף שטענדיק און אויפשטעלן דאָרט יידישע ישובים. דער עיקר אָבער איז, וואָס די אוממעגלעכקייט מקיים צו זיין די הבטחה פונעם פּרעמיער פאַרשטאַרקט דעם אומצוטרוי צו דער האַפט פון די דערקלערונגען און פאַרזיכערונגען פון דער רעגירונג.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז צוליב דעם באַשלוס פון זיכערהייטס־ראַט וועגן דער תיכפדיקער עוואַקואַציע וועלן די כוחות פון צה"ל שוין מאָרגן צוריקגעקערט ווערן פון דרום־לבנון. זיכער וועלן נאָך זיין עקשנותדיקע דינגענישן וועגן די באַדינגונגען און דעם אופן פון דעם צוריקטריט, און עס וועלן נאָך זיין נישט ווייניק קאָמפּליקאַציעס און ביטערנישן, און אפשר אויך בלוטיקע אינצידענטן. אָבער די מיליטערישע אָפּעראַציע, וועלכע האָט געדאַרפט זיין אַן ענטפער אויף דעם בלוטיקן און אכזריותדיקן פּאַלעסטינעזישן טעראָר, האָט געשאַפן, לײדער, אַ נייעם פלאָנטער, אַ נייעם פּליטים־פּראָבלעם, און האָט אַריינגעצויגן נייע פאַקטאָרן אין דעם שוין אַזוי אויך שטאַרק קאָמפּליצירטן און פאַרפּלאָנטערטן מיטל־מזרחדיקן קאָנפליקט.

שטייען מיר איצט אַלזאָ פאַר צוויי גרויסע רעטענישן: מיט וואָס וועט זיך פאַרענדיקן די לבנונישע פּרשה, און וואָס וועט בעגין ברענגען מיט זיך פון וואַשינגטאָן?

ל. נ. 21.3.1978

.29

צי איז מעגלעך אַ „נאַציאָנאַלע שלום־רעגירונג״?

ד׳ער ספּאַנטאַנישער אַפּעל פון דעם זיכערהייטס־מיניסטער עזר ווייצמאַן, וועלכער האָט פּאַריקע וואָך גערופן צו שאַפן אַ „נאַציאָנאַלע רעגירונג פון שלום״, האָט נישט אַרויסגערופן דעם אָפּקלאַנג, וועלכן מען האָט דערוואַרט אין אַנבליק פון דער ערנסטער סיטואַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן מיטן דורכפאַל פון בעגינס שליחות אין וואַשינגטאָן. ווי עס זעט אויס, האָט עזר ווייצמאַן אַליין זיך דערשראָקן פאַר זיין געוואַגטער איניציאַטיוו און האָט זיך צוריקגעצויגן, נאָך דעם ווי בעגין האָט אים אויף אַ פאַרשטעלטן אופן אָנגעמוסרט, די ליבעראַלע שותּפים האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין התלהבות, און די פירער פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי האָבן קלאָר געמאַכט, אַז זיי וועלן נישט אַריינגיין אין קיין קאָאַליציע אונטער בעגינס אָנפירונג.

עזר ווייצמאַן האָט זיין פאָרשלאַג וועגן אַ „נאַציאָנאַלער שלום־רעגירונג״ אַרויסגערוקט צוליב דער מורא, אַז די שלום־געשפּרעכן מיט מצרים וועלן פולשטענדיק איבערגעריסן ווערן און עס וועט פאַרלוירן גיין דער איינציק־אַרטיקער און ערשטמאָליקער רעאַלער שאַנס פון אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער גרעסטער פון די פיינטלעכע אַראַבישע מדינות, נאָכדעם ווי די געשפּרעכן פון בעגינען אין וואַשינגטאָן האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ טיפן ריס אין די באַציִונגען צווישן ישראל און די פאַראייניקטע שטאַטן. אויך די מלחמה־אָפּעראַציע אין לבנון און די באַזידלונגס־פּאָליטיק פון דער רעגירונג האָבן מיטגעווירקט צו דער געשאַפענער סיטואַציע, און די אומבויגעוודיקייט פון בעגינען ווערט אויף דער וועלט אָנגענומען ווי די סיבה פון דעם קריזיס אין די ישראל־מצרישע שלום־געשפּרעכן.

אַ רעוויזיע פון די רעוויזיאָניסטישע דאָגמעס

ווי באַוווּסט, זענען די באַציִונגען צווישן עזר ווייצמאַנען און בעגינען ווידעראַמאָל אַרויף אויף אַ זאַמד־באַנק, הגם ביידע צדדים באַמיִען זיך צו פאַרווישן דעם איינדרוק, אַז עס האַלט ביי אַן ערנסטן קאָנפליקט צווישן זיי. ווי באַוווּסט, האָט ווייצמאַן שוין איין מאָל געהאַט פאַרלאָזט די טעטיקייט אין דער חרות־פּאַרטיי, צו וועלכער ער האָט זיך געהאַט אָנגעשלאָסן נאָכן פאַרלאָזן די אַרמיי. ער איז דאַן נישט געווען צופרידן מיט דער אויטאָריטאַטיווער אָנפירונג פון מנחם בעגין און מיט דעם פירער־סטיל פון דער דאָזיקער אַנפירונג. ער האָט אויך נישט געקענט איינגיין אויף די פאַרשידענע רעוויזיאָניסטישע דאָגמעס, וועלכע ער האָט באַטראַכט אַלס פאַרעלטערט און אַלס אַזעלכע, וואָס דאַרפן אַדורכמאַכן אַ רעוויזיע. ער האָט זיך אָבער צוריקגעקערט צו דער פּאַרטיי־טעטיקייט ערב די וואַלן צו

דער כנסת און האָט זיך געשטעלט בראש פון דער וואַל־קאַמפּאַניע פאַרן „ליכוד" — און אים האָט טאַקע דער ליכוד צו פאַרדאַנקען אין אַ גרויסער מאָס דעם וואַל־נצחון — הגם עס זענען געווען אַ סך אַנדערע און וויכ־טיקערע פאַקטאָרן, וואָס האָבן דעם נצחון געברענגט. עזר ווייצמאַן האָט אָבער מיט זיין עלאַסטישקייט געוווסט ווי אַזוי אָט די פאַקטאָרן אויסצונוצן.

אָבער פּונקט אַזוי ווי בעגין קען נישט אַנטלויפן פון בעגינען, קען אויך ווייצמאַן נישט אַנטלויפן פון ווייצמאַנען. די צוויי קעגנזעצלעכע כאַראַק־טערן, וואָס ביידע זענען זייער אימפּולסיוו און דאָמינאַנטיש, קענען נישט פאַרמיידן קיין צוזאַמענשטויס, און עס האָט טאַקע אָט־אָט שיעור נישט געהאַלטן איצט פאַר אַזאַ צוזאַמענשטויס.

דער דראַמאַטישער טעלעפאָן־געשפּרער

אַנגעהויבן האָט עס זיך, ווי מיר געדענקען, מיטן דראַמאַטישן טעלע־פאָנישן געשפּרער צווישן עזר ווייצמאַנען, וועלכער האָט זיך געפונען אין ניו־יאָרק, און בעגינען אין ירושלים. עס האָט זיך דאָן געהאַנדלט אין בעגינס באַשלוס אַרויסצושיקן כאָטש איין טראַקטאָר, כדי אַנצוהאַלטן דעם „מאָמענטום" פון דער התנחלות. אַזוי האָט געפאָדערט דער מיניסטער אַריק שרון, וועלכער האָט רעקלאַמירט קעגן דער פאַראָרדענונג פון זיכער־הייטס־מיניסטעריום צו „פאַרפרירן" די זידלונגס־אַרבעטן כל־זמן עס גייען אָן די שלום־באַמיונגען, און כל־זמן ער פאַרהאַנדלט אין וואַשינגטאָן וועגן געווער פאַר ישראל. עזר ווייצמאַנס אויסברוך פון כעס און זיין דראָונג, אַז ער וועט זיך תיכף צוריקקערן און זיך אַנגעבן אין דעמיסיע טאָמער וועט אַפילו איין טראַקטאָר אַרויסגעשיקט ווערן אין פעלד אַריין — איז געווען זיין ערשטער „שאָס" נאָך דעם לאַנג־דויערנדיקן „וואַפנשטילשטאַנד" צווישן אים און די „שטייפע" אין דער רעגירונג.

אָבער אַ סך ערנסטער איז געווען ווייצמאַנס איצטיקער אַרויסזאָג, זיין רוף נאָך איידער בעגין האָט זיך צוריקגעקערט פון וואַשינגטאָן — וועגן שאַפן אַ „נאַציאָנאַלע שלום־רעגירונג".

גראָד אין דער דאָזיקער פראַגע, וואָס האָט אין פלוג געדאַרפט אַרויס־רופן אַ כוואַליע פון סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג — האָט עזר ווייצמאַן קיין גרויסע הצלחה נישט געהאַט. מעגלעך, אַז צוליב דער אַלגעמיינער אומצופרידנקייט מיט דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה־אָפּעראַציע אין לבנון — פאַר וועלכער עזר ווייצמאַן האָט גענומען אויף זיך די פולע אחריות — האָט ער זיך צוריק „איינגעפעקלט" נאָך די מוסר־רייד פון בעגינען אויף צומאָרגנס נאָך דער דאָזיקער דערקלערונג זיינער. בעגין האָט, צוריקקומענדיק פון וואַשינגטאָן און רעאַגירנדיק אויף עזר ווייצמאַנס פאָרשלאָג געזאָגט, אַז אויב עס גייט אין אַ „נאַציאָנאַלער רעגירונג פון שלום", איז דאָס נישט קיין אַנדערע ווי זיין, בעגינס רעגירונג; און אויב עס גייט וועגן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע — האָט דאָך בעגין אַלעמאָל גערופן צו שאַפן אַזאַ רעגירונג, נאָר די פריערדיקע קאָאַליציע, וועלכע איז איצט אין אָפּאָזיציע, האָט דאָס אָפּגעוואָרפן.

ווייצמאַן ציט זיך צוריק

דער זיכערהייטס-מיניסטער עזר ווייצמאַן האָט נאָך דעם דערקלערט, אַז מען האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען, נישט דאָס האָט ער געמיינט א.א.וו. אָבער דאָס וואָלט נישט געשטערט, אַז זיין פאָרשלאַג זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּאָליטישער נויטווענדיקייט, ווען די אָנפירונג פון דער אָפּאָזיציע וואָלט אים אונטערגעכאַפּט און וואָלט זיך געשטעלט הינטער ווייצמאַנען און הינטער זיין פאָרשלאַג.

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די אָפּאָזיציע האָט נישט קיין אינטערעס אַריינצוטרעטן אין אַזאַ רעגירונג — און דאָס צוליב צוויי קאַרדינאַלע סיבות: ערשטנס — ווייל זי קען נישט איינגיין דערויף, אַז אַזאַ רעגירונג זאָל זיין אונטער דער אָנפירונג פון מנחם בעגין, מחמת זי אַקצעפּטירט נישט זיין פּאָליטיק. און, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט סאַדאַטן און מיט קאַרטערן, איז בעגין נישט גרייט אָפּצוּוייכן פון דער־אַ פּאָליטיק זיינער, ער איז נישט גרייט אויף קיין וועזנטלעכע פשרות. און אויב ער איז נישט גרייט דערויף אין באַצוג צו די אויסערלעכע פאַקטאָרן, פון וועלכע עס איז אָפּהענגיק די פּאָליטיק פון ישראל און דער גורל פון שלום — וועט ער אַוודאי נישט גרייט זיין, אונטער זיין פּרעמיערשאַפט, אויף קיין וועזנטלעכער פשרה מיט דער אָפּאָזיציע.

די צווייטע סיבה איז — וואָס לויט דער מיינונג פון דער אָפּאָזיציע, איז בעגינס פּרעסטיזש און זיין לאַגע אין דער קאָאַליציע אַזוי שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז עס קען קומען צו אַ קריזיס און צו בעגינס דעמיסיע. פאַרוואָס, אויב אַזוי, זאָלן זיי אים שטאַרקן דורך איינגיין אויף אַ קאָאַליציע אונטער זיין אָנפירונג? — טראַכטן די פירערס פון דער אָפּאָזיציע.

אַ פּאָליטישער יש?

מען קען אָבער נישט וויסן, צי דער דאָזיקער פאָרשלאַג, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אין חלל אַריין, וועט נישט ווערן קיין שניי־באַלעם, און צי ער וועט נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין קיין פּאָליטישן יש אין אָנבליק פון דער שווערער סיטואַציע, אין וועלכער מדינת ישראל געפינט זיך אין רעזולטאַט פון די „גרויסע דערפאָלגן" פון דער בעגין־רעגירונג אין די צען חדשים פון איר הערשאַפט. מיט זיין פאַרהעלטנישמעסיק „טויבישער" איינשטעלונג אין באַצוג צו די לעצטע שלום־קאָנטאַקטן האָט עזר ווייצמאַן זיך דערוואָרבן אַ סך אָנהענגער סיי אין דער קאָאַליציע און סיי אין דער אָפּאָזיציע — דער עיקר פון צווישן די, וועלכע זעען אין בעגינס פּאָליטיק אַן ערנסטן מכשול פאַר די אויסזיכטן פון אַ שלום. אין די דאָזיקע קרייזן ווערט עזר ווייצמאַן באַטראַכט ווי אַ גאַנץ מעגלעכער יורש אויפן אַמט פון פּרעמיער, אין פאַל אויב מנחם בעגין זאָל זיך אָנגעבן אין דעמיסיע. די דאָזיקע מעגלעכקייט ווערט גענומען אין באַטראַכט סיי צוליב בעגינס דורכפאַל אין וואַשינגטאָן, און סיי צוליב דעם פלאַנטער, וועלכן ער האָט גורם געווען אַרום דער קאַנדידאַטור אויפן אַמט פון מדינה־פּרעזידענט.

קעגן דער דאָזיקער מעגלעכקייט ווערן אָבער אַרויסגערוקט די מאָטיוון פון בעגינס פאַרעקשנטקייט, אַז ער וועט נישט לייכט מוותר זיין אויף זיין אַמט אַלס פּרעמיער, ווי אויך דעם פאַקט, אַז עזר ווייצמאַן האָט נישט קיין גענוגנדיקע „טראַדיציאָנעלע דעקונג" אין דער פּאַרטיי, אין וועלכער ער איז נאָך אַלץ „אַ גרינער". צו דעם קומט נאָך צו די פאַרביטערונג, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אין לאַנד די פרעמדע אַריינמישונג מיט דער ידיעה, לויט וועלכער אַן אַמעריקאַנישע פּערזענלעכקייט זאָל האָבן מרמז געווען פאַר איינעם פון די פירער פון דער אָפּאָזיציע, אַז אַמעריקע וואָלט געוואָלט אַן ענדערונג פון דער רעגירונג אין ישראל, כדי צו קענען פאָרזעצן די באַמיִונגען וועגן אַ שלום אין דעם ראַיאָן.

אַזאַ מין אינסינואַציע ברענגט, פאַרשטייט זיך, צו אַ גענייניקטער קעגנערשאַפט און פאַרשטאַרקט די אונטערשטיצונג פאַר בעגינען. דאָס הייסט אָבער נישט אַן אונטערשטיצונג פאַר זיין פּאָליטיק. דעריבער איז אָנצונעמען, אַז דער שלעכטער איינדרוק פון דעם אַמעריקאַנישן רמז וועט גיך פאַרגעסן ווערן; דאַקעגן קען נישט פאַרגעסן ווערן דער רעזולטאַט פון בעגינס פּאָליטיק, וואָס קען דאָך דערפירן צו דער פאַרשטאַרקער פאָדערונג דורכצופירן נייע וואַלן, וועלכע זענען עלול צוריקצוקערן דעם „מערך" צו דער מאַכט, אָדער ברענגען וויניקסטנס צו אַן ענדערונג אין די ראַמען פון די איצטיקע פּאַרטייִשע פאַרהעלטענישן. ווי עס זאָל נישט זיין, קען מען פאָרויסזען אַ גאַנץ לעבהאַפטיקן פּאָליטישן „סעזאָן" אין ישראל אין דער נאָענטסטער צייט.

ל. נ. 28.3.1978

.30

אַ רייזע וואָס האָט זיך שלעכט פאַרענדיקט

די שווערע אויסווירקונג פון בעגינס דורכגעפאַלענער שליחות

נישט געקוקט אויף די באַרויִקנדיקע טרייסט־ווערטער פון די ישראלדיקע און אַמעריקאַנישע אָפיציעלע וואַרטזאָגערס, האָט בעגינס דערפּאַלגלאָזער צוריקקער פון זיין שליחות אין וואַשינגטאָן אַרויסגערופן אַ געדריקטע שטימונג אין ישראל. נאָך קיינמאָל האָט אַ ישראלדיקער מלוכה־פירער זיך נישט צוריקגעקערט פון וואַשינגטאָן מיט אַזאַ פולן קויש פון דורכפאַלן. אַפילו בעגין, וועלכער איז געוווינט צו שילדערן אַלע זיינע שריט מיט דערהויבענע אָפּטימיסטישע פראַזן, האָט דאָס מאָל נישט געקענט אַנדערש באַצייכענען זיינע געשפּרעכן אין וואַשינגטאָן ווי מיטן וואָרט „שווערע" — כאָטש ער איז נאָך אַלץ נישט גרייט זיך מודה צו זיין אין דעם דורכפאַל.

די אַמעריקאַנער האָבן קלאָר געגעבן אָנצוהערן, אַז נישט נאָר וואָס זיי זענען נישט צופרידן פון דער ישראלדיקער פּאָליטיק, נאָר זיי באַטראַכטן זי ווי אַ ממשותדיקע שטערונג פאַרן שלום און פאַר דער אַמעריקאַנישער פּאָליטיק אין מיטעלן מזרח. דערצו זענען צוגעקומען די פאַרשידענע רמזים וועגן דער נויטווענדיקייט צו ענדערן דעם רעזשים — רמזים וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל אַרויסצורופן אַ פּערמענענטע אין ישראל. פון דער אַנדערער זייט האָבן אָבער די דאָזיקע רמזים געשטאַרקט בעגינען און זיין רעגירונג, מחמת זיי האָבן פאַראייניקט די באַפעלקערונג פון ישראל אין איר קעגנערשאַפט צו יעטוועדער פרעמדער אַריינמישונג אין דער אינער־לעכער פּאָליטיק פון לאַנד.

ווער האָט „איינגעפלאַנצט" די מיסטעריעזע ידיעה?

קיינער ווייסט נישט ביז היינט צו טאָג, ווער עס איז די מיסטעריעזע אַמע־ריקאַנישע פערזענלעכקייט, וועלכע האָט געזאָגט צו דער מיסטעריעזער ישראלדיקער פערזענלעכקייט, אַז מען דאַרף טוישן די רעגירונג אין ישראל, און קיינער ווייסט נישט ווער עס האָט דאָס „איינגעפלאַנצט" און איבער־געגעבן דעם פּאָליטישן קאָמענטאַטאָר פון ראַדיאָ, שלום קיטאַל, די דאָזיקע מיסטעריעזע ידיעה, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם פאַרגאַנגענעם דאָנערשטיק אין ראַדיאָ און אין דער טעלעוויזיע פון ישראל. די רעדאַקטאָרין פון „דבר" חנה זמר רוקט אַרויס דריי מעגלעכקייטן, וואָס איינע פון זיי איז — אַז די ידיעה איז „איינגעפלאַנצט" געוואָרן דורך בעגינס קרייזן, כדי צו פאַרכאַפּן די פיש פאַר דער נעץ — ווייל אויב די אַמעריקאַנער ווילן אים באַזייטיקן, זאָל יעדער, וואָס איז קעגן זיין פירערשאַפט, פאַרשריגן ווערן ווי אַן אַמעריקאַנער אַגענט; אַ צווייטע מעגלעכקייט איז — דער

ווילן אויסצוטוישן דעם פירער, אין די ראַמען פון דער זעלבער פּאָליטישער שיטה, כדי צו פאַרמיידן אַ קריזיס מיט די פאַראייניקטע שטאַטן; די דריטע מעגלעכקייט, זאָגט חנה זמר, איז — אַז דאָס איז אַן אינטריגע אינערהאַלב דער רעגירונג, דער ווילן פון איין מיניסטער צו באַפעלקן מיט אַ פאַרדאַכט אַ צווייטן מיניסטער. אין דעם פאַל, מיינט חנה זמר, זאָל די כּוונה זיין געריכטעט קעגן עזר ווייצמאַנען, וועלכן אייניקע מיניסטאָרן אין דער רעגי־רונג וואָלטן גערן געוואָלט זען אינדרויסן.

וועלן מיר נישט פּרובירן טרעפן, וועלכע פון אָט די דריי מעגלעכקייטן איז ריכטיק. מיר ברענגען זיי נאָר ווי אַ באַווייז פאַר דעם, וואָס פאַר אַ צערודערונג די דאָזיקע ידיעה האָט אַרויסגערופן אין לאַנד און וואָס פאַר אַ נאָכפאָלגן זי איז נאָך עלול צו ברענגען.

אָבער נישט בלויז די ידיעה וועגן דעם, וואָס דער אָדער יענער האָט געזאָגט — נאָר די עצם אויסווירקונג פון בעגינס נישט־טרײַומפאַלן צוריק־קער פון וואַשינגטאָן נאָכן דורכפאַל פון זיינע געשפּרעכן מיט קאַרטערן, איז עלול צו ברענגען מיט זיך שווערע פאָלגן פאַר אונדזער פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און כּלל־מלוכהשן מצב.

דער טרויעריקער באַריכט

מרדכי ברקאי, דער קאָרעספּאָנדענט פון „דבר" אין די פאַראייניקטע שטאַטן, גיט איבער זייער אַ טרויעריקן באַריכט פון אָט דער שליחות און שרייבט, אַז דער קריזיס אין די באַציִונגען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן האָט איבערגעלאָזט די בעגין־רעגירונג אַלס שולדיקע נישט בלויז אין פאַרפרירן דעם שוווּנג פון שלום, נאָר אויך אין יעטוועדער עסקאַלאַציע, וואָס מען קען דערוואַרטן אין דער צוקונפט.

מרדכי ברקאי צווייפלט אין דעם, אַז בעגין זאָל נישט האָבן געוווּסט פריער וואָס ער האָט צו דערוואַרטן אין וואַשינגטאָן, ווען ער האָט געפּלאַנט די נסיעה, און אַז ער זאָל נישט האָבן געפילט שוין ביים אָנהויב פון זיין וויזיט אין וואַשינגטאָן די שווערע לאַסט פון דער באַליידיקונג און פון דער גרינגשעצונג, אויף וועלכער ער האָט זיך אָנגעטראָפן אין אַמעריקע.

„אָבער נישט צוליב דעם האָט בעגין פאַרלאָזט וואַשינגטאָן מיטן געפיל פון באַליידיקונג, און וואַרשיינלעך אויך נישט צוליב „די שווערע רייד", וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אין די געשפּרעכן מיט קאַרטערן, נאָר צוליב דעם, וואָס עס איז נישט געזאָגט געוואָרן. דער ישׂראלדיקער ביישטייער צו דער דיפּלאָמאַטישער דערגרייכונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין לבנון, צו איניציאירן און דערגרייכן אַ פייער־איבערייס און זיכערהייטס־רעגולירונגען, האָט נישט זוכה געווען — נישט נאָר קיין אָנערקענונג, נאָר אַפילו נישט די געהעריקע באַציִונג. אָבער טויזנט מאָל האַרבער אין בעגינס אויגן איז דער פאַקט, אַז זיין שלום־פּלאַן — וועלכער איז נישט אָפּגעוואָרפן געוואָרן — איז אַפילו נישט געקומען צו קיין באַהאַנדלונג אויסער די באַמערקונגען, וואָס עס האָבן אַרויסגעזאָגט די מענטשן פון דער אַדמיניס־

טראַציע און אויך קאַרטער אַליין נאָך פאַר דעם באַזוך. די דאָזיקע באַמער־קונגען האָבן פאַרגעשטעלט דעם פּלאַן ווי אַ פאַרפּלאָנטערטן באַלאַסט מיט אַ סך פּאַראַגראַפן...

די אַנדערע העלפט פון דעם אמת

„אין די טריבע שילדערונגען, מיט וועלכע עס איז פאַרגעשטעלט געוואָרן בעגינס איצטיקער באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז כמעט נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל נישט מאַכן קיין פאַרגלייך צווישן אים און דעם באַזוך פון סאַדאַטן — און דער פאַרגלייך איז, פאַרשטייט זיך, געווען צום אומגונסטן פון בעגינען. בעגין איז געשילדערט און געמשפט געוואָרן פאַר זיין פּאָליטיק: אין דער התנחלות, אין זיין נישט גרייטקייט זיך צו פאַרפליכטן צו אַ צוריקטריט פון יהודה און שומרון און פון עזה, אין זיין קאַטעגאָרישן אָפּוואַרפן די פאָדערונג וועגן זעלבסטבאַשטימונג פאַר די פּאַלעסטינעזער. סאַדאַט, דאַקעגן, איז געמאָסטן געוואָרן מיט די באַגריפן פון זשעסטן, פון אימאַזש און פון אַטמאָספער — זיין פּאָליטיק איז נישט געוואָרן אונטערזוכט און איז נישט געשטעלט געוואָרן אונטער קיין שום קריטיק נישט דורך דער אַדמיניסטראַציע און נישט דורך די קאָמוניקירונגס־מיטלען (און עס איז נאַריש נישט צו זען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם און דעם — סיי אין דער באַציִונג צו סאַדאַטן און סיי אין דער באַציִונג צו בעגינען). נאָכדעם ווי סאַדאַט האָט דעמאָנסטרירט זיין גרייטקייט צו קומען קיין ירושלים און צו אָנערקענען ישראל — ווערט שוין פון אים גאָרנישט מער פאַרלאַנגט און דער פּרעזידענט קאַרטער איז איינשטימיק מיט אים אין אַלע קריטישע פּראָבלעמען זינט זייער באַגעגעניש אין וואַ־שינגטאָן. דאָס איז דער שליסל״.

די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע שטעלט פאַר בעגינס פּאָליטיק ווי די סיבה פון פאַרהאַלטן דעם פּאָליטישן שוווּנג און ווי אַ שטרויכלונג פאַרן שלום. די פּאָליטיק פון דער בעגין־רעגירונג, אירע מעשים און פאַרזעונגען האָבן נישט ווייניק באַשטעלט אויף זיך די דאָזיקע שווערע באַשולדיקונג.

ל. נ. 29.3.1978

ווער האָט די דעה אין דער רעגירונג?

אַז עס גייט גוט, גייט עס. אָבער אַז דאָס מזל קערט זיך אָפּ און עס הייבט אָן צו גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ, איז ווי צו דעם קרבן... אַזוי איז עס געוועזן מיט די לעצטע חדשים פון דער ראַבין־רעגירונג, און אַזוי איז עס איצט מיטן ערשטן יאָר פון דער בעגין־רעגירונג. כל־זמן די רעגירונג האָט נאָך „געהאַט אַ גוטן נאָמען" און זי איז אָנגעגאַנגען אַלס אַן אויטאָריטאַטיווע און דיסציפּלינירטע רעגירונג, איז איר אַלץ געגאַנגען מזלדיק — זי האָט אַפילו געהאַט דאָס מזל צו זיין די ערשטע רעגירונג אין ישראל, — נאָך דרייסיק יאָר עקזיסטענץ פון דער מדינה — וואָס האָט אָנגעהויבן דירעקטע געשפּרעכן מיטן הערשער פון מצרים, וועלכער האָט זיך אַפילו אַליין מטריח געווען צו קומען קיין ירושלים.

האָט זיך אָבער דאָס ראָד פון מזל איבערגעקערט און עס האָט אָנגעהויבן גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ. און אַז עס איז נישטאָ קיין מזל, זאָגט דאָס יידישע פאָלקס־ווערטל, איז אויך נישטאָ קיין שלום־בית.

דאָס איז טאַקע די גרעסטע צרה פון דער רעגירונג. נישטאָ מער קיין אינערלעכע דיסציפּלין. יעדער מיניסטער טוט וואָס ער פאַרשטייט. נאָך מער: איין מיניסטער שטעלט־אונטער דעם אַנדערן אַ פוס, און איינער האַנדלט קעגן דעם אַנדערן.

חילוקי־דעות אין אַ רעגירונג זענען אַ נאַטירלעכע זאַך, בפרט נאָך אין אַזאַ דעמאָקראַטישער מדינה, ווי עס איז מדינת ישראל. דערצו איז אויך די רעגירונג פון ישראל אַ קאָאַליציע־רעגירונג מיט פאַרשטייער פון פאַרשידענע פאַרטייען מיט פאַרשידענע אידעאָלאָגישע שטעלונגען צו די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. אָבער די דאָזיקע רעגירונג אַרבעט דאָך אויפן סמך פון אַ קאָאַליציע־פאַרשטענדיקונג, פון אַ קעגנזייטיקער פּשרה. און אויב עס זענען מעגלעך דיסקוסיעס און מיינונגס־פאַרשידנהייטן ביים באַהאַנדלען די פאַרשידענע פּראָבלעמען אויף די זיצונגען פון דער רעגירונג — דאַרפן אָבער די מיינונגס־פאַרשידנהייטן נישט אַרויסגיין פון די דאָזיקע ראַמען און זיי טאָרן זיכער נישט אָננעמען די פאָרם פון פאַרשטעלטע אינטריגעס אָדער פון אַן אָפענעם קאָנפליקט — כל־זמן עס איז נישטאָ קיין רעגירונגס־קריזיס.

די פאַרשידענע פּירושים

די געשעענישן פון די לעצטע פּאָר חדשים באַווייזן אָבער, אַז די „מאָנאָליטישע" רעגירונג, בראש פון וועלכער ס׳שטייט מנחם בעגין, איז שוין גאָרנישט מאָנאָליטיש. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט די בולדאָזערס, וואָס דער אַגראַר־מיניסטער אריאל שרון האָט אַרויסגעשיקט אין פּיתחת רפיח

ווי נאָר עס איז זיך צוזאַמענגעקומען אין ירושלים די ישראל־מצרישע קאָמיסיע, און אין רעזולטאַט פון דעם האָט טאַקע סאַדאַט צוריקגערופן קיין קאַיר די מצרישע דעלעגאַציע. שרון האָט געטענהט, אַז אַלע זיינע האַנדלונגען — דערונטער אויך דאָס אויפשטעלן די „שרון־טורעמס", די פיקטיווע זידלונגס־פונקטן אין סיני — זענען געמאַכט געוואָרן לויטן פּלאַן און מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג. אָבער עס זענען געווען פאַר־שידענע פירושים פאַר דער רעזאָלוציע נומער 242 פון זיכערהייטס־ראַט. אַרום אָט די פאַרשידענע פירושים איז דאָס פאַרשטערט געוואָרן דער שלום־בית אין דער רעגירונג.

צווישן שילה און סיני

עס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן די סיכסוכים צווישן אריאל שרון און עזר ווייצמאַן אין דער פראַגע פון די זידלונגען. צו די דאָזיקע שוין פון פריער באַשריבענע סיכסוכים איז איצט צוגעקומען אַ נייער ווידער־אַנאַנד צווישן די צוויי מיניסטעריומס — דעם מיניסטעריום פאַר לאַנד־ווירטשאַפט און דעם פאַר זיכערהייט. אין דער זעלבער צייט, ווען דער וויצע־זיכערהייטס־מיניסטער אַלוף ציפּורי האָט פאַראָרדנט — אין די ראַמען פון די באַנייטע פרווון צו ראַטעווען די שלום־קאָנטאַקטן מיט מצרים — אויפ־צולייזן די „אַרכעאָלאָגישע" התיישבות אין שילה, כל־זמן עס ווערן דאָרט נישט אָנגעהויבן קיין אמתדיקע אַרכעאָלאָגישע גראָבונגען, האָט אַן אַנאָנימע קוועלע אַרויסגעלאָזט אין גאַס די רעוועלאַציע, אַז אויף דער באַשטעלונג פון דעם מיניסטעריום פאַר לאַנדווירטשאַפט האָט אַ פּריוואַטער אונטערנעמער אויפגעשטעלט זעקס נייע אַנהאַלט־פונקטן אין סיני, ביז הונדערט קילאָמעטער אויף דרום פון אל־עריש. פאַר דער דאָזיקער נייער אַוואַנטורע האָט דאָס לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטעריום שוין באַצאָלט צוויי מיליאָן לירות, און איצט קומט דאָס פינאַנס־מיניסטעריום מיט אַ ווענדונג צו דער פינאַנס־קאָמיסיע פון דער כנסת, זי זאָל אַקצעפּטירן אַ הוצאה פון 20 מיליאָן לירות פאַר די דאָזיקע צוועקן.

ווי אַזוי אַלזאָ פאַרט זיך דאָס: פון איין זייט דער ווילן פאַרצוזעצן די אונטערהאַנדלונגען מיט מצרים און צו פאַרמיידן אַ פולן ריס מיט אַמעריקע — און פון דער אַנדערער זייט אַן אָפענע אַרויספאָדערונג קעגן אַזעלכע אונטערהאַנדלונגען; פון איין זייט דאָס ווערלן אויפלייזן דעם ישוב אין שילה, כדי צו פאַרווישן די קאָמפּראָמיטאַציע פון דער אומגעלומפּערטער „אַרכע־אָלאָגישער" דעקונג פאַר דעם אַקט פון דער „התנחלות" — און פון דער אַנדערער זייט דאָס אַריינדרינגען מיט נייע אַנהאַלט־פונקטן נאָך טיפער אין סיני; און פון איין זייט דער ווילן אויפצוהאַלטן אונדזערע ספּעציעלע באַציִונגען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, די איינציקע פאַרבינדעטע פון ישראל און די איינציקע פאַרזאָרגערין פון ישראלס אַרמיי און ווירטשאַפט — און פון דער אַנדערער זייט דאָס „אַרויסטריפן" די ידיעה וועגן דעם אַמעריקאַנישן רמז אויפן אַדרעס פון דער ישראלדיקער רעגירונג און איר פּרעמיער.

ווער האָט „געמסרט״ ?

דאָס רעטעניש, ווער האָט אַרויסגעטריפט אָדער איינגעפלאַנצט די דאָזיקע ידיעה, באַשעפטיקט שוין זינט עטלעכע טעג די היגע זשורנאַליסטישע וועלט. די ידיעה איז געבראַכט געוואָרן פאַרן ראַדיאָ און פאַר דער טעלעוויזיע דורך דעם פּאָליטישן קאָמענטאַטאָר פון ראַדיאָ שלום קיטאַל, וועלכער איז אָבער, פאַרשטייט זיך, נישט גרייט מגלה צו זיין פון ועמען ער האָט די ידיעה באַקומען.

דערווייל אָבער ווערט דאָס בילד וואָס אַמאָל קלאָרער און קלאָרער און פון די צונויפגעזאַמלטע ברעקלעך אינפאָרמאַציעס ווייזט זיך אַרויס, אַז די „אַמעריקאַנישע רמזים״ שטאַמען פון היגן אויסערן־מיניסטעריום, און אַז דעם געדאַנק, אַז ישראל וואָלט געדאַרפט טוישן איר פּרעמיער, מחמת ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ שטרויכלונג פאַר די אויסזיכטן אויף אַ שלום, זאָל האָבן אַרויסגעברענגט קאַרטערס ראַטגעבער זביגניעוו בזשעזשינסקי אין אַ פאַרטרוילעכן שמועס מיט מ. דיין.

וואָס איז געווען די אמתדיקע כוונה פון „אַרויסטריפן״ אָט די ידיעה — קען ביז איצט קיינער נישט אויפקלערן. די אַמעריקאַנישע מלוכה־פירער, בראש מיטן אויסערן־מיניסטער סיירוס ווענס, האָבן זי קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט. דאַקעגן האָט זי נישט אָפּגעלייקנט די רעגירונג פון ישראל, נאָר זי האָט אויפגעהויבן אַ קאַמפּאַניע פון „ספּאָנטאַנישער״ סאָלידאַריטעט מיט דער רעגירונג פון מנחם בעגין, אויפוועקנדיק אַלע „פּאַטריאָטישע עלעמענטן״ קעגן דער פרעמדער אַריינמישונג אין דער דעמאָקראַטישער פירונג פון דער מדינה.

אין אָט די אומשטענדן איז היינט שווער צו וויסן ווער עס האָט די ווירקלעכע דעה אין דער רעגירונג, אין וועלכער יעדער איינער פירט זיך לויט ווי ער פאַרשטייט די „נאַציאָנאַלע אינטערעסן״ פון ישראל און פון יידישן פאָלק.

ל. נ. 30.3.1978

.32

דער וויכוח וועגן אַ פּירוש

ווידער האָט די צייט געבּרענגט מיט זיך נייע אַנטוויקלונגען אין דעם קריגמאָל נישט רויִקן מיטעלן מזרח. זינט יענע האָפענונגספולע טעג פון סאַדאַטס היסטאָרישן באַזוך אין ירושלים זענען שוין אַ סך דערוואַרטונגען צערונען געוואָרן, דער שוווּנג פון דעם שלום־פּראָצעס איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט. אין צווישן איז שוין אויך פאָרגעקומען אַן אַכזריותדיקע טעראָר־פּראָוואָקאַציע אין הארץ פון מדינת־ישראל, און נאָך דעם אַ „קליינע מלחמה" אין גרויסן פאַרנעם — מיט דער אינוואַזיע פון דער ישראל־אַרמיי אין דרום־לבנון. אָבער אין צענטער פון די אַלע געשעענישן און פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אין לאַנד שטייט איצט דער וויכוח וועגן דעם פּירוש, וועלכן די רעגירונג פון מנחם בעגין האָט געגעבן דער באַרימטער רעזאָלוציע נומער 242 פון זיכערהייטס־ראָט פון דער יו־ען.

נישט יעדע ציפער האָט דעם זעלבן מזל, ווי אָט דער נומער 242, וועלכער איז שוין געוואָרן, מיט דער צייט, אַ היסטאָרישער באַגריף. פון צווישן די הונדערטער רעזאָלוציעס און באַשלוסן, וואָס די יו־ען האָט אָנגענומען אין די 33 יאָר פון איר עקזיסטענץ, האָט דוכט זיך קיין איינע פון זיי זיך נישט איינגעקריצט אַזוי שטאַרק אין זכרון פון די פעלקער, ווי די רעזאָלוציע נומער 242 פון זיכערהייטס־ראָט. הגם דער דאָזיקער נומער אַנטהאַלט אין זיך אַלע מאַטעמאַטישע עלעמענטן פון צוויי מאָל צוויי איז פיר — דינט ער אָבער ווי אַ קלאַסישער מוסטער פאַר דער גרויסער סתירה צווישן דער מאַטעמאַטישער לאָגיק און אירע פּאָליטישע פּירושים. אין דער מאַטעמאַטיק איז פאַר דער גלייכונג צוויי מאָל צוויי נישטא פאַראַן קיין אַנדערער אויספיר, ווי פיר; אין דער פּאָליטיק האָט אָבער די ציפער 242 באַקומען פאַרשידענע טייטשן, צו וועלכע עס איז דאָ לעצטנס צוגעקומען דער נייער טייטש פון ישראל־פּרעמיער מנחם בעגין, און צו וועלכן עס איז דערנאָך צוגעגעבן געוואָרן אַ שטאַרק פאַרפּלאָנטערנדיקע „אויפקלערונג" פון דעם אויסערן־מיניסטער משה דיין.

קען מען דאָך זאָגן: מילא, עס איז דאָך נישט מער ווי אַ טייטש, אַ פּירוש. ווען מען קען דאָס שאַטן? איז אָבער די צרה, וואָס אין דער פּאָליטיק קען אַמאָל אַ טייטש אויך ווערן אַ געפערלעכע בייטש, און טיילמאָל אַפילו אַ סך מער פון דעם. דאָס איז נישט קיין ענין פון אַ וויכוח וועגן אַ וואָרט דאָ און אַ טייטש דאָרט. דאָס איז אַן ענין, וואָס טראָגט אין זיך זייער ערנסטע פּאָליטישע אויסווירקונגען און וואָס קען אַנטשיידן צווישן מלחמה און שלום. אין איצטיקן פאַל קען דער „אומשולדיקער" טייטש אויך ווערן אַן אומפאַרגעבלעכע שטרויכלונג אויפן וועג צום שלום; איינער פון די אומצאָליקע שטעקנס, וואָס זענען לעצטנס אַריינגעשטעקט געוואָרן אין די רעדער פון דעם אַזוי־גערופענעם „מאָמענטום פון שלום", וועלכער איז געלאָזט געוואָרן אין באַוועגונג מיט סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים אין

נאָוועמבער 1977 — גענוי צען יאָר נאָך דעם ווי דער זיכערהייטס־ראַט האָט אָנגענומען די אויבנדערמאָנטע רעזאָלוציע נומער 242.

אין משך פון יאָרן איז די רעזאָלוציע נומער 242 באַטראַכט געוואָרן ווי דער וויכטיקסטער צייכן־שטיין אויפן וועג צום געגאַרטן שלום. זי איז אָנגענומען געוואָרן אין נאָוועמבער 1967, נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה, ווי אַ באַזע פאַר אַ פרידלעכער רעגולירונג פון די מלחמה־קאָנפליקטן אין מיטעלן מזרח, דהיינו צווישן ישראל און אירע אַראַבישע שכנים. און היות זי איז אַנטשטאַנען ווי אַ פשרה נאָך לאַנגע דינגענישן, וואָס האָבן באַשעפ־טיקט דעם זיכערהייטס־ראַט אויף גאַנצע 32 זיצונגען, האָט יעדער צד זי אַדאַפּטירט לויט זיין אייגענעם פירוש, אַזוי ווי עס איז אים באַקוועם.

די ערשטע פרינציפּיעלע אונטערשידן אין אויסטייטשן די רעזאָלוציע זענען אַרויסגעשוווּמען שוין ביים סאַמע אָנהויב, אויפן גרונט פון די שפּראַך־דיפערענצן: אין דעם ענגלישן נוסח, למשל, ווערט געזאָגט, אַז ישראל דאַרף צוריקקערן „טעריטאָריעס", וואָס זי האָט פאַרנומען בעת דער זעקסטאָגיקער מלחמה, אין דער צייט ווען אין דעם פראַנצויזישן טעקסט רעדט זיך וועגן „די טעריטאָריעס"; דאַקעגן לאָזט איבער דער רוסישער נוסח פאַר יעדן צד זיך אויסצוטייטשן ווי ער וויל.

די רעדאַקטאָרן פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע האָבן אָן ספק באַגריפן דעם באַדייט פון די שפּראַכלעכע און פּרינציפּיעלע מיינונגס־פאַרשידנהייטן און האָבן איבערגעלאָזט פאַרן גורם פון דער צייט זיי צו לייזן; די צייט האָט אָבער, אַנשטאָט צו לייזן די חילוקי־דעות, נאָך מער זיי קאָמפּליצירט און פאַרטיפט. די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען פליסן ביי דער זייט פון דער רעזאָלוציע נומער 242, וועלכע האָט אָבער נישט פאַרלוירן איר האַפט און קראַפט. נאָך מער: דער אויסגאַנג פון דער יום־כיפור־מלחמה האָט זי נאָך מער באַפעסטיקט מיט דער צוגאָב־רעזאָלוציע נומער 338. אָבער די לעצטע איז שוין געוואָרן פאַרגעסן, אין דער צייט ווען די ערשטע איז איצט ווידער געוואָרן אַקטועל און פּאָפּולער — אין זכות פון דעם קאָנפליקט, וואָס איז אויסגעבראָכן צוליב בעגינס שפּאָגל־נייעם פירוש.

אין דער געשיכטע ווערט דערציילט וועגן אַ קעניג פון ספּאַרטאַ, וועלכער האָט אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך וועגן אַ פייער־איבעררייס אויף דרייסיק טעג אין זיין מלחמה מיטן קעניג פון אַרגאָס; אָבער שוין אין דער ערשטער נאַכט נאָכן אונטערשרייבן דעם פייער־אָפּשטעל, האָט ער אַרויסגעפירט זיין אַרמיי אין אַן אָנגריף — און ער האָט געטענהט, אַז ער האָט, חלילה, דעם אָפּמאַך נישט געבראָכן: אין דעם אָפּמאַך, האָט ער געזאָגט, רעדט זיך וועגן אָפּהאַלטן זיך פון פירן מלחמה אין משך פון דרייסיק טעג, אָבער עס רעדט זיך דאָרט גאָרנישט וועגן די נעכט...

דעם זעלבן „לאָגישן" אויספיר האָט איצט געמאַכט מנחם בעגין מיט זיין טענה, אַז די רעזאָלוציע, אין וועלכער ישראל ווערט אויפגעפאָדערט צוריקצוטרעטן פון טעריטאָריעס (לויטן ענגלישן נוסח), איז נישט חל אויף די שטחים, אויף וועלכע עס לעבן די פּאַלעסטינעזישע אַראַבער און וואָס

די אָנהענגער פון בעגינס אידעאָלאָגיע פאַררעכענען צו דער „היסטאָרישער ארץ ישראל" — דהיינו אויפן מערבדיקן ברעג פון ירדן („יהודה און שומרון") און אין עזה־פּאַס.

פאַרוואָס דווקא דאָרט? אויב עס איז נישט מעגלעך צו פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע מיט דער נאַטירלעכער מאַטעמאַטישער לאָגיק פון צוויי מאָל צוויי איז פיר, איז אָבער זייער לייכט זי צו פאַרענטפערן מיטן פּאָליטישן אינטערעס און מיט דער אַרגומענטאַציע פון דעם קעניג פון ספּאַרטאַ אין זיין מלחמה קעגן אַרגאָס. דער אמת איז, אַז מנחם בעגין איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערער פּאָליטישער דילעמע — צווישן זיין פּרינציפּיעלער קעגנערשאַפט צו דער רעזאָלוציע נומער 242 פון זיכער־הייטס־ראַט, און זיין פאַרפליכטונג צו האָנאָרירן אַלע אינטערנאַציאָנאַלע התחייבותן פון די פריערדיקע רעגירונגען, וועלכע ער האָט איבערגענומען די מאַכט מיט אַ יאָר צוריק, בעת דער „מאַי־איבערקערעניש" נאָך די כנסת־וואַלן פון 17־טן מאַי 1977.

בעגין און זיין פּאַרטיי האָבן, ביזן איבערנעמען די מאַכט, נישט אַקצעפּטירט און נישט אָנערקענט די דאָזיקע רעזאָלוציע, פּונקט אַזוי ווי עס האָבן זי נישט אָנערקענט, צוליב זייערע מאָטיוון, די אַראַבישע עקסטרעמיסטן פון דעם „פראָנט פון אָפּזאָג", בראַש מיט סיריע און די פּאַלעסטינעזישע אָרגאַניזאַציעס. בערך אַ יאָר נאָכן אַריינטרעטן אין דער „רעגירונג פון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע" האָט בעגין זי פאַרלאָזט, ווען דער דעמאָלטיקער אויסערן־מיניסטער אַבאַ אבן האָט געמאָלדן, אַז ישראל אַקצעפּטירט די רעזאָלוציע נומ' 242. בעגין האָט זיין אַרויסטריט פון דער רעגירונג מאָטיווירט דערמיט, וואָס די דאָזיקע רעזאָלוציע איז אין סתירה צו דער פאַרזיכערונג פון דער דעמאָלטיקער רעגירונג (וואָס איר פּרעמיער איז געווען גאָלדע מאיר), אַז ישראל וועט בשום אופן נישט צוריקטרעטן צו די גרענעצן פון פאַרן 5־טן יוני 1967. דאָס אָננעמען די רעזאָלוציע, האָט ער געטענה'ט, שטעלט מיט זיך פאַר אַ פאַרפליכטונג מצד ישראל צוריקצוטרעטן אויף אַלע אָפּשניטן, אויף וועלכע זי האָט געפירט קריג און פאַרנומען טעריטאָריעס אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה. ער האָט, אַלזאָ, נישט געוואָלט זיין קיין שותף צו דער דאָזיקער פאַרפליכטונג.

אָבער ווען דער גורל האָט דווקא אים, בעגינען, צוגעטיילט די היסטאָרישע געלעגנהייט צו פאַרהאַנדלען וועגן אַ שלום מיט דעם שטאַרקסטן פון ישראלס פיינט, מיט עגיפּטן, האָט בעגין פאַרגעסן זיין לאָגישע באַגרינדונג פון צען יאָר צוריק, און האָט אַדאָפּטירט די לאָגיק פון דעם ספּאַרטאַנישן קעניג פון פאַר צוויי מיט אַ האַלבן יאָרטויזנט...

איינע פון די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דאָס אויפרייסן די שלום־געשפּרעכן צווישן ישראל און עגיפּטן, איז אַחוץ די בולדאָזער־אַרבעטן און די „פּאָטיאָמקין־דערפער", וואָס דער מיניסטער שרון האָט אויפגעשטעלט אין צפון־סיני, געווען בעגינס טענה, אַז די רעזאָלוציע נומ' 242 וועגן צוריקקערן אָקופּירטע שטחים באַציט זיך נישט צום מערבדיקן ברעג און צום עזה־פּאַס.

די געשיכטע פון דרייסיק יאָר מדינת־ישׂראל איז, גלייכצייטיק מיט גרויסע דערגרייכונגען, אויך אַ געשיכטע פון אומצאָליקע פאַרפּאַסטע געלעגנהייטן. די איצטיקע טאַקטיק פון דער בעגין־רעגירונג אין דעם שלום־פּראָצעס, וועלכן עס האָט אונטערגענומען דער עגיפּטישער פּרעזידענט, האָט צוגעגעבן דער דאָזיקער פעסטשטעלונג אַ באַזונדערס שטאַרקע וואָג. דער שווערער איינדרוק פון בעגינס אָפּזאָג, די געפאַר צו פאַרלירן די אַמעריקאַנער אונטערשטיצונג, די אַלץ טיפערע פּאָליטישע איזאָלאַציע און דאָס פאַרלירן די אונטערשטיצונג פון דער עפנטלעכער מיינונג — דאָס אַלץ האָט באַווויגן די רעגירונג פון מנחם בעגין צו זוכן אַ נייעם פּירוש פאַר זיין פּירוש. ס'איז געקומען דיינ'ס „אויפקלערונג", אַז די רעזאָלוציע פון זיכערהייטס־ראַט באַציט זיך צו אַלע לענדער, מיט וועלכע ישׂראל גרענעצט זיך און זי פאַרפּליכטעט אונטער־האַנדלונגען מיט עגיפּטן, יאַרדאַניע, סיריע און לבנון; אָבער דער פּראָיעקט וועגן „אויטאָנאָמיע" פאַר די פּאַלעסטינעזישע איינוווינער, אונטערן מיליטערישן פּראָטעקטאָראַט פון ישׂראל איז אין גייסט פון דער רעזאָלוציע...

מיט אָט דער אויפקלערונג איז משה דיין די טעג געפאָרן קיין וואַשינגטאָן. דער אָנשטרענג צו באַנייען די געשפּרעכן מיט עגיפּטן און אויסצואַרבעטן אַ בשותפותדיקע „דעקלאַראַציע פון פּרינציפּן", איז זיך צונויפגעפאַלן מיט דער באַנייונג פון דעם קאָלאָניזאַטאָרישן שוווּנג אויף די אָקופּירטע שטחים.

בעת דער פייערונג לכבוד דער צען־יאָריקער עקזיסטענץ פון „קרית ארבע" (קיריאַט אַרבאַ) אין חברון, האָט בעגין דערקלערט, אַז ישׂראל וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן יהודה און שומרון. אין דעם זעלבן טאָג האָבן די אָנפירערס פון „גוש אמונים" מגלה געווען, אַז אין משך פון די לעצטע זעקס חדשים האָבן זיי אויפגעשטעלט 16 נייע ישובים אויפן מערבדיקן ברעג פון ירדן, און זיי האָבן דערלאַנגט דער רעגירונג אַ פּלאַן פון באַזעצן אַ מיליאָן יידן אויף דעם שטח אין די נאָענטסטע 25 יאָר. דער פינאַנס־מיניסטער שמחה ערליך האָט געמאָלדן, אַז די אַנטוויקלונגס־אַרבעטן אין ימית, אין צפון־סיני, זענען קיינמאָל נישט געוואָרן אָפּגעשטעלט, טראָץ די פאַרזיכערונגען, וואָס זענען געגעבן געוואָרן, ווען עזר וויצמאַן איז געפאָרן קיין וואַשינגטאָן.

די אַלע פאַקטן באַווייזן, אַז די „שרון־טורעמס", וואָס האָבן געדאַרפט שטעלן סאַדאַטן און דעם גאַנצן אַראַבישן לאַגער פאַר געשעענע פאַקטן, זענען נישט דווקא און נישט אין אַלע פאַלן געווען פיקטיווע „פּאָטיאָמקין־דערפער". די צייטונגען האָבן די טעג געמאָלדן, אַז די רעגירונג האָט „באַגרע־נעצט" די קאָמפּעטענצן פון אַריאל שרון אין זיין קאָלאָניזאַטאָרישן פלייס: זי האָט אַ טייל פון די קאָמפּעטענצן פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר קאָלאָניזאַציע (בראש פון וועלכער עס שטייט אַריאל שרון) אַריבערגעפירט צו דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר די ענינים פון זיכערהייט. אָבער אַריאל שרון האָט נישט קיין שום סיבה זיך צו פילן באַעוול'ט: ווי ער אַליין האָט מגלה געווען, איז דאָס געמאַכט געוואָרן צוליב מאָטיוון פון דיסקרעציע, ווייל די באַשלוסן פון דער קאָמיסיע פאַר זיכערהייט זענען פאַרהוילן פאַר דער עפנטלעכער אינפאָרמאַציע — אַזוי אַז די דיווערסיע קעגן דעם שלום־פּראָצעס קען געפירט ווערן אומגעשטערט, אונטער דער דעקונג פון בעגינס און דיינ'ס פּירוש פאַר דער רעזאָלוציע נומער 242.

„אונזער צייט", מאַי 1978

.33

„איך וועל גיין צוגרייטן
די קומענדיקע מלחמה"

נאָך זעקס וואָכן צייט פון שווערן טראָגן, האָט די רעגירונג פון ישראל ענדלעך אויסגעטראָגן דעם ענטפער אויף די אַמעריקאַנישע צוויי פראַגן, פון וועלכע עס איז אָפּהענגיק דער המשך פון די שלום־אונטערהאַנדלונגען מיט מצרים; מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט די באַפעלקערונג פון לאַנד געוואַרט אויפן אויסגאַנג פון די געבורט־ווייען — געגאַרט צו וויסן, צי וועט עס זיין אַ יינגעלע אָדער אַ מיידעלע — און געבוירן געוואָרן איז אַ מפיל־קינד...

אַזאַ איינדרוק האָט אויף דער באַפעלקערונג אין גאַנצן לאַנד געמאַכט די ידיעה וועגן דעם נוסח פון דעם ענטפער, וואָס די רעגירונג פון ישראל האָט אַקצעפּטירט מיט אַ מערהייט שטימען און איבערגעשיקט דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע איז געוואָרן די פאַרמיטלערין צווישן ירושלים און קאַיר, זינט די דירעקטע אונטערהאַנדלונגען זענען געוואָרן איבערגעריסן מיט פיר חדשים צוריק.

עס איז זייער מעגלעך, אַז ווען נישט די שאַרפע אימפּולסיווע רעאַקציע פון דעם זיכערהייטס־מיניסטער עזר ווייצמאַן, וואָלט אפשר נישט געקומען אַזוי בולט צום אויסדרוק די גרויע מאָנאָטאָנקייט פון דעם רעגירונגס־באַשלוס, וועלכער איז סוף־כל־סוף אַ קאָנסעקווענטע אָפּשפּיגלונג פון דער גאַנצער פּאָליטישער איינשטעלונג פון דער רעגירונג. סוף־כל־סוף האָט דאָך דער דאָזיקער ענטפער נישט געדאַרפט קיינעם איבעראַשן — ווייל ער דריקט דאָך אויס די גאַנצע פילאָזאָפיע פון דער רעגירונג — איר איינשטעלונג פון „געווינען צייט", און באַזונדערס פון משה דיינ'ס אַלטער קאָנצעפּציע, נאָך פון פאַר דער יום־כיפור־מלחמה, אַז „די צייט אַרבעט פאַר אונדז". דעריבער איז דאָך דער דאָזיקער ענטפער אַן אויסגעצייכנטער מאַנעווער פון אַרויסדרייען זיך און ווייטער אָפּשלעפּן מיטן מתחייב זיין זיך צו קאָנקרעטע מעשים, וואָס זאָלן דערמעגלעכן אַ שלום. האָט דאָך די רעגירונג אויך ביז איצט אַזוי געהאַנדלט, און אירע האַנדלונגען זענען גוט אויסגענוצט געוואָרן דורך די מצרים און דורך דער גאַנצער אַראַבישער פּראָפּאַגאַנדע צו באַווייזן, אַז ישראל מיינט נישט ערנסט דעם שלום, און אַז פאַר איר איז נאָך אַלץ גילטיק דער אַלטער סלאָגאַן פון משה דיין, אַז פאַר אים איז בילכער שאַרם א־שייך אָן אַ שלום, איידער אַ שלום אָן שאַרם א־שייך... אינצווישן האָט ער שוין באַוויזן מוותר צו זיין אויפן שלום צוזאַמען מיט שאַרם, בעת דאָס אָרט פון שאַרם פאַרנעמען איצט די שטחים פון יהודה, שומרון און פון עזה־פּאַס.

ביז דער לעצטער מינוט איז די היגע פרעסע געווען באַשעפטיקט מיט פּרובירן טרעפן וועלכער פון די דריי פאַרגעלייגטע ענטפערס וועט אָנגענומען ווערן דורך בעגינען. אין דער לעצטער מינוט פאַר דער זיצונג פון דער רעגירונג איז אויפגעקומען די לאָגישע השערה, אַז בעגין וועט אויסקלייבן

זיך צו באַנוצן מיטן באַגריף „אַן אַנדערער סטאַטוס" פאַר די שטחים, כדי דאַרף צו געבן אַ פּאָזיציע ענטפער אויף די צווי פראַגן פון וואַשינגטאָן וועגן דער צוקונפט פון די פאַרנומענע שטחים נאָך פינף יאָר אַדמיניסטראַ־טיווער אויטאָנאָמיע, און וועגן דעם מעכאַניזם פון באַשטימען זייער שפּע־טערדיקן גורל. די דאָזיקע השערה האָט זיך אָבער נישט באַשטעטיקט. עס האָט זיך אויך נישט באַשטעטיקט די השערה, אַז בעגין וועט אין זיין נוסח זיך באַנוצן מיט די עלעמענטן פון די דריי פאָרשלאָגן, וואָס זענען פריער אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך די מיניסטאָרן משה דיין, עזר ווייצמאַן און חיים לאַנדאַו. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אַנשטאָט אַריינצונעמען אין זיין פשרה־נוסח די עלעמענטן פון די דריי פאָרשלאָגן, האָט ער **אַרויסגעוואָרפן** די עיקרדיקע עלעמענטן פון די אַנדערע פאָרשלאָגן און האָט אין זיין נוסח אַנטבלויזט די כוונה פון איבערלאָזן די צוקונפט פון די שטחים אומבאַשטימט און אויפן חסד פון גורל. דאַקעגן אָבער אַנטהאַלטן די ווערטער, פון וועלכע עס באַשטייט דער נוסח פון דער רעגירונג, אַ סך צייט־באָמבעס, וועלכע זענען עלול אויפצורייסן מיט דער צייט און מיט דער גאַנצער קראַפט פון דעם פאַרשאַרפטן קאָנפליקט אין אונדזער ראַיאָן.

דער זיכערהייטס־מיניסטער עזר ווייצמאַן האָט דאָס אויסגעדריקט מיטן גאַנצן ברוטאַלן אמת, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער נוסח פון דעם ענטפער פירט די אונטערהאַנדלונגען מיט מצרים אין אַ טעמפּן ווינקל, וואָס פאַר־פליכטעט אונדז צו פאַרשטאַרקן די אַרמיי. מיט אַנדערע ווערטער: ער פאַרשטאַרקט די געפאַר פון אַ מלחמה. לויט איינער פון די ידיעות זאָל ער האָבן געזאָגט נאָך דער זיצונג פון דער רעגירונג, אַז איצט וועט ער זיך דאַרפן צוגרייטן צו דער קומענדיקער מלחמה, וועלכע איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך.

ווי עס גיבן איבער די אינפאָרמירטע צייטונגס־רעפּאָרטערן, האָט עזר ווייצמאַן אויסגעלאָזט זיין גאַנצן צאָרן קעגן דיינ'ען, זייענדיק איבערצייגט, אַז דאָס האָט ער פּאַקטיש אויסגעאַרבעט צוזאַמען מיט בעגינען דעם נייעם פשרה־פאָרשלאָג, וועגן וועלכן מען האָט אים אַפילו נישט אינפאָרמירט פאַר דער זיצונג פון דער רעגירונג. הגם פון דעם נייעם נוסח איז אַרויסגענומען געוואָרן דער ירדנישער קאָמפּאָנענט (פאַר די אונטערהאַנדלונגען נאָך פינף יאָר), וועלכער איז געווען אין דיינ'ס פאָרגעלייגטן נוסח, צוזאַמען מיטן מצרישן קאָמפּאָנענט פון ווייצמאַנס נוסח — איז אָבער דיין געווען דער גייסטיקער פאָטער פון דער פשרה, וועלכע אַנטשפּרעכט אין דער פולער מאָס זיין פּראַגמאַטישן צוגאַנג.

„זיבן חדשים ווי איך זאָג אייך, אַז דער דאָזיקער מענטש פירט אייך ביי דער נאָז" — האָט עזר ווייצמאַן געזאָגט מיט כעס אויף זיין געוועזענעם שוואָגער בעת דעם קורצן איבעררייס פון דער זיצונג פאַרן אָננעמען דעם נוסח דורך דער רעגירונג.

עזר ווייצמאַן איז אָבער געבליבן פאַראיינזאַמט, נישט איינגייענדיק אויך אויפן פאָרשלאָג פון די פיר מיניסטאָרן פון ד"ש, וועלכער איז, לויט זיין

מיינונג, אויך נישט געגוג קלאָר און איז נישט מסוגל צו ברעכן דאָס אייז פון דעם איינגעפרירטן שלום־פּראָצעס.

אין סך־הכל איז קיינער פון די מיניסטאָרן נישט געווען גליקלעך באַשטע־טיקנדיק מיט 14 שטימען (פון די 19 מיטגלידער אין דער רעגירונג) דעם נוסח. קיינער פון זיי האָט זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיע, אַז נישט נאָר מצרים, נאָר אויך אַמעריקע וועט נישט קענען אָננעמען דעם דאָזיקן ענטפער, וועלכער אָנערקענט נישט דעם פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג פאַר די פּאַלעסטינעזער נאָך די פינף יאָר פון דער פאַרגעלייגטער דורך ישראל אַדמיניסטראַטיווער אויטאָנאָמיע. נאָך מער — גראָד אין דער צייט, ווען וואַשינגטאָן איז פאַראינטערעסירט, און קאַיר איז מסכים, אַז דער גורל פון די שטחים זאָל פאַרבונדן ווערן מיט יאָרדאַניע, און גראָד אין דער צייט, ווען מצרים איז פאַראינטערעסירט אַריינצוציען יאָרדאַניע אין דעם צירקל פון די שלום־אונטערהאַנדלונגען — איז ירדן גאָר אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דעם נוסח פון בעגין־דיינ׳ס ענטפער. עס איז, אַלזאָ, קלאָר פאַר אַלעמען, אַז דער דאָזיקער ענטפער וועט נאָך מער קאָמפּליצירן די לאַגע און איז עלול צו דערפירן צום איבעררייסן דעם פּראָצעס פון די אונטערהאַנדלונגען.

דאָס הייסט אָבער נאָך נישט, אַז די באַמיִונגען ווערן שוין איבערגעריסן און די קאָנטאַקטן ווערן שוין אָפּגעשטעלט. דער פּרעמיער און די מיניסטאָרן פון דער ישראל־רעגירונג ווייסן זייער גוט, אַז פּונקט אַזוי ווי סאַדאַט האָט צוגעדריקט די בעגין־רעגירונג צו דער וואַנט, האָט ער אויך זיך אַליין אַריינגעפּירט אין אַ בלינד געסל און ער וועט נישט אויפגעבן אַזוי לייכט און אַזוי גיך זיין שלום־איניציאַטיוו. ער האָפט, אַז ער וועט דאָך קענען דערגרייכן זיינס, באַטש מיט דער הילף פון דעם אַמעריקאַנישן דרוק, מיט דער הילף פון פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און סטראַטעגישן פאַרשטאַרקטן אינטערעס, וועלכן אַמעריקע האָט איצט געפונען אין מצרים און אין סאַודיע אַלס אירע נייע פאַרבינדעטע. אין דער ריכטונג האָט סאַדאַט שוין ביז איצט צו פאַרצייכענען גאָר וויכטיקע דערגרייכונגען.

וואָס וויל סאַדאַט?

אין דער דערקלערונג פון אַמעריקאַנישן סטייט־דעפּאַרטאַמענט איז געזאָגט געוואָרן, אַז וואַשינגטאָן האָט שוין באַקומען אויפקלערונגען פון קאַיר וועגן איר שטעלונג, און איצט האָט זי באַקומען דעם ענטפער פון ישראל, וועלכן זי דאַרף ערשט אַדורכשטודירן, כדי צו קענען פּלאַנירן די ווייטערדיקע שריט אין איר פאַרמיטלונג. אָבער סיי דער ווינצע־אויסערן־מיניסטער סאַנדערס און דער ספּעציעלער אַמבאַסאַדאָר עטערטאָן האָבן ביידע קלאָר געגעבן אָנצוהערן אויף וועמענס זייט זיי שטייען אין דעם פּירוש פון דעם, וואָס מען רופט ביי אונדז „דער מהות פון שלום״. ביידע האָבן זיי קלאָר געמאַכט, אַז עס וועט ניט קענען קומען צו קיין פולן שלום אָן אַ כמעט פולן צוריקטריט פון די פאַרנומענע שטחים. און עס קען אויך נישט זיין קיין רייד וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט מצרים אָן דער גרייטקייט פון ישראל צו פאַרלאָזן די שטחים אויפן מערבדיקן ברעג פון ירדן און אין עזה־פּאַס.

סאַדאַט האָט אָבער פון זיין זייט קלאָר געמאַכט, אַז ער וועט גרייט זיין איינצוגיין אויף אַ סעפּאַראַטן שלום מיט ישראל, אויב ישראל וועט דעקלאַרירן איר כוונה צו פאַרלאָזן די שטחים אַפילו נאָך פינף יאָר — און די אַנדערע אַראַבישע פאַקטאָרן וועלן נישט וועלן צושטיין צו די געשפּרעכן. אַזאַ סיטואַציע איז מעגלעך — זייער מעגלעך, צוליב דער קעגנערשאַפט פון די פּאַלעסטינעזישע עקסטרעמיסטן, און אויך צוליב סאַדאַטס פיינטשאַפט צו דער פּ.ל.אָ. — און דאַן קען ישראל אַפילו זיין פריי פון צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע כוונה. דאַקעגן סאַדאַטן וואָלט דאָס געגעבן פרייע הענט צו פאַרהאַנדלען מיט ישראל וועגן אַ שלום און וואָלט אים באַפרייט פון צו זיין איזאָלירט אין דער אַראַבישער וועלט.

אָבער דער נוסח פון דעם ענטפער, וועלכן די רעגירונג פון ישראל האָט איבערגעשיקט קיין וואַשינגטאָן זאָגט עדות, אַז זי איז אין דעם נישט פאַראינטערעסירט. זי האָט אַלזאָ באַשלאָסן ווייטער צו שטעלן אויף דער קאָרט פון מזל און זיך צו שפּילן מיט דער צייט — טאָמער וועט זי וועגדן איר חסד צום גונסטן פון דעם פאָלק, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן צו ווערן אַזוי פיל געפּרוווט...

ל. נ. 20.6.1978

.34

דער עקזאַמען

איך ווייס נישט, צו וואָס האָט מען מער געדאַרפט פאַרגלייכן מדינת ישראל אין די לעצטע עטלעכע וואָכן: צו אַ קימפּעט־שפּיטאָל, אָדער צו אַ שול־באַנק?

צו אַ קימפּעט — ווייל אין משך פון זעקס וואָכן צייט האָט דאָס לאַנד מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם נאָכגעפאָלגט די געבורט־ווייען פון דער רעגירונג, וועלכע האָט געטראָגן און האָט ענדלעך אויסגעטראָגן דעם ענטפער אויף די פראַגן פון וואַשינגטאָן וועגן דער צוקונפט פון די פאַרנומענע שטחים. צום סוף איז געבוירן געוואָרן, ווי מען האָט שוין געשריבן, אַ מפּיל־קינד. אויב מען וויל אָבער, איז מדינת ישראל געווען געגליכן אין די לעצטע פּאָר וואָכן צו אַ שולע, אין וועלכער די רעגירונג איז געשטאַנען פאַר איר דעציזידירנדיקן מאַטורע־עקזאַמען: דעם עקזאַמען פון דערוואַקסנקייט און רייפקייט.

אין דעם פאַל האָבן די דערוואַקסענע איינוווינער פון דעם לאַנד געלעבט אין דער זעלבער אַטמאָספער פון שפּאַנונג, וואָס זייערע קינדער, וועלכע האָבן אין דער זעלבער צייט זיך געגרייט צו די עקזאַמענס צום סוף פון דעם שול־יאָר. דער חודש יוני איז דאָך דער חודש פון די עקזאַמענס אין די שולן און אוניווערסיטעטן. מיטן פאַרענדיקן די עקזאַמענס פאַלט אָבער אָפּ בלויז אַ טייל פון דער שפּאַנונג — ווייל מען וואַרט נאָך אַלץ אויף די רעזולטאַטן.

אַזוי וואַרט אויך איצט די רעגירונג אויף די רעזולטאַטן פון דעם עקזאַמען, וועלכן זי האָט אָפּגעהאַלטן פאַר דעם אַמעריקאַנישן אינסטיטוט פאַרן גורל פון מיטעלן מזרח. ווי לאַנג וועט זי אַזוי דאַרפן וואַרטן אויף זיי? קיינער קאָן דאָס נישט וויסן. די שול־אינספּעקטאָרן פון סטעיט־דעפּאַרטאַמענט איילן זיך נישט מיטן פאַרעפנטלעכן די צייגעניש מיט די נאָטן פון ישראלס ענטפערס אויף די געשטעלטע פראַגן. מעגלעך, אַז דער אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער וועט אַדורכפירן אַ נייעם „טור דע וואַנס", כדי צו באַקומען פון דער רעגירונג גענויערע „אויפקלערונגען" איידער די רעזולטאַטן וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן. מעגלעך, אַז עס וועלן דאָס טאָן אויך קאַרטערס ראַט־געבער זביגניעוו בזשעזשינסקי און דער וויצע־אויסערן־מיניסטער העראַלד סאָנדערס ווען זיי וועלן קומען אַהער, באַגלייטנדיק דעם וויצע־פּרעזידענט וואַלטער מאָנדייל אויף זיין באַזוך אין ישראל אין אַ וואָך אַרום. די מצרים, למשל, די וועלכע האָבן „אונטערגערוקט" די דאָזיקע פראַגן פאַר דעם אַמעריקאַנישן עקזאַמען, האָבן שוין ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן מרמז געווען, אַז דער ענטפער קען קומען — כאָטש זיי ווייסן נאָך נישט אין וואָס פאַר אַ פאָרם — אין חודש אָקטאָבער, ווען עס וועט זיך פאַרענדיקן די גילטיקייט פון דעם צווישן־הסכם אין סיני. „נאָר אַללאַ קען וויסן וואָס עס איז עלול דאָן צו געשען" — האָט סאַדאַט געוואָרנט, דערמאָנענדיק דעם דאָזיקן טערמין.

אַנדערע זאָגן, אַז דער ענטפער קען קומען נאָך שפּעטער. אַזוי, למשל, האָט אַ געוויסער ערנסטער פאָרשער, וועלכער ספּעציאַליזירט זיך אין דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, ד״ר סטיווען ראָזען, געשריבן די טעג אין אַ פּובליקאַציע פון האַרוואַרד־אוניווערסיטעט, אַז די פינפטע מלחמה וועט אויסברעכן נישט פריער ווי פאַר דעם סוף פון יאָר 1979, אָבער נישט שפּעטער ווי אין 1982—1983־טן יאָר. דער געלערנטער טרייסט אונדז, אין קעגנזאַץ צו דעם רוב אַנדערע נבואות, אַז די אַראַבער וועלן אין דער דאָזיקער מלחמה פאַרלירן זייער לעצטן שאַנס — זיי וועלן ליידן נאָך אַ גרעסערע, אַ מער צעשמעטערנדיקע מפּלה ווי ביים סוף פון דער יום כיפור־מלחמה. אָבער פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, זאָגט ער, וועט דאָס זיין אַ קאַטאַסטראָפע פאַר ישראל: סאַוד־אַראַביע וועט ווערן ראַדיקאַלער און וועט ווערן איר דירעקטער אַקטיווער פיינט, וועלכער וועט זיך אַלץ מער און מער פאַרשטאַרקן; אַמע־ריקע וועט זיך דערווייטערן פון ישראל און וועט נישט נאָר פאַרקלענערן איר הילף, נאָר זי וועט אויך פאַרלאַנגען אַפילו סאַנקציעס קעגן איר, אין דער צייט ווען גאַנץ מערב־אייראָפּע און יאַפּאַן וועלן איינגאַנצן זיך אָפּקערן פון ישראל...

זאָל אונדז גאָט אויסהיטן פון די שוואַרצע נבואות און פון די „טרייסטן״. פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אויך אַנדערע פּראָגנאָזן, פון אַנדערע וויסנשאַפטלער, וועלכע קוקן אויף די נישט־ראַציאָנעלע אַנטוויקלונגען אין אונדזער ראַיאָן מיט זייער ראַציאָנעלער וויסנשאַפטלעכער לאָגיק. אָן ספק ווירקט זי, די דאָזיקע לאָגיק; ליידער ווייזט זי אַלעמאָל זיך אַרויס פאַר גערעכט. און דערפאַר איז טאָקע ווי צום גערעכטן, ווי עס זאָגט דאָס אַלטע יידישע פאָלקס־ווערטל.

אָבער דער עקזאַמען איז נישט געמאַכט געוואָרן מיט קיין פאָלקס־ווערטלער
נאָר מיט קלאָרע אומצווייטייטיקע פראַגן, אויף וועלכע די רעגירונג פון ישראל האָט געדאַרפט ענטפערן מיט קלאָרע אומצווייטייטיקע ענטפערס. די עצם פראַגן זענען געווען צוזאַמענגעשטעלט אַזוי, אַז זיי האָבן שוין אַנטהאַלטן אין זיך די ברירה פון דעם ענטפער: יאָ, אָדער ניין. די רעגירונג פון ישראל האָט אָבער אויסגעטראַכט אַזאַ ענטפער, וואָס זאָל זאָגן יאָ און מיינען ניין. דער ענטפער איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ גרויסער אומקלאָרקייט — אָבער ער איז פולשטענדיק קלאָר פאַר די, וואָס דאַרפן אים לייענען.

אַוודאי האָט מען נישט געקענט דערוואַרטן קיין פּאָזיטיוון ענטפער פון דעם פרעמיער, וועלכער איז אַ פירער פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט אויפגע־שריבן אויף איר פאָן די לאָזונג פון ארץ ישראל אויף ביידע זייטן ירדן, און האָט איבערגענומען די רעגירונג אונטער דער הבטחה, אַז „עס וועט נישט זיין קיין פרעמדע סווועריניטעט אין יהודה און שומרון״; און עס האָט אויך נישט געקענט געבן קיין פּאָזיטיוון ענטפער אויף די אַמעריקאַנישע פראַגן דער אויסערן־מיניסטער, וועלכער האָט מיט איבער אַ יאָר צוריק, נאָך זייענדיק אַ מיטגליד אין דער אַרבעטס־פּאַרטיי פּייערלעך צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַלץ טאָן, אַז די שטחים זאָלן נישט ווערן צוריקגעקערט די אַראַבער. זיי האָבן אָבער ביידע נישט געקענט זאָגן „ניין״ — ווייל זיי וואָלטן שוין

דאָן נישט געקענט מער רעכענען אויף וועלכער עס איז אַמעריקאַנישער הילף, וואָס זאָל זיי דערמעגלעכן אויפצוהאַלטן די שטחים.

איז אַלזאָ געבליבן דער פאַרנעפּלטער נוסח צו פאַרדעקן די קלאָרע כוונה פון דער רעגירונג, וועלכע ווייסט זייער גוט — און דער אויסערן־מיניסטער מ. דיין האָט דאָס אַליין מודה געווען — אַז דער נוסח פון דעם ענטפער האָט נישט קיין גרויסע אויסזיכטן אַקצעפּטירט צו ווערן נישט נאָר דורך מצרים, נאָר אויך נישט דורך אַמעריקע.

זיכער וואָלט גוט געווען, ווען מיר וואָלטן נישט געדאַרפט האָרכן אַמע־ריקע און ווען מיר וואָלטן נישט געווען אָפּהענגיק פון אירע פאַרלאַנגען. די צרה איז אָבער, וואָס דער זייגער שטייט נישט אויפן אָרט, און די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען שטראָמען אין דער ריכטונג צו אָקטאָבער און ווייטער — צו דער אַזויגערופענער „רגע פון אמת", און די דאָזיקע רגע שמייכלט נישט צו אונדז.

*

די זעלבע רעגירונג, וועלכע קען נישט דערוואַרטן קיין גוטע נאָטן פאַר איר אַמעריקאַנישן רייפקייטס־עקזאַמען, שטעלט אָבער טאָגטעגלעך די בירגער פון דעם לאַנד פאַר דעם עקזאַמען פון טריישאַפט און געהאָרכזאַמקייט, אין די ראַמען פון דעם אַזויגערופענעם „נאַציאָנאַלן קאָנצענזוס", וועלכער האָט אויך נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

דער נייער דירעקטאָרן־ראַט פון דעם ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־דינסט האָט גענומען אויף זיך די ראָל פון אַן עקזאַמינאַטאָר פון אָט דער פּאַטריאָטישער טריישאַפט, מיט שטעלן די זשורנאַליסטן און אָנגעשטעלטע פון דער עלעק־טראָנישער קאָמוניקאַציע פאַר צענזור־עקזאַמענס, וואָס זיי האָבן אַזעלכע נאָך קיינמאָל ביז איצט נישט דערפאַרן. כמעט יעדן טאָג קומט זיי אויס זיך צו פאַרענטפערן און אויפצוקלערן פאַר די נייע צענזאָרן הלמאַי זיי האָבן געבערענגט פאַר דער עפנטלעכקייט אַזאָ אָדער אַנדערע ידיעה, הלמאַי זיי האָבן אינטערוויואירט דעם אָדער יענעם פּאָליטיקער א.א.וו. — ווי דאָס האָט איצט פאַרלאַנגט דער ראַט־מיטגליד אדוו. אַהרן פּאַפּו, וועלכער האָט זיי באַשולדיקט אין שלעכטן פּאַטריאָטיזם, מחמת זיי האָבן געגעבן דעם אינ־טערוויו מיטן מצרישן אויסערן־מיניסטער אין דער טעלעוויזיע און האָבן אינטערוויואירט דעם בירגערמייסטער פון שכם...

אין דעם הומאָריסטישן זשורנאַל „שפּילקי", וואָס איז אַמאָל דערשינען אין פּוילן, האָט איבער דעם טיטל פיגורירט די שטענדיקע אויפשריפט: „אַן אמתע צניעה האָט נישט מורא פאַר קיין קריטיק". אויב דער איצטיקער רעזשים האָט מורא פאַר קריטיק, דאַרף ער זיך אָפּהאַלטן פון איינפירן די קאָלירטע טעלעוויזיע, כדי מ'זאָל נישט קענען זען ווי אירע ספּיקערס רויטלען זיך פון בושה צוליב די עקזאַמענס, פאַר וועלכע זיי ווערן כסדר געשטעלט דורך די, וועלכע האָבן דעם פּאָליטישן רייפקייטס־עקזאַמען אַליין נישט אויסגעהאַלטן.

ל. נ. 30.6.1978

.35

אייבי, פוטבאָל און שלום

תעניתים זענען אין דער יידישער טראַדיציע אַן אַלט מיטל אויסצופּרעסן ביים רבונו של עולם די ישועה אָדער לכל הפחות אויסצופועלן ביי אים, ער זאָל מקרב זיין דעם קץ. מעגלעך, אַז נישט איינעם פון די ל״ו צדיקים האָט זיך איינגעגעבן מיט דער הילף פון תעניתים אָפּצורופן אַ גזירה, אַן אַנשיקעניש אויף יידן — אָבער משיחן האָבן די תעניתים נאָך ביז איצט נישט באַוויזן זיך צו רירן פון אָרט.

עס לייגט זיך נאָך ווי עס איז אויפן שכל אַ הונגער־שטרייק קעגן רבונו של עולם — אָבער נישט קעגן בעגינען. אייבי נתן איז אַן ספק דער סימ־פּאַטישסטער אַוואַנטוריסט, אַ תמהוני, אַ טשודאַק מיט די סאַמע נאַבלסטע כוונות. ער וועט אָבער אויך באַצייכנט ווערן ווי אַ נאַיווער דאָן קישאָט, וואָס פירט זיין מלחמה נישט קעגן די אַלטע פרימיטיווע ווינט־מילן פון סערוואַנטעסעס צייטן, נאָר קעגן דער מאָדערנער טעכנאָלאָגיע מיט אירע סופּער־פּערפעקטע פאַרניכטונגס־כלים, צוזאַמען מיט די שווערע קאַנאָנען פון דער פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין צו באַהערשן די מוחות.

זעלטן ווען האָט אַן איינציקער מענטש, וועלכער איז נישט קיין פירער פון קיין פּאַרטיי און נישט קיין אָפּגאָט פון דער פּרייוווילערישער יוגנט, נישט קיין פילם־סטאַר, קיין דזשאַז־בלאָזער אָדער אַ טאַנץ־קעניג, און אויך נישט קיין פוטבאָל־טשעמפּיאָן — זעלטן ווען האָט אַזאַ איינזאַמער דאָן קישאָט געגאָסן פון אַזוי פיל סימפּאַטיע, און אין דער זעלבער צייט אויך פון אַזאַ גרויסער מאָס פון גלייכגילטיקייט — ווי אייבי נתן, וועלכער האָט זיך געלאָזט פאַרהונגערן פאַרן שלום גאַנצע פינף און פערציק טעג.

עס איז נישט אָנצונעמען, אַז אייבי נתן, ביי זיין גאַנצער נאַיוויטעט, זאָל האָבן גערעכנט דערויף, אַז זיין הונגער־שטרייק און די געפאַר, וואָס האָט באַדראָט זיין לעבן, זאָל באַווירקן בעגינען ער זאָל ענדערן זיין פּאָליטיק. ניין, אייבי נתן איז נישט אויף אַזוי פיל נאַיוו ער זאָל גלויבן אין דעם.

מיטן פאַרענדיקן דעם הונגער־שטרייק האָט ער אַ סך מענטשן אין לאַנד באַפרייט פון אַ מין אומבאַקוועמלעכקייט פון געוויסן. ביי מיין פולער סימפּאַטיע צו אייבי נתן און צו זיין אויפריכטיקן איינצל־קאַמף פאַרן שלום, דאַרף מען אָבער נישט פאַרזען, נישט בלויז די נוצלאָזיקייט פון דעם תענית, נאָר אויך די געפאַר, וואָס ליגט אין אָט דער שיטה פון קאַמף אָדער פּראָ־טעסט. לאָמיר אָננעמען, אַז ער וואָלט דאָס זייניקע אויסגעפירט: די רעגירונג אָדער בעגין אַליין וואָלטן זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דער זאָרג פאַר זיין לעבן (אַזוי ווי מען איז טיילמאָל געצוווּנגען נאָכצוגעבן אַפילו די פּאָדערונגען פון טעראָריסטן, ווען מען דאַרף אָפּראַטעווען אַ יידישע נשמה), און וואָלטן זיך פאַרפליכטעט נישט צו לאָזן אויפשטעלן קיין נייע זידלונגען

אין דער צייט פון די שלום־באַמיִונגען; וואָלט אָבער דאָן געקומען, לאָמיר זאָגן, אַ גאולה כהן אָדער הרב משה לעווינגער און וואָלטן דערקלערט אַ הונגער־שטרייק „ביזן טויט", פאָדערנדיק בטל צו מאַכן די פאַרפליכטונג פאַר אייבי נתן... נו, וואָס וואָלט דאָן געווען?

פאַרשטייט זיך, אַז אַ געאָרדנטע דעמאָקראַטישע מדינה קען זיך נישט לאָזן באַצווינגען אַפילו פון קיין נאָבעלע שיטות און פון קיין גוטע כוונות. זי טאָר אָבער נישט זיין טויב צו אַזאַ דעמאָנסטראַציע, וואָס צילט אויף אַ לעגיטימען אופן צוצוציען די אויפמערקזאַמקייט צו די שטימונגען, וואָס הערשן ביי דער באַפעלקערונג, צו איר רעאַקציע אויף דער פּאָליטיק און אויף די האַנדלונגען פון דער רעגירונג.

*

אייבי נתן האָט שוין ביי עטלעכע פריערדיקע געלעגנהייטן איינגעשטעלט זיין לעבן פאַר דעם זעלבן אידעאַל — פאַרן שלום, ווען ער איז בשעתו געפלויגן מיט זיין קליינעם עראָפּלאַן קיין מצרים, כדי צו פּרובירן באַווירקן נאַצערן, ער זאָל איינגיין אויף אַ שלום, אָדער ווען ער האָט פּרובירט אַדורכצופאָרן מיט אַ שיף דורכן סועץ־קאַנאַל, צי ווען ער איז געפאָרן קיין ביאַפראַ טיילן הילף פאַר די הונגערנדיקע קינדער, די קרבנות פון מלחמה און שנאה. דאָס פאָלק אין ישראל האָט אים אַלעמאָל באַגלייט מיט סימפּאַטיע און מיט אומרו פאַר זיין לעבן. מיט דער זעלבער סימפּאַטיע האָט דאָס פאָלק אים באַגלייט ווען ער איז געפאָרן קיין ניקאַראַגואַ טיילן הילף די קרבנות פון דער גרויסער ערד־ציטערניש. די מענטשן האָבן זיך אָפּגערופן אויף זיין אָפּעל און זיך באַשטייערט מיט גוטן ווילן. מיטן זעלבן גוטן ווילן האָבן די מענטשן נאָכגעפאָלגט און געווּונטשן דערפאָלג זיין „שלום־שיף" מיט דער ראַדיאָ־סטאַציע, וואָס האָט טראַנסמיטירט פאַר די פעלקער אין מיטעלן מזרח און זיי גערופן צו טאָן אַלץ פאַרן שלום. געווען מענטשן, וואָס האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ טשודאַק — אָבער אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט טיפער סימפּאַטיע. מיט סימפּאַטיע האָבן זיך אויך באַצויגן צו אים נאָך פריער זיינע קונדן אין דעם רעסטאָראַן „קאַליפאָרניע", וועלכן ער האָט אָנגעפירט אין צענטער פון תל־אביב און אין וועלכן עס פלעגט קומען די גאַנצע באָהעמע פון דער שטאָט.

אין זיין אינטערוויו פאַר דער טעלעוויזיע האָט אייבי דערציילט, אַז ער האָט, ווי יעדער אָנשטענדיקער בירגער, געפירט אַ באַלעבאַטיש לעבן און געזאָרגט פאַר זיין פרנסה — אָבער ער האָט געפונען אַ זין אין לעבן ערשט ווען ער האָט אָנגעהויבן עפּעס טאָן פאַרן לעבן פון די מענטשן, פאַרן שלום, אויפן חשבון פון זיינע מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן. מיט דעם האָט ער געוואָלט אויך אָנשטעקן אַנדערע, געבן אויך אַנדערע אַן אינהאַלט אין לעבן.

איך דערמאָן זיך, מיט וויפל שטאָלץ און זעלבסט־באַפרידיקונג אַט דער „נאַיִווער טשודאַק" האָט מיך אַמאָל צוגעפירט צו זיין עראָפּלאַן, מיט וועלכן ער האָט זיך געגרייט צו פליען צום צווייטן מאָל קיין קאַיִר. און איך דערמאָן

זיך זיינע פּייכטע אויגן בעת מיר האָבן זיך געפונען אינעם בית־הכנסת פון קאַיר, ווו אייבי נתן האָט געטיילט תהילימלעך מיט ליכטלעך און קאַפּעלעך, וואָס עס האָבן אים מיטגעגעבן די חב״דער חסידים, בעת די ישראל־דעלעגאַציע האָט געוויילט אין מצרים אין יענע דערהויבענע טעג. איך האָב אים געזען זיך אַרומדרייען אַ פאַרחלומטן און אַ שיכורן פון גליק, ווען עס האָט זיך אים — און אונדז אַלעמען — אויסגעדוכט, אַז ער האָט דערלעבט די פאַרווירקלעכונג פון זיין חלום.

אייבי נתן האָט געגאַסן, און ער געניסט ווייטער, פון דער ברייטסטער סימפּאַטיע — אָבער דאָס איז נאָר אַ פּאַסיווע סימפּאַטיע און נישט קיין אַקטיווע סאָלידאַריטעט. מענטשן זענען גרייט מקריב זיין דאָס לעבן פאַר אַ סך זאַכן, אַפילו פאַרן בלויזן כבוד און פּרעסטיזש — אָבער זעט אויס, אַז נישט פאַרן שלום. און אפשר זענען זיי דאָס גרייט צו טאָן נאָר אין מאָמענטן פון העכסטער עמאָציאָנעלער באַגייסטערונג, וואָס פעלט אַזוי אין אונדזער צייט. עס איז היינט נישט די צייט פאַר קיין גיבורים, ווי דאָס איז געווען, אַ שטייגער, דער קדוש אַרטור זיגלבוים, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבן, כדי אויפצוטרייסלען דאָס געוויסן פון דער וועלט און צו באַווירקן זי זיך קעגנצושטעלן דער אויסראָטונג פון די יידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע; און אויך נישט דורך קיין תענית האָט ער דאָס געטאָן. איבעריקנס — וואָס ווייסט דען היינט די יוגנט וועגן אַרטור זיגלבוים?...

די צייט, אין וועלכער אייבי נתן האָט געוואָלט אויסקעמפן דעם שלום מיט דער הילף פון זיין הונגער־שטרייק, אָדער לכל הפחות אויפוועקן דאָס געוויסן פון פאָלק, איז אַ צייט, ווען דאָס פאָלק איז באַשעפטיקט מיט אַנדערע, „וויכטיקערע״ זאַכן. דאָס איז געווען די צייט פון די פוטבאָל־פאַרמעסטונגען פאַרן וועלט־בעכער אין אַרגענטינע. דאָס איז געווען די וואָך פון דעם שיער־נישט רעגירונגס־קריזיס צוליב דעם ווייצמאַן־קאָנפליקט — וואָס הגם דאָס איז אויך געווען פאַרבונדן מיטן ענין פון שלום, האָט עס אָבער געטראָגן אַן אַנדערן, אַ מער פּיקאַנטן כאַראַקטער... אַזעלכע זאַכן ציען אַ סך מער די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק, ווי דער הונגער־שטרייק פון אַ סימפּאַטישן יחיד. סוף־כל־סוף האָט דער פוטבאָל אַרויסגע־רופן אַ סך אַ שטאַרקערן עקסטאַז, ווי די פראַגע פון שלום: צוליב פוטבאָל איז אַמאָל אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן על־סאַלוואַדאָר און האָנדוראַס; און טאָמער וואָלטן די פוטבאָליסטן פון אַרגענטינע חלילה געהאַט פאַר־שפּילט צו האָלאַנד — ווער ווייסט צי דער המון וואָלט נישט צעריסן אויף שטיקלעך סיי די האָלענדישע און סיי די אַרגענטינישע פוטבאָליסטן...

דער נצחון פון די אַרגענטינישע פוטבאָליסטן האָט, ווי מיר זעען, מער געווירקט ווי דער הונגער־שטרייק פון אייבי נתן. דאָרט איז, לכל הפחות, פאַרמיטן געוואָרן אפשר אַ בלוט־פאַרגיסונג... אָבער אַ לעבעדיקער און געזונטער אייבי נתן קען ווייטער דערמוטיקן און ווירקן פאַרן שלום — ביי אונדז.

30.6.1978

שווערע, אָבער קלאָרע דיבורים

דאָס באַקאַנטע פֿאָלקס־ווערטל זאָגט: היט מיך גאָט פֿון גוטע פֿריינט — פֿון שונאים וועל איך זיך אַליין אויסהיטן. פֿון אונדזער לאַנגיאָריקער דערפֿאַרונג ווייסן מיר ווי ריכטיק עס איז דאָס דאָזיקע ווערטל; אָבער פֿון דער אַנדערער זייט איז אויך אפשר נוצלעך, ווען דער ברוטאַלער אמת ווערט אונדז אויפֿגעקלערט דורך גוטע פֿריינט, איידער ער זאָל אונדז אונטערגעטראָגן ווערן דורך די שונאים.

אַזאַ איז געווען די לאַגע פֿון ישׂראל מיטן באַזוך פֿון איינעם פֿון אירע געטרייסטע פֿריינט, דעם אַמעריקאַנישן וויצע־פּרעזידענט וואַלטער מאָנדייל, וועלכער איז נעכטן בייטאָג אָפּגעפֿלויגן קיין אַלעקסאַנדריע. מיר ווייסן נישט וואָס ער וועט זאָגן דעם מצרישן פּרעזידענט ווען ער וועט זיך מיט אים טרעפֿן אין די צוויי טעג פֿון זיין באַזוך אין מצרים. מיר ווייסן נאָר וואָס ער האָט אונדז געזאָגט אין דער לעצטער נאַכט פֿון זיין באַזוך, אין זיין רעדע אויפֿן געזעגענונגס־באַנקעט, וואָס איז לכּבוד אים איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער כּנסת אין ירושלים: אַ רעדע פֿול מיט ליבע און מיט וואַרעמער פֿריינטשאַפֿט פֿאַר ישׂראל און פֿאַרן פֿאָלק פֿון ישׂראל. אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אַליין זיך אויפֿגעהויבן צום שוועבנדיקן פּאַטאָס און האָט מיטגעריסן די צוהערער צו דער דאָזיקער דערהויבונג — פֿון וועלכער ער האָט אָבער אונדז אַלעמען אַראָפּגענידערט צו דער רעאַלער ווירקלעכקייט אין לעצטן טייל פֿון זיין רעדע: אין דעם טייל, אין וועלכן ער האָט פֿאַר אונדז קלאָר געמאַכט, אַז עס קען נישט זיין קיין שלום אָן אַ צוריקקער כּמעט צו די פֿריערדיקע גרענעצן פֿון פֿאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

ער האָט דאָס נישט געזאָגט אינגאַנצן אָפֿן — אָבער זייער קלאָר. ער האָט דאָס אַרויסגעבראַכט אין דעם זאַץ אין וועלכן ער האָט געזאָגט, אַז די זעלבע לייזונג, וואָס ישׂראל האָט פֿאַרגעלייגט פֿאַר סיני, דאַרף אויך אָנגעווענדט ווערן לגבי דעם מערבֿדיקן ברעג פֿון ירדן און דעם עזה־פּאַס.

ה' מאָנדייל האָט געזאָגט נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן. ער האָט געזאָגט, אַז אַ שלום אין מיטעלן מזרח קען דערגרייכט ווערן נאָר מיטן רעאַליזירן דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון דער רעזאָלוציע נומער 242 פֿון זיכערהייטס־ראַט — נעמלעך אַ שלום פֿאַרן פּרייז פֿון אַ ישׂראלדיקן צוריקטריט אויף אַלע אָפּשניטן, צו זיכערע גרענעצן; ער האָט אויך געזאָגט און האָט באַטאָנט, אַז די גרענעצן דאַרפֿן באַשטימט ווערן אין אונטערהאַנדלונגען צווישן די צדדים, און אַז „נאָר ישׂראל קען זיין דער ענדגילטיקער ריכטער

פון אירע זיכערהייטס־באַדערפעענישן". דער אַמעריקאַנער וויצע־פּרעזידענט האָט צוגעגעבן, אַז אַמעריקע אַנערקענט, און זי איז גרייט אַנטקעגנצוקומען, ישראלס באַדערפעניש פאַר קאָנקרעטע זיכערהייטס־רעגולירונגען; אַז יעטוועדע שלום־רעגולירונג מוז אַריינגעמען אין זיך די פּערמאַנענטע פאַרזיכערטע שוץ פאַר ישראל; ער האָט אַפילו אָנגעוויזן, אַז אַזעלכע זיכערהייטס־רעגולירונגען קענען אויך נעמען אין באַטראַכט אַ ישראלדיקע מיליטערישע אָנוועזנהייט אין סטראַטעגישע זאָנעס, און אַז אַמעריקע וועט גרייט זיין מיטצוהעלפן אין איינשטעלן די דאָזיקע זיכערהייטס־רעגולירונגען. ער האָט אין נאָמען פון פּרעזידענט קאַרטער פאַרזיכערט, אַז אַמעריקע וועט ווייטער פאַרזעצן איר עקאָנאָמישע און מיליטערישע אונטערשטיצונג פאַר ישראל, און האָט אַפילו געפונען פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז די דאָזיקע הילף וועט נישט אויסגענוצט ווערן ווי אַ פאָרם פון אויסאיבן אַ דרוק אויף ישראל, א.א.וו.

דער איינציקער זאַץ

דאָס אַלץ זענען געווען שיינע רייד — אָבער פון די אַלע שיינע רייד האָט אַרויסגעשלאָגן דער איינציקער אויסערסט וויכטיקער זאַץ, וועלכער מאַכט קלאָר אויף אַ דעצידירטן אופן די אויסגעשפּראָכענע פּאָליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ פּאָליטיק, ביי וועלכער וואַשינגטאָן האַלט זיך איבער צען יאָר, זינט דער זעקס־טאָגיקער מלחמה — און וועלכע איז אָבער צום ערשטן מאָל געקומען צום אויסדרוק אַזוי בולט און אַזוי קלאָר אין די רייד פון דער צווייט־העכסטער אַמעריקאַנישער אויטאָריטעט, אַ גרויסן פריינט פון ישראל, און טאָקע דאָ, אין ירושלים: דאָס אין דער זאַץ וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ צוריקטריט פון יהודה און שומרון ווי אַ באַדינג פאַר דערגרייכן אַ שלום.

עס איז קיין ספק נישט — דאָס איז די פאָדערונג פון מצרים, און דאָס איז אויך די ריכט־ליניע פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק. שוין דאָס אַליין, וואָס די מצרים האָבן אויסגעגליכן זייער פּאָליטיק מיט דער אַמעריקאַנישער ליניע, אויסדריקנדיק זייער גרייטקייט צו אָנערקענען ישראל און אָפּצושליסן מיט איר אַ שלום, און אָפּזאָגנדיק זיך דערמיט פון די באַרימטע דריי „לאָו'ן" פון כאַרטום — ווערט דורך דער אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע באַטראַכט נישט נאָר ווי אַ פשרה מצד מצרים, נאָר ווי אַ געוואַלדיקער שפּרונג אויפן וועג צו אַ שלום — אין דער צייט ווען אונדזער רעגירונג איז ביי דער מיינונג, אַז סך־הכל האָט סאַדאַט גאָרנישט נאָכגעגעבן, אויב ער האַלט זיך ביי זיין אַנטשידענער פאָדערונג, אַז ישראל זאָל צוריקקערן אַלע פאַרנומענע שטחים.

ווי באַוווּסט, האָט נישט נאָר די איצטיקע רעגירונג, נאָר אויך אַלע פריערדיקע רעגירונגען פון „מערך" האָבן בפירוש דערקלערט, אַז עס וועט נישט זיין קיין צוריקטריט צו די גרענעצן פון 4־טן יולי 1967.

אויך נישט אויף דער באַזע פון „מערך"

מיט זיין איצטיקער דערקלערונג האָט דער אַמעריקאַנישער וויצע־פּרעזידענט קלאָר געמאַכט, אַז עס קען נישט דערגרייכט ווערן קיין שלום — אויך נישט אויף דער באַזע פון דער פּאָליטיק, וואָס עס האָט געפירט די רעגירונג פון „מערך". ער האָט אָבער געלאָזט אַ וועג אויף צו דינגען זיך בנוגע דעם פאַרנעם פון יענע „גרענעץ־קאָרעקטורן" און אַרום דעם באַגריף פון „זיכערע גרענעצן" און זיכערהייטס־רעגולירונגען — וואָס דאָס קען רעאַליזירט ווערן נאָר דאַן, ווען די רעגירונג וועט גרייט זיין זיך אָפּצוזאָגן פון איר פּרינציפּיעלער שטעלונג בנוגע דער גילטיקייט פון דער רעזאָלוציע נומ' 242 אין באַצוג צו אַלע אָפּשניטן (אָדער אפשר ריכטיקער: בנוגע דער נישט־גילטיקייט פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע, אויב עס גייט אין אַ צוריקקער, לגבי יהודה און שומרון און דעם עזה־פּאַס), ווי אויך אין דער פראַגע פון די זידלונגען אויף די דאָזיקע שטחים.

אין אָט דער פּרינציפּיעלער שטעלונג ליגט דער טיפער תהום צווישן ישראל און מצרים, און אויך צווישן ישראל און די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי עס האָט דאָס איצט אַזוי בולט קלאָר געמאַכט דער אַמעריקאַנער וויצע־פּרעזידענט, וועלכער איז געקומען אונדז דערפרייען מיט זיין באַזוך צום 30־יאָריקן געבורטס־יאָר פון מדינת ישראל.

די קלאָרע רייד און די נישט קלאָרע צוקונפט

די רייד פון ה' וואַלטער מאָנדייל זענען געווען שווערע, האַרבע, אָבער פולשטענדיק קלאָרע. קלאָר איז אָבער נישט די צוקונפט פון די אַנטוויקלונגען אין אַנבליק פון די דאָזיקע רייד און אין אַנבליק פון די פּאָליטישע כוונות פון די צדדים. אָט האָט מאָנדייל אַרויסבאַקומען פון דער ישראל־דיקער רעגירונג איר הסכמה פאַר דער געפּלאַנטער באַגעגעניש צווישן די דריי אויסערן־מיניסטאָרן — פון ישראל, מצרים און די פאַראייניקטע שטאַטן — אין דער צווייטער העלפט פון דעם חודש אין לאָנדאָן; גלייכצייטיק אָבער וואַרט ישראל אויפן מצרישן ענטפער בנוגע דער דאָזיקער באַגעגעניש.

דאָקעגן זאָגן די מצרים, אַז זיי וועלן באַשטימען זייער שטעלונג צו דער דאָזיקער באַגעגעניש נאָר דאַן, ווען עס וועט פאַר זיי קלאָר ווערן וואָס עס זאָגט ישראל צו דעם מצרישן שלום־פּלאַן, וועלכער וועט היינט מסתמא איבערגעגעבן ווערן דעם אַמעריקאַנישן וויצע־פּרעזידענט מאָנדייל אין אַלעקסאַנדריע, און וועלכן דער אַמעריקאַנישער פּרעזידענט דזשימי קאַרטער האָט שוין באַצייכנט אַלס אַ „ריכטיקן שריט" אויפן וועג צום שלום, הגם אַ „נישט גענוגנדיקן" — ווייל ישראל וועט אים מסתמא נישט אָננעמען. אין דער זעלבער צייט האָט אַ מצרישע צייטונג אָנגעדייט אויף דער מעגלעכקייט, אַז עזר ווייצמאַן זאָל איינגעלאַדן ווערן קיין קאַיר — בעת פון דער אַנדערער זייט ווערט איבערגעגעבן, אַז גענעראַל גאַמאַסי זאָל

האָבן אָפּגעוואָרפן ווייצמאַנס פאָרשלאָג זיך מיט אים צו טרעפן, מחמת די צייט איז נאָך נישט רייף צו דעם.

אין דעם מבול פון ידיעות און אין דעם גרויסן פעכער פון מעגלעכקייטן ווערט אויך אַרויסגערוקט די סברה, אַז דער אַמעריקאַנישער וויצע־פּרע־זידענט וועט היינט פאָרלייגן סאַדאַטן אַ נייע באַגעגעניש מיט בעגינען.

צוריקקער צו דער מויל־דיפּלאָמאַטיע

אַלץ איז אַלזאָ מעגלעך — און אַלץ זעט דערווייל נאָך אויס צו זיין אוממעגלעך. דער פּרעזידענט קאַרטער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין שיטה פון ,דער מויל־דיפּלאָמאַטיע, אין וועלכער ער ברענגט אַרויס געדאַנקען, וואָס שליסן זיך אַריין אין דעם אַמעריקאַנישן שלום־פּלאַן, וועלכן וואַ־שינגטאָן באַמיט זיך דערווייל נישט אָנצווואַרפן די צדדים, נאָר ביסלעכווייז אים אינסינויִרן און פאַרוואַנדלען אים מיט דעם צייט אין אַווירקלעכקייט. אין דעם פּלאַן ווערט דערווייל נאָך גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם גורל פון ירושלים, וועגן דעם גורל פון די שוין אויפגעשטעלטע יידישע ישובים אויף די שטחים, וועלכע ישראל דאַרף צוריקקערן א.אַ.וו. אָבער די כוונה איז אַ קלאָרע, און פאַר די ישראלדיקע מלוכה־פירער דאַרף קלאָר זיין מיט וואָס זיי גייען, כדי זיך צו פאַרמעסטן מיט דער דאָזיקער האַרבער, אָבער אומפאַרמיידלעכער ווירקלעכקייט.

ל. נ. 4.7.1978

37.

ווער געדענקט נאָך זשענעווע?...

ווען געשעענישן לויפן מיט אַזאַ געשווינדקייט ווי ביי אונדז, קען מען היינט, פאַרשטייט זיך, שוין נישט געדענקען דעם נעכטיקן טאָג. די נעכטיקע, און נאָך מער די אייערנעכטיקע, געשעענישן אַנטרינען גאָר גיך פון אונדזער זכרון, אין וועלכן עס מוז באַפרייט ווערן אַ פּלאַץ פאַר נייע אַנטוויקלונגען, וואָס באַווייזן זיך מיט דער געשווינדקייט פון די דזשעט־עראָפּלאַנען און פון צווישנקאָנטינענטאַלע ראַקעטעס. באַגריפן ווערן פאַרעלטערט ווי נאָר זיי באַווייזן זיך אין דער פּרעסע און אין אונדזער פּאָליטישן באַוווסטזיין.

די זעלבע פאַרעלטערטע און פאַרגעסענע באַגריפן האָבן אָבער אַ טבע, אַז זיי שווימען אויף פון דאָס ניי אין אונדזער אַקטועלן לעקסיקאָן — יעדעס מאָל איז אַ נייער געשטאַלט: ווערטער, נעמען און באַגריפן, וואָס זענען אַמאָל אויפגענומען געוואָרן ווי זיי וואָלטן באַדייט משיחס צייטן און אָנגעזאָגט די ישועה — דערשיינען מיטאַמאָל פונדאָסניי ווי דראָונגען, שרעק־ווערטער. זיי וואַרפן אָן אַ פּחד און מען האָט מורא זיי אַרויפצו־ברענגען אויף די ליפּן.

איך מיין דאָ דאָס נייע שרעק־וואָרט: „**זשענעווע**".

אויב מיר וועלן גוט אַ קראַץ טאָן אין אונדזער זכרון, וועלן מיר זיך דערמאָנען, מיט וואָס פאַר אַ פרייידיקן קבלת פּנים מיר האָבן אַלע — כמעט אַלע — געהאַט אויפגענומען די בשורה וועגן זשענעווע, ווען דאָרט איז צום ערשטן מאָל אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאָנפערענץ פאַר אַ ישראל־אַראַבישן שלום. זי איז איניציאיִרט געוואָרן דורך דעם כמעט שוין אויך פאַרגעסענעם וועלט־פאַרמיטלער הענרי קיסינדזשער בערך מיט פיר און אַ האַלבן יאָר צוריק (יאָ, עס איז שוין פיר מיט אַ האַלב יאָר!), סוף דעצעמבער 1973, קורץ נאָך דער יום כיפּור־מלחמה, וועלכע האָט זיך, ווי איר געדענקט מסתמא, פאַרענדיקט מיט אַ טרויעריקן העפּי־ענד. אָבער ווי אַלע גרויסע דערלייזעריש בשורות, האָט אויך די בשורה פון זשענעווע אויפגעבליצט מיט שטראַלן פון האָפענונגען, און דער דאָזיקער קורצער אויפבלי האָט זיך גיך פאַרוואַנדלט אין אַנטוישטע נישט־דערוואַרטקייטן.

אמת, אונטערן שאָטן פון זשענעווע זענען דאָך אַדורכגעפירט געוואָרן די צוויי צווישן־אָפּמאַכן וועגן סיני און איינער אין רמת־הגולן; און עס איז דאָך דערגרייכט געוואָרן אַ לענגערע תקופה פון רו אויף דער גרענעץ פון לבנון — מיט איר איז דאָך אָבער קיין אָפּמאַך נישט געוואָרן אָפּגע־שלאָסן — און די דאָזיקע באַרויקונג האָט אויך אָן ספק מיטגעווירקט און געהאָלפן שאַפן די אַטמאָספער, וואָס האָט, צווישן אַנדערן, דערמעגלעכט דעם היסטאָרישן ווענד־פּונקט און געברענגט סאַדאַטן קיין ירושלים.

אָבער מיר האָבן שוין פאַרגעסן וויפל ביטערנישן מיר האָבן געהאַט, וויפל אָפּשלעפּונגס-מאַנעוורן זענען געמאַכט געוואָרן דעמאָלט אין באַצוג צו זשענעווע, וויפל מען האָט זיך געאַמפּערט און וויפל שטורמישע דעמאָנ־סטראַציעס עס זענען דעמאָלט פאַרגעקומען קעגן די צווישן־אָפּמאַכן, קעגן צוריקקערן אַבו־ראָדעס מיט אירע נאַפט־פעלדער אין סיני, און קוניטרא אין גולן. מיר האָבן שוין אויך פאַרגעסן ווי אַזוי די אַלע רעגולירונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן „אין נאָמען פון זשענעווע" און אונטער איר שטעמפּל, האָבן אָבער געלאָזט אַרבעטסלאָז די צוויי פּאַרזיצערס פון דער זשענעווער קאָנפערענץ — די אויסערן־מיניסטאָרן פון אַמעריקע און פון סאָוויעט־רוסלאַנד. באַזונדערס דעם סאָוויעטישן, ווייל דער אַמעריקאַנישער צד האָט געהאַט גענוג אַרבעט „פון דער זייט", זייענדיק אַנגאַזשירט אין איר ביז איבערן קאָפּ. און אַזוי איז זשענעווע ביסלעכווייז אַראָפּ פון דער „דראַמאַטישער אַרענע", ווי מען רופט דאָס, און איז כמעט פאַרשווונדן פון די צייטונגס־קעפּ, אויף וויפל דאָס איז נוגע אונדזערע ענינים.

ביז וואַנען דער באַגריף זשענעווע מיט זיינע אַמאָליקע גרויסע האָפע־נונגען האָט זיך מיטאַמאָל ווידער באַוויזן — אָבער דאָס מאָל ווי אַ שרעק־וואָרט — אין דער וואָרענונג פון פּרעזידענט קאַרטער, אַז אויב עס וועט גאָרנישט אַרויסקומען פון סאַדאַטס „היסטאָרישער שלום־איניציאַטיוו", פאַר וועלכער דער מצרישער פּרעזידענט האָט ריזיקירט מיט זיין גאַנצער פּאָליטישער קאַריערע און אפשר אַפילו מיטן לעבן, ווען ער איז געקומען קיין ירושלים אין נאָוועמבער 1977 — וועט באַנייט ווערן די... זשענעווער קאָנפערענץ. דאָס וועט אַלזאָ שוין נישט זיין קיין סטערילער דיאַלאָג צווישן ישראל און מצרים, ביי דער פאַרמיטלונג פון אַמעריקע, נאָר דאָ וועלן שוין זיצן אַלע אַנגאַזשירטע אַראַבישע מדינות צוזאַמען מיט ישראל, און בראש פון דעם גרויסן סימפּאָזיום וועלן זיצן אַלס גלייכע פּאַרזיצערס די צוויי באַלעבאַטים פון דער וועלט: אַמעריקע און רוסלאַנד.

און קען זיין, אַז עס וועט זיך אויך צוזעצן צום טיש אַ פאָרשטייער פון די פּאַלעסטינעזער, וואָס וועגן זיין סטאַטוס וועט מען זיך שטאַרק דינגען — אַזוי ווי דאָס איז געווען שוין פריער, אין יענע פאַרגעסענע „פרע־היסטאָרישע טעג" פון פאַר סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים.

איצט, ווען קאַרטער האָט ווידער דערמאָנט די סטראַשידלע פון זשע־נעווע, הייבט מען זיך אָן ביסלעכווייז צו דערמאָנען, אַז סאַדאַטס שלום־באַמבע האָט אויפגעריסן אין מיטן די סאַמע צוגרייטונגען צו דער זשע־נעווער שלום־קאָנפערענץ, וועלכע האָט לויטן פּלאַן געדאַרפט זיך צוזאַ־מענקומען דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער און עס האָט שוין טאַקע געהאַלטן ביי אָט־אָט־אָט. דאָס איז געווען אינמיטן דער גאַנצער דינגעניש וועגן דעם, צי מ'זאָל זיצן אין זשענעווע ביי אַ קיילעכדיקן טיש, אָדער ביי באַזונדערע טישלעך, און וועגן דעם ווער עס זאָל רעפּרעזענטירן די פּאַלעסטינעזער — בעת די פּ.ל.אָ. האָט פאַרלאַנגט אַן ענדערונג אין דער רעזאָלוציע נומ' 242 פון זיכערהייטס־ראַט, כדי די פּאַלעסטינעזער זאָלן דאָרט באַצייכנט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַלע איינהייט און נישט ווי סתם עפּעס פּליטים...

דאָס אַלץ איז דאָך געווען אַרום זשענעווע. און אויב איר ווילט מען זאָל אייך דערמאָנען, דאַרפט איר אויך וויסן, אַז דער אָפיציעלער נאָמען פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַיר נאָך סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים, און ווו עס איז צוויי וואָכן צייט געזעסן אַ ישראלדיקע דעלע־גאַציע אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר אליהו בן־אלישר, איז געווען: „צוגרייטונגס־קאָנפערענץ אין קאַיר צו די זשענעווער געשפּרעכן וועגן אַ שלום אין מיטעלן מזרח״. דער־אָ אָפיציעלער נאָמען פיגורירט נאָך אויף די אָנדענק־ביכעלער, וואָס זענען פאַרבליבן ביי די וואָס זענען געווען אין יענע טאָג אין קאַיר.

אָט דאָס איז טאַקע געבליבן: דער אָנדענק און — דער נאָמען.

ל. נ. 7.7.1978

.38

אילוזיעס אויף ראַטעס

אויב אַזוי וועט טאַקע אויסזען דער שלום, ווי עס האָט אויסגעזען היינ־טיקע וואָך אַרום דעם אַלטן קעניגלעכן שלאָס אין לידס בעת די שלום־געשפּרעכן פון די דריי אויסערן־מיניסטאָרן — קענען מיר שוין קיין גרויסע גליקן פון אים נישט דערוואַרטן. אמת, דער ערגסטער שלום, ווי מ'זאָגט, איז בעסער פון דער „בעסטער" מלחמה; איך האָב אָבער מורא, אַז דער שלום, וואָס מער ער הייבט אָן צו ווערן אַ רעאַלע מעגלעכקייט, אַלץ מער באַמיט ער זיך צו אַנטווישן זיינע חסידים, פאַרביטערן זיי דאָס וואַרטן און אָפּצוקילן זייער התלהבות — און צו דערשיינען פאַר זיי אין אַ פאַרשטעל־טער אָדער פאַרקריפּלטער געשטאַלט.

די לאַנדשאַפט אַרום דעם שלאָס אין לידס, נישט ווייט פון לאָנדאָן, איז איינע פון די שענסטע נאַטור־פּייזאַזשן, וואָס נאָר די קאַפּריזע מלכים פון פאַרצייטישן ענגלאַנד האָבן זיך געקענט דערלויבן אויסצוקלייבן פאַר זייערע פּערזענלעכע פאַרגעניגנס, צו דערקוויקן זייער אויג, און אויך צו פאַרשפּאַרן דאָרט זייערע פיינט, זייערע ווידערשפּעניקע אָדער פאַרמיאוסט געוואָרענע ווייבער, און די נישט געהאַרכזאַמע הויפסלייט. די דאָזיקע פּאַנאָראַמע האָט זיך מסתמא קיין סך נישט געענדערט אין די אַכט־הונדערט יאָר, וועלכע לאָזן זיך שווער אַריינפּאַסן אין די דיקע פּילבענדערדיקע געשיכטע־ביכער. אָבער די מענטשלעכע פּאַנאָראַמע, וואָס האָט היינטיקע וואָך אַרומגערינגלט דעם שלאָס, האָט דערמאָנט און מרמז געווען וואָס עס דערוואַרט אונדז אפשר אין רעזולטאַט פון די געשפּרעכן, וואָס זענען געפירט געוואָרן אינע־ווייניק און וואָס וועלן נאָך געפירט ווערן אויסנווייניק און אין אַנדערע ערטער. דהיינו — אַ באַוואָפנטער שלום.

די צען טויזנט בריטישע זעלנער, ווי אויך די טאַנקן און פּאַנצער־אויטאָס, וואָס האָבן באַוואַכט די דאָזיקע געשפּרעכן, האָבן אויף אַ בולטן אופן דעמאָנסטרירט פאַר דער וועלט די קרישלדיקייט פון שלום און די נישט־זיכערקייט פון דער זיכערהייט. פאַרפאַלן, דאָס איז די צייט, אין וועלכער מיר לעבן, און אין אָט דעם געפערלעכן ווירבל־געשפּענסט מוזן מיר זוכן דעם וועג צום שלום. זאָל זיין אַפילו אַ באַוואָפנטער שלום, אָבער דאָך אַ שלום.

וואָס עס שיינט אָבער צו זיין דער פּאַראַדאָקס פון אָט דער סיטואַציע — איז דער פאַקט, אַז די גרויסע אַרמיי פון זיכערהייטס־לייט און זעלנער מיט דער גאַנצער שווערער באַוואָפענונג — האָט אייגנטלעך נישט געהאַט וואָס צו באַשיצן, אויסער די דריי חשובע מלוכה־לייט, די אויסערן־מיניסטאָרן פון ישראל, פון מצרים און פון די פאַראייניקטע שטאַטן. לויט זייער פער־

זענלעכער און אויך פּאָליטישער וואָג — אַ היפּשער לאַקנדיקער „אוצר" פֿאַר די אַראַבישע אָדער אַנדערע עקסטרעמיסטישע טעראָר־באַנדעס, די דריי סאַמע גרעסטע פֿיינט זייערע, און טאַקע אַלע צוזאַמען. אָבער וואָס שייך דער סיבה און דעם אינהאַלט פֿון דער באַגעגעניש, וואָס זיי האָבן געהאַט צו באַשיצן, שיינט עס צו זיין ווי אַ געפּאַנצערטע רייף אַרום אַ ליידיקער פּאַס. ווייל סוף־כּל־סוף זענען די דריי אויסערן־מיניסטאָרן געפֿאָרן אַהין מיט ליידיקע הענט.

נאָכאַמאָל, כּדי עס זאָל נישט זיין קיין מיספאַרשטענדעניש: יעדער איינער, וועמען עס איז טייער דער שלום, פריייט זיך מיט דער באַגייונג פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם „מאָמענטום", ווי סאַדאַט האָט דאָס באַצייכנט ווען ער איז געקומען מיט זיין איבעראַשנדיקן באַזוך אין ירושלים גענוי מיט אַכט חדשים צוריק, דעם 19־טן נאָוועמבער; אָבער זינט יענע דערהויבענע טעג פֿון כּמעט „משיח'ס צייטן", איז אַזאַ וויכטיקער פּאָליטישער אַקט נישט געוועזן באַגלייט מיט אַזאַ נידעריקן גראַד פֿון דערוואַרטונגען — ווי אַט די געשפּרעכן פֿון דער היינטיקער וואָך אין לידס. איך דערמאָן זיך, אַז אין יענע טעג פֿון דער נאַציאָנאַלער באַגייסטערונג, וואָס האָט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט, ווען איך אַליין, דער שרייבער פֿון אָט די שורות, בין אויך מיטגעריסן געוואָרן פֿון דער סורעאַליסטישער עופֿאָריע — האָב איך אין מיין אַרטיקל אויך גלייכצייטיק געוואָרנט פֿאַר די צו הויכע דערוואַרטונגען, וואָס קענען אַמאָל זיין געפֿערלעך, טאָמער וועלן זיי נישט ווערן דערפֿילט: ווי אַ באַלאָן, וואָס הייבט זיך אויף צו הויך און פּלאַצט און צעשמעטערט זיך און באַגראָבט מיט זיך אַלע גוטע האָפֿענונגען. אין דעם פֿאַל זעט עס אויס ווי דער באַלאָן וואָלט נישט געפּלאַצט, נאָר די לופֿט גייט לאַנגזאַם פֿון אים אַרויס...

איך וואָלט אָבער נישט געוואָלט זיין קיין שוואַרצזעער און איך זע נאָך נישט, אַז די האָפֿענונגען זאָלן זיין אינגאַנצן באַגראָבן. עס זענען פֿאַראַן היסטאָרישע אַנטוויקלונגען, וואָס וואַקסן אַריבער זייערע העלדן, ווי דראַמעס, וואָס זענען שטאַרקער פֿון די אַרטיסטן, וועלכע שפּילן זיי אין טעאַטער. עס טרעפֿט, אַז די געשיכטע לייגט אַרויף היסטאָרישע ראָלן אויף מענטשן, וואָס זענען זיי נישט פֿעיִק צו דערפֿילן. זיי ווערן דאַן אַ שטערונג, אַ שטרויכלונג — אָבער די געשיכטע געפֿינט שוין אַ וועג זיי אומצוגיין. זי געפֿינט אירע שליחים.

אונדזער אויסערן־מיניסטער איז געפֿאָרן צו דער קאָנפֿערענץ אין לידס, ווי מ'וואָלט אים שיעור נישט געצוווּנגען צו דעם, אָן אַ בולטן חשק. די רעגירונג האָט פֿאַר זיין אַרויספֿאָר קיין לאָנדאָן נישט געהאַט קיין צייט צו באַהאַנדלען די פֿאָרשלאָגן, וואָס עזר ווייצמאַן האָט געבראַכט פֿון זיינע געשפּרעכן מיט סאַדאַטן אין זאַלצבורג, און דיין האָט קיין נייע דירעקטיוון נישט באַקומען. די רעגירונג איז איצט באַשעפֿטיקט מיט כּעסן זיך אויף עזר ווייצמאַנען, אויף שמעון פּרסן, אויף סאַדאַטן און אויף דער גאַנצער וועלט — הלמאַי מ'פֿרעגט אונדז נישט, הלמאַי מען קריטיקירט אונדז, הלמאַי

מען באַלײדיקט דעם פּרעמיער א.אַ.וו. אין װירבל פון אַט די אינערלעכע סיכסוכים און רײסענישן און אויסערלעכן בלאָזן זיך איז אָבער פאַרלוירן געגאַנגען — אַזוי װי אין אַ סך פאַלן פריער — אונדזער אײגענע איניציאַטיװ און װידער זענען מיר געצװוּנגען זיך נאָכצושלעפּן נאָך די איניציאַטיװ פון קעגנער, אָדער פון די פאַרמיטלערס.

נאָר אין אַזאַ צושטאַנד האָט עס געקענט געשען, אַז אַ מיניסטער אין דער רעגירונג זאָל דערקלערן, אַז אויב ער זאָל דאַרפן אויסװײלן צװישן אַ צוריקקער צו די גרענעצן פון פאַר 1967 און אַ נײער מלחמה, װעט ער ליבערשט אויסקלײבן די ברירה פון אַ מלחמה; און נאָר אין אַזאַ צושטאַנד האָט אַ צװײטער מיניסטער געקענט אַ זאָג טאָן אין אַ מאָמענט פון באַרעכ־טיקטער ריתחה, — נאָך דעם נעגאַטיװן ענטפער, װאָס די רעגירונג האָט געגעבן אויף די צװײ פראַגן פון װאַשינגטאָן — אַז ער דאַרף גײן צוגרײטן צה״ל צו דער קומענדיקער מלחמה...

קײנער קען נישט פאָרויסזאָגן װי אַזוי עס װעט זיך אַנטװיקלען דער שלום־פּראָצעס און װאָס פאַראַ נײע איבעראַשונגען עס דערװאַרטן אונדז נאָך אויפן װעג. אײן זאַך האָבן מיר אָבער יאָ זוכה געװען צו באַקומען נאָכן אויסניכטערן זיך פון דעם שאָק פון סאַדאַטס שלום־באַמבע: מיר שפּײזן זיך װײטער מיט אילוזיעס — אָבער אויף ראַטעס.

ל. נ. 21.7.1978

די העפלעכע פאַרגוואַלדיקונג

איך בין גאַרנישט מקנא די מחברים פון פּאָליטישע ווערטער־ביכער: אין דער פּאָליטיק האָבן ווערטער און באַגריפן זייער זעלטן אָפּגעהיט זייער אָריגינעלן טייטש. באַזונדערס אין די היינטיקע טעג, ווען אויך דער באַגריף פּאָליטיק איז שוין מער נישט דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל באַדייט — ווייל דאָס אָרט פון דער פּאָליטיק האָט איבערגענומען די היסטעריע.

היסטעריע און נערוועזיטעט זענען געוואָרן דער קען־צייכן פון אונדזער איצטיקער מלוכה־פירונג. גראָד די וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט דעם באַגריף פון מדינה, אָדער מלוכה, אַלס די העכסטע און דערהויבנסטע קאַטעגאָריע פון אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, האָבן פאַרוואַנדלט די מלוכהשקייט אין אַ פּאַראַדיע פון קליינשטעטלדיקע מאַניערן, אין נאָמען פון כלומרשט גרויסוועלטישע האָכשטאַפּלערייען.

אין אָט דעם שפּאָגל־נייעם פּאָליטישן לעקסיקאָן, וואָס איז אונטער־געחתמעט געוואָרן מיט די לעצטע רעדעס פון דער העכסטער מלוכהש־פּאָליטישער קאָמפּעטענץ, איז הומאָר געוואָרן אַ טראַגישע טאַנדייט־סחורה, אויפגענייט פון באַנאַלן שטאָף; דאָס וואָרט „געזונט", אויב מ'האַלט עס אין איין איבערחזרן, רופט אַרויס פאַרדאַכט און פּחד; „ריטערלעכע" אָדער „דזשענטלמענישע מאַניערן" דריקן זיך אויס אין באַנוצן דאָס רוסישע זידלוואָרט פון אונטערן פייגנבלאַט אין אַ מאָמענט פון ריתחה; „פרייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק" באַדייט אַן אויספאַרקויף פון מלוכהשן פאַרמעגן, אַ פאַרשטאַרקטע אינפלאַציע מיט אַ פאַרגרעסערטן בודזשעט־דעפיציט און אַ נאָכמער גאַלאָפּירנדיקן יקרות; „להיטיב עם העם" — טאָן גוטס דעם פאָלק — וואָס דער פירער פון „ליכוד" האָט צוגעזאָגט מיטן איבערנעמען די מאַכט און וואָס האָט געקלונגען ווי דער אַלט־רוימישער אימפּעראַטאָ־רישער „פּראַ פּובליקאַ באָנאַ", האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער מדרגה פון פילאַנטראָפּישער ווילהאַרציקייט אין נוסח פון רחמנות פאַרן פאָלק — אין דער צייט, ווען ער אַליין נויטיקט זיך איצט אין רחמנות פון דעם פאָלק... און דער גרויסער ספּעקטאַקל פון כלומרשטן נאַציאָנאַלן שטאָלץ און מלוכהשער תקיפות — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נעבעכדיק־שפּאָטישן אויפטריט אין דער כנסת, וואָס האָט אָנגעפילט אַ סך פון די צוהערער מיטן געפיל פון נאַציאָנאַלער בושה.

*

אַוודאי ווערן די אויפטריטן פון פירער אויפגענומען געוויינלעך לויט דער סעלעקטיווער שמיעה פון די צוהערער. צו די רעדעס פון „אויטאָריטאַטיווע פירערס" הערט מען געוויינלעך זיך צו מיט סימפּאַטיע אָדער מיט אַנטי־פּאַטיע — אָפּהענגיק פון יעדנס אידעיִשער איינשטעלונג — אָבער קיינמאָל

נישט גלייכגילטיק. דאָס איז אויך דער רעטאָרישער כוח פון פירער, און אין דעם פאַל איז די בעגינאָמאַגיע זיכער נישט קיין אויסנאַם. פאַרקערט — בעגין איז אָן ספק אַ גרויסער רעדנער מיט אַ שטאַרקן דעמאַגאָגישן כוח פון אויסדרוק. אָבער דאָס מאָל האָט דער פרעמיער זיך איבערגעשטיגן, ווערנדיק אַליין מיטגעריסן מיטן שטורעם פון זיין פּאַלעמישן טאַלאַנט, אין וועלכן דער גרויס-מלוכהשער פּאַטאָס האָט זיך אויסגעמישט מיט צאַרנדיקע מוסר-רייד פון דעם גאַרנישט מליצהדיקן זידל-לעקסיקאָן. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אַט די שפּראַך זאָל האָבן אויסגענומען ביי זיינע סימפּאַטיקער, ווען עס האָט, מיט רעכט, פאַרדראָסן דער אופן, מיט וועלכן דער פרעמיער איז לעצטנס פערזענלעך אָנגעגריפן און באַליידיקט געוואָרן דורך אַ טייל פון זיינע קעגנער. אָבער דאָס געזעץ פון קעגנזייטי־קייט האָט נישט געקענט אויסמיידן די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער, וועלכע האָט זיך איינגעבירגערט אין זכות פון דעם דאָמינירנדיקן „נייעם סטיל". און וואָס שייך בעגינס לעצטן אויפטריט אין דער כנסת, קען מען זיך דרייסט באַנוצן מיטן באַקאַנטן רוימישן ווערטל (און בעגין האָט דאָך ליב די אַלטרוימישע פּאָזע) : יופּיטער, דו בייזערסט זיך? — אַ סימן אַז דו ביזט נישט גערעכט...

וואָלט עס אָבער געווען נאָר אַן ענין פון בלויזע רייד, וואָלט עס נאָך געווען צו דערליידן. אַ סך גרויסע מענטשן האָבן זיך אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע מיט זייערע ספּעציפישע אויסדרוקן, ווי למשל — נאַפּאָלעאָן, פּילסודסקי און אַנדערע. סוף-כל-סוף דריקט אין ווערטער זיך אויס דער סטיל, — און „דער סטיל איז דער מענטש". אָבער לרוב דריקט דער זעלבער סטיל זיך אויס אויך אין די פּאָליטישע האַנדלונגען פון דעם באַרעדעוודיקן פירער, און דאָס איז אויך דער פאַל מיט אונדזער פרעמיער.

אמת, נישט ער איז געווען דער ערשטער, נישט ער האָט אָנגעהויבן מיט דער שיטה פון נאָכלויפן נאָך דער באַן, ווען זי איז שוין אַוועקגעפאָרן, אָדער — פון אָפּוואַרפן דעם שידוך, און לאָזן זיך דורך אים שפּעטער פאַרגוואַלדיקן. דער דאָזיקער „פּאַטענט" האָט שוין פריער געאַרבעט, ווען דיין האָט געזאָגט, אַז ער וואַרט אויף אַ טעלעפאָן פון כוסיינען; ווען כוסיין האָט ענדלעך אָנגעהויבן קלינגען אין טעלעפאָן און געגעבן סימנים, אַז ער וויל מיט אונדז רעדן, האָבן אונדזערע מנהיגים נישט געוואָלט אויפהייבן דאָס טרייבל: נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן מיט אים. איצט וויל ער גאָר מיט אונדז נישט רעדן. געווען אַ סך אַזעלכע ענלעכע פאַלן, ווען אונדזערע מנהיגים האָבן אָפּגעוואָרפן די פאַרשלאָגן פון דעם קעגנער אָדער פון די אַמעריקאַנער — און זענען געוואָרן גרייט זיי אָנצונעמען ערשט ווען יענע האָבן שוין נישט געוואָלט, ווען יענע האָבן שוין פאַרלאַנגט מער.

אָבער צום בולטסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין די לעצטע פּאָר וואָכן, ווען די רעגירונג האָט, נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת פון זעקס וואָכן, און נאָך אַ שאַרפן אינערלעכן געראַנגל געענטפערט מיט אַ קאַטע־גאָרישן „ניין" אויף די צוויי פראַגן פון וואַשינגטאָן, צי איז ישראל גרייט אויף דעם, אַז נאָך די פינף יאָר „אויטאָנאָמיע", וואָס זי לייגט פאָר פאַר

יהודה־און־שומרון און פאַרן עזה־פּאַס, זאָל באַשטימט ווערן אַ סטאַבילער סטאַטוס פאַר די דאָזיקע שטחים, און וואָס וועט זיין דער „מעכאַניזם" פון באַשטימען זייער גורל. ווי באַוווסט, האָט דער נעגאַטיווער ענטפער פון ישראל אַרויסגערופן דעם צאָרן נישט נאָר ביי סאַדאַטן און ביי קאַרטערן, נאָר אויך ביי אַנגעזעענע פּראָ־ישראלדיקע יידישע און נישט־יידישע פערזענלעכקייטן אין אַמעריקע, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די האַרבע רייד פון סענאַטאָר יעקב יאַוועץ. האָט עס לאַנג נישט געדויערט, און איצט איז די רעגירונג אַרויס מיט אַ דערקלערונג, אַז זי איז גרייט צו לאָזן זיך פאַרגוואַלדיקן איבער דעם, וואָס זי האָט פריער אָפּגעוואָרפן — אַפילו צו באַהאַנדלען די פראַגע פון אַ טעריטאָריאַלער פשרה — וואָס איז גענומען פון דעם ווערטער־בוך פון „מערך" — אָבער מיט אַן „אויב": אויב דער צווייטער צד וועט אַרויסרוקן אַזאַ פּלאַן פון אַ טעריטאָריאַלער פשרה.

עס איז קלאָר, אַז דאָס איז נאָר אַן אַבסטראַקטע גרייטקייט, מחמת עס איז קיין ספק נישט, אַז מצרים וועט אַזאַ פּלאַן נישט אַרויסרוקן. אָבער אויב די עצם גרייטקייט וואָלט געקענט אָפּשוואַכן דעם פריערדיקן איינדרוק פון שטייפקייט פאַר דער וועלט־מיינונג — האָט עס איצט שוין קיין איינדרוק נישט געמאַכט, ווייל זי איז געקומען צו שפּעט. דערצו נאָך איז זי, די דאָזיקע אַבסטראַקטע — אָדער טאַקטישע — גרייטקייט געקומען באַגלייט מיט אַ צווייטן קאַטעגאָרישן „לאו" אין דער פראַגע פון דעם פאַרגעלייגטן „זשעסט" וועגן אַ מצרישער ציווילער אַדמיניסטראַציע אין על־אריש און אין סאַנטאַ קאַטערינאַ. און דאָס אויך נאָכדעם, ווי עס האָט עמיצער „אַרויסגעטריפט" פאַר דער פרעסע דעם קלאַנג וועגן אַ גרייטקייט פון דער רעגירונג נאָכצוקומען דעם דאָזיקן פאַרלאַנג. אַזוי האָט די רעגירונג אויך געהאַנדלט אין דער פראַגע פון דעם פירוש פאַר דער רעזאָלוציע נומער 242 פון זיכערהייטס־ראַט, ווען צוערשט האָט זי אַרויסגענומען פון איר די גילטיקייט לגבי יהודה און שומרון, און דערנאָך האָט מען זיך געלאָזט פאַרגוואַלדיקן, אויסדריקנדיק (כאָטש אַבסטראַקט) די גרייטקייט אַפילו אויף אַ טעריטאָריאַלער פשרה אויך דאָרט...

אַט דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער היסטעריע, וואָס ווערט אָנגעווענדט סיי אין די רייד און סיי אין דער פּאָליטיק, אין וועלכער עס מישן זיך אויס מליצה מיט זידלערייען, שלאַבעצקע מאַניערן מיט באַנאַלקייט, און גרויס־אימפּעראַטאָרישער אָנשטעל מיט פאַרשפּעטיקטער נאָכגעביקייט.

און אַט די שיטה ווירקט נישט נאָר אויף אונדזער פאַרלוירענעם גוטן נאָמען אויף דער וועלט, נאָר אויך אויף דער אַטמאָספער און דער אויפפירונג פון די בירגער, וועלכע זעען אין דעם קולטור־סטיל פונעם רעגירונגסשעף אַ מוסטער פאַר דעם סטיל פון די מאַסן: אַז דער רבי מעג...

ל. נ. 28.7.1978

צען טעג אין תמוז

ווען דער אַלמעכטיקער אין הימל האָט אויסגעטראַכט די געניאַלע דער־ פינדונג פון די ציפערן, האָט ער פאַרהאַלטן פאַר זיך דאָס זיבעלע, און די איבעריקע ציפערן האָט ער אַוועקגעגעבן דעם מענטש. אַליין האָט ער די, לויט זיין מיינונג, שלימותדיקע וועלט באַשאַפן אין קאַרגע זעקס טעג, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז ער שוין געווען שטאַרק מיד, זיך אַוועקגעזעצט רוען און געהייסן אויך אַלעמען רוען. שבת זאָל זיין. אויך די הייליקע הימלען האָט ער איינגעטיילט אויף זיבן. און טאָמער האָט ער אַראָפּגעוואָרפן אויף דער זינדיקער ערד אַ שטויבעלע פון זיין געטלעכן זיבעלע און האָט אַמאָל געשאָנקען די מענטשן אַ זיבן פעטע יאָרן — האָט ער זיי גלייך „באַלאַנ־ סירט" מיט אַנדערע זיבן מאָגערע יאָרן, כדי דער מענטש זאָל נישט צופיל פאַרייסן די נאָז און זאָל נישט מיינען, אַז עס קומט אים אַלץ... פון די הייליקע זיבן איז, אַלזאָ, דעם זינדיקן מענטש גאָר קיין סך נישט געבליבן.

דערפאַר אָבער האָט דער אויבערשטער אין הימל אַריינגעשטופּט דעם בן־אדם אַ צענערל אין האַנט אַריין. אויב ער האָט אין דער הייליקער תורה אַריינגעשריבן צען געבאָטן, און נישט זיבן — איז דאָס דערפאַר, ווייל זיי זענען באַשטימט נאָר פאַר די זינדיקע שטערבלעכע יצורים, וועלכע ער האָט אויסגעשטעלט אויפן גורל פון די „דעקאַדעס", כדי עס זאָל אים לייכטער זיין צו מאַכן געשיכטע און צו ציילן די וועלט־געשעענישן. לויטן צענטל־סיסטעם איז, ווי באַוווּסט, לייכטער צו מאַכן דעם חשבון. אַלע גרויסע פּאַרקומענישן ווערן געוויינלעך אַריינגעשטופּט אין יאָרהונדערטערס אָדער אין דעקאַדעס — אין יאָרצענדליקער, און אַפילו אין צען טעג.

מיר וועלן דאָ נישט אויסרעכענען אַלע גרויסע דעקאַדעס פון דער געשיכטע — ס'איז גענוג צו דערמאָנען בלויז צוויי: איינע — די צען טעג, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט, ווי דזשאָן ריד האָט באַצייכנט די טעג פון דער באָלשעוויקישער איבערקערניש אין רוסלאַנד; די צווייטע — די צען טעג פון חודש תמוז תשל"ח, אין יולי 1978, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער קאָנפערענץ פון די דריי אויסערן־מיניסטאָרן אין דער פעסטונג פון לידס נעבן לאָנדאָן, ווען עס זענען באַנייט געוואָרן די שלום־געשפּרעכן צווישן ישראל און מצרים — און האָבן זיך פאַרענדיקט מיט צוריקקער פון דער ישראלדיקער מיליטערישער דעלעגאַציע פון אַלעקסאַנדריע, מיט וואָס עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער דירעקטער קאָנטאַקט צווישן ביידע לענדער.

אַזוי אַרום זענען אין אָט די הייסע טעג פון תמוז פונדאָסניי אָנגעצונדן און אָפּגעקילט געוואָרן די פייערלעך פון שלום. אין קעגנזאַץ צו יענע טעג

פון 1917, וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט, האָבן די איצטיקע צען טעג נאָר איינגעשטילט און איינגעשלעפערט דעם גאַנג פון דעם שלום־פּראָצעס, און אַראָפּגענידערט ביז צום נידעריקסטן שטאַפּל די גרויסע האָפענונגען, וואָס האָבן זיך דערוועקט מיט אַכט חדשים פריער. אין אָט די צען טעג, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער באַנייטער האָפענונג און האָבן זיך פאַרענדיקט מיט באַנייטער רעזיגנאַציע — האָט דער אינערלעכער פּאָלי־טישער ווולקאַן אין ישראל געשפּיגן מיט פייער און מיט שטיינער, ביז ער איז אַ פאַרמאַטערטער געבליבן ליגן אַן פייער, אָן שטיינער און אָן כוח עפּעס וואָס אויפצוטאָן.

אייגנטלעך זענען אָט די צען טעג פּאַקטיש געווען דער קולמינאַטיווער צייט־אָפּשניט, וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך און האָט אָפּגעשפּיגלט דעם גאַנצן קנויל פון די האַנדלונגען, די סיבות און די כוונות פון דער פּאָליטיק, וואָס עס פירן די רעגירונגען פון ישראל און מצרים, די צוויי פּאַרטנערן אין דעם היסטאָרישן וועט־געיעג איבערן חסד פון דער געשיכטע.

אַלע ווייסן מיר ווי שווער עס איז צו געניסן פונעם חסד פון דער געשיכטע. סוף־כל־סוף זענען מיר דאָך די דירעקטע צושטעלערס פון אירע רווישטאָפּן. וואָס וואָלט געווען די געשיכטע אָן אונדז, אָן אונדזערע איבער־לעבונגען ?

אָבער נישט אין יעדן פאַל איז מען זוכה, אַז די געשעענישן, אין וועלכע מיר זענען אָנגאַזשירט, זאָלן אין אַזאַ קורצן פּעריאָד זיין אימשטאַנד סיי אָנצוהייבן און סיי צו פאַרענדיקן אַן עפּאָכע פון אונדזער טראַגישער קאַריערע אינעם טעאַטער פון לעבן.

אין דער געשיכטע, ווי באַוווסט, איז קיינמאָל נישטאָ קיין גענויער אָנהויב. יעדע געשעעניש האָט איר פריערדיקע סיבה. „אַלץ שטראָמט", אַלץ באַוועגט זיך און ענדערט זיך — האָט געזאָגט דער אַלטער העראַקליט, וועלכער האָט שוין מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָרהונדערטער צוריק געהאַט געלאָזט אין גאַנג דעם „מאָמענטום" פון דער מענטשלעכער מחשבה. זענען געקומען די היינטיקע פּאָליטיקער, די מלוכה־פירער, און האָבן פּרובירט אַריינצוזעמען צוזאַמען דעם אָנהויב מיטן סוף אין אָט דעם קליינעם צייט־אָפּשניט פון צען טעג. זיי האָבן אָבער נישט באַנומען, אַז נישט נאָר דער חומר אַנטהאַלט אין זיך ענערגיע. אויך דער שטראָם פון געשעענישן קען אויפרייסן, אויב ער ווערט צו שטאַרק איינגעשפּאַרט אין די גאָר ענגע ראַמען פון אַ קורצער צייט — פּונקט ווי עס קען אויפרייסן די ענגע וואַליזקע, ווען זי ווערט צו פיל אָנגעפּראָפּט מיט „שמאַטעס" און מיט אַנדערע גוטע זאַכן...

וואָס אַלץ האָבן מיר זיך נישט אָנגעהערט אין די דאָזיקע צען טעג ! וויפל קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען און זידלערייען, וויפל אַנטפּלעקונגען און „אַרויסטריפונגען" וועגן געהיימע געשפּרעכן אין לאָנדאָן און אין מאַראָקאָ, וועגן אַ פאַרגעלייגטער באַגעגעניש פון דעם אָפּאָזיציע־פירער מיטן יאָרדאַ־

נישן קעניג און, בעגינס פאַרבאַט; וועגן דעם פאַרגעלייגטן „זשעסט" אין באַצוג צו על אַריש און סאַנטאַ קאַטערינאַ, און דעם ענטפער, אַז „מען גיט נישט קיין מתנות פאַר גאָרנישט"; וועגן עזר ווייצמאַנס שווייגן אויף דער זיצונג פון דער רעגירונג, כדי אַריק שרון זאָל נישט האָבן וואָס אַרויסצוטראָגן פון איר; וועגן יגאל הורוויצעס דעמיסיע און דאָס צוריק־ציען זיין דעמיסיע, וועגן די סקאַנדאַלן אין דער כנסת בעת די צוויי אומצוטרוי־אָפּשטימונגען און וועגן דעם נייעם „פאַרלאַמענטאַרישן" לעקסיקאָן, און נאָך און נאָך — ווער געדענקט דען און ווער קען דען אויסרעכענען דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין די דאָזיקע ענגע צען טעג?

ווען נישט דער קלוגער געדאַנק פון דעם גריכישן פילאָזאָף, אַז „אַלץ שטראָמט", וואָלט זיכער לייכט אויפגעריסן געוואָרן די ראָם פון די שלום־אונטערהאַנדלונגען, וועלכע האָבן שוין פון לאַנג פאַרלוירן דעם שווונג פון דעם „מאָמענטום" און האָבן זיך צוריקגעקערט צו דעם אַלעם, וואָס די רעגירונג האָט אַזוי שטאַרק נישט געוואָלט: שוין מער נישט קיין דירעקטע געשפּרעכן, וואָס ישראל האָט פאַרלאַנגט מיט צען יאָר צוריק און זיי זענען שוין ענדלעך מקויים געוואָרן מיט אַ וועלכע אַכט חדשים צוריק — אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט; שוין מער נישט דאָס ליד „שאַרם־אַ־שייך, געקומען צו דיר אויף צוריק", און שוין מער נישט די טענה, אַז „בעסער שאַרם־אַ־שייך אָן אַ שלום, איידער אַ שלום אָן שאַרם־אַ־שייך"; שוין מער נישט אַ סך פון די פריערדיקע „אומבאַרירלעכקייטן" און הייליקע קי פון דעם אויסגעטראַכטן „קאָנצענזוס", וועלכע זענען שוין היינט נישט מער ווי פאַרשפּילטע קאָרטן, אָדער פאַרזוימטע שאַנסן, אָדורכגעלאָזטע צוגן אויפן שאַך־ברעט פון דעם אויסטערלישן געראַנגל פאַרן שלום אין די הייסע צען טעג פון דעם חודש תמוז.

ל. נ. 4־טער אויגוסט 1978

דער שטורעם אַרום די געפּלאַנטע פינף נייע זידלונגען

ווען נישט די צענזור, וואָלט די זאַך באַוווּסט געוואָרן שוין מיט זיבן וואָכן צוריק, און עס וואָלט אפשר נישט געקומען צו דעם געזעלשאַפטלעכן שטורעם, וואָס איז אויסגעבראָכן אין לאַנד מיטן פאַרעפנטלעכן זונטיק אין אָוונט די דערקלערונג פון דער רעגירונג וועגן די פינף ניי-געפּלאַנטע באַזידלונגס-פּונקטן אין טאָל פון ירדן.

ווייל — ווען דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער מיניס-טאָרן-קאָמיסיע פאַר זיכערהייטס-ענינים דעם 28סטן ד. ח., איז נאָך נישט געפּלאַנט געוואָרן די באַגעגעניש צווישן בעגינען, סאַדאַטן און דעם פּרעזידענט קאַרטער אין קעמפּ דייוויד, און עס האָט נישט געדראָאַט, אַז דער איינגעפּרווירענער שלום-פּראָצעס זאָל צוליב דעם ווערן „אָנגעוואָ-רעמט". אויב די רעגירונג האָט דעמאָלט געפונען פאַר נויטיק צו פאַרדעקן דעם באַשלוס מיטן שלייער פון דיסקרעציע, איז דאָס געווען אַ טייל פון דער רעגירונגס-פּאָליטיק צו פאַרהוילן די פּלענער פון דער „התנחלות" פאַר דער עפנטלעכקייט — נישט כדי נישט צו באַדראָען דעם שלום, נאָר כדי נישט צו באַדראָען די קאָלאָניזאַציע. צוליב דעם דאָזיקן צוועק האָט די רעגירונג טאַקע בשעתו באַשלאָסן אַרויסצונעמען די באַשלוסן וועגן דער „התנחלות" פון דער קאָמפּעטענץ פון דער מיניסטאָרן-קאָמיסיע פאַר די קאָלאָניזאַציע-ענינים, בראש פון וועלכער עס שטייט דער אַגראַר-מיניסטער אריאל שרון, און אַריבערצופירן זיי אונטער די קאָמפּעטענצן פון דער מיניסטאָרן-קאָמיסיע פאַר זיכערהייטס-ענינים. לכתחילה איז דאָס אָנגענומען געוואָרן ווי אַ פאַרשמעלערונג פון אריק שרונס קאָמפּעטענצן; עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די אמתע כוונה איז געווען זיך אויס-צובאַהאַלטן פאַר דער עפנטלעכקייט. דהיינו — צו קענען האַלטן די באַשלוסן בסוד, מחמת אונטערן מאַנטל פון זיכערהייט קען די צענזור פאַרבאָטן דער פּרעסע און די אַנדערע קאָמוניקירונגס-מיטלען צו פאַר-עפנטלעכן די באַשלוסן און פאַקטן וועגן דער התנחלות.

אריאל שרון איז אָבער ביי אַן אַנדערער מיינונג. ער האַלט, אַז די התנחלות-פּאָליטיק דאַרף געפירט ווערן אָפן, כדי אויף דעם אופן צו דעקלאַרירן אונדזערע לעגיטימע רעכט אויף בויען יידישע ישובים אויף די „שטחים". ווי דער פאָרזיצער פון דער מיניסטאָרן-קאָמיסיע פאַר התנחלות און אויך פון דער בשותפותדיקער התיישבות-קאָמיסיע פון דער רעגירונג און סוכנות, פילט ער זיך געטראָפן, וואָס אַ טייל פון זיינע קאָמפּעטענצן זענען אַריבערגעפירט געוואָרן צום זיכערהייטס-מיניסטעריום; און דער זיכערהייטס-מיניסטער באַטראַכט זיך, ווי באַוווּסט, אַלס קאָמ-

פּעטענט נישט צו דערלאָזן צו דער אָפענער באַזידלונגס־אַרבעט אויף די שטחים, וועלכע געפינען זיך אונטער זיין אַדמיניסטראַציע, כל זמן עס פירן זיך די שלום־אונטערהאַנדלונגען און כל זמן עס איז פאַראַן אַ האָפענונג אויף אַ שלום־פאַרשטענדיקונג מיט מצרים.

אין אַט דער מלחמה פון קאָמפּעטענצן צווישן דעם זיכערהייטס־מיניסטער און דעם אַגראַר־מיניסטער, דהיינו צווישן עזר ווייצמאַנען און אריק שרונ'ען — ווערן געבערענגט אַלס אַ קרבן סיי דער שלום און סיי די התנחלות.

די „בולדאָזערס״ קעגן די פּאָליטיקער

די ערשטע „ערנסטע שלאַכט״ אין דער דאָזיקער קאָמפּעטענצן־מלחמה איז אויסגעבראָכן, ווי באַוווסט, ווען אריק שרון האָט אַרויסגעשיקט די בולדאָזערס אין צפון־סיני און האָט אויפגעשטעלט דאָרטן די א. ג. „שרון־טורעמס״ לויטן מוסטער פון די פּאָטיאָמקין־דערפער. דער דאָזיקער אַקט האָט געדינט פאַר סאַדאַטן ווי אַ פּרעטעקסט אָפּצורופן פון ירושלים זיין אויסערן־מיניסטער צוזאַמען מיט דער מצרישער דעלעגאַציע צו די באַראַטונגען פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע, וואָס איז זיך דאָרט צוזאַמענגעקומען אין חודש יאַנואַר, אין איינקלאַנג מיטן באַשלוס פון דער באַגעגעניש צווישן בעגינען און סאַדאַטן אין איסמאַעליאַ. צום צווייטן מאָל איז געקומען צו אַ שאַרפן קאָנפליקט ווען די רעגירונג האָט באַשלאָסן — אונטערן דרוק פון אריאל שרון — צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר נייע התנחלות־פּונקטן נעבן יריחו און נעבן ראַמאַללאַ — גראָד אין דער צייט ווען עזר ווייצמאַן איז געפאָרן קיין וואַשינגטאָן אונטערהאַנדלען וועגן געווער, און נאָר צוליב דער אַנטשלאָסענער פאָדערונג פונעם זיכערהייטס־מיניסטער און זיין דראָונג זיך תיכף צוריקצוקערן פון וואַשינגטאָן אויב די בולדאָזערס וועלן נישט צוריקגעקערט ווערן פון די ערטער, איז די אַרבעט געוואָרן אָפּגעשטעלט.

אריאל שרונ'ען ווערט אויך צוגעשריבן דאָס „אַרויסטריפן״ פאַר די קאָמוניקאַציע־שופרות דעם סוד וועגן סאַדאַטס בקשה בנוגע דעם „זשעסט״ איבערצוגעבן אונטער דער מצרישער ציווילער אַדמיניסטראַציע על אַריש און סאַנטאַ קאַטערינאַ, נאָכדעם ווי עזר ווייצמאַן האָט באַריכטעט דער רעגירונג וועגן זיינע געשפּרעכן מיט סאַדאַטן אין זאַלצבורג. אויך אין דער צייט ווען דיין איז געפאָרן זיך טרעפן מיטן מצרישן אויסערן־מיניסטער אין דער פעסטונג פון לידס נעבן לאָנדאָן, האָט די התישבות־קאָמיסיע, בראש פון וועלכער עס שטייט אריאל שרון, פאַרעפנטלעכט אַ ריי פּלענער וועגן נייע זידלונגס־פּונקטן. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אַלע פּובליקאַציעס האָבן נישט צוגעגעבן קיין געזונט דער אַזוי אויך שטאַרק געדריקטער אַטמאָספער פון די שלום־קאָנטאַקטן, אָבער זיי האָבן אויך גלייכצייטיק געשטערט דער געהיימער התנחלות־טעטיקייט, מחמת די רעפלעקטאָרן פון דער עפנטלעכער מיינונג אויף דער וועלט, און אויך פון מצרים, זענען געוואָרן געריכטעט צו דער דאָזיקער טעטיקייט.

אין זכות פון „שלום עכשיו"

מיט אַ קורצער צייט צוריק זענען די אַקטיוויסטן פון דער באַוועגונג פאַר „שלום עכשיו" אַרויסגעקומען מיט דער ידיעה, אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן נייע פינף אָנהאַלט־פּונקטן אין דעם טאָל פון ירדן. זיי האָבן אַפילו פאַרעפנטלעכט פּלאַקאַטן וועגן דעם און דורכגעפירט דעמאָנסטראַציעס קעגן דער דאָזיקער כוונה פון דער רעגירונג. די ידיעות זענען אָבער סיסטעמאַטיש אָפּגעלייקנט געוואָרן — הגם מיט אַ האַלבן מויל — דורך די רעגירונגס־פאַקטאָרן. וואָס מער אָבער די קלאַנגען וועגן דעם האָבן זיך פאַרשטאַרקט, אַלץ אומבאַקוועמער איז געוואָרן די לאַגע פון דער רעגירונג. די פאַרשטייער פון „מערך" אין דער זיכערהייטס־קאָמיסיע פון דער כנסת האָבן געפאָדערט, אַז דער מיניסטער שרון זאָל דערשיינען פאַר זיי און זאָל אויפקלערן די התנחלות־פּאָליטיק פון דער רעגירונג. דער מיניסטער שרון האָט זיך אָבער די גאַנצע צייט אַרויסגעדרייט פון קומען צו דער קאָמיסיע, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ צאָרן און אַ באַליידיקונג ביי די מיטגלידער פון דער כנסת.

אָבער אַריק שרון האָט זיך געפילט געטראָפן מצד זיינע קאָלעגן אין דער רעגירונג, וועלכע האָבן אויף אים אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע אחריות פאַרן באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן גראָד דורך דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייטס־ענינים, כאָטש דאָס איז געווען זיין פאָרשלאָג. אין דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייטס־ענינים, צו וועלכער עס געהערן דער פרעמיער, דער וויצע־פרעמיער און די מיניסטאָרן פאַר אויסערן־ענינים, זיכערהייט, אינערן־ענינים, פינאַנסן, אינדוסטריע און לאַנד־ווירטשאַפט — איז דעם 28סטן יוני באַהאַנדלט געוואָרן דער פאָרשלאָג וועגן אויפשטעלן פינף נייע אָנהאַלטס־פּונקטן אין טאָל פון ירדן, ווי אַ טייל פון אַ ברייט־פאַרמאָסטענעם התישבות־פּראָיעקט, וואָס ווערט אויס־געאַרבעט דורך דער התישבות־אָפּטיילונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. לויטן פאָרשלאָג פון מיניסטער שרון, וועלכער איז באַשטע־טיקט געוואָרן דורך דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייט, דאַרפן אויפגעשטעלט ווערן אָנהאַלטס־פּונקטן פון נח"ל אין די פאָלגנדיקע פינף ערטער: נעבן מחולה, אין צפון־טייל פון ירדן־טאָל; נעבן דזשיפטליק, אין צענטער; אויף צפון פון יריחו; נעבן יריחו, און נעבן דעם מושב קליה אויף דרום פון דעם ירדן־טאָל. דער וויצע־פרעמיער, פּראָפעסאָר יגאל ידין, האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן באַשלוס און געבעטן אַריינשרייבן דאָס אין פּראָטאָקאָל, אַז ער וויל מען זאָל דעם ענין אַריבערפירן צו באַהאַנדלונג פון דעם פּלענום פון דער רעגירונג. ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן איך משך פון די גאַנצע זיבן וואָכן.

דאָס אַרויסטריפן פון דער פרשה

לויטן קאָאַליציע־הסכם צווישן ד"ש און דעם ליכוד, האָבן די כנסת־דעפּוטאַטן פון ד"ש דאָס רעכט צו ברענגען פאַר דער זיכערהייטס־קאָמיסיע

פון דער כנסת די ענינים פון התנחלות, אויב זיי זענען נישט מסכים מיטן באַשלוס פון דער רעגירונג אין דער דאָזיקער פראַגע. אויף דער זיצונג פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייט האָט אָבער דער פרעמיער אויפגעקלערט ידינען, אַז דאָס אויפשטעלן אַנהאַלטס־פונקטן פון נח״ל איז אַ מיליטערישער ענין, און דעריבער איז דאָס נישט נוגע דעם קאָאַליציע־אָפּמאַך מיט ד״ש. אָבער ווען דער ענין איז אַרויסגעשוווּמען דעם זונטיק און האָט געדראָט מיט אַ שאַרפן געזעלשאַפטלעכן שטורעם, האָט פּראָ־פעסאָר ידין געטענהט אויף די אָנפראַגן פון די זשורנאַליסטן, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט און אַז די רעגירונג האָט אַזאַ באַשלוס נישט אָנגענומען — והראיה, אויך דער קאָמוניקאַציע־מיניסטער, מאיר עמית, ווייסט נישט וועגן דעם.

אָבער ווען די פרעמיער־קאַנצעלאַריע האָט שפּעטער אַליין באַשטעטיקט די דאָזיקע זאַך, האָט פּראָפ. ידין געפונען צוויי נייע תירוצים: ערשטנס — אַז דאָס האָט נישט די רעגירונג באַשלאָסן, נאָר די מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייטס־ענינים; און צווייטנס — ער האָט נישט געהאַט קיין סיבה צו רעקלאַמירן פאַרן פּלענום פון דער רעגירונג, מחמת דער באַשלוס איז נישט געווען קיין אָפּעראַטיווער, נאָר אַ פּרינציפּעלער, און מ׳האָט זיך נאָך נישט גענומען צו דער פּראַקטישער אַרבעט. דאָך האָט ער אין אָנבליק פון אויסגעבראָכענעם שטורעם, אויפגעהויבן דעם ענין אויף דער נעכטיקער פּלענום־זיצונג פון דער רעגירונג, וועלכע האָט אָבער באַשלאָסן נישט צו באַהאַנדלען דעם ענין און נישט צו טאָן קיין זאַך אויפן געביט פון דער נייער התנחלות ביז נאָך דער שפּיצן־קאָנפערענץ אין קעמפּ דייוויד. דער דאָזיקער באַשלוס האָט אָבער אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דער באַוועגונג פאַר דער ארץ־ישראל השלמה. און אויב ס׳גייט אין קאָמוניקאַציע־מיניסטער מאיר עמית, וועלכער האָט אויך געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט וועגן דעם — האָט ער טאַקע אַ ברירה נישט צו וויסן, מחמת ער איז נישט קיין מיטגליד אין דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייט, און דער וויצע־פרעמיער האָט, זעט אויס, נישט געפונען פאַר נויטיק צו אינפאָרמירן וועגן דעם אַפילו זיינע פּאַרטיי־קאָלעגן.

די דאָזיקע פּרשה האָט אָבער „געפּלאַצט" צוליב דער עוולה, וואָס עס האָט געפּילט דער אַגראַר־מיניסטער אריק שרון מצד זיינע חברים אין דער רעגירונג, און ער האָט געפּאָדערט פון פרעמיער — געבנדיק אים אַפילו אַן אולטימאַטום פון דריי שעה — צו פאַרעפנטלעכן אַ קאָמפּעטענטע דערקלערונג פון דער רעגירונג וועגן דעם ענין, דראָענדיק, אַז אין קעגנפאַל וועט ער אַליין פאַרעפנטלעכן אַ פּערזענלעכע דערקלערונג וועגן דעם. אין רעזולטאַט פון אָט דעם „אולטימאַטום" האָט אַלזאָ די רעגירונג זיך מודה געווען אין דעם, וואָס זי האָט ביז איצט פאַרשוויגן און אָפּגעלייקנט.

די רעוועלאַציע פון דעם רעגירונגס־סעקרעטאַר ה׳ אריה נאור האָט געשטעלט אין אַ שווערער פאַרלעגנהייט נישט נאָר דעם וויצע־פרעמיער און די אָנפירונג פון ד״ש, נאָר אויך די אָנפירונג פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי,

ווען מען אין אַלטיאַל

ווּעמענס פּאָליטישער ביוראָ איז זיך צוזאַמענגעקומען דעם זעלבן אָוונט און ווו עס איז פֿאָרגעקומען אַ שאַרפֿער מיינונגס־אויסטויש באַגלייט מיט שווערע באַשולדיקונגען צווישן די אָנפֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן פֿון דער פּאַרטיי.

אַ טייל פֿון די פֿאָרוואורפֿן זענען געמאַכט געוואָרן אויפֿן אַדרעס פֿון ישראל גלילי, דעם געוועזענעם פֿאָרזיצער פֿון דער התישבֿות־קאָמיסיע פֿון דער פֿריערדיקער רעגירונג. דער רעגירונגס־סעקרעטאַר האָט בעתן אָפּגעבן זיין דערקלערונג קלאָר געמאַכט, אַז די געפּלאַנטע פֿינף ישובֿים אין בקעת הירדן זענען אין די ראַמען פֿון די התישבֿות־פּלענער פֿון דער פֿריערדיקער רעגירונג, און י. גלילי האָט געטענהט, אַז נישט אַלע געפּלאַנטע התישבֿות־פּונקטן דעקן זיך מיט דער פּאָליטיק פֿון מערך. עס זענען אָבער געווען אין פּאָליטישן ביוראָ פֿון דער אַרבעטס־פּאַרטיי אַזעלכע, וואָס האָבן געשטיצט די פּלענער פֿון דער רעגירונג, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך זיי קאַטעגאָריש אַנטקעגנגעשטעלט.

אָבער סיי אין פּאָליטישן ביוראָ פֿון דער אַרבעטס־פּאַרטיי און סיי אין דער עפֿנטלעכער מיינונג אין לאַנד — אַפֿילו אויך ביי די, וואָס באַרעכטיקן די התנחלות־פּאָליטיק — האָט אַרויסגערופֿן אַ טיפֿן אומרו די אומגליקלעכע צייט, אין וועלכער די פּרשה איז געקומען אין דער עפֿנטלעכקייט — גראַד ערבֿ דעם קריטישן צוזאַמענטרעף, וואָס דאַרף פֿאָרקומען אין קעמפּ דייוויד און וועלכער קען צוליב אָט דער פּרשה געבן פֿאַטאַלע רעזולטאַטן — נאָך ערגערע פֿון די, וואָס עס האָבן געבראַכט מיט זיך די בולדאָזערס אין צפֿון־סיני מיט אַכט חדשים צוריק.

ל. נ. 15.8.1978

.42

די נייע סטאַציע: קעמפּ דייוויד

ווידער איז דער שרייבער פון די ווייטערדיקע שורות — שוין צום ווייפלטן מאָל — געשטעלט געוואָרן פאַר דער אומגלייכער קאָנפראָנטאַציע מיט דער צייט. אין אַזאַ קאָנפראָנטאַציע האָט די צייט געוויינלעך די פאָרהאַנט און זי קומט אַלעמאָל אַרויס די זיגערין, סיידן זי האָט צו טאָן מיט אַ נביא. און אין לאַנד פון די נביאים איז היינט צו זיין אַ נביא, ווי באַוווּסט, זייער געפערלעך.

וואָס עס זאָלן נישט זיין די רעזולטאַטן פון דער שפּיצן־קאָנפערענץ אין קעמפּ דייוויד, וועגן וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן בעת דעם באַזוך פון אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער סיירוס וואַנס אין מיטעלן מזרח, שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ נייע וויכטיקע סטאַציע אויף דעם שווערן וועג צו אַ שלום, וועלכער האָט ערשט נאָרוואָס געהאַט אויסגעזען צו זיין אָט־אָט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. דער באַשלוס וועגן דער באַגעגעניש צווישן די פּרעזידענטן קאַרטער און סאַדאַט און דעם פּרעמיער בעגין, און די הסכּמה פון די צדדים צו קומען צו דער דאָזיקער באַגעגעניש דעם 5־טן סעפּטעמבער, איז געקומען נאָך דעם ווי עס האָט אויסגעזען, אַז סאַדאַטס שלום־איניציאַטיוו איז אַדורכגעפאַלן, און אַז אַלע פריערדיקע אילוזיעס וועגן אַ שלום זענען צערונען געוואָרן.

סאַדאַט האָט אָנגענומען די איינלאַדונג פון קאַרטערן צו אָט דער באַגעגעניש, נאָכדעם ווי סאַוד־אַראַביע האָט שוין געמאַכט באַמיִונגען צוזאַמענצופירן צו אַן איבערבעטונג פון מצרישן פּרעזידענט מיט זיין פיינט, דעם פּרעזידענט פון סיריע, און צונויפצורופן אַן אַראַבישע שפּיצן־קאָנפערענץ, אויף וועלכער סאַדאַט זאָל זיך מודה זיין אין דעם דורכפאַל פון זיין פּרווו צו דערגרייכן אַ שלום מיט ישראל. די דאָזיקע זאַך וואָלט באַדייט אַ נייע אַראָפּקייקלונג אין דער ריכטונג צו אַ מלחמה. אַזאַ געפאַר איז אָבער אויך פאַראַן אין פאַל פון אַ דורכפאַל פון דעם נייעם פאַר־צווייפלטן פּרווו, וואָס וועט איצט געמאַכט ווערן אין קעמפּ דייוויד, ווו אַמעריקע דערשיינט דאָס מאָל ווי „אַ גלייכער שותּף" אין דעם קאָנפליקט אין מיטעלן מזרח. די דאָזיקע פולע אַמעריקאַנער אַנגאַזשירטקייט האָט דאָס דערמעגלעכט די הסכּמה פון קאַיִר, אין דער צייט, ווען זי האָט אַרויס־גערופן אַן אומצופרידנקייט ביי ישראל, וועלכע האָט מורא פאַר אַ שלום, וואָס זאָל אויפגעצוווּנגען ווערן דורך אַמעריקע, וועמענס שטעלונג איז ווייט פון צו באַפרידיקן די שטרעבונגען פון די ישראל־פירער פון דער איצטיקער רעגירונג.

אָבער זינט עס איז געמאָלדן געוואָרן וועגן דער איינלאַדונג צו דער קאָנפערענץ אין קעמפּ דייוויד איז דאָ פאָרגעקומען דאָס, וואָס עס געשעט

יעדעס מאָל פאַר יעדן ערנסטן פּרווו צו מאַכן אַן אָנשטרענג פאַרן שלום; מצד דער רעגירונג גופא איז שיעור נישט טאָרפּעדירט געוואָרן דער דאָזיקער נייער פּרווו, דורך פאַרעפנטלעכן דעם באַשלוס וועגן אויפ־שטעלן פינף נייע ישובים אויף די אָקופּירטע שטחים אין טאָל פון ירדן־ברעג. אמת, דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן מיט זיבן וואָכן פריער, נאָך איידער עס איז באַוווסט געוואָרן וועגן דער געפּלאַנטער שפּיצן־קאָנפערענץ, און די געפּלאַנטע ישובים דאַרפן אויפגעשטעלט ווערן אויף די שטחים, וואָס אויך די פריערדיקע רעגירונג פון „מערך" האָט זיי געהאַט איינגעשלאָסן אין אירע פּלענער פון די אַנעקסירטע „זיכערהייטס־גרענעצן"; אָבער דער געהיימער באַשלוס, וואָס איז דעמאָלט אָנגענומען געוואָרן דורך דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייטס־ענינים, איז גראָד איצט גע־בראַכט געוואָרן צו דער עפנטלעכקייט און האָט אַרויסגערופן דעם אומ־פאַרמיידלעכן שטורעם — געגנוי ווי עס זענען געמאַכט געוואָרן די רעווע־לאַציעס וועגן נייע ישובים אין חודש יאַנואַר, בעת דער באַגעגעניש פון די אויסערן־מיניסטאָרן פון ישראל און עגיפּטן אין ירושלים, און בעת עזר ווייצמאַנס וויזיט אין וואַשינגטאָן.

נאָך קיינמאָל זענען די כוונות פון די צדדים נישט געווען אַזוי קלאָר ווי איצט, ערב דער שפּיצן־קאָנפערענץ אין קעמפּ דייוויד. דערפאַר אָבער גייען דאָס מאָל די צדדים צו אָט דער קאָנפערענץ שוין אָן די אילוזיעס, וואָס זענען געפּלעגט געוואָרן פריער, זינט סאַדאַטס היסטאָרישן באַזוך אין ירושלים — הגם אַניס מאַנסור, דער רעדאַקטאָר פון דעם עגיפּטישן זשורנאַל „אָקטאָבער" און סאַדאַטס נאָענטסטער פאַרטרויונגס־מאַן, האָט באַצייכנט די באַגעגעניש אין קעמפּ דייוויד אַלס נישט ווייניקער וויכטיק, ווי עס איז געווען דער באַזוך אין ירושלים. מעגלעך, ווער קען דאָס דען פאַרויסזאָגן היינט? סוף־כל־סוף שטייט דאָך איצט אין קאָן נישט נאָר דער גורל פון מיטעלן מזרח, נאָר דער גורל פון מלחמה און שלום, ווי אויך — דער פּרעסטיזש און די ווייטערדיקע פּאָליטישע קאַריערע פון פּרעזידענט דזשימי קאַרטער און דער אינטערעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

✶

איר האָט אַוודאי שוין געזען אין אַ פּאַנטאָמימע־שפּיל, ווי דער אַרטיסט האַלט אין איין לויפן פאָרויס און זיינע פיס באַוועגן זיך גאָר גיך און מיט גרויסע שפּאַנען — און צום סוף ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז געבליבן אויפן זעלביקן אָרט. צו אָט אַזאַ פּאַנטאָמימע־שפּיל קען מען פאַרגלייכן די אַנטוויקלונגען אין מיטעלן מזרח. זייער מטורפדיקער טעמפּ איז אַ שם־דבר אין דער וועלט־פּאָליטיק. עס איז שווער צו געפינען נאָך אַזאַ ביישפּיל און נאָך אַזאַ אָרט אויף דעם ערד־קיילער, ווו די געשעענישן זאָלן לויפן אַזוי גיך און מיט אַזעלכע גיגאַנטישע טריט — און זאָלן אין דער זעלבער צייט מאַכן אַזאַ קליינעם פאָרשריט, ווי דאָס געשעט אויף דער אַרענע פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. אַזוי פיל איבעראַשונגען, און אַזעלכע קליינע רעזולטאַטן!

דער דאָזיקער פאַקט האָט זיך ווידעראָמאָל באַשטעטיקט און די לעצטע עטלעכע וואָכן, ווען עס זענען פאָרגעקומען אַזעלכע דראַמאַטישע אַנט־וויקלונגען, און די רעזולטאַטן זענען נישט אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו זייער פאַרנעם. די בולטסטע פון זיי זיינען געווען: די קאָנפערענץ פון די דריי אויסערן־מיניסטאָרן אין דער פעסטונג פון לידס נעבן לאָנדאָן — אַ קאָנ־פערענץ, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן ווי אַ באַנייונג פון דעם איינגעפרוי־רענעם שלום־פּראָצעס אין מיטעלן מזרח; און דאָס צוריקקערן, קורץ נאָך דעם, די ישראלדיקע מיליטערישע דעלעגאַציע פון אַלעקסאַנדריע, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן ענדגילטיקער איבעררייס פון דעם דירעקטן קאָנטאַקט צווישן ישראל און עגיפּטן. צוויי עקסטרעם־קעגנזעצלעכע אַקטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער פּאָליטישער דראַמע אויף אַן אָפּ־שטאַנד פון סך־הכל אַכט אָדער צען טעג. אָבער נישט געקוקט אויף זייער עקסטרעמישקייט, זעט עס אויס, אַז זייער באַדייט איז געוואָרן היפּש איבער־געטריבן: די געשפּרעכן אין לידס זענען נישט געווען קיין באַנייטער אָנהויב, און דאָס צוריקשיקן די מיליטערישע דעלעגאַציע האָט נאָך נישט אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן די שלום־איניציאַטיוו, וואָס סאַדאַט האָט אונטערגענומען אין די לעצטע וואָכן פון פאַרגאַנגענעם יאָר.

דער אויסערן־מיניסטער משה דיין, וועלכער איז געגאַנגען צו דער קאָנפערענץ מיט די אויסערן־מיניסטאָרן פון עגיפּטן און פון די פאַראייני־קטע שטאַטן אָן שום האָפענונג, אָן חשק און ווי מ'וואָלט אים צו דעם געצווונגען, האָט אין איר גאַנג באַקומען אַ בעסערע שטימונג, איז געוואָרן מער אָפּטימיסטיש, אָבער נאָכן פאַרענדיקן זי האָט ער נאָך אַלץ זי באַצייכנט אַלס אַ „סעמינאַר״; דער עגיפּטישער אויסערן־מיניסטער איבראַהים קאַמאַל האָט זי באַצייכנט אַלס „נישט קיין דערפאָלג און נישט קיין דורכפאַל״; דער אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער סיירוס וואַנס, וועלכער איז געווען דער איניציאַטאָר און פאַרמיטלער צווישן די אַנדערע צוויי, האָט געזאָגט, אַז די קאָנפערענץ האָט געבערענגט גאַנץ שוואַכע דערגרייכונגען, וואָס מיינט פאַקטיש: גאָרנישט. עס איז בלויז קלאָרער געוואָרן פאַר די צדדים ווי טיף און ווי ברייט עס איז דער תהום, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט צווישן זייערע שטעלונגען. דאָקעגן האָבן זשורנאַליסטן און אָביעקטיווע אָבסער־וואַטאָרן באַצייכנט די קאָנפערענץ ווי „אַ דערפאָלג, אָבער אָן אַ פאָר־שריט״...

דער דערפאָלג איז באַשטאַנען שוין אין דעם אַליין, וואָס די קאָנפערענץ אין לידס האָט נישט איבערגעריסן דעם דינעם פאָדעם פון די איינגעפרוי־רענע שלום־קאָנטאַקטן, האָט געלאָזט אָפן די טיר — כאָטש אַ שמאָל שפּעלטעלע פון דער טיר — פאַר ווייטערדיקע באַגעגענישן, וואָס די אַמעריקאַנער פאַרמיטלער האָבן געפּלאַנט אַדורכצופירן צוויי וואָכן שפּע־טער אין אַ נייטראַלן אָרט, דהיינו אין דער אַמעריקאַנישער עלעקטראָנישער וואָרענונג־סטאַנציע אין סיני. אָבער נאָך געציילטע טעג זענען פאָרגעקומען נייע דראַמאַטישע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן געשטעלט אין אַ פרישער געפאַר דעם גאַנצן שלום־אָנשטרענג. נאָך בעגינס „העפלעכער נאָטע״ צום

עגיפּטישן פּרעזידענט, איז שוין ראַדיאָ קאַיר אַרויס מיט דער באַנייטער דראָונג פון אַ מלחמה — צום ערשטן מאָל זינט סאַדאַט האָט פּראָקלאַמירט דעם „קיינמאָל מער קיין מלחמה״ בעת זיין היסטאָרישן באַזוך אין ירושלים. און אַ טאָג נאָך דעם האָט עגיפּטן אַרויסגעשיקט פון אַלעקסאַנדריע די ישראלדיקע מיליטערישע מיסיע, וועלכע איז דאָרט געזעסן זינט יאַנואַר און האָט באַטש סימבאָליש אויפגעהאַלטן דעם דירעקטן קאָנטאַקט צווישן ביידע מדינות. די טענה פון די עגיפּטער איז געווען, אַז נאָך בעגינס לעצטע דערקלערונגען, און באַזונדערס נאָך דער ברוגזדיקער נאָטע, וואָס ער האָט צוגעשיקט סאַדאַטן, איז למעשה נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן, און אַז דאָס פירן די אונטערהאַנדלונגען מיט ישראל איז נישט מער ווי אַ פאַרלוסט פון צייט.

דער דירעקטער אויסרייד פאַר אַט דער האַנדלונג פון עגיפּטן איז געווען דאָס אָפּוואָרפן — און דער אופן פון אָפּוואָרפן — סאַדאַטס בקשה וועגן אַ זשעסט מצד ישראל איבערצוגעבן אונטער דער ציווילער עגיפּטישער אַדמיניסטראַציע דאָס שטעטל על אַריש, וואָס איז די הויפּט־שטאָט פון סיני, ווי אויך דעם מאָנאַסטיר סאַנטאַ קאַטערינאַ ביים באַרג, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס דזשעבעל מוסא, דהיינו — הר משה, כדי דאָרט אויפצושטעלן אַ טעמפּל — אָדער דריי טעמפּלען — פאַר אַלע דריי רעליגיעס. סאַדאַט, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געטענהט, אַז ער האָט נישט באַקומען קיין עקוויוואַלענט פאַר זיין זשעסט פון קומען קיין ירושלים, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די פּאַקטישע אָנערקענונג פון ישראל, האָט בעת זיין באַגעגעניש מיטן ישראלדיקן זיכערהייטס־מיניסטער עזר וויצמאַן פאַרגעלייגט ישראל זאָל מאַכן דעם דאָזיקן זשעסט, וואָס וועט דערמעגלעכן אַ נייעם שוווּנג פון דעם שלום־פאַרהאַנדלונגס־פּראָצעס. סאַדאַט איז געווען זיכער, אַז אַזאַ פאָרשלאָג וועט ישראל נישט קענען אָפּוואַרפן, מחמת ישראל האָט שוין במילא געגעבן איר הסכמה אָפּצוטרעטן פון סיני, און אויך דערפאַר, ווייל במילא וועט די ישראלדיקע אַרמיי פאַרבלייבן אין סיני ביז וואַנען עס וועט נישט דערגרייכט ווערן קיין שלום. אַן עגיפּטישע ציווילע אַדמיניסטראַציע אין סיני וועט אָבער ברענגען צו אַ ישראל־עגיפּטישער צוזאַמענאַרבעט און צו אַ פאַרבעסערטער אַטמאָספער, וואָס זאָל פירן צו אַ שלום. עס איז זייער מעגלעך, אַז דער דערפאַרענער פּאָליטישער סטראַטעג אַנוואַר סאַדאַט האָט מיט דעם אויך געוואָלט אויספּרובירן די כוונות פון דער בעגין־רעגירונג אין שייכות מיט איר פאַרפּליכטונג בנוגע סיני.

לויט זיין אויפפאַסונג איז בעגין, פון זיין זייט, איבערצייגט, אַז פון די אונטערהאַנדלונגען וועט במילא גאָרנישט אַרויסקומען, צוליב דער אוממעגלעכקייט פון אַ טעריטאָריאַלער פשרה, אויף וועלכער ביידע זענען נישט גרייט. און היות אַן דער התחייבות פון ישראל וועגן אַ צוריקטריט פון די פּאַלעסטינער שטחים וועט צו קיין שלום נישט קומען, וועט ישראל במילא נישט דאַרפן צוריקטרעטן אויך פון סיני. אויב ישראל זאָל איינגיין אויף איבערצוגעבן על אַריש אונטער דער עגיפּטישער ציווילער אַדמיניסטראַציע, זאָל דאָס שוין נישט זיין קיין „זשעסט״, נאָר אַ געלעגנהייט אַרויסצוקריגן פון סאַדאַטן די הסכמה פאַר דער קאָלאָניזאַציע אין צפון־סיני.

אויף דעם באַדן איז עס טאַקע געקומען צו בעגינס דערקלערונג אין זיין פּערזענלעכער נאָטע צו סאַדאַטן, אַז „מ׳גיט נישט **קיין מתנה פּאַר גאַרנישט**", און צו דער נאָך שאַרפערער דערקלערונג אין זיין רעדע אין דער כנסת, אַז „מיר וועלן נישט אַוועקגעבן אַפילו קיין איינציק זאַמדעלע פון מדבר אָן צו באַקומען אַ געהעריקן פּרייז".

די דאָזיקע באַליידיקנדיקע פאָרם פון באַנוצן זיך מיטן מסחרישן לשון איז געקומען נאָכן עובר זיין אויף די דיפּלאָמאַטישע כללים — מיטן פאַרעפנטלעכן די עצם בקשה, וואָס סאַדאַט האָט איבערגעגעבן ישראל אין אַ פאַרטרויִלעכן געשפּרעך מיט עזר ווייצמאַנען בעת זייער באַגעגעניש אין זאַלצבורג, און מיטן עפנטלעכן אָפּוואַרפן די דאָזיקע בקשה נאָך איידער די נאָטע וועגן דעם איז איבערגעגעבן געוואָרן סאַדאַטן. דאָס איז געווען בעגינס פּאַטש אין פּנים דעם עגיפּטישן פּרעזידענט, אַלס ענטפער אויף די פּערזענלעכע אַנגריפן פון דער עגיפּטישער פּרעסע אויף בעגינען.

✶

זיכער איז דער דאָזיקער אָפּזאָג נישט געווען די איינציקע סיבה פון אַט **דעם אינצידענט**, פּונקט ווי די אַרבעט פון די בולדאָזערס, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן צוצוגרייטן די נייע ישובים אויף די שטחים גראָד אין טאָג, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די געשפּרעכן פון די אויסערן־מיניסטאָרן אין ירושלים, איז אויך נישט געווען די איינציקע, אָבער זי איז אָן ספק געווען די עיקרדיקע סיבה פון איבערייסן די שלום־געשפּרעכן אין חודש יאַנואַר ה. י.; און זיכער וועלן נאָך אין די נאָענטסטע טעג אויפקומען נייע דראַמאַטישע אַנטוויקלונגען און איבעראַשונגען, בעת די איבעראַשונגען פון נעכטן וועלן אַרונטערפאַלן אונטער דעם פאַרעלטערונגס־געזעץ פון דער געשיכטע.

עס איז אָבער נאָך אַלץ אַ ספק, צי די אַלע דראַמאַטישע שריט וועלן ברענגען מיט זיך אַ ממשותדיקע קוואַליטאַטיווע ענדערונג, וואָס זאָל ווירקלעך פירן צו דער אויסגעקוקטער לייזונג פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, דהיינו — צו אַ שלום־אָפּמאַך, אָדער פאַרקערט — צו אַן אַראָפּקייקלונג, וואָס קען, חלילה, פירן צו אַ נייער מלחמה. צו שטאַרק זענען סיי ישראל און סיי עגיפּטן פאַרשטעקט אין דעם בלינדן געסל פון אומבאַהאָלפנקייט, צו שטאַרק זענען זיי ביידע פאַרקנעכטעט צו זייערע אייגענע אילוזיעס, הבטחות און פאַרפליכטונגען, זיי זאָלן אַזוי לייכט זיך קענען אָפּזאָגן פון זיי; און צו טיף איז אויך די אָנגאַזשירטקייט פון דער אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע, אַז זי זאָל לאָזן פאַרלוירן גיין די קאָנטראָל איבער דער אַנטוויקלונג און עס זאָל ווידער אויפקומען די ברירה פון אַ מלחמה.

אין די לעצטע וואָכן זענען אָבער פאָרגעקומען אין ישראל אויסטערלישע זאַכן וואָס האָבן באַוויזן, אַז דער פּרעמיער מנחם בעגין האָט פאַרלוירן די קאָנטראָל נישט בלויז איבער די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען, נאָר אַפילו אויך איבער זיינע אייגענע מעשים און אַרויסזאָגונגען. מיט שטוינונג האָט די וועלט זיך צוגעקוקט ווי אַזוי עס ווערט אויסגעטווישט אויף קליינגעלט די

זעלטענע היסטאָרישע געלעגנהייט צו געווינען דעם שלום ביי אָנשטענדיקע באַדינגונגען. עס איז אוממעגלעך צו גלויבן, אַז בעגינס קראַנקייט, אָדער קליינלעכע פּערזענלעכע אַמביציעס, קנאה־שנאה צווישן מיניסטאָרן און אונטערגעשטעלטע שטרויכלונגען מצד די, וואָס האָבן מורא פאַרן שלום און פאַר **זיין פּרייז** — אַז אָט דאָס אַלץ זאָל קענען פאַרענטפערן דאָס אומפאַרגעבלעכע אַדורכלאָזן דעם היסטאָרישן שאַנס. צום בולטסטן האָט דאָס געבערענגט צום אויסדרוק דער מיניסטער פאַר האַנדל און אינדוסטריע יגאל הורוויץ, אַן אָפּשטאַמיקער פון מפא״י און פון רפ״י (היינט אין „ליכוד״), וועלכער האָט אין צווישנצייט שוין געהאַט דעמיסיאָנירט און צוריקגעצויגן זיין דעמיסיע צוליב זיין קעגנערשאַפט צום פאַרגעלייגטן צוגאָב־בודזשעט. ער האָט מיט דער גאַנצער ברוטאַלער אָפנהאַרציקייט געזאָגט, אַז אויב ער האָט אויסצוויילן צווישן דער ברירה פון אַ צוריקטריט צו די גרענעצן פון פאַר 1967 און אַ נייער מלחמה, וועט ער אויסוויילן די ברירה פון אַ מלחמה.

✶

ווען מיר קוקן זיך צו צום שפּיל אויפן פּאָליטישן שאַך־ברעט אין מיטעלן מזרח זינט דער דורכגעפאַלענער קאָנפערענץ אין איסמאַיליאַ, זעען מיר פאַר זיך דעם דראַמאַטישן געראַנגל צו פאַרמיידן דאָס אומפאַר־מיידלעכע, בעת אין דעם דאָזיקן געראַנגל פאַרלירט דער ישראלדיקער צד איין שאַך־פיגור נאָך דער אַנדערער, איין שלאַכט נאָך דער צווייטער. צום סוף איז דער געראַנגל אַריבער אין אַ פּאָליטישער היסטעריע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין בעגינס באַליידיקנדיקן אָפּוואַרפן סאַדאַטס בקשה וועגן דעם „זשעסט״ אין סיני, און האָט דערפירט צום איבעררייסן דעם לעצטן דירעקטן קאָנטאַקט, מיטן אַרויסטרייבן די ישראלדיקע מילי־טערישע דעלעגאַציע פון אַלעקסאַנדריע.

דערווייל איז פאַרלוירן געגאַנגען ביי דער עפנטלעכער מיינונג אויף דער וועלט, ביי די וואָס האָבן ביז איצט נאָך געגלויבט אין די גוטע כוונות פון דער ישראל־רעגירונג, דער צוטרוי צו דער ישראלדיקער מאָטיוואַציע פאַר אַ שלום. „פון דאַנען זעט עס אויס — שרייבט דער שליח פון „הארץ״ אין וואַשינגטאָן, יואל מאַרקוס — ווי ישראל וואָלט נישט דורכגעלאָזט קיין איינציקן תירוץ, כדי צו פאַרזוימען דעם עיקר״... „עס שאַפט זיך דער איינדרוק, שרייבט ער ווייטער אין דעם זעלבן אַרטיקל (פון 9־טן יוני), אַז ישראל כאַפּט זיך אָן אין יעדן מעגלעכן תירוץ, כדי אָפּצושטופּן דעם גורלדיקן צוזאַמענטרעף מיטן מאָמענט פון אמת״, דהיינו — מיט דער אָנטשיידונג פאַר אָדער קעגן אַ שלום. און אַזוי אַרום, פון איין תירוץ צום אַנדערן, פאַרלירט ישראל דאָס רעשטל צוטרוי, וואָס מ׳האָט נאָך צו איר אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אייראָפּע, צו אירע אמתדיקע כוונות, פאַרלאַנגען און שטרעבונגען.

דאָס איז, אויב עס גייט אין דער עפנטלעכער מיינונג פון דרויסן. פון אינעווייניק זעט אויס די לאַגע אַ סך מער טראַגיש. די נישט־קאָנטראָלירטע רייד פון דעם פּרעמיער, דער ווילדער אָנגריף קעגן דער אָפּאָזיציע נאָך

דער באַגעגעניש צווישן דעם פּאַרזיצער פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי שמעון פּרס און דעם עגיפּטישן פּרעזידענט סאַדאַט אין ווין און נאָך דעם באַזוך פון שמעון פּרס אין מאַראָקאָ, בעגינס אָפּזאָג צו דערלויבן דעם פירער פון דער אָפּאָזיציע זיך צו באַגעגענען מיטן יאַרדאַנישן קעניג כוסיין אין לאָנדאָן; די אַטאַקעס קעגן דער באַוועגונג „פּאַר שלום שוין איצט" („שלום עכשיו"), קעגן וועלכער עס איז אַרויסגערוקט געוואָרן די לעבער־לעבע באַשולדיקונג, אַז זי ווערט געשטיצט פון דער אַמעריקאַנער סי.איי.עי. די אָנגריפן קעגן דער א. ג. „לינקער מאַפּיע", וואָס איז כלומרשט טעטיק אין ראַדיאָ א.א.וו. — דאָס אַלץ האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין דעם גראָ־טעסקישן מכשפות־געיעג, וואָס ווערט אָנגעפירט פון די אַלטע געטריייע וועטעראַנען פון „חרות", און זיי וואַרפן דאָס אָן זייער דיקטאַט דער רעגירונג.

✶

די עיקרדיקע סיבה צוליב וועלכער עס זענען דורכגעפאַלן די געשפּרעכן צווישן בעגין און סאַדאַט אין איסמאַיליאַ, איז געווען בעגינס אָפּזאָג צו פאַרעפנטלעכן די „דעקלאַראַציע פון די כוונות" און צו דערקלערן אין איר די גרייטקייט פון צוריקקערן די פאַרנומענע שטחים פאַרן פּרייז פון אַ פולן קאָנטראַקטירטן שלום מיט אַלע זיינע אויסווירקונגען און מיט אַלע מעגלעכע זיכערהייט־רעגולירונגען, וואָס זאָלן פאַרהאַנדלט ווערן צווישן די צדדים אין דירעקטע פאַרהאַנדלונגען. דאָס איז דאָך געווי וואָס ישראל האָט פאַרלאַנגט נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, זינט ווען אירע פירער האָבן אָן אויפהער געטענה'ט, אַז עס האַנדלט זיך נישט אין די שטחים, נאָר אין דעם „מהות פון דעם שלום".

אָט דעם מהות האָט סאַדאַט פאַרגעלייגט צו געבן ישראל, ברענגענדיק מיט זיין וויזיט אין ירושלים זיין דע פאַקטאָ־אָנערקענונג פון ישראל. אָנשטאָט דער גרייטקייט צו דערפילן די אַמאָליקע צוזאָגן פון ישראל, איז אָבער געקומען די פאַרשטאַרקטע קאָלאָניזאַציע פון די באַזעצטע שטחים. מ'קען האָבן טענות צו דעם אָדער יענעם טאַקטישן שריט פון עגיפּטישן פּרעזידענט אין דעם אָנגעהויבענעם שלום־פּראָצעס, אָבער מ'קען נישט לייקענען — און נישט נאָר עזר ווייצמאַן, נאָר אַפילו משה דיין האָט דאָס באַשטעטיקט — אַז סאַדאַטס כוונות אין שייכות צו אַ שלום זענען ערלעכע.

עס דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז אויב סאַדאַט האָט פאַרלאַנגט אַ פאַר־פליכטונג פון ישראל צו פאַרלאָזן די אָקופּירטע שטחים, האָט ער דאָס נישט געמיינט עס זאָל אַדורכגעפירט ווערן שוין איצט. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דאָס קען נישט זיין אָן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט יאַרדאַניע און מיט די פאַרשטייער פון דער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג, און אַז אַזעלכע אונטערהאַנדלונגען קענען זיך פאַרציען און אויך זיך נישט איינגעבן; ער האָט דאָס אָבער געדאַרפט, כדי נישט צו ווערן איזאָלירט אין דער אַראַבישער וועלט און כדי צו קענען צוציען צו די אונטערהאַנדלונגען דעם קעניג כוסיין, און צו באַקומען אַמעריקאַנישע הילף פאַר דער צעטרייסלטער אָרעמערווירטשאַפט פון זיין לאַנד.

אמת, עס איז נאַיִוו צו גלייבן, אַז עס וועט קענען דערגרייכט ווערן אַ דויערהאַפטיקער שלום אָן דער באַטייליקונג פון דער פּ.ל.אָ. אין די אונטערהאַנדלונגען און אָן איר אונטערשריפט אונטער אַ שלום־אָפּמאַך. דערווייל אָבער זענען בעגין און סאַדאַט פּאַראייניקט אין זייער קעגנער־שאַפט צו דער פּ.ל.אָ., און אויך דורך דעם האָט סאַדאַט געהאָפט צו דערגרייכן אַ גרעסערע נאָכגעביקייט פון ישראל פאַר זיין פּלאַן. סאַדאַט איז אַפילו גרייט געווען צו באַהאַנדלען דעם פּלאַן פון דער בעגין־רעגירונג וועגן אַן אויטאָנאָמיע פאַר די פּאַלעסטינער אויף די שטחים אונטערן מיליטערישן פּראָטעקטאָראַט פון ישראל — מיטן באַדינג, אַז ישראל זאָל אָנערקענען די ציטווייליקייט פון דעם דאָזיקן סטאַטוס און זאָל זיך פאַרפליכטן אים צו ענדערן נאָך דער איבערגאַנגס־צייט פון פינף יאָר.

דעם דאָזיקן באַדינג האָט ישראל אָפּגעוואָרפן, — אין איר נעגאַטיוון ענטפער אויף די באַרימטע צוויי פראַגן פון וואַשינגטאָן. דער ענטפער האָט דאָן, ווי באַוווסט, אַרויסגערופן אַ שלעכטן אָפּקלאַנג אויך ביי אַמעריקאַנער יידן, וואָס איז געקומען צום בולטן אויסדרוק גראַד אין די ביטערע קריטי־קירנדיקע דערקלערונגען פון סענאַטאָר דזשאַוועץ, איינעם פון ישראלס בעסטע באַשיצערס אין וואַשינגטאָן. שוין דאַן האָט אויסגעזען, אַז דער שלום־פּראָצעס שטייט פאַר אַ צוזאַמענברוך, און די ספּאָנטאַנישע רעאַקציע פון עזר וויצמאַן, אַז „איך דאַרף צוגרייטן די אַרמיי צו דער קומענדיקער מלחמה", האָט אָפּגעשפּיגלט די געפאַרן, וואָס עס האָט אין זיך געטראָגן דער דאָזיקער ענטפער פון דער בעגין־רעגירונג.

עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז די פאַרמיטלונג פון דעם עסטרייכישן סאָציאַליסטישן קאַנצלער ברונאָ קרייסקי האָט געהאָלפן פאַר־מיידן די דאָזיקע געפערלעכע אַנטוויקלונג, צוזאַמענפירנדיק דעם עגיפּטישן פּרעזידענט אויף באַזונדערע געשפּרעכן מיט עזר וויצמאַנען אין זאַלצבורג און מיט שמעון פּרסן אין ווין.ביידע באַגעגענישן זענען געווען פון אויסערגעוויינלעך וויכטיקן באַדייט פאַר דער פּאָזיטיווער אַנטוויקלונג פון דעם שלום־פּראָצעס, אָבער ביידע וויכטיקע דערגרייכונגען זענען גע־שטרויכלט געוואָרן דורך דער היסטערישער פּאָליטיק פון דער בעגין־רעגירונג.

דער „ווינער דאָקומענט", וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך אבא איבען, שטעלט מיט זיך פאָר אַ ברייטע באַזע, ענלעך צו דער רעזאָלוציע נומ' 242 פון זיכערהייטס־ראַט (וועלכע איז, אגב, אויך איינגעשלאָסן אין דער ווינער דעקלאַראַציע), פאַר שלום־אונטערהאַנדלונגען אין מיטעלן מזרח. אַ מין דעקלאַראַציע פון כוונות, וועלכע קען, פונקט אַזוי ווי די רעזאָלוציע נומער 242, אויסגעטייטשט ווערן דורך יעדן ווי עס איז אים באַקוועם, מחמת זי שליסט נישט איין אין זיך די עקסטרעמע שטרייט־פּראָבלעמען פון די צדדים. דער דאָזיקער דאָקומענט איז אָבער שאַרף אַטאַקירט געוואָרן דורך בעגינען און זיינע אָנהענגער.

אַ סך וויכטיקער פון דעם איז געווען די באַגעגעניש פון סאַדאַטן מיטן ישראלדיקן זיכערהייטס־מיניסטער עזר וויצמאַן. אויף אָט דער באַגעגעניש האָט סאַדאַט אַרויסגערוקט דעם געדאַנק וועגן אַ ישראלדיקן „זשעסט"

אָדער בהדרגהדיקע שריט אין סיני, וואָס זאָלן פּאַרויסברענגען דעם „מאָמענטום" פון שלום, און ער האָט אויך, ווי מ'גיט איבער, פּאָרגעלייגט צו פירן אין אַלעקסאַנדריע געהיימע געשפּרעכן, וואָס זאָלן דערפירן צו אַ וועלכן עס איז תכלית אין די אונטערהאַנדלונגען צווישן ישראל און עגיפּטן. די נישט ערנסטע באַציִונג פון דער רעגירונג צו די דאָזיקע פּאַר־שלאָגן — ווי וויייצמאַן האָט דאָס מודה געווען נאָך דער זיצונג פון דער רעגירונג ערב דיינ'ס אַרויספאָר קיין לאָנדאָן — און דער עפּנטלעכער וויכוח וועגן דעם, האָבן דערפירט צו סאַדאַטס באַשלוס צו באַזייטיקן פון אַלעקסאַנדריע די ישראלדיקע מיליטערישע דעלעגאַציע, „וועלכע האָט שוין דאָרט נישט וואָס צו טאָן".

דאָס איז געשען גראָד אין דער זעלבער צייט, ווען אין בעלגראַד איז זיך צונויפגעקומען די קאָנפערענץ פון די „נישט־אַנגאַזשירטע מדינות" און עס איז דאָרט געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו פון אַ פאַרשטענדיקונג צווישן מצרים און די אַראַבישע „אָפּזאָג־לענדער", וועלכע זענען שאַרפע קעגנער פון סאַדאַטס סעפּאַראַטע אונטערהאַנדלונגען מיט ישראל. דאָס איבעררייסן דעם דירעקטן קאָנטאַקט מיט ישראל וועט איצט פאַרוואַנדלען וואַשינגטאָן אין דעם איינציקן פאַרבינדונגס־קאַנאַל צווישן ישראל און עגיפּטן.

אין אָנבליק פון דער פאַרבליבענער ברירה פון אַן „אַמעריקאַנישן שלום", וואָס זאָל אויפגעצווונגען ווערן דורך וואַשינגטאָן, וועט זיך נאָך מער פאַרטיפן דער תהום צווישן ביידע צדדים. און אויב עס וועט נישט געלינגען די אַמעריקאַנער אָנצוואַרפן די צדדים אירע פּלענער, וועט ווידער פירן דער וועג צוריק קיין זשענעווע, פון וואַנען סיי ישראל און סיי עגיפּטן זענען אַנטלאָפן, נישט וועלנדיק האָבן די רוסן פאַר קיין שותפים צו דער לייזונג...

✶

„**מ'גיט נישט קיין זאַך פאַר גאָרנישט**" — האָט בעגין געזאָגט צו סאַדאַטן, פאַרלאַנגענדיק אַ פּרייז פאַר דעם זשעסט, וועלכן סאַדאַט האָט אים פאָרגעלייגט צו מאַכן. אַליין איז אָבער בעגין נישט גרייט געווען ביז איצט צו באַצאָלן דעם פּרייז פאַרן שלום, וועלכן ער וויל באַקומען פון די אַראַבער. אַן אויפגעצווונגענער שלום וועט אָן ספק פאַרפליכטן צו אַ פיל העכערן פּרייז.

אין נאָוועמבער 1977, ווען סאַדאַט איז געקומען קיין ירושלים, האָט עס אויסגעזען פאַר אונדז אַלעמען, אַז דאָס אוממעגלעכע איז געוואָרן מעגלעך. נאָך אָט דער תקופה פון תירוצים און פאַרזוימטע געלעגנהייטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מדינה־פירער, וועמען די געשיכטע האָט אָנפאַרטרויט די גורלדיקע שליחות, טוען אַלץ, כדי צו מאַכן דאָס מעגלעכע — פאַר אוממעגלעך...

„אונזער צייט", סעפּטעמבער 1978

43.

צי וועט גיין אַ ווייסער רויך פון קעמפּ דייוויד?

נישט אַלע זענען בײַ דער זעלבער מיינונג, וואָס שייך די דערוואַרטונגען און די אויסזיכטן פון דער ישראל־מצריש־אַמעריקאַנישער שפּיצן־קאָנפערענץ, וואָס ווערט היינט דערעפנט אין קעמפּ־דייוויד; אָבער אַלע זענען איינשטימיק בײַ דער מיינונג, אַז דאָס איז אַ קאָנפערענץ, וואָס האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין היסטאָריש־פּאָליטישן פּרעצעדענט: דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ווי אַ פּרעזידענט פון אַ גרויסמאַכט לאַדט איין צו זיך די פירער פון צוויי פיינטלעכע מדינות. כדי שלום צו מאַכן צווישן זיי.

— פאַרוואָס טאַקע אין קעמפּ דייוויד?

— און, צי וועט טאַקע דערגרייכט ווערן אַ הסכם אין קעמפּ דייוויד?

אויף דער ערשטער פראַגע איז לייכט צו ענטפערן. נישט אַזוי איז מיט דער צווייטער פראַגע.

קעמפּ דייוויד איז אַ ריין אַמעריקאַנישע דערפינדונג. אַ סך — כמעט אַלע — מלוכה־פירער אויף דער וועלט האָבן זייערע פּריוואַטע דאַטשעס, וווּ זיי פאָרן אַרויס אין פאַרשידענע סעזאָנען פון יאָר זיך אָפּצורוען. ברעזשניעוו, למשל, פאָרט אַרויס אויף זומער אויף דאַטשע אין קרים אָדער אין אַן אַנדער אָרט ביים ברעג פון שוואַרצן ים; דער פּרעזידענט טיטאָ האָט זיך זיין זומער־פּאַלאַץ אויפן אינדזל בריאָני; דער רומענישער פּרעזידענט טשאַושעסקו פאַרברענגט זיינע אורלויבן אין דעם פּאַלאַץ פון די אַמאָליקע רומענישע קעניגן אין סינאַיאַ — אַ פּראַכטפול בילדעריש שטעטל אין די קאַרפּאַטן־בערג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ נזיר, וועלכער האָט אין די צייטן פון מיטלאַלטער זיך צוריקגעקערט פון זיין התבודדות גראָד אין סיני; דער פּרעזידענט סאַדאַט האָט עטלעכע פּאַלאַצן אין פאַרשידענע געגנטן פון מצרים, און אין יעדן פּאַלאַץ פאַרטראַכט ער אַן אַנדערן ערנסטן געדאַנק (נאָר בעגין און אויך די פריערדיקע מלוכה־פירער פון ישראל, האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן אַזאַ לוקסוס). אויך די אַמעריקאַנישע פּרעזידענטן האָבן זיך זייערע פּריוואַטע פּאַלאַצן און ווילעס, וווּ זיי רוען זיך אָפּ און פאַרברענגען אין פּריוואַטער אָנטשפּאַנונג.

קעמפּ דייוויד איז אָבער אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. קעמפּ דייוויד איז נישט קיין פּריוואַטער אָפּרו־אָרט פון דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט, נאָר אַ מין מלוכהשער מקום מקלט פאַר היסטאָרישער דיסקרעציע. דאָס דאָזיקע אָרט איז באַשטימט געוואָרן ווי די איינציקע אַנטרינונג פאַר די אַמעריקאַנישע מלוכה־פירער זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער עלעקטראָנישער קאָמוניקאַציע און פאַרן בייזן אויג פון דער עפנטלעכער מיינונג, כדי דאָרט צו קענען „מאַכן געשיכטע" אונטער אַבסאָלוטער דיסקרעציע און אָנצונעמען דאָרט היסטאָרישע באַשלוסן, אָן צו ווערן פון וועמען עס איז געשטערט.

פון אונדזער ישראלדיקער ווירקלעכקייט ווייסן מיר ווי שווער עס איז אויפצוהאַלטן מלוכהשע סודות, וועגן וועלכע עס ווערט באַשלאָסן אין די קאַבינעטן פון דער רעגירונג. נישטאָ קיין זיכערע קאַבינעטן, פון וועלכע אַזעלכע געהיימע באַשלוסן זאָלן נישט קענען „אַרויסטריפן" אין דרויסן אַרויס. מיר האָבן דאָס לעצטנס געהאַט אין שייכות מיטן באַריכט פון עזר וויצמאַן וועגן זיינע געשפּרעכן מיט סאַדאַטן אין זאַלצבורג און וועגן סאַדאַטס פאָרשלאָג צו מאַכן אים אַ זשעסט אין באַצוג צו על־אַריש און סאַנטאַ קאַטערינאַ. מיר געדענקען אויך וויפל שאָדן די דאָזיקע און אַנדערע אַרויסטריפונגען — אומשולדיקע אָדער בכיוונדיקע — האָבן פאַרשאַפט דער מדינה.

די רעזידענץ פון מלוכהשע סודות

קעמפּ דייוויד איז אָבער איינער פון די ווייניקע ערטער, ווו זשורנאַליסטן קענען נישט צוקומען. דאָס אָרט געפינט זיך בערך 150 קילאָמעטער פון וואַשינגטאָן אין אַ פאַרוואָרפענער געגנט, נעבן דעם שטעטל טורמאָנט (פאַרגרייזט פון דעם פראַנצויזישן וואָרט „סור מאָנט", וואָס באַדייט: אויף אַ באַרג), געבוויט מיט דער גאַנצער ספּאַרטאַנישער באַשיידנקייט פון אַ מיליטערישן לאַגער. אין גאָר באַשיידענע באַדינגונגען קען דער פּרעזידענט זיך דאָ אָפּזונדערן צוזאַמען מיט זיינע געסט, בעת די זשורנאַליסטן ווערן נישט צוגעלאָזט ביז אַ מהלך פון 300 מעטער פון דעם אָרט. דעם נאָמען „קעמפּ דייוויד" האָט געגעבן דעם דאָזיקן לאַגער דער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט אייזנהאַוער — אויפן נאָמען פון זיין אייניקל, וועלכער פלעגט צוזאַמען מיטן זיידן פאַרברענגען גאַנץ אָפט אין דער דאָזיקער דאַטשע.

פאַרשטייט זיך, אַז היינטיקע צייטן קען מען אַפילו אין קעמפּ דייוויד נישט פולשטענדיק זיך איזאָלירן פון דער וועלט. די דריי פּרעזידענטן, וועלכע זענען אַרומגערינגלט מיט אַ סוויטע פון צאָליקע דעלעגאַציעס, מיניסטאָרן און ראַטגעבערס, וועלן דאַך דאַרפן דערשיינען פאַר די פאַר־שטייער פון דער פּרעסע אָדער באַריכטן זיי יעדן טאָג וועגן דעם גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען. די באַריכטן וועלן אָבער זיין זייער לאַקאָנישע און, ווי עס איז געוואָרן אָפּגערעדט, וועט דאָס זיין נאָר דער אַמעריקאַנישער וואָרטזאָגער, דער פּרעסע־אָפיציר פון ווייסן הויז, וועלכער וועט איבער־געבן די קורצע טרוקענע טעגלעכע באַריכטן. קלאָר, אַז אין די דאָזיקע באַריכטן וועט ווערן מער פאַרהוילן, ווי אויפגעדעקט, און די וועלט־פּרעסע וועט זיין געצוווּנגען זיך מער צו באַשעפטיקן מיט פּרובירן טרעפן די רעטענישן, איידער מיט קאָנקרעטע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם אמתדיקן גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען.

עס איז פאַראַן אַן אָרט, אַן אינסטיטוציע, וואָס איז נאָך מער איזאָלירט ווי דער קעמפּ דייוויד — און דאָס איז די סיקסטינער קאַפּעלע ביים וואַטיקאַן אין דער צייט, ווען עס קומט דאָרט פאַר די אַ. ג. „קאָנקלאַווע", דהיינו — ווען עס ווערט דאָרט אויסגעוויילט אַ נייער פּויפּסט. דאָרטן זיצן די 111 אָדער מער קאַרדינאַלן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען עס געלינגט זיי נישט

אויסצוווילן דעם פּויפּסט. נאָך יעדער אָפּשטימונג, וואָס גיט נישט דעם קאַנדידאַט קיין אַבסאָלוטע מערהייט, ווערט אַרויסגעלאָזט פון קוימען אַ שוואַרצער רויך פון די פאַרברענטע שטים־צעטלען, וואָס זענען אויסגע־מישט מיט געדיכטן אייל. דאַקעגן, ווען עס גייט אַרויס פון קוימען אַ ווייסער רויך, ווייסט דאָן דער פאַרזאַמלטער עולם אין דרויסן, אַז עס איז דאָ אַ נייער פּויפּסט, אַז די קאָנקלאַווע האָט זיך פאַרענדיקט און די קאַרדינאַלן קענען שוין פריי פאַרלאָזן זייער היילקן „אַרעסט".

אין קעמפּ דייוויד דערוואַרט מען נישט קיין ווייסן רויך. עס וואָלט אפשר גוט געווען, ווען אויך פון דאָרט וואָלטן די מנהיגים פון די דריי מדינות נישט אַרויסגעלאָזט געוואָרן ביז וואַנען זיי וועלן נישט דערגרייכן קיין פולע פאַרשטענדיקונג. אָבער אַלע ווייסן, אַז דאָס איז אוממעגלעך. דער תהום פון די קעגנזאַצן איז צו טיף, כדי צו קענען דערגרייכן אַ פולן הסכם, דהיינו, אַ פאַרטיקן שלום־אָפּמאַך. אָבער אויב די געשפּרעכן וועלן זיך נישט פאַרענדיקן מיט אַ דורכפאַל — וועט דאָס שוין אַן־און־פאַר־זיך זיין אַ דערפאָלג. דער גאַסטגעבער, פּרעזידענט קאַרטער, האָט באַשלאָסן נישט צו באַגרענעצן די צייט פון דער קאָנפערענץ, און זי קען דויערן אַפילו צען טעג — אָבער אויך קאַרטער ווייסט זייער גוט, אַז צו קיין פאַרטיקן שלום־הסכם וועט די קאָנפערענץ נישט דערפירן. אָבער אויב עס וועלן דערגרייכט ווערן בשותפותדיקע הנחות פאַר די ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען און אויב עס וועט געעפנט ווערן אַ וועג, וואָס זאָל דערמעגלעכן צוציען צו די אונטערהאַנדלונגען אויך דעם יאַרדאַנישן קעניג כוסיין — וועט עס זיין אַ דערפאָלג.

די כוונות און די מעגלעכקייטן

און אַז די צדדים זענען פאַראינטערעסירט אין אַ דערפאָלג — דאַרף מען פאַרשטיין נישט נאָר צוליב די אויפריכטיקע נאַציאָנאַלע כוונות פון די דריי פירער און זייער ווילן און חוב צו פאַרמיידן אַ נייע מלחמה — ווייל אַ דורכפאַל עפנט אַ וועג צו אַ נייער מלחמה. און די דריי פירער זענען דאָך אַנגאַזשירט מיט זייערע הבטחות פאַר די פעלקער, וועלכע זיי רעפּרע־זענטירן און פון דעם מקיים זיין די דאָזיקע הבטחות איז אין אַ גאַר גרויסער מאָס אָפּהענגיק זייער קאַריערע, זייער פּאָליטישע צוקונפט.

פונעם דערפאָלג פון אָט דער קאָנפערענץ אין קעמפּ דייוויד — הגם ה' בעגין האָט געזאָגט, אַז זי איז נישט קיין גורלדיקע, ווייל דער גורל פון אַ פאָלק ווערט נישט באַשטימט פון קיין קאָנפערענצן — איז אויך אָפּהענגיק דער אינטערעס פון אונדזער ראַיאָן, דער אינטערעס פון יעדן איינעם לאַנד פון דעם ראַיאָן, דער אינטערעס פון ישראל און פון יידישן פאָלק, דער אינטערעס פון אַמעריקע — און אַפילו אויך דער אינטערעס פון דער גאַנצער וועלט. ווייל אַ דורכפאַל קען פירן, ווי געזאָגט, צו אַ מלחמה, און אַ מלחמה קען היינט זייער לייכט זיך אויסברייטערן צו אַ וועלט־פייער.

די פראַגע איז אָבער — ווי אַזוי פאַרשטייט יעדער מלוכה־פירער דעם אינטערעס פון זיין פאָלק. ווי זאָגט דאָס באַקאַנטע ווערטל: דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן...

„לעצטע נייעס", 5־טער סעפּטעמבער 1978

.44

די דרייצן גורלדיקע טעג

זענען מיר שוין, אַלזאָ, נאָך קעמפּ דייוויד. געננוי צען חדשים נאָך סאַדאַטס היסטאָרישן באַזוך אין ירושלים איז געלייגט געוואָרן דער ערשטער ממשותדיקער גרונט־שטיין פאַר אַ שלום אין מיטעלן מזרח: דערווייל נאָר פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום, נאָר מיט איינער פון די אַראַבישע מדינות — אָבער מיט דער וויכטיקסטער און שטאַרקסטער פון זיי אַלע, וואָס אָן איר קען קיין שלום נישט זיין, און אויך נישט קיין מלחמה אין ברייטן פאַרנעם. אָבער נאָך דעם לאַנגן און שווערן יסורים־וועג צו אָט דעם שלום, און באַזונדערס נאָך די לעצטע צען חדשים פון ביטערנישן, בייזוויליקע שטע־רונגען און אַנטוישונגען, איז די שמחה אין לאַנד, הגם אַ ספּאָנטאַנישע און אויפריכטיקע, געווען דאָס מאָל אַ סך מער סאָפּיסטיצירט און צוריק־געהאַלטן, אין פאַרגלייך מיט יענעם מעכטיקן אויסברוך פון גליק און התלהבות אין די טעג פון סאַדאַטס וויזיט אין ירושלים.

אויב די נייע אַנטוויקלונגען אין מיטעלן מזרח האָבן נאָך נישט באַוויזן צו פאַרווישן אין אונדזער זכרון דעם איינדרוק פונעם גרויסן טאָג פון דער בשורה וועגן דעם פּאָזיטיוון אויסגאַנג פון דער קאָנפערענץ אין קעמפּ דייוויד, איז כדאַי צו וואַרפן אַ בליק צו די דרייצן טעג פון דער „דריי־שפּיציקער" באַראַטונג, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַ סורעאַליסטישער ספּעקטאַקל: אַ גרופּקע דערוואַקסענע מענטשן, פאַרשלאָסן אין אַ מין זומער־אַפּרו־לאַגער, פאָרן אַרום אויף ראָווערן, שפּילן שאָך, שווימען, לויפן, פאַרנעמען זיך מיט ספּאָרט, שפּילן פוטבאָל, בילאַרד, קוקן אויף פילמען. די דאָזיקע בילדער און שילדערונגען פון אָט דעם צווילן דאַטשע־שטייגער זענען, אַגב, געווען די איינציקע פרייע אינפאָרמאַציעס, וואָס האָבן אַרויסגעטריפט פון דער קאָנפערענץ...

פון דער אַנדערער זייט האָבן די זעלבע מענטשן זיך געפירט ווי מלוכה־לייט, וואָס אויב נישט דער גורל פון דער גאַנצער וועלט, איז לפּחות דער גורל פון דעם מיטעלן מזרח געווען אָפּהענגיק פון דעם אופן ווי אַזוי זיי האָבן געפירט די ענינים.

עס איז צייטנוויליז נויטיק צו קאָנפראָנטירן די נייע געשעענישן מיט די שוין פאַרגעסענע פאַרקומענישן פון פריער, וואָס עס דוכט זיך, אַז זיי האָבן שוין פאַרלוירן זייער באַדייט. דאָס איז נויטיק, כדי צו פאַרשטיין די נייע אַנטוויקלונגען, וועלכע זענען אַ רעזולטאַט פון יענע פאַרגעסן־געוואָר׳ענע זאַכן פון פריער. דורך זייער פּריזמע קען אפשר לייכטער זיין זיך פאַרצורשטעלן וואָס עס איז פאָרגעקומען אין יענע דרייצן גורלדיקע טעג אין דעם פאַרשלאָסענעם „זומער־לאַגער" פון די דריי מדינה־פירער און זייערע געהילפן אין קעמפּ דייוויד.

*

דער שלום־פּראָצעס האָט פּאַקטיש זיך אָנגעהויבן נישט מיט סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים, וועלכער איז געווען דער דראַמאַטישער קלימאַקס פון דעם אָנהויב, בעת קעמפּ דייוויד איז געווען דער „העפּי־ענד" פון דער דראַמע (בכלל ווערן באַנוצט אַ סך טעאַטער־טערמינען ביים שילדערן דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען הינטער דעם פאָרהאַנג פון דער קאָנפערענץ און פאַר איר). אָנגעהויבן האָט זיך דער שלום־פּראָצעס געניי אַ יאָר פאַר קעמפּ דייוויד, בעת דעם געהיימען באַזוך פון משה דיין אין מאַראָקאָ, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיטן עגיפּטישן וויצע־פּרעמיער מוכאַמעד כאַסאַן טאַהאַמי, וועלכער איז געפאָרן אַהין אין שליחות פון סאַדאַטן. די דרייצן טעג אין קעמפּ דייוויד זענען געווען, פאַקטיש, אַ קאָנדענסירטע איבער־חזרונג פון דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין משך פון דעם יאָר, מיט אַלע עליות און ירידות, מיט אַלע אָט־אָט־אָטן און מיט אַלע שטרויכלונגען, פון וועלכע מיר זענען עדות געווען אין משך פון דעם יאָר. דער עיקרדיקער געראַנגל — ביים קעגנזייטיקן ווילן צו קומען צו אַ הסכם — איז דאָך אָנגעגאַנגען אַרום די כוונות פון ביידע צדדים, בעת דער תהום צווישן די דאָזיקע כוונות איז געווען — און איז נאָך אַלץ, אין פּרינציפּ, געבליבן — זייער טיף.

אין דער זעלבער צייט איז אָבער פאָרגעקומען אויף אָט דער קאָנפערענץ אַ געוואַלדיקער איבערברוך, אויב נישט אין די כוונות, איז לפּחות אין דער גרייטקייט אויף אַ פּשרה און אויף אומגלויבלעכע ביז דאַן קאָנצעסיעס. ווי אַזוי איז דאָס געקומען צו דעם, אַז נאָך דעם ווי עס האָט אין דעם פאַר־לעצטן טאָג פון דער קאָנפערענץ געהאַלטן פאַר איר זיכערן אויפרייס — איז פּלוצים געקומען אָט די דראַמאַטישע ווענדונג, וואָס האָט דערמעגלעכט צו ברענגען די איבעראַשנדיקע בשורה וועגן דעם גליקלעכן סוף?

ערשט נישט לאַנג, נאָך עזר וויצמאַנס צוריקקער פון זיין באַגעגעניש מיט סאַדאַטן אין זאַלצבורג, האָט מנחם בעגין, אָפּוואַרפנדיק עפנטלעך סאַדאַטס דיסקרעטע בקשה וועגן אַ „זשעסט" אין סיני, דערקלערט, אַז „מ'גיט נישט קיין מתנה פאַר גאָרנישט", און האָט בעת זיין אויפטריט אין דער כנסת פאַרזיכערט, אַז... „מיר וועלן נישט אַוועקגעבן אַפילו קיין איינציק זעמדעלע פון מדבר אָן צו באַקומען אַ געהעריקן פּרייז".

אַרום דעם פּרייז איז טאַקע פאָרגעקומען, ווי עס פּירט זיך אין אַזעלכע אינטערהאַנדלונגען, דאָס עיקרדיקע דינגעניש אין קעמפּ דייוויד. ווי אַזוי איז עס, אַלזאָ, געקומען צו דעם, אַז דווקא בעגין זאָל באַצאָלן דעם פּרייז, וועלכער איז פריער געווען פאַר אים אַן אַבסאָלוטער „טאַבו"? און אַזוי אויך פאַר דיינ'ען, וועלכער האָט בשעתו, נאָך אין יאָר 1972, אָפּהענגיק געמאַכט זיין ווייטערדיקע אָנגעהעריקייט צו דער אַרבעטס־פּאַרטיי פון איר גרייטקייט אָנצונעמען זיין פּלאַן וועגן אויפשטעלן אין צפון־סיני די שטאָט ימית פאַר אַ באַפעלקערונג פון 250 טויזנט יידן?

עס איז היינט פאַר קיינעם קיין ספק נישט, אַז דאָס איז געווען אַן אויפ־געצוווּנגענער הסכם, פאַר וועלכן די מנהיגים פון ישראל האָבן אַלעמאָל אַזוי שטאַרק זיך געשראָקן און אָפּגעוואָרפן דעם עצם געדאַנק וועגן דעם. ער איז אויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף זייער אַ העפלעכן און אַנשטענדיקן

אופן — דורך דער פולער אַנגאַזשירטקייט פון די פּאַראײַניקטע שטאַטן אַלס אַ „גלײַכער שותף", אַזוי ווי סאַדאַט האָט פאַרלאַנגט. אָבער פּונקט אַזוי ווי די מערהייט פון פאָלק האָט אָנגענומען באהבה דעם דאָזיקן פאַקט, אַזוי האָט זי אָנגענומען באהבה — חוץ די פאַנאַטיקערס פון צווישן בעגינס פריערדיקע אָנהענגערס — אויך דעם פּרייז פון אויפגעבן די זידלונגען, ווי ווייטיקלעך דאָס זאָל נישט זײַן פאַר די אַלע, וואָס האָבן געגלויבט אין זייער האַפטיקייט און נוצן. די מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין ישראל — סײַ די „שוויַיגנדיקע מערהייט" און סײַ אירע געוויילטע פאַרשטייער אין דער כנסת — האָט אַרויסגעוויזן אַ הויכן גראַד פון בירגערלעכער רײַפקייט און האָט אָנערקענט דעם גרויסן פאַרדינסט פון בעגינען, טראָץ זײַנע סתירותדיקע דערקלערונגען און טראָץ דעם אומהיימלעכן געפיל צוליב זײַן קליינלעכער אויפפירונג. מיט זײַן עצם איינגיין אויף אַזעלכע גרויסע הנחות האָט ער פאַרדינט די אָנערקענונג פון זײַנע אידעיִשע קעגנער. אמת, קיין שום מלוכה-מאַן, קיין שום געוויסנהאַפטער מדינה-פירער, האָט אַנדערש נישט געטאָרט האַנדלען און האָט געדאַרפט גיין נאָך ווייטער, כּדי צו דערמעגלעכן אַ ברייטערן שלום. אָבער ווי פאַר אים, איז דאָס זייער אַ סך.

אמת, בעגין האָט שוין באַוויזן, גלײַך נאָכן אונטערשרײַבן דעם הסכם, צו פאַרפּלאָנטערן זיך אין סתירות און צו לייגן נײַע קלעצער אונטער די רעדער פון דעם שלום-פּראָצעס, וועלכער געפינט זיך איצט אויפן העכסטן גאַנג. ער האָט שוין באַוויזן צו אינטערפּרעטירן די אָפּמאַכן אַזוי, אַז דאָס אויפשטעלן נײַע זידלונגען אויף די אָקופּירטע שטחים וועט קענען באַנײַט ווערן נאָך דרײַ חדשים, דהיינו נאָכן אָפּשליסן דעם שלום-אָפּמאַך מיט עגיפּטן, און אַז די ישראל-אַרמיי וועט בלײַבן אויף די דאָזיקע שטחים אויף שטענדיק, א.א.וו. ער האָט אויך דערקלערט, אַז ער האָט נישט געענדערט זײַנע פּרינציפּן — און עס איז באַוווּסט, אַז מיט **זײַנע פּרינציפּן**, מיט זײַן אידעאָלאָגישן צוגאַנג פון „שלמות הארץ" וועט ער נישט קענען פירן קיין שלום-אונטערהאַנדלונגען וועגן דער צוקונפט פון מערבדיקן ברעג און פון עזה-פּאַס. לאָמיר דעריבער האָפן, אַז ער וועט אויך אין דער פראַגע אַרויס-ווײַזן דעם געהעריקן ציווילן מוט, אַזוי ווי איצט, אין דער פראַגע פון סיני — אָדער ער וועט מוזן אָפּטרעטן פון דער מאַכט צוזאַמען מיט זײַנע פּרינציפּן, ווײַל די דינאַמיק פון דעם שלום-פּראָצעס וועט צו דעם דערפירן.

*

אין אָט די אומשטענדן האָבן גאָר אויסטערליש זיך אויפגעפירט די עיקרדיקע פירער פון דער היגער אַרבעטס-פּאַרטיי — באַזונדערס גאָלדע מאיר, שמעון פּרס און ישראל גלילי — וועלכע האָבן פון איין זײַט באַגריסט בעגינס אויפטו, דעם שלום, און פון דער אַנדערער זײַט אים קריטיקירט צוליב דעם פּרייז, אויף וועלכן ער איז איינגעגאַנגען. שוין פון לאַנג, פון זינט בעגין איז געקומען צו דער מאַכט, האָבן גראַד די פירער פון דער אַרבעטער-פּאַרטיי אים אַטאַקירט **פון רעכטס**, באַקלאָגנדיק זיך אויפן צו הויכן פּרייז. דאָס איז פאַרשטענדלעך, ווען מ'נעמט אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז די פריערדיקע רעגירונג פון „מערך" האָט געהאַלטן אויפשטעלן

די נייע זידלונגען, און ישראל גלילי איז געווען דער מחבר פון דעם טרויעריק־באַרימטן „גלילי־דאָקומענט" וועגן אויפשטעלן אַ נעץ פון נייע ישובים אויף די „שטחים" מיטן באַשלוס זיי נישט צוריקצוגעבן. די דאָזיקע ישובים האָבן זיך איצט אַרויסגעוויזן אַלס די גרעסטע שטרויכלונגען אויפן וועג צו אַ שלום.

שמעון פרס, דער איצטיקער פאָרזיצער פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי, האָט אין זיין ערשטער רעאַקציע אויפן אָפּמאַך אין קעמפּ דייוויד געזאָגט, אַז דאָס זעלבע האָט מען געקאָנט דערגרייכן מיט אַ האַלב יאָר צוריק, פאַר אַ „קלענערן פּרייז". עס איז אַ ספק, צי סאַדאַט וואָלט מיט אַ האַלב יאָר צוריק מסכים געווען איבערצולאָזן די דאָזיקע ישובים אין סיני; עס איז אָבער קיין ספק נישט, אַז ישראל וואָלט באַצאָלט אַ סך אַ קלענערן פּרייז — סיי פון אַריינגעלייגטער מי און פאַרטאַכליעוועטע כוחות און מיליאַרדן־הוצאות ביים בויען די ישובים, און סיי פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון די דריי טויזנט יונגע לעבנס בעת דער יום־כיפור־מלחמה — ווען די רעגירונג פון „מערך" וואָלט אָנטקעגנגעקומען דער איניציאַטיוו פון דעם און"אַ־פאַרמיטלער גונאַר יאַרינג מיט אַכט און מיט זיבן יאָר צוריק.

אָבער דער אָפּגעשלאָסענער הסכם אין קעמפּ דייוויד האָט צעטרייסלט און צעוואָרפן די היגע פּאַרטייִישע מאַפּע און האָט פאַרוואַנדלט בעגינס עיקרדיקע אָנהענגער — די פאַנאַטיקערס פון „גוש אמונים", די קעמפער פאַר „שלמות הארץ" און די עקסטרעמיסטן פון „חרות" בראש מיט גאולה כהן — אין זיינע שאַרפסטע קעגנער, וועלכע האָבן אַפילו אָנגערופן בעגינען, דיינ'ען און עזר וויצמאַנען — „פאַרעטער"; איינער פון די פירער און אידעאָלאָגן פון דער באַוועגונג פאַר ארץ ישראל השלמה, פּראָפ. עזרא זוהר, האָט אַפילו דערקלערט, אַז „דאָס איז דער שוואַרצסטער טאָג אין דער געשיכטע פון ציוניזם"... דאַקעגן איז די גרעסטע באַגייסטערונג פאַר בעגינען געקומען גראָד פון לינקס — פון של"י און פון „שלום עכשיו", וועלכע האָבן אים פריער אַזוי שאַרף באַקעמפט. אָבער אין די פּאַרטייען גופא גייט אַדורך די שייד־ליניע, בעת בן־אהרון און יוסי שריד, פון „עבודה", זענען בפירוש פאַר צוריקטרעטן צו די גרענעצן פון פאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אַלס דער פּרייז פון אַן אמתן שלום, און די גרעסטע מערהייט פון די כנסת־דעפּוטאַטן איז גרייט צו שטימען פאַר דעם אָפּמאַך.

די דאָזיקע סיטואַציע זאָגט עדות וועגן דער געוואַלדיקער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער עפנטלעכער מיינונג אין מאָמענט, ווען דער שלום איז געוואָרן אַ ממשותדיקע מעגלעכקייט, וועלכע האָט צע־טרייסלט דעם גאַנצן אַזוי־גערופענעם „נאַציאָנאַלן קאָנצענזוס", די אַל־געמיינע הסכמה, וואָס באַציט זיך צו דער פראַגע פון די שטחים און גרענעצן. עס האָט מיר דערציילט דער נאַכט־רעדאַקטאָר פון אַ היגער צייטונג אין יענעם טאָג פון דער דראַמאַטישער בשורה, אַז ער האָט אין זיין לייט־אַרטיקל גערופן אויפצוגעבן די ישובים אין סיני. „שטעל דיר פאָר, זאָגט ער, ווען איך וואָלט געוואַגט דאָס צו שרייבן מיט צוויי וואָכן

צוריק, וואָלט מען דאָך מיך פאַרשטיינערט; מיר אַליין וואָלט דאָך אַזאַ זאַך נישט געקענט קומען אויפן זינען״...

✶

אין דעם מבול פון די פאַרשידענע אָפּשאַצונגען פון די אָפּמאַכן אין קעמפּ דייוויד ווערט דורך דער היגער פּרעסע כמעט אינגאַנצן פאַרזען און פאַרשוויגן דער גלאָבאַלער אַספּעקט פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. די פּרעצעדענטלאָזע פאָרם פון דער קאָנפערענץ און דער שטאַרקער דרוק פון אַמעריקאַנער פּרעזידענט אויף ביידע צדדים איז אָן ספק באַווירקט געוואָרן פון דער דרינגענדיקער נויטווענדיקייט צו פאַרשטאַרקן די באַדראָטע אינטערעסן פון מערב אין דעם טייל פון דער וועלט. דאָס איז דער אינ־טערעס פון באַשיצן די נאַפט־פעלדער פון פּערסישן איינגוס ביזן ים־סוף און דער סועץ־בוכטע און שאַפן אַ זיכערהייטס־גאַרטל פון איראַן און די אַראַבישע נאַפט־עמיראַטן אין פּערסישן גאָלף, ביז עגיפּטן, און אַפילו, אויב ס׳איז מעגלעך — ביז מאַראָקאָ. פון דאַנען נעמט זיך די פאַרמיט־לונגס־ראָל וואָס דער קעניג פון מאַראָקאָ האָט גענומען אויף זיך, און די דרינגלעכקייט, מיט וועלכער סאַדאַט האָט זיך געאיילט אָפּצושליסן וואָס גיכער דעם אָפּמאַך, כדי בייצושטיין דעם קעגנדרוק פון די אַנדערע אַראַבישע לענדער.

די געשפּרעכן אין קעמפּ דייוויד זענען געשטאַנען אונטערן צייכן פון דער פאַרשטאַרקטער עקספּאַנסיע פון דער סאָוויעטישער השפּעה אין אַפ־ריקע, באַזונדערס אין עטיאָפּיע, פון וועלכער מצרים, סודאַן און סאָמאַליע פילן זיך באַדראָט, ווי אויך אין דרום־תימן אויפן דרום און אין אַפגאַניסטאַן אויפן מזרח. צו דעם איז איצט צוגעקומען די זאָרג פון אַמעריקע צוליב די בלוטיקע געשעענישן אין איראַן און די דערנענטערונג פון טערקיי צו סאָוויעט־רוסלאַנד. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך דער שטאַרקער צאָרן, וועלכן די אָפּמאַכן פון קעמפּ דייוויד האָבן אַרויסגערופן אין מאָסקווע. אַ גרויס רעטעניש איז אָבער געבליבן די נעגאַטיווע שטעלונג פון סאַוד־אַראַביע און פון קוווייט, ווי אויך דער ערשטער אָפּזאָג פון יאָרדאַניע זיך אָנצושליסן צו די אונטערהאַנדלונגען. וואָס שייך סאַוד־אַראַביע און קוווייט, זענען זיי פאַרזיכטיק, אויס מורא פאַר אינערלעכע אויפטרייסלונגען (קוווייט איז באַוווינט פון אַ גרויסער צאָל פּאַלעסטינער), בעת אין דער שטיל ווילן זיי האָבן די הילף פון אַמעריקע און האָבן שטאַרק מורא פאַרן קאָמוניזם.

וואָס שייך אָבער יאָרדאַניע, איז איר באַציִונג צו דער פּאַלעסטינער פּראָגע שטאַרק קאָמפּליצירט: פון איין זייט וויל זי צוריק דעראָבערן די פאַרלוירענע שטחים אויפן מערבדיקן ברעג און דער עיקר אין אַראַבישן טייל פון ירושלים, אָבער פון דער אַנדערער זייט איז דער מערבדיקער ברעג פאַר איר אַ שווערע לאַסט און זי ווייסט, אַז זי וועט דורך דעם אויך ווערן באַדראָט פון די פּאַלעסטינער נאַציאָנאַליסטן. פאַר איר וועט זיין לייכטער, אויב די פּאַלעסטינער וועלן אַליין אויסדינגען אָדער אָפּרייסן פון ישראל די דאָזיקע שטחים... דאָקעגן זענען אַמעריקע און עגיפּטן פאַראינטערעסירט אין דער אָנוועזנהייט פון יאָרדאַניע, און נישט פון דער

פ.ל.אָ., כל זמן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז באַווירקט פון פּראָ־סאָוויעטישע עלעמענטן און שטייט אין ענגער פאַרבינדונג מיט די „לענדער פון אָפּזאָג״, מיט וועלכע עגיפּטן איז איצט צעקריגט. פון דאַנען נעמט זיך אויך דער פאַקט, וואָס אין דעם דאָקומענט פון דעם הסכם, וועלכער איז נוגע די אונטערהאַנדלונגען וועגן די איבעריקע פּראָבלעמען פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, אויסער דער פראַגע ישראל־עגיפּטן, ווערט מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט די פראַגע פון גולן און די באַטייליקונג פון סיריע. זי ווערט פשוט איגנאָרירט.

און וואָס שייך בעגינען, אויב עס גייט אין דעם גלאָבאַלן אַספּעקט פון די אָפּמאַכן, איז כדאַי צו דערמאָנען די דערקלערונג, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן גלייך נאָכן איבערנעמען דעם רודער פון דער רעגירונג, אַז ישראל וועט העלפן אַמעריקע אין איר קאַמף קעגן קאָמוניזם און קעגן די סאָוויעטישע איינפלוסן, און זיין איצטיקע דערקלערונג אין וואַשינגטאָן, נאָך קעמפּ דייוויד, אַז ישראל איז גרייט צו געבן דעם אַמעריקאַנער פלאָט אַלע נויטיקע פּאָרט־באַדינונגען אין חיפה, און אַז אַמעריקע וועט קענען געניסן פון די וועאַקואירטע פלי־פעלדער אין סיני... (וואָס עגיפּטן האָט אָבער פּרינציפּיעל אָפּגעוואָרפן).

✶

אָבער דאָס איז נאָר איין זייט פון דער מטבע. די אַנדערע זייט איז — דאָס פּאַלעסטינער פּראָבלעם, צוליב וועלכן עס איז צוגעגאַנגען אַזוי שווער דער שלום־פּראָצעס מיט עגיפּטן, און וואָס אָן זיין לייזונג וועט זיין באַדראָט אויך דער סעפּאַראַטער שלום מיט עגיפּטן. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירט, צוליב די אומצאָליקע אינטערעסן, וואָס זענען אָנגעוואָקסן מיט דער צייט און וואָס קרייצן זיך אין אים, בעת יעדער צד אין דעם ראַיאָן, און אויך אויסער דעם ראַיאָן, נוצט אויס דאָס פּאַלעסטינע־פּראָבלעם פאַר זיינע אינטערעסן.

אין דער זעלבער צייט אָבער, ווען בעגין האָט זיך געטראָפן מיט סאַדאַטן אין קעמפּ דייוויד, איז אין אַ האָטעל אין מזרח־ירושלים פאָרגעקומען אַן איינציק־אַרטיקער צוזאַמענטרעף צווישן אַן ערך צוואַנציק פאַרשטייער פון דער ישראלדיקער אינטעליגענץ און אַן ענלעכער צאָל געבילדעטע פּאַלעסטינער פון מערבדיקן ברעג און פון עזה־פּאַס. בעגין און סאַדאַט האָבן זיך שוין פריער געהאַט צוויי מאָל באַגעגנט, אָבער דער ישראל־פּאַלעסטינער צוזאַמענטרעף איז געווען, פון אַ סך שטאַנדפּונקטן, אַן אַ פּרעצעדענט. צווישן די ישראלים זענען געווען אייניקע אָנגעזעענע אָריענטאַליסטן און מערערע אַקטיוויסטן פון דער שלום־באַוועגונג, פון די אוניווערזיטעטן, פון דער רעדאַקציע „ניו אוטלוק״, וועלכע האָט אָרגאַניזירט דעם צוזאַמענקום, אַקטיווע טוערס פון של״י, פון מפּ״ם און אויך די פון די מעסיקערע קרייזן פון „עבודה״. עס איז געווען די רעדאַקטאָרין פון „דבר״ חנה זמר און אַפילו אויך אַ כנסת־דעפּוטאַט פון דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, מפד״ל. צווישן די פּאַלעסטינער, דאַקעגן, זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געהאַט באַטייליקט אין אַזאַ מין אָפנהאַרציקן פרווו פון אַ פאַרשטענדיקונג. עס זענען געווען צווישן זיי אייניקע שטאָט־פּרעזידענטן

און פּראָפעסאָרן פון דער ביר־זייט־אוניווערזיטעט, וועלכע פּאַרהוילן נישט זייער אונטערשטיצונג פאַר דער פּ.ל.אָ.

די דיסקוסיעס זענען געווען אין טייל פאַלן שטאַרק עמאָציאָנעל און אַפילו שטורמיש, אויף אַ הויכן אינטעלעקטועלן, אָבער טיילמאָל אויך אויף אַ הויכן וואָקאַלן ניוואָ... אָבער טראָץ דער שאַרפער מחלוקת איז דער וויכוח צוגעגאַנגען אין אַ גוטער פּערזענלעכער אַטמאָספער, ביי אַ מוסטער־האַפטער העפלעכקייט און ביי אַן אָנשטרענג פוןביידע זייטן צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערנס מאָטיוון, פרוסטראַציעס און די סיבות פון דעם קעגנזייטיקן אומצוטרוי. קיינער האָט נישט געהאַט בדעה דעם אַנדערן איבערצוצייגן און צו דערווייזן די ריכטיקייט פון זיינע טענות, און די חילוקי־דעות זענען געבליבן אַזוי ווי פריער. און הגם אַלע האָבן געוווּסט, אַז די מחלוקת איז דורך דעם וויכוח נישט געוואָרן געלייזט און וועט נישט קענען לייכט געלייזט ווערן, זענען אָבער די מערהייט באַטייליקטע געווען צופרידן פון דער עצם געלעגנהייט זיך צוזאַמענצורעדן. און געזאָגט האָט דאָס צום מערסטן טרעפלעך אַ פּאַלעסטינער עקסטרעמער נאַציאָנאַליסט פון עזה־פּאַס, אַ הייסער אַנהענגער פון פּ.ל.אָ.: „מיר מוזן זיך ווידער טרעפן און זיך אַדורכרעדן; אויב מיר וועלן נישט רעדן צווישן זיך, וועלן מיר אומקומען".

אָט דאָס פּראָבלעם שטייט איצט פאַר ישראל, נאָכן דערגרייכן די פאַר־שטענדיקונג מיט עגיפּטן: ווי אַזוי צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט די פּאַלעסטינער, כדי צו קענען לעבן אין שלום, אַנשטאָט צו לעבן אונטערן שטענדיקן שאָטן פון טעראָר און אונטער די געפאַרן פון מלחמה און אומקום.

„אונזער צייט", אָקטאָבער 1978



.45

סע לאַ ווי...

די פּראָנצויזן — האָט געזאָגט דער פּרעמיער בעגין — האָבן אַ פיינע חכמה: „סע לאַ ווי", זאָגן זיי. אַזוי איז דאָס לעבן, וואָס קען מען מאַכן?

ה׳ בעגין האָט דאָס געזאָגט בעת דער פּרעסע־קאָנפערענץ פאַר די ישראלדיקע זשורנאַליסטן אין וואַשינגטאָן, גלייך נאָך דער קאָנפערענץ אין קעמפּ דייוויד, נאָכן אונטערשרייבן דעם „ראַמען־הסכם" אין ווייסן הויז. און געזאָגט האָט ער דאָס אין שייכות מיט די ידיעות פון לאַנד, וועגן דער קעגנערשאַפט פון אַ טייל פון זיינע פריערדיקע חסידים, די וואָס האָבן אים בלינד געגלויבט, געהאַרכזאַם געפאָלגט און געלייגט אויף אים אַלע זייערע האָפענונגען, און זיך איצט אין אים אַנטוישט: די מענטשן פון „גוש אמונים" פון דער „ארץ ישראל השלמה" און פון „חרות". זיי האָבן אַלע געהאַט אין אים דעם פירער, דעם וועג־ווייזער, אין זייער נאָמען האָט ער דאָך אַדורכגעפירט די פּאַרלאַמענטאַרישע „מאַי־איבערקערעניש" — און אַט האָבן זיי דערזען אין אים דעם מקור פון אַלדאָס בייזן, דעם „פאַרעטער", דעם מאַן, וואָס האָט געבראַכט אַן אומגליק אויף דער מדינה... און פאַרקערט — ביי זיינע אידעאָלאָגישע קעגנער, וואָס שטאַרקער עס איז פריער געווען זייער קעגנערשאַפט, אַלץ מער האָט ער איצט נושא חן געווען אין זייערע אויגן: די פירער, למשל, פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי — גאָלדע מאיר, פּרס און די אַנדערע — האָבן דערקלערט זייער „רעזער־ווירטע אונטערשטיצונג"; זיי האָבן געלויבט זיין שלום־דערגרייכונג, אָבער קריטיקירט דעם פּרייז, דהיינו דאָס אויפגעבן די זידלונגען אין פּתחת רפיח, דאָס צערטל־קינד פון דער „אַרבעטנדיקער התישבות". דאַקעגן די לינקערע פון זיי, די מענטשן פון מפ"ם און פון של"י — גראָד זיי זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן באַגריסט בעגינען און זיין אויפטו אָן שום פאַרבאַהאַלט...

אַ פאַרקערטע וועלט!

די וועלט האָט זיך טאַקע איבערגעקערט זינט אַנוואַר סאַדאַט האָט זיך מיט צען חדשים צוריק אַראָפּגעלאָזט מיט זיין סוויטע אין ירושלים. נישט נאָר בעגין, וועלכער איז זיך צעגאַנגען פון נחת ווען דער האָט אים געזאָגט „מיין פריינט", נאָר אַפילו גאולה כהן איז אים אין יענעם טאָג נאָך אַנט־קעגנגעקומען מיט אַ פלאַמיקער רעדע.

זינט דאַן האָבן סיי בעגין און סיי סאַדאַט געהאַט גענוג אויסצושטיין סיי אין זייערע אייגענע לאַגערן און סיי איינער פון דעם אַנדערן, און האָבן געמוזט אַ סך זשאָנגלירן — און אַט זענען זיי שוין ווידער „מיין פריינט" איינער צום אַנדערן; דאַקעגן גאולה כהן, הרב לעווינגער און אורי פורת האָבן אין בעגינען פּלוצים דערזען אַ פיינט, אַ פאַרעטער.

„סע לאַ ווי", האָט ה׳ בעגין געזאָגט. ער וועט אָבער די מענטשן פון גוש אמונים, זאָגט ער, ווייטער ליב האָבן, ער איז אַפילו גרייט צו זיין זייער

פאַטער — און אַ פאַטער ווייסט בעסער פון זיינע קינדער וואָס עס איז גוט פאַר זיי...

✶

קאָלירן, ווי באַוווּסט, האָבן נישט יעדעס מאָל און נישט ביי אַלעמען דעם זעלבן סימבאָלישן באַדייט. ביי די אינדיער, למשל, איז ווייס — און נישט שוואַרץ — די קאָליר פון טרויער, און געל איז גאָר די קאָליר פון ליבע...

איך זאָג דאָס אַקעגן דעם, ווי אַזוי די מענטשן האָבן אויפגענומען פאַרשידן די בשורה וועגן דעם „ראַמען־הסכם", וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין קעמפּ דייוויד נאָך דער 13־טאָגיקער דראַמע פון די „קאָמ־פּרעסאָר־געשפּרעכן" און די פיבערהאַפטע ענדערונגען פון דעם דערוואַר־טונגס־באַראָמעטער אין דרויסן. אין דער זעלבער צייט, ווען אַן עולם פון איבער פערציק טויזנט מענטשן האָט געיובלט אויפן ככר מלכי ישראל — דעם „פּלאַץ פון די מלכים" — אין תל־אביב, אויסדריקנדיק זייער שמחה מיט אַט דער פריידיקער אומדערוואַרטער געשעעניש — האָט פּראָפ. עזרא זוהר, איינער פון די אָנפירער און אידעאָלאָגן פון דער „ארץ ישראל השלמה"־באַוועגונג, געזאָגט צו זיינע אָנהענגער, די מענטשן פון „גוש אמונים", אַז... „דאָס איז דער שוואַרצסטער טאָג אין דער ציוניסטישער געשיכטע"...

פרייד איז געוויינלעך אַ סך מער ספּאָנטאַניש, און דעריבער אויך מער אויטענטיש, ווי די כל מיני שוואַרצזעערישע פילאָזאָפיעס. דער ספּאָנטאַני־שער אויסברוך פון דער שמחה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד אין דעם פאַרטאָג, מיטן דערהאַלטן די בשורה פון קעמפּ דייוויד, אַז עס איז אַדורכגעבראָכן געוואָרן דער וועג צו אַ שלום — איז געווען דער אמת־דיקער, דער אויטענטישער אָפּרוף פון דעם פּשוטן פאָלק, אַזוי ווי דאָס איז געווען אין יענע טעג פון סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים. ערשט נאָך דעם איז געקומען די מער „ניכטערע" רעאַקציע — ווען מ'האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם פּרייז.

יאָ, ווען עס קומט צום באַצאָלן, ווערט דער מענטש געוויינלעך אומעטיק, עס פאַלט אַוועק די ערשטע התלהבות, מ'הייבט זיך אָן צו פאַר־טראַכטן, צי „עס איז טאַקע ווערט", מ'הייבט אָן צו צווייפלען, צי די „סחורה" איז טאַקע אַזוי שיין, ווי זי האָט אויסגעזען אויפן ערשטן בליק.

אָבער ווען עס גייט אין דעם פּרייז פאַרן שלום, פאַרגעסט מען אָפט, אַז דאָס איז אַ טייערער, אָבער אַ ווערטפולער עסק. ווייל אויב מען איז נישט גרייט צו באַצאָלן דעם רעאַלן פּרייז, קען מען חלילה שפּעטער געצוווּנגען ווערן צו צאָלן מיטן פּרייז פון בלוט.

מיר וואָלטן נאָך אפשר איינגעשפּאָרט דעם צוגאָב־פּרייז פון די אַריינ־געלייגטע כוחות און פון דער שווערער פאַרטאַכלעוועטער מי ביים בויען די זידלונגען, און — די אומצאָליקע אילוזיעס.

אַוודאי טאָר מען נאָך נישט זאָגן „האָפּ!״; עס שטייען אונדז נאָך פּאָר אַ סך שווערע טעג און נישט ווייניק אַנטוישונגען און קריזיסן — נישט נאָר צוליב די אינערלעכע יווירונגען, און נישט נאָר צוליב דעם דאָפּלטן „פּראָנט פון אַפּזאָג״ פון אינעווייניק און פון דרויסן; עס וואַרטן נאָך אויף אונדז אַ סך ביטערע טעג אויך צוליב דעם שווערן געראַנגל, וועלכן מיר וועלן דאַרפן אויסשטיין אין גאַנג פון דעם שלום־פּראָצעס גופא, מיט די פּאַרט־נערן אין די שלום־אונטערהאַנדלונגען — איבער די פאַרשידענע אינטער־פּרעטאַציעס פון די אונטערגעשריבענע פּונקטן און פּאַראַגראַפן. דער דאָ־זיקער געראַנגל האָט זיך שוין פּאַקטיש אָנגעהויבן גלייך נאָכן אונטער־שרייבן דעם הסכם אין וויסן הויז — ווען דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט האָט זיך פּאַרפּליכטעט צו פּאַרפרירן דאָס אויפשטעלן נייע זידלונגען אויף די „שטחים״ אין משך פון די פינף יאָר פון דער „אויטאָנאָמיע״, ווייל אין דער צייט וועלן אָנגיין די אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם גורל פון די „שטחים״ — בעת בעגין האָט, דאַקעגן, פּאַרזיכערט פּאַר די צייטונגס־רעפּאָרטערן, אַז די דאָזיקע פּאַרפּליכטונג איז נאָר אויף דריי חדשים, ביזן אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך מיט מצרים. דערווייל אָבער וואַרטן נישט די מענטשן פון „גוש אמונים״ און זיי „מאַכן געשיכטע״ אונטער דער נאָז פון דעם שלום־פּראָצעס...

✶

אין אָט דעם ווירוואַר פון די אויסטערלישע, אָבער אומפאַרמיידלעכע אַנטוויקלונגען קלינגט ביז גאָר אויסטערליש דער גרויסער פּאַראַדאָקס, אַז גראָד דעם תלמיד און נאָכפאָלגער פון זאב זשאַבאָטינסקי, דעם פירער פון „חרות״, וועלכער איז איבערצייגט, אַז די השגחה אַליין האָט אים אָנפאַרטרויט די אויפגאַבע צו פאַרזיכערן די שלמות הארץ — אַז אים האָט די געשיכטע גובר געווען, די ווירקלעכקייט האָט „פּאַרגוואַלדיקט״ זיין אידעאָלאָגיע (הגם ער טענה׳ט, אַז אויף זיינע פּרינציפּן האָט ער נישט מוותר געווען...) און האָט געגעבן גראָד אים דעם גרויסן היסטאָרישן זכות אונטערצושרייבן דעם אַריינפיר־הסכם צום שלום־טראַקטאַט, און אין דריי חדשים אַרום, ווי מ׳האָפט, אונטערצושרייבן דעם שלום גופא.

דורך דער וואַש־מאַשין פון קעמפּ דייוויד איז דער געוועזענער הויפּט־קאָמאַנדיר פון אצ״ל, דער מיליטאַנטישער שפּאַרבער, אַרויסגעקומען אַ ווייסע טויב — וואָס האָט זיינע געטרייעסטע אָנהענגער דערלאַנגט אַזאַ שווערע אַנטוישונג, ברענגענדיק זיי „דעם שוואַרצסטן טאָג אין דער ציוניס־טישער געשיכטע״.

ווי האָט בעגין געזאָגט? — סע לאָ ווי...

ל. נ. 22־טער סעפּטעמבער 1978

זיך אויפגעוועקט אין מיטן חלום

ווער פון אונדז האָט עס דען נישט אַדורכגעמאַכט די דערפאַרונג פון אויפגעוועקט צו ווערן אין מיטן אַ חלום?

נישט זעלטן טרעפט, אַז דער מענטש חלומט וועגן אויסטערלישע זאַכן, און פּלוצים וועקט ער זיך אויף און אַ קאַלטער שווייס באַדעקט זיין האַלב־שלאָפנדיק, האַלב־וואַכנדיק לייב; אויפן אָרט פון די אויסטערלישע בילדער פונעם חלום, בילדער פון אַן אַנדערער, סוררעאַליסטישער וועלט — דערזעט זיך דער בן־אדם אויף זיין אייגענעם געלעגער, אין זיין אייגענער שטוב און אין דער באַקאַנטער טאָג־טעגלעכער (אָדער נאַכט־נאַכטלעכער) ווירקלעכקייט. עס טרעפט אָבער אויך, אַז ווען דער מענטש וועקט זיך אויף פון זיין חלום, זעט אים אויס אין דעם מאָמענט די אַלטע ווירקלעכקייט אַזוי ניי און אומבאַקאַנט, ווי דאָס וואָלט גאָר נישט זיין ווירקלעכקייט געווען... — ביז וואַנען ער געוווינט זיך צוריק צו איר צו.

כ׳האָב געהאַט אויך אַן אַנדערע חלום־דערפאַרונג, אין אַ סאָוויעטישער תפיסה בעת דער מלחמה. אין יענעם חלום האָט מיר דער ריכטער „אויפּ־געזונגען" מיין אורטייל, און ווען מ׳האָט מיך אויף צו־מאָרגנס אַרויס־געפירט פון דער קאַמער און אַריינגעפירט צום אויספאָרשונגס־ריכטער, האָט דער מיר אַרויסגעלייענט פון פּאַפּיר דעם זעלבן אורטייל און מיט דער זעלבער שטימע — אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדוכט — וואָס איך האָב פריער געהערט אין חלום.

לאָמיר איבערלאָזן פאַר די מפרשים פון פרוידס חלום־טעאָריעס דעם אמתן זין פון אָט דער פאַרבינדונג צווישן חלום און ווירקלעכקייט. מ׳קען אָנפילן גאַנצע וואָלקנקראַצערס מיט דער ליטעראַטור, וואָס איז שוין אָנ־געשריבן געוואָרן אויף אָט דער טעמע. מיך אינטערעסירט אין דעם מאָמענט דער אַקטועלער אַספּעקט אין שייכות מיט אונדזערע לעצטע געשעענישן: וויפל איז פאַראַן אין זיי חלום, און וויפל אמתדיקע ווירקלעכקייט.

דרייסיק יאָר האָבן מיר אַלע געחלומט וועגן שלום. דאָס איז געווען דער שענסטער פון אַלע אונדזערע חלומות. מיר זענען אָבער אין אָט דער צייט נישט געשלאָפן. יעדער איינער פון אונדז האָט געפירט זיין לעבן, און אויך דער קאָלעקטיוו, די מדינה, איז נישט געשלאָפן. מ׳האָט פאַרלייגט שאָסייען, געבויט הייזער, געפלאַנצט און געזייעט און באַוואַסערט די פעל־דער, געעפנט בענק און געמאַכט געשעפטן, געפירט מלחמות און געפּראַ־וועט פּאָליטיק, געהאַט איין „פּרשה" נאָך דער אַנדערער, געברענגט עולים און אַרויסגעשיקט יורדים, סקאַנדאַלירט אין דער כנסת און געשאַפן נייע פּאַרטייען, אַרויפגעזעצט און אַראָפּגעזעצט רעגירונגען — וואָס אַלץ איז דען נישט אָפּגעטאָן געוואָרן פאַר אָט דער צייט! און אין מיטן דעם דאָזיקן

גאַנצן הו־האַ פון פּריוואַטן און פון מלוכהשן לעבן האָבן מיר די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו חלומען וועגן שלום.

אָבער דאָס איז געווען אַ חלום אויף דער וואָר. אויף אַן אמת פאַר־חלומט זענען מיר געווען מיט אַ צען חדשים צוריק, ווען סאַדאַט איז געקומען קיין ירושלים און איז אויפגעטראָטן אין דער כנסת און האָט געמאָלט פאַר אונדז די וויזיע פון אַ לעבן אין שלום.

איך דערמאָן זיך דעם צושטאַנד פון דער עופאַריע, אין וועלכער מיר אַלע האָבן זיך געפונען אין יענע גרויסע טעג, ווען אויף די גאַסן פון ירושלים האָבן די פענער פון מדינת ישראל געפלאַטערט נעבן די פענער פון מצרים. מיר זענען אַלע אַרומגעגאַנגען ווי פאַרשיכורט, געחלומט האָבן מיר. איך דערמאָן זיך די גרויסע איבערלעבונג, ווען דער מצרישער פּרעזידענט איז דערשינען אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ פאַר די ישראל־דיקע און אויסלענדישע זשורנאַליסטן, און ווען מיר האָבן זיך אַנגעקוקט, איין זשורנאַליסט מיטן אַנדערן, און געשטווינט, נישט געקענט גלויבן. די זשורנאַליסטן, וואָס זענען פון דער נאַטור סקעפּטישע ציניקערס, האָבן זיך געפילט ווי אין אַ סוררעאַליסטישער, אַן איבערנאַטורעלער, סיטואַציע — אַזוי ווי אין חלום.

דאָס זעלבע געפיל, אָבער שוין מיט ווייניקער סקעפּטיציזם, האָבן מיר, די זשורנאַליסטן, געהאַט ווען מיר זענען אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אַרומ־געגאַנגען איבער די גאַסן פון קאַיר, אַרומגעפאָרן איבער מצרים און געגאָסן פון דער גאַסטפריינטלעכקייט פון מצרישן פאָלק, זיך צוגעקוקט צום לעבן פון דער אַזויפילמיליאָניקער אַנאָנימער מאַסע, וואָס האָט דעמאָלט געחלומט צוזאַמען מיט אונדז. געטראָטן אויף די טראָטוואַרן פון דער פריינטלעך געוואָרענער הויפּט־שטאָט פון דעם עיקרדיקן פיינט — און נישט געקענט גלויבן די אייגענע אויגן. זיך געפילט אַזוי היימיש אין דעם כאַן־כאַלילי, אין דער אַלטער און נייער שטאָט, אין העליאָפּאָליס און ביי די פּיראַמידן אין גיזאַ צי אין קאַרנאַק — און דאָך געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז נישט די אמתע ווירקלעכקייט: דאָס איז אַ חלום, וואָס האָט אונדז אַריינגעפלאַנצט אין אַט דער נישט־ווירקלעכער ווירקלעכקייט, אין אַ וועלט פון קינסטלעך צוזאַמענגעשטיקעוועטע צוזאַמענהאַנגען.

זינט דאַן האָבן מיר געהאַט דעם איינדרוק, ווי דער חלום וואָלט זיך לאַנגזאַם אויסגעוועפּט, דער גלויבן אין שלום האָט אָנגעהויבן אויסצוזען נאַיוו, און דער שלום אַליין — נישט רעאַל, נישט וואַרשיינלעך און אַפילו נישט מעגלעך. עס האָט אויסגעזען, אַז די גרויסע וויזיע פון שלום איז געוואָרן צעטרענצלט אויף קליינלעכע דינגענישן אין נאָמען פון דער „אידעאָלאָגיע” און פון קעגנזייטיקן אומצוטרוי. עס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלטן געמאַכט געוואָרן אַלע מעגלעכע אָנשטרענגונגען, אונטער כלערליי תירוצים, צו פאַרוואַנדלען דאָס מעגלעכע אין אוממעגלעך, ווען מיט צען חדשים פריער האָט עס אויסגעזען פונקט פאַרקערט.

און דאַ פּלוצים — אַן איבערקערעניש: דאָס אוממעגלעכע איז ווידער געוואָרן מעגלעך.

אָבער אין דעם פאַל האָט דער חלום אויסגעזען אַביסל אַנדערש, און די נייע ווירקלעכקייט נאָכן אויפוועקן זיך פונעם חלום — אַ סך אַנדערש ווי פריער. טייל מענטשן האָבן זיך פּלוצים דערפילט אָפּגענאַרט פון דעם חלום, וועלכן זיי האָבן געטראָגן אין זיך די גאַנצע דרייסיק יאָר. זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן דעם זיסן חלום — און דאָס לייב האָט זיך פּלוצים באַדעקט ביי זיי מיט אַ קאַלטן שווייס, עס האָט זיי באַהערשט אַ פּחד — צוליב דעם פּרייז, וועלכן דער שלום פאַרלאַנגט פון זיי.

די דאָזיקע מענטשן האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז יעדער חלום איז אין אַ גרויסער מאָס באַוווּרקט פון די השגות פון דעם וואָס חלומט: פאַר אונדז איז דער שלום דער העכסטער פאַרלאַנג, דער שענסטער חלום; פאַר אונדז וועט דאָס אפשר זיין, ווען עס וועט קומען דער פולער שלום מיט אַלע אונדזערע שכנים — משיחס צייטן. דערפאַר אפשר מיינען די מענטשן, די דערשראָקענע פון דעם שלום, אַז פאַר דעם שלום דאַרף מען נישט צאָלן קיין פּרייז, ווייל אַז משיח וועט קומען, וועט מען ניט דאַרפן צאָלן פאַר קיין זאַך...

אָבער אונדזער חלום איז אין דער אמתן — די שטרעבונג צו דערגרייכן די נאָרמאַלע ווירקלעכקייט פון יענע פעלקער, וואָס לעבן היינט אין שלום. יענע פעלקער פילן זיך גאָרנישט ווי זיי וואָלטן דערלעבט משיחן! זייערע השגות זענען היינט אַנדערע, און לויט די השגות חלומען זיי אויך אַנדערע חלומות. דאָקעגן — מיר האָבן נאָך אַ סך צו חלומען און אַ סך זיך צו ראַנגלען און אויסצושטיין אויף דער וואָר, ביז וואַנען דער חלום וועגן אַ פולן שלום וועט ווערן גרויע ווירקלעכקייט, כדי מיר זאָלן קענען אָנהייבן חלומען וועגן אַנדערע זאַכן.

דערווייל איז אונדזער רעאַלע ווירקלעכקייט איין גרויסער געשפּענסט־חלום, אַן אויסטערלישער סורעאַליסטישער ספּעקטאַקל. נישט דעם 17־טן מאַי, ווען דער „ליכוד" האָט איבערגענומען די מאַכט און בעגין איז געוואָרן פּרעמיער, איז פאָרגעקומען די אמתדיקע איבערקערעניש. ניין, זי איז פאָרגעקומען ערשט איצט, נאָך קעמפּ דייוויד, ווען דאָס פאָלק האָט זיך אויפגעוועקט פון חלום און האָט דערזען אַ נייע ווירקלעכקייט, אַ מעטאַמאָרפאָזע, אין וועלכער שפּאַרבערס זענען געוואָרן טויבן, און די פּאָליטישע און פּאַרטייאישע מאָדעלן האָבן געטווישט זייער קאָליר.

די אמתע סורעאַליסטישע וויזיע איז פאָרגעקומען אין דער כנסת, אין דער קאָנפראָנטאַציע צווישן מנחם בעגין און גאולה כהן, און אין דער „קאָאַליציע" פון „חרות" מיט של"י, בעת דער „מערך" זיצט אויפן פלויט און יגאל אלון שרייט, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט...

דער אמתער סורעאַליסטישער ספּעקטאַקל איז פאָרגעקומען נעבן דער כנסת, און נאָך פריער, בעת בעגינס צוריקקער פון קעמפּ דייוויד, ווען זיינע חסידים, די מענטשן פון „גוש אמונים", האָבן אים מקבל פנים געווען מיט שוואַרצע שירעמס, און זיינע קעגנער, די מענטשן פון „שלום עכשיו", האָבן אים באַגעגנט מיט בלומען.

ל. נ. 29.9.1978

.47

די רויטע ליניע

די „רויטע ליניע״ איז שוין פון לאַנג אַ סימבאָלישער צייכן אין אונדזער לעקסיקאָן, און ווי יעדע סימבאָליק, רופט זי אַרויס אַלע מעגלעכע אַסאָציאַציעס. אין קעגנזאַץ צו דעם „רויטן פאָדעם״, וואָס איז דער ריכטנדיקער לייט־מאָטיוו אין אַ ליטעראַרישן ווערק אָדער אין אַן עסיי, איז די רויטע ליניע דער באַריער אין די פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און פּערזענלעכע האַנדלונגען פון מענטשן. „עד כאן״ — ביז אַהער, און נישט ווייטער. דאָס איז די ליניע, וואָס דער מענטש אָדער די געזעלשאַפט צייכנט זיך אָן ווי די גרענעץ צווישן יאָ און ניין, צווישן וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. זי באַשטימט, קען מען זאָגן, די גרענעצן פון דער פּאָליטישער, געזעלשאַפטלעכער און פּערזענלעכער מאָראַל.

אָבער ווען מען רעדט וועגן מאָראַל, הייבט אָן די רויטע ליניע צו ציטערן, בעיקר אין דער פּאָליטיק און אין די געזעלשאַפטלעכע נאָרמעס. דער רויטער פאָדעם רייסט זיך און ער פאַרלירט זיין גראַדע המשכדיקייט: ער ווערט אַן איבערגעריסענע ליניע, וואָס אַזוי ווי אין די געזעצן פון אויטאָ־פּאַרקער, מעג מען זי איבערשרייטן פון איין זייט אויף דער אַנדערער.

שוין לאַנג האָט די רויטע ליניע אויפגעהערט צו זיין אַ פעסטע, געשלאָסענע שייד־ליניע צווישן צוויי פעסטע, קעגנזעצלעכע דאָקטרינען, זינט די דאָקטרינען אַליין האָבן פאַרלוירן זייער פעסטן גרונט. ערשט מיט פינף יאָר צוריק איז סאַדאַט געווען דער בלוטיקער שונא פון ישראל. דאָס האָט ער, אין אַ שטרענגער קאָנספּיראַציע מיט דעם צווייטן בלוטיקן שונא פון ישראל, דעם סירישן הערשער כאַפעז על אַסאַד, אַרויסגעפירט זיין אַרמיי אין דער יום־כיפור־מלחמה קעגן ישראל. היינט איז סאַדאַט שוין אַ שונא פון אַסאַדן און ער פאַרהאַנדלט — ווי דער ערשטער אַראַבישער מנהיג — וועגן אָפּשליסן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט ישראל.

מיט איבער אַ יאָר צוריק, ווען דרייסיק טויזנט סירישע זעלנער האָבן אַריינמאַרשירט קיין לבנון און האָבן דאָרט אויסגעשפּרייט זייערע כוחות אין דער ראַם פון דעם א. ג. „צווישן־אַראַבישן אָרדנונגס־כוח איינצושטעלן שלום״ צווישן די צעקריגטע צדדים אין דעם לאַנד פון די צעדער־ביימער, און מיטן אמתדיקן ציל צו פאַרוואַנדלען לבנון אין אַ סירישן פּראָטעקטאָראַט — איז צווישן ישראל און סיריע איינגעשטעלט געוואָרן אַ מין „שווייגנדיקער אַליאַנס״, ביי דער אַמעריקאַנישער פאַרמיטלונג, אַ שטילער הסכם וועגן אַ „רויטער ליניע״, וועלכע די סירישע האָבן זיך פאַרפליכטעט נישט איבערצושרייטן: אַפילו נאָכדעם ווי די אַרמיי פון ישראל איז אַריין קיין דרום־לבנון

אין דער שטראָף־אַקציע נאָך דעם טעראָר־איבערפֿאַל ביים „קאָונטרי־קלאַב" נעבן הרצליה, האָבן די סיריער נישט געבראָכן דעם דאָזיקן שטילן הסכם און זיי זענען נישט אַריבער די „רויטע ליניע". אָבער דער אמתדיקער באַדייט פֿון אָט דער רויטער ליניע האָט זיך געענדערט, ווען די סיריער האָבן אָנגעהויבן זייער מלחמה קעגן די קריסטלעכע פֿאַלאַנגעס, די פֿאַרבינדעטע פֿון ישראל, נאָכדעם ווי מיט אַ יאָר צוריק האָבן זיי צוזאַמען מיט די קריסטן אַטאַקירט און געהרגעט די פּאַלעסטינעזישע נאַציאָנאַליסטן, זייערע היינטיקע פֿאַרבינדעטע.

מילא, אויף דעם איז פֿאַראַן אַ תירוץ : פּאָליטיק איז געבונדן מיט טאַקטיק. און די טאַקטיק פֿון דער סירישער פּאָליטיק איז די זעלבע וואָס פֿון אַלע הערשער נאָך זינט די רוימישע צייטן : די טאַקטיק פֿון צעטייל און הערש. אַז מען וויל באַהערשן אַ לאַנד, דאַרף מען אָפּשוואַכן דעם שטאַרקערן, און ווען דער שוואַכערער ווערט שטאַרקער — דאַרף מען אויך אים ליקווידירן.

אָבער פֿון דעם **אמתן דורכבראָך** אין דער „רויטער ליניע" זענען מיר אַלע געווען עדות אין דער פֿאַרגאַנגענער וואָך, בעת דער דראַמאַטישער מאַראַטאָנישער דעבאַטע אין דער כנסת, וועלכע קען באַצייכנט ווערן אַלס די לעצטע שלאַכט פֿון יאָר תשל"ח. אַ שלאַכט, אין וועלכער עס האָבן זיך פֿאַרמישט די יוצרות. די לאַגערן האָבן זיך אויסגעמישט און די „קאָנצעפּציעס" זענען געוואָרן פֿאַרטויִשט און פֿאַרטושט. די טויבן און די שפּאַרבערס האָבן זיך אויסגעטוישט מיט די ערטער : גאולה כהן האָט געשטימט צוזאַמען מיט מאיר ווילנערן, דער פֿאָרזיצער פֿון דער אַרבעטס־פּאַרטיי שמעון פּרס צוזאַמען מיט מנחם בעגינען, און יגאל אַלון, דער נייער פֿאָרזיצער פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט זיך אָפּגעהאַלטן פֿון שטימען אַזוי ווי זבולון האַמער, דער פֿאָרשטייער פֿון די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע „יונגע" אין בעגינס רעגירונג. יגאל הורוויץ, דער פֿירער פֿון „לעם", אַ געטרייער תלמיד פֿון בן־גוריונען, איז געוואָרן דער פֿאַרבינדעטער פֿון גאולה כהן, די געטרייע תלמידה פֿון זאב זשאַבאָטינסקי, די מענטשן פֿון „גוש אמונים", מיט הרב לעווינגער און די תלמידים פֿון הרב קוק, אין דעם לאַגער פֿון דער ארץ־ישראל השלמה — נאָכדעם ווי ער, יגאל הורוויץ, האָט פֿאַרלוירן די פֿאָן, וועלכע ער און זיינע חברים האָבן געטראָגן נאָך פֿון די צייטן פֿון רפ"י.

די דאָזיקע פֿאָן איז געווען : משה דיין.

אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע, וועלכע זענען אַריבער פֿון איין לאַגער אין אַנדערן — איז משה דיין געבליבן דאָס מאָל ביי זיך אין דער היים. ער האָט איבערגעשריטן די רויטע ליניע מיט קרוב אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק, ווען ער איז „אַראָפּגעשפּרונגען פֿון פּלויט" און איז אַריין אין די אָרעמס פֿון בעגינען. איצט, אין דעם גרויסן כאַאָס פֿון פֿאַרלעגנהייטן און לויפּעניִשן, איז ער גאַנץ מיט זיך, ער איז געבליבן אין זיין כנסת־פֿראַקציע פֿון איין מענטש. כמעט די איינציקע פֿראַקציע, וואָס שפּאַלט זיך נישט. די טויב און דער שפּאַרבער נעסטן ביי אים אין דער זעלבער פּערזאָן.

דיין האָט קיינמאָל קיין רוטע ליניע נישט פאַרטראַגן. ער פלעגט זי נאָר אַלעמאָל אַריבערטראָגן פון איין אָרט אויפן אַנדערן, און פלעגט זי צופּאַסן צו זיין פּראַגמאַטיזם. ער האָט זיך פון פאַרויס געגומען דאָס רעכט צו טוישן זיינע מיינונגען, אין איינקלאַנג מיט די אומשטענדן. אין דער פּאָליטיק איז דאָס אַ דערלאָזבאַרע זאַך: נישט יעדער מוז זיך ריכטן מיט דער אידעאָלאָגיע. אַפילו די מאָראַל איז אין דער פּאָליטיק עלאַסטיש. די צרה איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין זיין פּראַגמאַטישער ראָל פלעגט משה דיין אויפצווינגען דער מדינה זיינע מאָמענטאַלע קאַפּריזן — און דעם פּרייז פון די דאָזיקע קאַפּריזן צאָלן מיר היינט.

די „לעצטע שלאַכט פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר" — די דראַמאַטישע דעבאַטע אין דער כנסת — איז אַנגעגאַנגען אַרום דער פראַגע פון אויפגעבן די ישובים אין פּתחת רפיח, און די דאָזיקע דעבאַטע איז געווען אָנגעפּולט מיט געוואַלדיקער עמאָציאָנעלער לאַדונג. משה דיין האָט אין זיינע ווערטער זאַכלעך און לאָגיש אויפגעקלערט הלמאי מיר דאַרפן באַצאָלן דעם דאָזיקן פּרייז פאַרן שלום. אויך בעגין האָט אין זיין שלוס־וואָרט געפונען די ריכטיקע מאָטיוון אויפצוקלערן פאַרוואָס ער, דער תּלמיד פון זשאַבאָטינסקין, האָט געפונען פאַר נויטיק איינצוגיין אויף אָט דעם פּרייז. אָבער דיין האָט נישט אויפגעקלערט פאַרוואָס האָט ער, אין מערץ 1972, געבראַכט זיין פּראָיעקט וועגן אויפשטעלן די שטאָט ימית, פאַר אַ באַפעלקערונג פון 250 טויזנט נפשות, ווי אַן אולטימאַטיווע פאָדערונג צו דער דעמאָלטיקער רעגירונג פון „מערך", אין וועלכער ער איז געווען דער זיכערהייטס־מיניסטער. ער האָט נישט אַפּעלירט צו דעם פאַקט, אַז דאָס האָט ער אַרויסגערוקט די לאָזונג, אַז „בעסער שאַרם אַ־שייך אָן אַ שלום, איידער אַ שלום אָן שאַרם־אַ שייך", בעת איצט איז ער — מיט רעכט — מוותר אויף שאַרם לטובת דעם שלום. ער האָט אָבער נישט אויפגעקלערט פאַרוואָס איז דאָס ביי אים דאַן געווען, צוזאַמען מיט זיין „תורה שבעל פה", דער אולטימאַטיווער באַדינג צו בלייבן אין דער אַרבעטס־פּאַרטיי, און ווען ער איז פון איר אַוועק, איז ער דאָך געוואָרן די נישט אָפיציעלע פּאַן פון די אַלע וועטעראַנען פון דער „אַרבעטנדיקער התישבות", וועלכע האָבן געפונען דעם וועג צום „ליכוד" אין זייער קאַמף פאַר דער ארץ ישראל השלמה. ער האָט דאָך דאַן געטענהט, אַלס דער זיכערהייטס־מיניסטער, אַז „מיר שטעלן נישט אויף קיין ישובים, כדי זיי שפּעטער אויפצוגעבן", ער האָט דאָך בסדר גערעדט אין נאָמען פון די „זיכערהייטס־גרענעצן", „סטראַטעגישע טיף" און וועגן אונדזער רעכט אויף די נחלות פון די אָבות. וויפל ביטערניש, וויפל שווערע מי און וויפל בלוט וואָלטן מיר זיך געהאַט איינגעשפּאָרט, ווען דיין וואָלט נישט דעמאָלט אויפגעצוווּנגען דער רעגירונג פון „מערך" די דאָזיקע קאָנצעפּציע, וועלכע איז אָן ספק געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דער יום כיפור־מלחמה. יאָ, דאָס בויען די ישובים אין סיני אין 1972 איז געווען איינע פון די עיקרדיקע סיבות, וואָס האָבן באַוויגן סאַדאַטן צו פּלאַנירן די יום־כיפור־מלחמה אין 1973.

אמת, דיין איז נישט געווען אַליין אין דער דאָזיקער מלאכה. ער האָט געהאַט הינטער זיך דעם „גלילי־דאָקומענט״ און דעם אַזוי גערופענעם „נאַציאָנאַלן קאָנצענזוס״. די אַלגעמיינע הסכמה, די אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד אין יענע יאָרן פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־אַנטוואַ־פנטקייט און זאַטער זעלבסט־צופרידנקייט. ער האָט זיכער געהאַט שותפים, וועלכע פּרובירן איצט צו דערשיינען ווי צדיקים. אָט די צדיקים, וועלכע באַ־וויינען די טראַגעדיע פון די מענטשן, וועמען די רעגירונג און די פּאַרטייען האָבן געשיקט זיך איינצוואָרצלען אין דעם באָדן פון פּתחת רפיח און איצט דאַרפן זיי פון דאָרט אויסגעוואָרצלט ווערן — די זעלבע צדיקים האָבן אָבער צו יענער צייט נישט געוואָלט זיך צוהערן צו די טענות וועגן די בעדואינער, וואָס ווערן אויסגעוואָרצלט פון זייער באָדן, כדי אים צו באַפרייען פאַר די יידישע באַזידלערס, כדי זיי זאָלן קענען באַשעפטיקן די זעלבע בעדואינער אויף זייערע איצט בליענדיקע פעלדער...

די „רויטע ליניע״ פון אָט דער מאָראַלישער דילעמע האָט אָבער צו יענער צייט כמעט נישט עקזיסטירט, קיינער האָט זי נישט דערמאָנט — אָבער זי איז, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, געבליבן די איינציקע ממשותדיקע רויטע ליניע, וועלכע צווינגט אונדז איצט צו צאָלן דעם ווייטיקלעכן פּרייז פאַר דעם ערשטן דורכבברוך אויפן דערוויַיל נאָך אַלץ אַזוי שווערן וועג צו אַ שלום.

ל. נ. 6.10.1978

שוין אַ יאָר...

צי איז סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים מיט אַ יאָר צוריק טאַקע געווען אַ היסטאָרישער באַזוך ?

די גאַנצע וועלט האָט דאָס אַזוי באַצייכנט, נאָכדעם ווי זי איז עלעקטריזירט געוואָרן פון דעם אומגעריכטן „שלום־דעסאַנט״, וואָס האָט דעם 19־טן נאָוועמבער 1977 זיך אַראָפּגעלאָזט בראש מיטן מצרישן פּרעזידענט אין ירושלים, און מיט דעם מאָמענט האָט זיך אָנגעהויבן דער „מאָמענטום״, ווי סאַדאַט אַליין האָט באַצייכנט דעם גאַנג פון דעם שלום־זייגער.

אָבער דער איינציקער, וועלכער האָט זיך דאַן איינגעשפּאַרט און געטענהט, אַז דאָס איז טאַקע אַ וויכטיקע, אָבער דאָך נישט קיין „היסטאָרישע״ געשעעניש — איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער פּרעמיער מנחם בעגין. דער זעלבער, וועלכער איז באַקאַנט מיט זיין מליצה און וועלכער ווערט אַפילו געקרוינט מיטן נאָבעל־פּריז פאַר זיין פּאָזיטיוון אַנטקעגנקומען סאַדאַטס שלום־איניציאַטיוו — גראָד ער האָט געבעטן מ׳זאָל נישט איבערטרייבן, נישט צושרייבן דער דאָזיקער געשעעניש קיין היסטאָרישן אויסמעסט.

ווער באַשטימט, אַלזאָ, דעם היסטאָרישן באַדייט פון דאַטעס און געשעענישן ?

זעט אויס, אַז די געשיכטע אַליין.

די געשיכטע שרייבט אַריין אין איר זכרון־בוך נאָר די געשעענישן, וואָס באַשטימען דעם גורל פון די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען, אָדער אַזעלכע, וואָס עפענען און שליסן אָפּ אַ תקופה. דעם 19־טן נאָוועמבער 1977, ווען אויף די גאַסן פון ירושלים האָבן געפלאַטערט די פענער פון מצרים נעבן די פענער פון ישראל — איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן די תקופה פון פיינטשאַפט וויניקסטנס צווישן דיביידע מדינות; מדינת־ישראל איז צום ערשטן מאָל אַנערקענט געוואָרן — אַ סך מער, ווי „דע פאַקטאָ״ — דורך אַ פיינטלעכער אַראַבישער מדינה, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „פּראָצעס פון שלום״. וואָס דאַרף די געשיכטע דען מער ?

און אויב מנחם בעגין האָט דעמאָלט געוואָלט פאַרמינערן דעם היסטאָרישן באַדייט פון אָט דער געשעעניש — איז דאָס געווען מער צוליב זיין מורא פאַר די באַדייטונגספולע היסטאָרישע ענדערונגען, צו וועלכע דער אָנגעהויבענער שלום־פּראָצעס וועט מוזן פירן. איצט זענען מיר אַלע עדות, צוזאַמען מיט דער געשיכטע, אַז אַזוי איז טאַקע געשען, און אַז בעגין אַליין איז דורך דער געשיכטע באַשטימט געוואָרן אַלס איר שליח דורכצופירן די אַלע ענדערונגען, פאַר וועלכע ער אַליין האָט זיך אַזוי שטאַרק געשראָקן.

אָבער — וואָס מער דער אָנגעהויבענער שלום־פּראָצעס האָט אָנגעהויבן אויף ברענגען ממשותדיקע רעזולטאַטן, וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט

צו דעם, וואָס האָט מיט אַ יאָר צוריק אויסגעזען צו זיין אַ חלום; איז געוואָרן מעגלעך און האָט זיך דערנענטערט צום ווערן אַווירקלעכקייט — אַלץ מער האָט דער שיינער חלום זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פחד ביי אַ סך פון די פריערדיקע טרוימערס. אַ פחד פאַר דער אומפאַרמיידלעכער ווירקלעכקייט.

צי חזרט טאָקע די געשיכטע זיך איבער?

דער שאַרפזיניקער דעוויז, אַז די געשיכטע חזרט זיך בדרך כלל נישט איבער און אויב יאָ, איז דאָס אָדער אין דער פאָרם פון אַ פאַרסע, אָדער ווי אַ טראַגעדיע — איז שוין אַזוי פיל מאָל געוואָרן ציטירט און איבער־געחזרט, אַז עס איז שוין געוואָרן ווי אַן אויסגעריבענע מטבע. אָבער — צי קענען נישט אַמאָל די קליינע צוגאָב־פאָדערונגען, די באַוואָרענישן און באַגרענעצונגען צו דעם שלום־הסכם, וואָס איז דערגרייכט און אויסגעאַרבעט געוואָרן נאָך אַזוי פיל מי און נאָך אַזוי פיל זיגזאַגישע נערוון־רייצענישן, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נייעם דורכפאַל? צי קען נישט אַמאָל, צוליב קליינלעכע דינגענישן זיך איינברעכן דער אָט־אָט־נצחון פון שלום? און צי קענען נישט אַמאָל די אַלע גוטע האָפענונגען זיך ווידער פאַרוואַנדלען אין אַ טיפער אַנטוישונג, וואָס זאָל צוריקברענגען די שנאה און די געפאַר פון נייע מלחמות?

✶

ווען סאַדאַט איז געקומען מיט אַ יאָר צוריק קיין ירושלים, האָט ער דערקלערט, אַז זיבעציק פראָצענט פון דעם בלוטיקן סיכסוך צווישן די אַראַ־בישע לענדער און ישראל זענען — דער פסיכאָלאָגישער באַריער צווישן ביידע פיינטלעכע צדדים. דער דאָזיקער פסיכאָלאָגישער באַריער איז, לויט זיינע רייד, געוואָרן איינגעבראָכן. מיט פיר יאָר פריער, בעת דער יום כיפור־מלחמה, איז געוואָרן דורכגעבראָכן, לויט דער טענה פון די אַראַבער, דער באַריער פון פחד. געבליבן איז אַלזאָ — דער באַריער פון די קעגנזייטיקע כוונות און דער באַריער פון קעגנזייטיקן אומצוטרוי. אָט דער באַריער ליגט טאָקע אין די קליינע פּינטעלעך פון די צוגאָב־פאָדערונגען און באַוואָרענישן צו דעם שוין אויסגעאַרבעטן הסכם צווישן ישראל און מצרים, ער ליגט אין דעם א.ג. „לינקעידזש", אין דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם דאָזיקן הסכם, און דעם צווייטן הסכם וועגן דער „אויטאָנאָמיע" און וועגן דער צוקונפט פון די „שטחים" אויפן מערב־ברעג און אין עזה־פּאַס.

פון איין זייט — די מורא פון ישראל זיך צו פאַרפליכטן וועגן דעם גורל פון אָט די שטחים נאָך פאַרן אַריינטרעטן אין די אונטערהאַנדלונגען וועגן זיי, און פון דער אַנדערער זייט — די מורא פון מצרים, אַז דער דאָזיקער „צווייטער הסכם" זאָל נישט בלייבן קיין ווערטלאָז פּאַפּירל נאָכדעם ווי דער סעפּאַראַטער שלום־אָפּמאַך וועט שוין זיין אונטערגעשריבן; פון איין זייט די פאָרמעלע פאַרפליכטונג פון „קעמפ דייוויד", אַז דאָס זענען צוויי באַ־זונדערע אָפּמאַכן, אָבער פון דער אַנדערער זייט — די עצם עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן צווייטן הסכם ווי אַ פאַרפליכטנדיקער דאָקומענט; פון איין זייט — די פאַרפליכטונג פון ישראל נישט אויפצושטעלן קיין נייע ישובים אין דער צייט פון די אונטערהאַנדלונגען, און פון דער אַנדערער זייט —

די דערקלערונג פון די ישראלדיקע מלוכה־מנהיגים און די דערקלערונג פון פרעמיער מנחם בעגין, אז די סוווערעניטעט פון ישראל איבער די שטחים אין יהודה, שומרון און אין עזה־פּאַס וועט בלייבן אויף שטענדיק — „לנצח נצחים". די פּרוּוון פון ישראל צו שטעלן מצרים פאַר געשעענע פאַקטן יעדעס מאָל ווען די אונטערהאַנדלונגען זענען אַרויף אויף אַ „גוטן דרך", און באַזונדערס די לעצטע „אַרויסטריפונג" וועגן אַריק שרונס פּראָיעקט אויפצו־שטעלן אַ יידישן שטאָטישן צענטער אין עזה־פּאַס גראַד אין דער לעצטער דערפאַלגרייכער פאַזע פון די אונטערהאַנדלונגען אין וואַשינגטאָן, האָבן נישט געקענט נישט אונטערגראָבן דעם צוטרוי פון סאַדאַטן צו די כוונות פון ישראל. אין דער זעלבער מאָס האָבן די לעצטע קעגן־פאָדערונגען פון די מצרים אין דער פראַגע פון דעם „לינקעידזש" נישט איבערגעלאָזט ביי ישראל קיין ספקות וועגן דער כוונה פון די מצרים צו רעאַליזירן אויך דעם „צווייטן הסכם" און צו פאַרזיכערן דאָס פאַרן אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך. עס איז לעכערלעך צו זאָגן, ווי עס טענהן ביי אונדז די קעגנער פון דעם שלום־אָפּמאַך, אַז „די מצרים גיבן גאָרנישט און ריזיקירן מיט גאָרנישט, אין דער צייט, ווען מיר גיבן זיי אַוועק דעם גאַנצן סיני, צוזאַמען מיט די נאַפט־פעלדער" — אין אַנבליק פון דער איזאָלאַציע, אויף וועלכער מצרים האָט זיך אויסגעשטעלט אין דער גאַנצער אַראַבישער וועלט.

אָט אין דעם „קליינעם" פאַרבליבענעם באַריער פון אומצוטרוי, וואָס טיילט אונדז אָפּ פון דעם אָט־אָט־אָט דערגרייכבאַרן שלום־אָפּמאַך, ליגט די גרויסע און שווערע דילעמע פון אויפעסן דעם קוכן — און לאָזן אים גאַנץ.

די געפאַרן דראָען אָבער נישט נאָר דעם קוכן, נאָר אויך זיינע עסערס. זיי זענען גאָר בולט געקומען צום אויסדרוק דעם 19־טן נאָוועמבער 1978 — אין טאָג, ווען עס האָט געדאַרפט אָפּגעמערקט ווערן דער ערשטער יאָרטאָג פון יענעם דראַמאַטישן ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון מיטעלן מזרח. דער שלום־אָפּמאַך, וואָס וועט זיכער אונטערגעשריבן ווערן בקרוב (בעגין און סאַדאַט דאַרפן דאָך באַרעכטיקן, אַז זיי זענען ראוי צו באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פאַר שלום, וואָס איז פאַר זיי באַשטימט געוואָרן פון פאָרויס), וועט באַרייכערן די געשיכטע מיט נאָך אַ גרויסן אויפטו. דערווייל אָבער איז אָט דער טאָג שוין אָפּגעמערקט געוואָרן אויף אַ טראַגישן אופן דורך דעם „פּראָנט פון אָפּזאָג" אויף ביידע זייטן פון דער פּראָנט־ליניע: דורך דעם רוצחישן טעראָר־אַקט אין דעם אויטאָבוס נעבן יריחו, און — להבדיל אלף הבדלים — דורך באַוואָרפן דעם פּרעמיער מיט פאַרשטונקענע אייער נעבן דעם בנין פון „מצודת זאב" בעת דער זיצונג פון דער „חרות"־צענטראַלע אין תל־אביב.

דער דאָזיקער באַריער פון די כוונות איז דערווייל דער שטאַרקסטער און דער שווערסטער פון אַלע באַריערן אויפן וועג צום אמתדיקן שלום.

ל. נ. 20.11.1978

די שווערע שלום־ווייען

עס דערנענטערט זיך מיט גיכע טריט דער 17־טער דעצעמבער — דער ענד־טערמין פון די דריי חדשים, וואָס די צדדים אין קעמפּ דייוויד האָבן געהאַט באַשטימט אויף אונטערצושרייבן דעם ישראל־עגיפּטישן שלום־אָפּמאַך. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן וועט דער אָפּמאַך אונטערגעשריבן ווערן — אויב נישט גענוי צו דעם באַשטימטן טערמין, איז לכל הפחות אין דער נאָענטער צוקונפט, כאָטש קיינער קען היינט נישט פאָרויסזאָגן וואָס פאַראַ שטרויכלונגען עס קענען נאָך אויפקומען אין די לעצטע מינוטן.

אַזוי האָט זיך אויך קיינער ביז איצט נישט פאַרגעשטעלט, אַז די געבורט־ווייען פון דעם ערשטן שלום אין מיטעלן מזרח וועלן זיין אַזעלכע שווערע: נישט נאָך סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים און נישט נאָך דעם אָפּגעשלאָסענעם „ראַמען־אָפּמאַך" אין קעמפּ־דייוויד. דאָס יאָר זינט סאַדאַטס היסטאָרישן באַזוך אין ירושלים איז געווען דאָס יאָר פון די שענסטע האָפענונגען, און אין דער זעלבער צייט אויך — פון אַ סך ביטערנישן און אַנטוישונגען. עס זענען געווען מאָמענטן, ווען דער שלום האָט געהאַט אויסגעזען כמעט ווי אַ פאַרטיקע זאַך; עס האָט זיך געדוכט, אַז אַט־אַט־אַט ווערט אַדורכגעפירט דער אָפיציעלער און פייערלעכער אַקט, וועלכער דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן די קאַרדינאַלע ווענדונג אין דער געשיכטע פון מדינת ישראל און פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. און עס זענען אויך געווען מאָמענטן ווען עס האָט אויסגעזען, אַז אַט־אַט־אַט ווערט אויפגעריסן דער גאַנצער שלום־אָנשטרענג, און פון דעם גאַנצן „מאָמענטום", פון דער שלום־איניציאַטיוו, לאָזט זיך אויס אַ געפּלאַצטער לופט־באַלאָן פון אַנטוישטע האָפענונגען. אַזוי ווי עס האָט דאָס אין אַ געוויסן מאָמענט באַצייכנט דער זיכערהייטס־מיניסטער פון ישראל, עזר וויצמאַן: מיר זענען אַזוי נאָענט צום אָפּשליסן דעם אָפּמאַך, ווי מיר זענען, אין דער זעלבער צייט און אין דער זעלבער מאָס אויך נאָענט צום אויפרייס פון די אונטערהאַנדלונגען...

אין איצטיקן מאָמענט הערשט אַ געוויסער שטילשטאַנד פאַרן באַנייען די געשפּרעכן, וועלכע זענען געוואָרן צייטווייליק אָפּגעשטעלט און אויף זייער אָרט איז פאַרגעקומען די „מלחמה פון די טעקסטן". צוערשט האָט אַ מצרישע צייטונג פאַרעפנטלעכט, אין אַן עטוואָס געענדערטן נוסח, דעם שלום־אָפּמאַך (אין דעם שטרייט־פּאַראַגראַף נומער 6, וועגן דער פּריאָריטעט פון דעם אָפּמאַך מיט ישראל איבער די פריערדיקע פאַרפליכטונגען פון מצרים לגבי די אַנדערע אַראַבישע לענדער); גלייך נאָך דעם האָבן ישראל און די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרעפנטלעכט דעם אָריגינעלן טעקסט פונעם נאָך נישט אונטערגעשריבענעם אָפּמאַך. אָבער וואָס עס האָט אַרויסגערופן

דעם צאָרן פון וואַשינגטאָן, איז געווען דאָס איינזייטיקע פאַרעפנטלעכן דורך דעם ישראלדיקן אויסערן־מיניסטעריום דעם פולן טעקסט פון דעם צוגאָב־פּראָטאָקאָל נומער 3, אין וועלכן עס ווערט געגויי פּרעציזירט דער **מהות פונעם שלום**, דהיינו — דער זין און דער אופן פון דער צוזאַמענאַרבעט, וואָס דאַרף איינגעשטעלט ווערן צווישן ישראל און מצרים נאָכן אונטער־שרייבן דעם שלום־טראַקטאַט.

זייער טרעפלעך האָט איינער פון די היגע זשורנאַליסטן געברענגט צום אויסדרוק די פּאַראַדאָקסאַלע סיטואַציע, אין וועלכער עס איז שוין לייכטער, אין דער תקופה פון דער „מלחמה פון טעקסטן", צו רעאַליזירן די שלום־פּאָליטיק, איידער זי צו פאָרמולירן...

אָבער דער וויכוח איבער די פאָרמולירונגען און דאָס ביטערע דינגעניש אַרום יעדן איינציקן פונקט און יעדן אות פון דעם אָפּמאַך — שפּיגלט אָפּ דעם טיפן תהום, וואָס איז נאָך אַלץ פאַרבליבן צווישן די **כוונות** פון די צדדים אין דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. זיי זאָגן אויך עדות דערויף, אַז נישט געקוקט אויף דער אומגעהויערער ווענדונג, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין די באַציונגען, איז נאָך אַלץ נישט באַזייטיקט געוואָרן די וואַנט פון אומצוטרוי צווישן די צדדים.

און עס איז קיין וווּנדער נישט. צוליב איר געוואַגטן שריט פון אונטער־האַנדלען מיט ישראל וועגן אַ שלום, איז מצרים געוואָרן איזאָלירט אין דער אַראַבישער וועלט; ווייל זי דעריבער דערשיינען ווי אַזאַ, וואָס זאָרגט פאַר די אַל־אַראַבישע אינטערעסן אין אירע אונטערהאַנדלונגען מיט ישראל. זי טוט דעריבער אַלץ, כדי די אַנדערע אַראַבישע מדינות זאָלן זי נישט באַשול־דיקן אין פּאַראַט צוליבן שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט ישראל. דערפאַר האָט אויך מצרים אַרויסגערוקט די פאָדערונג וועגן דעם „לינקעידזש", דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם ישראל־מצרישן אָפּמאַך און דעם צווייטן הסכם, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין קעמפּ דייוויד — דעם הסכם וועגן לייזן דאָס פּאַלעסטינעזישע פּראָבלעם, אָדער ווייניקסטנס וועגן אַ צייט־פּלאַן פון רעאַליזירן דעם ישראלדיקן אויטאָנאָמיע־פּראָיעקט פאַר די באַזעצטע שטחים, כדי שפּעטער צו קענען אונטערהאַנדלען וועגן זייער ענדגילטיקן גורל.

אין פלוג זעט עס אויס אַ נייע פאָדערונג, און אין פלוג שיינט דאָס אויך צו זיין אין סתירה צו דער פאַרשטענדיקונג פון קעמפּ־דייוויד, לויט וועלכער דאָס זענען צוויי באַזונדערע אָפּמאַכן, וואָס האָבן נישט צו טאָן איינער מיטן אַנדערן. אין דער אמתן אָבער וואָלט מצרים נישט געקענט אונטערשרייבן אין קעמפּ־דייוויד איין הסכם אָן דעם אַנדערן, און ישראל האָט אונטערגע־שריבן דעם הסכם וועגן דער אויטאָנאָמיע, כדי צו קענען דערגרייכן דעם הסכם וועגן סיני.

פון איין זייט האָט אַלזאָ ישראל מורא זיך צו פאַרפליכטן וועגן דעם גורל פון די באַזעצטע (פון זינט דער 6־טאָגיקער מלחמה) שטחים נאָך פאַרן אַריינטרעטן אין די אונטערהאַנדלונגען וועגן זיי; פון דער אַנדערער

זייט אָבער האָבן די מצרים מורא, אַז דער דאָזיקער „צווייטער הסכם" זאָל נישט בלייבן קיין ווערטלאָז פּאַפּיר, נאָכדעם ווי דער סעפּאַראַטער שלום־אָפּמאַך וועט שוין זיין אונטערגעשריבן.

בפרט נאָך, ווען דער דאָזיקער אומצוטרוי איז שוין אַזוי פיל מאָל באַקרעפטיקט געוואָרן דורך די צוטרוי־פאַרלעצונגען, דורך שאַפן געשעענע פאַקטן. זענען מיר דאָך אין משך פון דעם יאָר געווען עדות פון די אַלע מעשים און דערקלערונגען פון אונדזערע מדינה־פירער — און אַלעמאָל אין די סאַמע פילבאַרסטע מאָמענטן פון די שלום־אונטערהאַנדלונגען — וועגן די פּלענער צו פאַרשטאַרקן די עקזיסטירנדיקע און אויפשטעלן נייע זידלונגען — פריער אין סיני, און איצט אויף די איבעריקע באַזעצטע שטחים. האָבן מיר דאָך אָקאָרשט אין די לעצטע „פינף מינוט פאַר צוועלף" געהערט די דערקלערונגען פון אריק שרון, און זיינע פּלענער אויפצושטעלן אַ יידישן שטאָטישן צענטער אין עזה, און די פּלענער פון דער קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג פון דער „סוכנות" צו באַזעצן 27 טויזנט יידישע משפחות אויף די „שטחים", וואָס פאַרלאַנגט אַן אויסגאַבע פון 3 מיליאַרד דאָלאַר!

עס איז קלאָר, אַז אַזעלכע מעשים, פּלענער און דערקלערונגען קענען נישט אַרויסרופן קיין צוטרוי צו די כוונות פון דער ישראל־רעגירונג אין באַצוג צו איר פאַרפּליכטונג צו לייזן דעם עיקרדיקן קאָנפליקט — מיט דער פּאַלעסטינעזישער באַפעלקערונג. דער דאָזיקער קאָנפליקט וועט נישט קענען געלייזט ווערן — און עס וועט אויך נישט זיין קיין זיכערער שלום — אָן צו פאַרזיכערן איר דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג.

ישראל און מצרים זענען שוין גאָר ווייט אַנגאַזשירט אין דעם שלום־פּראָצעס, קיין צוריקטריט איז שוין נישטאָ. אָבער דער גורל פון דעם שלום איז אָפּהענגיק נישט פון דעם לעגאַליסטישן צוגאַנג צו דעם אָדער יענעם וואָרט אין דעם אָפּמאַך — נאָר פון דעם אויפריכטיקן גייסט פון שלום, און פון די אמתדיקע פרידלעכע כוונות וואָס עס וועלן אַרויסווייזן די פירער פון ביידע פעלקער. וואָס שייך די פעלקער גופא, איז קיין ספק נישט, אַז זיי ווילן לעבן אין שלום.

„לעבנס־פראַגן", נאָוועמבער־דעצעמבער 1978

אַ וואָכעדיקער קריזיס

אַלזאָ, נאָך אַלע אַט־אַט־אַטן און נאָך אַלע צוגרייטונגען מקבל־פּנים צו זיין משיחן — האָבן מיר שוין, ברוך השם, ווידער אַ קריזיס. אפשר דעם שווערסטן פון אַלע קריזיסן, וואָס מיר האָבן געהאַט אין די געבורט־ווייען פון דעם שלום־בכור. אפשר דעם סאַמע ערנסטן „מאָמענט פון אמת", וואָס מיר האָבן געהאַט אין משך פון דעם יאָר, אין וועלכן מען האָט געוועבט און געפלאָכטן און אויסגעלייגט דעם רויטן טעפּיך פאַר משיחן, וועלכער איז אָבער נאָך אַלץ נישט געקומען. דאָך נעמט מען זיך דאָס מאָל ווייניקער איבער מיט אים, מיט דעם נייעם קריזיס, ווי מען האָט זיך איבערגענומען פריער מיט אַלע אַנדערע קריזיסן אין פּראָצעס פון די נערוון־צופּנדיקע שלום־אונטערהאַנדלונגען.

נאָך דער גרויסער איבערלעבונג פון פּאַראַיאָרן, נאָך דער פאַרשיכור־רנדיקער עופאָריע אין די דערהויבענע טעג פון סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים, נאָך די דערמוטיקנדיקע געשפּרעכן אין קאַיר און נאָך בעגינס טריומפאַלן צוריקקער פון קעמפּ דייוויד, ווען דאָס פאָלק אין ישראל האָט איבערגעלעבט דעם קלימאַקס, דעם העכסטן גראַד פון עמאָציאָנעלער שפּאַנונג — האָט מען שוין אויפגעהערט צופיל צו אַנגאַזשירן די עמאָציעס. זיי רעאַגירן שוין מער נישט ווי עס דאַרף צו זיין, זיי האָבן זיך שוין פּשוט צוגעוווינט און זענען געוואָרן פּאַסיוו.

פּאַסיוו צו דער גורלדיקער דילעמע פון מלחמה און שלום. פּאַסיוו צו די נאַציאָנאַלע קריזיסן; פּאַסיוו אַפילו צו דעם גרויסן חלום וועגן שלום.

דער חלום איז געוואָרן וואָכעדיק, און דער שלום איז געוואָרן בראָכעדיק... די דערהויבענע וויזיע פון שלום איז געוואָרן צעטרענצלט און אויסגעטווישט אויף קליינגעלט אויף דעם פּערד־מאַרק פון דינגענישן.

עס איז אָבער קיין ספק נישט, אַז דער שלום וועט קומען. ער וועט מוזן קומען, ער האָט נישט קיין ברירה, און עס האָבן נישט קיין ברירה די אַלע, וואָס האָבן זיך געפּאַרעט אַרום אים. עס וועט נאָך זיין אפשר נישט איין קריזיס, און מען וועט נאָך דאַרפן אַריבערשפּרינגען נישט איין הויכן באַריער און נישט איין טיפן אָפּגרונט פון קעגנזײַטלעכע כוונות און פון קעגנזייטיקן אומצוטרוי. אָבער מ'קען נישט בלייבן שטיין אויפן אָרט. און מ'קען אויך נישט גיין צוריק, ווייל דער צוריקוועג איז פול מיט זומפּן. ישראל און מצרים, בעגין און סאַדאַט — זיי זענען ביידע שוין צו שטאַרק אַנגאַזשירט אין דעם בשותפותדיקן אינטערעס און אָנשטרענג פאַרן שלום; זיי וועלן דעריבער מוזן בייקומען אויך דעם איצטיקן קריזיס.

כאָטשבי צוליב דער נאָבעל־פּרעמיע, מיט וועלכער זיי האָבן זיך צעטיילט און וועלכע זיי האָבן באַקומען אַביסל צו פרי.

מיט מלחמות זענען מיר שוין גענוג געפּרוווט געוואָרן, און קיין אַנדערע ברירה ווי דער שלום איז אונדז נישט געבליבן.

אַ שלום וועט, אַלזאָ, זיין — אָבער עס וועט שוין, זעט אויס, קיין צו גרויסע שמחה נישט זיין — און פרעגט נישט פאַרוואָס. מיר האָבן שוין היינט ביי זיך נישט ווייניק אַזעלכע, וואָס באַדויערן דעם שלום, און עס וועט שוין זיין ווער עס זאָל פאַרשטערן די שמחה.

✶

אויך וואָס שייך דעם איצטיקן קריזיס, איז ער גאַנץ פּראָבלעמאַטיש. ווייל אין דעם זעלבן טאָג, ווען דער פּרעמיער בעגין האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן איצט אַ שווערן קריזיס — סיי אין די אונטערהאַנדלונגען מיט מצרים און סיי אין די באַציִונגען מיט אַמעריקע — האָט דער אויסערן־מיניסטער משה דיין געזאָגט, אַז עס איז קיין קריזיס נישטאָ; און דער זיכערהייטס־מיניסטער עזר וויצמאַן האָט געשוויגן. און וואָס שייך זייערע אויספירונגען, האָבן בעגין און דיין געזאָגט פּונקט דאָס קאַפּויערדיקע — סיי אין די רייד פון איינעם צום אַנדערן, און סיי אין באַצוג צו זייערע אייגענע רייד. ווייל גראָד בעגין, וועלכער האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן אַ שווערן קריזיס און האָט דערקלערט, אַז די פולע אחריות פאַר דעם קריזיס ליגט אויף מצרים — האָט אין דער זעלבער צייט אָנגעזאָגט, אַז מיר זענען גרייט צו באַנייען מיט איר די געשפּרעכן; דאַקעגן דיין, וועלכער האָט געטענהט אין אַן אינטערוויו פאַר דער פראַנצויזישער טעלעוויזיע, אַז עס איז קיין קריזיס נישטאָ, האָט אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן אָנגעזאָגט, אַז עס וועלן נישט זיין קיין אונטערהאַנדלונגען, אויב מצרים וועט זיך נישט אָפּזאָגן פון אירע נייע פאָדערונגען.

מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן אַ דריטער שותף צו די אונטערהאַנדלונגען, און וויפל מיר זאָלן אויף אים זיך נישט כעסן און וויפל מיר זאָלן נישט אָפּוואַרפן זיין דיקטאַט און באַשולדיקן אים אין נישט אָנשטענדיקער איינזייטיקייט און אין פאַוואָריזירן די אַראַבער — וועט ער אין לעצטן חשבון דעצידירן וועגן דעם גורל פון שלום, אין די ראַמען פון זיינע גלאָבאַלע אינטערעסן. עס וועט גאָרנישט העלפן. און מעגלעך, אַז נאָר אין זכות פון אָט דעם דריטן שותף וועלן מיר האָבן אַ — בעסערן אָדער אַן ערגערן — שלום, כאָטש קיין שמחה וועט דאָ נישט זיין.

און קיין שמחה וועט נישט זיין, ווייל דאָס וועט זיין נאָר אַן אָנהויב, און ווייל מיטן אָפּשליסן דעם שלום מיט די מצרים וועט זיך אָנהויבן דער גערАַנגל וועגן דעם גורל פון די „שטחים", וועגן דער „אויטאָנאָמיע" און וועגן דער באַזידלונגס־פּאָליטיק. אין אַנבליק פון די דאָזיקע פּראָבלעמען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ געדיכט געפערלעך מינען־פעלד, פול מיט שטאַרקן אויפרייס־פּאָטענציאַל — זעט אויס דער איצטיקער שלום־גערАַנגל מיט מצרים צו זיין גאָר אַ קינדער־שפּיל.

דערפאַר האָב איך ווייניקער מורא פאַר בעגינס טרויעריקער מיטטיילונג וועגן דעם פּאָליטישן קריזיס, ווי פאַר די פריילעכע בשורות פון אונדזערע עקאָנאָמישע מנהיגים, וועלכע שפּייזן אונדז מיט אומפאַרבעסערלעכן אָפּ־

טימיזם, אין דער צייט ווען די ווירטשאַפט פון דער מדינה קייקלט זיך באַרג־אַראָפּ אין זכות פון שמחה ערליכס „עקאָנאָמישע נסים״.

מען דאַרף נישט זיין קיין שלום עליכם, כדי אַרויסצורופן דאָס אמתדיקע געלעכטער דורך טרערן — פון דעם מיניסטער ערליכס דערקלערונג, אַז ער האָט ענדלעך אויסגעפונען די סיבות פון דער אינפלאַציע... אין אַזאַ קורצער צייט, סך־הכל אַנדערהאַלבן יאָר נאָך דער מאַי־איבערקערעניש, וואָס האָט געבערענגט צו דער מאַכט דעם „ליכוד״, און כמעט פערצן חדשים נאָך דעם „עקאָנאָמישן איבערקער״ („המהפך הכלכלי״), וועגן וועלכן ערליכס פאַר־טרעטער, דער וויצע־מיניסטער יחזקאל פלומין האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַן „עקאָנאָמישער נס״ און אַ „סיפור הצלחה״ — אַ געוואַלדיקער דערפאָלג — האָט דער פינאַנס־מיניסטער מצליח געווען אויסצוגעפינען די סיבות פון דער אינפלאַציע. שוין אין דעם אַליין ליגט אַ סך געניאַלקייט. ווייסן מיר דאָך אַלע, פון אונדזער מעדיצינישער דערפאַרונג, אַז דאָס געפינען דעם ריכטיקן דיאַגנאָז איז שוין פאַר זיך אַליין אַ דערפאָלג, אַ האַלבע גענעזונג — אַ העלפט פון דער רפואה שלמה... אלא וואָס, אונדזער פינאַנס־מיניסטער איז געקומען צו אָט דער האַלבער געזונג פון דער ווירטשאַפט נאָכדעם ווי דער יקרות־אינדעקס איז אין די לעצטע צוויי חדשים געשטיגן מיט גאַנצע 12 פּראָצענט — איז בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל נישט, ווי עס זאָגט די יידישע חכמה. און ווער קען נאָך זיין אַ גרעסערער חכם ווי דער מיניסטער, וואָס שאַפט אָפּ די סובסידיעס פאַר לעבנסוויכטיקע אַרטיקלען, און שפּייזט אונדז מיט עקאָנאָמישע נסים און דערקלערט איצט פייערלעך — פערצן חדשים נאָכן „עקאָנאָמישן נס״ — אַז „די ווירטשאַפט איז איצט אַרויף אויפן דרך המלך״ !...

וועלן מיר אַלזאָ וואַרטן און זען וווהין דער דאָזיקער דרך המלך וועט פירן.

לויט דעם „דיאַגנאָז״ פון ה׳ שמחה ערליך איז שולדיק אין דער אינפלאַציע דאָס פּשוטע פאָלק, וואָס „האָט צופיל געלט״ — און נישט די רעגירונג, וואָס האָט אין זכות פון איר עקאָנאָמישער פּאָליטיק און פון איר מדינה־בודזשעט אַריינגעלאָזט אין אומלויף גאַנצע 10 מיליאַרד לירות אין די ערשטע ניין חדשים יאַנואַר—סעפּטעמבער פון דעם אָפּטרעטנדיקן יאָר 1978, און אין די לעצטע דריי חדשים פון דעם יאָר איז אָן ספק צוגעקומען נאָך קרוב פיר מיליאַרד. און קיינער קען נאָך איצט נישט פאָרויסזאָגן אין ציפערן דעם גורל פון דעם פּרייזן־אינדעקס אין דעצעמבער און אין די קומענדיקע חדשים פון דעם בודזשעט־יאָר. פאַר דעם פּשוטן עמך איז ער אָבער קלאָר, באַזונ־דערס נאָכדעם ווי ה׳ ערליך האָט ווידער פאַרזיכערט, אַז מיר זענען שוין אַרויף אויפן דרך המלך.

זענען דעריבער טאַקע גערעכט די וואָס האָבן פאַרגעלייגט, אַז די נאָבעל־פּרעמיע פאַר עקאָנאָמיע זאָל צוגעטיילט ווערן דעם מיניסטער שמחה ערליך. מיט וואָס איז ער דען ערגער פון בעגינען, וועלכער האָט באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פאַר שלום ?...

ל. נ. 22.12.1978

משיח איז אין 1978 נישט געקומען

אַלזאָ, דאָס יאָר 1978 איז שוין אַוועק — און משיח איז נאָך נישט געקומען. דאָס יאָר, וואָס מיר האָבן איצט געזעגנט, האָט נישט דערפילט די דערוואַר־טונגען, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל ביז איצט, אין משך פון דרייסיק יאָר, נישט אויסגעזען אַזוי רעאַל און אַזוי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, ווי טאַקע אין דעם אַוועקגעגאַנגענעם יאָר. מ׳קען עס אָבער נישט באַצייכענען, ווי מ׳פלעגט זיך נוהג זיין לגבי אַ סך אַנדערע יאָרן, אַלס דאָס יאָר פון אַנטוישטע האָפע־נונגען. ניין, דאָס נישט. דאַקעגן איז דאָס געווען פאַר אונדז, איינוווינער פון ישראל און פון מיטעלן מזרח — אַ יאָר פון **נישט דערפילטע האָפענונגען.** אפשר דערפאַר, ווייל די האָפענונגען זענען געווען זייער גרויס.

און דאָך איז עס געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ גוט יאָר. טראָץ אַלע ביטערנישן און פאַרדרוסן, טראָץ דער געוואַלדיקער אינפלאַציע, וואָס האָט אין די לעצטע צוויי חדשים באַטראָפן גאַנצע 12 פּראָצענט און האָט אין משך פון דעם יאָר איבערגעשטיגן די 50 פּראָצענט; טראָץ דער משונהדיק־ קאַטאַ־סטראָפאַלער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער בעגין־רעגירונג. טראָץ דעם אויפגעבלאָזענעם שאָוויניזם, טראָץ דעם אַוואַנטוריסטישן קאָלאָ־ניזאַציע־געיעג, טראָץ די אָפטע אַנטוישונגען און טראָץ די, ווי געזאָגט, נישט דערפילטע האָפענונגען, דערוואַרטונגען און אויסזיכטן.

און טראָץ דעם, וואָס משיח איז אין דעם יאָר נישט געקומען — און אויך נישט דער שלום, וועלכער האָט געזאָלט אונטערגעשריבן ווערן ביז דעם 17־טן דעצעמבער, און איז דעם טאָג נישט געוואָרן אונטערגעשריבן.

דאָס יאָר 1978 איז אָבער געשטאַנען אונטערן צייכן פון שלום, און נישט אונטערן צייכן פון מלחמה און פון מלחמה־געפאַרן, ווי אַלע פריערדיקע יאָרן, אין משך פון יענע 29 יאָר נאָכאַנאַנד.

די אַלע, וואָס האָבן אַלע יאָרן גערעדט מיט טערמינען פון מלחמה און געפּאָכעט אָן אויפהער מיט דער שווערד, האָבן דאָס יאָר גערעדט מיט די טערמינען פון שלום, פון אַ „גערעכטן שלום" — אפילו די טעראָריסטן און זייערע אָנהענגער, וועלכע האָבן נישט אויפגעגעבן די שיטה פון טעראָר. אַפילו די אָנגעהעריקע צום „פראָנט פון אָפּזאָג", וועלכע האָבן זיך קעגנ־געשטעלט סאַדאַטס שלום־איניציאַטיוו און די אָפּמאַכן פון קעמפּ דייוויד — זיי אַלע האָבן דאָס יאָר אָנגעהויבן רעדן מיט דער שפּראַך פון שלום. אין זייער קריטיק קעגן די שלום־אונטערהאַנדלונגען צווישן ישראל און עגיפּטן האָבן זיי נאָר געטענהט, אַז אַ סעפּאַראַטער שלום צווישן זיי וועט נישט נאָר אָפּשוואַכן דעם געאייניקטן אַראַבישן פראָנט קעגן ישראל, נאָר וועט אויך זיין אַ שטערונג אויפן וועג... צו אַ גערעכטן אַלגעמיינעם שלום אין דעם ראַיאָן.

אַוודאי מיינען זיי אַ שלום לויט זייער אויפפאַסונג, און נישט לויט דער אויפפאַסונג פון ישראל. און זיי האָבן אויך נישט אויפגעגעבן דערביי די „אָפּציע פון מלחמה" — ווי אַן אַלטערנאַטיווע, טאָמער וועלן זיי נישט קענען דערגרייכן קיין „גערעכטן שלום", דהיינו אַ גינסטיקע פאַר זיי לייזונג פון דעם קאָנפליקט מיט ישראל אויפן פרידלעכן וועג; אָבער דאָס עצם אַרויס־הייבן די אָפּציע פון שלום ווי איינע פון די צוויי אַלטערנאַטיוועס — דאָס אַליין איז שוין געווען די אומבאַשטרייטבאַרע פּאָזיטיווע דערגרייכונג פון דעם יאָר 1978. און אַ רעזולטאַט איז דאָס פון דעם שלום־פּראָצעס, וואָס האָט פאָרמעל זיך אָנגעהויבן דעם 19טן נאָוועמבער 1977, מיטן איבעראַשנדיקן היסטאָרישן באַזוך פון עגיפּטישן פּרעזידענט אין ירושלים; נישט פאָרמעל האָט דער דאָזיקער פּראָצעס זיך אָנגעהויבן מיט דער יום כּיפּור־מלחמה, מיט פיר יאָר פריער.

אייגנטלעך רעדט מען שוין וועגן די אויסזיכטן אויף אַ שלום מער ווי פינף יאָר — זינט דער יום כּיפּור־טראַגעדיע, און עס האָט זיך שוין זינט דעמאָלט אַ סך מאָל אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט־אָט און דער שלום קומט. און — עס וועט זיין שלום על ישראל. אָבער וואָס מער מ׳דערנענטערט צו דער אויסגעחלומטער מעגלעכקייט, אַלץ מער דערווייטערט זי זיך פון אונדז. אַזוי איז געווען יעדעס מאָל ווען עס האָט געזאָלט צוזאַמענגערופן ווערן די זשענעווער קאָנפערענץ, מיט דער באַטייליקונג פון אַלע אָנגאַזשירטע פאַקטאָרן, און אַזוי איז עס אויך געשען איצט, ווען די צוויי שטאַרקסטע פאַקטאָרן אין דעם קאָנפליקט האָבן, ביי דער אַקטיווער אַמעריקאַנישער פאַרמיטלונג, געמאַכט אַן אומגעהויערן אָנשטרענג פאַר אַ קעגנזייטיקער דערנענטערונג און כמעט ווי דערגרייכט די כּישוף־פּשרה, וואָס האָט זיי **כמעט געברענגט צו אַ שלום־אָפּמאַך.**

אָבער נאָר — כמעט. אין דעם דאָזיקן אומשולדיקן וואָרט כמעט ליגט פאַרשטעקט דער גאַנצער טיפער תהום, וואָס ליגט נאָך אַלץ אויסגעשפּרייט צווישן ביידע צדדים.

דאָס איז דער תהום פון די כּוונות.

אויך ווען עס וועלן באַזייטיקט ווערן אַלע שטערונגען, עס וועט געפונען ווערן עפּעס אַ צויבער־פאָרמולע, כדי צו ברענגען די צוויי צדדים צום אונטערשרייבן דעם כמעט שוין גרייטן שלום־אָפּמאַך — וועלן נאָך אַלץ בלייבן געפערלעכע מינען־פעלדער, און דער ווולקאַן פון מיטעלן מזרח וועט נישט קענען פאַרלאָשן ווערן כּל זמן עס וועט נישט דערגרייכט ווערן אַן אַלגעמיינער שלום אין דעם ראַיאָן. דאָס הייסט — כּל זמן עס וועט נישט געלייזט ווערן דאָס פּראָבלעם פון דער פּאַלעסטינעזישער אַראַבישער באַפעלקערונג אויף די באַזעצטע שטחים אויפן מערב־ברעג פון ירדן און אין עזה־פּאַס, און כּל זמן עס וועט נישט איינגעשטעלט ווערן קיין שלום אויך מיט די איבעריקע שכנים — מיט יאַרדאַניע און מיט סיריע און אַפילו אויך מיט לבנון.

צוליב דעם, אייגנטלעך, איז משיח נישט געקומען אין יאָר 1978. די שאַרפע קעגנזאַצן אַרום דעם פּאַלעסטינעזישן פּראָבלעם האָבן מיט זיך פּאַרגעשטעלט די עיקרדיקע שטרויכלונג, וואָס האָט נישט צוגעלאָזט צום אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך צו דעם אין קעמפּ דייוויד באַשטימטן ענד־טערמין פון 17טן דעצעמבער פון דעם אַוועקגעגאַנגענעם יאָר.

אין יענע טעג פון דער געוואַלדיקער עופאָריע, ווען מ׳האָט זיך געגרייט מקבל פּנים צו זיין משיחן נאָך סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים, ווען אויף די גאַסן פון דער שטאָט האָבן געפלאַטערט די פענער פון עגיפּטן ביי דער זייט פון די ישראלדיקע פענער — האָט זיך שוין געהאַט אויסגעדריקט, אַז עס איז געוווּנג דער גוטער ווילן פון ביידע צדדים, פון ישראל און פון עגיפּטן, כדי צו באַזייטיקן אַלע שטרויכלונגען אויפן וועג צום שלום. דער עגיפּטישער פּרעזידענט אַנואַר סאַדאַט האָט דאָס אין זיין רעדע באַצייכנט אויף דעם אופן, אַז זיבעציק פּראָצענט פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט שטעלט מיט זיך פאָר דער פּסיכאָלאָגישער באַריער צווישן די אַראַבער און יידן, און דער דאָזיקער באַריער — די שטרויכלונג פון זיבעציק פּראָצענט — איז באַזייטיקט געוואָרן מיט זיין עצם קומען קיין ישראל. ווייל זיין קומען קיין ירושלים האָט שוין מיט זיך פאַרגעשטעלט די דע פאַקטאָ־אַנערקענונג פון מדינת ישראל דורך דער שטאַרקסטער פון די פיינטלעכע אַראַבישע מדינות.

געבליבן איז אַלזאָ, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט, צו באַזייטיקן די צוויי „קליינע" באַריערן אויפן וועג צום שלום: דעם באַריער פון אומצוטרוי און דעם באַריער פון די כוונות. זיי שטעלן דאָס פאָר מיט זיך די דרייסיק פּראָצענט פון די שטרויכלונגען. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן מיט דער צייט, נאָך אַ גאַנץ יאָר פון שווערע, נערוון־צעפּנדיקע אונטערהאַנדלונגען, אַז די ביידע באַריערן זענען שטאַרק פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן, און אַז צווישן אָט די צוויי באַריערן און דעם שלום ליגט טאַקע דער טיפער תהום, וועלכן עס איז שווער אַריבערצושפּאַנען, כל זמן עס וועט נישט באַזייטיקט ווערן דער תהום פון די כוונות. ער האָט דאָס אויך גורם געווען די עגיפּטישע פאָדערונג וועגן דעם „לינקעידזש", דעם צוזאַמענהאַנג צווישן ביידע אין פלוג באַזונדערע אָפּמאַכן, וואָס זענען אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 17טן סעפּטעמבער אין קעמפּ דייוויד. אָבער וואָס נאָענטער מען קומט־צו צו דעם באַריער פון די כוונות, אַלץ טיפער איז דער תהום, וועלכער אַנטפּלעקט זיך צווישן ביידע צדדים.

די צייט איז נישט געשטאַנען אויפן אָרט אין דעם יאָר פון די שלום־אונטערהאַנדלונגען, וואָס האָבן דערוויל — אין דעם מאָמענט ווען מיר שרייבן די דאָזיקע שורות, דהיינו נאָכן איבערייסן די געשפּרעכן און אָפּלייגן זייער המשך און דאָס אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך „אויף שפּעטער" — געבערענגט אַ סך פאַרדרוסן און ביטערנישן. עס האָט דערוויל אויפגע־פלאַקערט דער ווולקאַן אין דער נישט ווייטער פּערסיע, עס איז פאַרגעקומען די אַראַבישע שפּיצן־קאָנפערענץ אין באַגדאַד, וועלכע האָט דעמאָנסטרירט די פולע איזאָלאַציע פון עגיפּטן אין דער אַראַבישער וועלט, און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דאָס איינשטעלן דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען צווישן

וואַשינגטאָן און פּעקין. אין אונדזער ראַיאָן, אויף אונדזער שלום־פראָנט, איז דערווייל די צייט געבליבן שטיין אויף אָן אָרט.

דער גרויסער חלום, די פּרעכטיקע וויזיע פון שלום, איז אין משך פון דעם יאָר געוואָרן וואָכעדיק.

איך פּרוביר זיך דערמאָנען יענע דערהויבענע טעג פון נאָוועמבער 1977, ווען מיר זענען אַלע אַרומגעגאַנגען ווי פאַרשיכורט, געחלומט האָבן מיר. איך דערמאָן זיך די גרויסע איבערלעבונג, ווען דער עגיפּטישער פּרעזידענט איז דערשינען אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ פאַר די ישראלדיקע און אויסלענדישע זשורנאַליסטן אין ירושלים, און ווען מיר האָבן זיך אָנגעקוקט, איין זשורנאַליסט דעם אַנדערן און געשטוינט, נישט געקענט גלויבן.

דאָס זעלביקע געפיל האָבן מיר, אַ גרופּע ישראלדיקע זשורנאַליסטן, דערפאַרנט ווען מיר זענען עטלעכע וואָכן שפּעטער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון קאַיִר, אַרומגעפאָרן איבער דעם לאַנד פון מצרים און געזאָגט פון דער גאַסטפריינטלעכקייט פון דעם אַלטן דערשלאָגענעם פאָלק, זיך צוגעקוקט צו דער אַזויפיל־מיליאָניקער מאַסע, וואָס האָט דעמאָלט געחלומט צוזאַמען מיט אונדז.

זינט דעמאָלט האָבן מיר זיך אַלע געענדערט. היינט האָבן מיר דאָס געפיל, ווי דער חלום וואָלט זיך לאַנגזאַם אויסגעוועפּט. דער שלום, וואָס מער ער ווערט רעאַל, אַלץ מער פאַרלירט ער פון זיין צויבער, צוליב דער געשאַפענער אַטמאָספער אַרום אים. צייטנווייז, אין די פאַרשידענע עטאַפּן פון די אונטערהאַנדלונגען באַקומט זיך צומאָל דער איינדרוק, אַז דער גלויבן אין שלום האָט אָנגעהויבן אויסצוזען נאַיִוו, און דער שלום אַליין — נישט רעאַל, נישט וואַרשיינלעך און אַפילו נישט מעגלעך. עס באַקומט זיך צייטנווייז דער איינדרוק, אַז אין די דינגענישן וועגן דעם פּרייז, וועלכן מען דאַרף באַצאָלן פאַרן שלום, ווערט דאָס פּנים פונעם שלום פאַרשוואַרצט, און עס האָט שוין אויסגעזען ווי עס וואָלטן געמאַכט געוואָרן אַלע מעגלעכע אַנשטרענגונגען, אונטער כלערליי תירוצים, צו פאַרוואַנדלען דאָס מעגלעכע און אוממעגלעך, אין דער צייט ווען מיט אַ יאָר צוריק האָט עס אויסגעזען פּונקט פאַרקערט.

אמת, שוין מיט אַ יאָר צוריק איז געווען אַן ענלעכע סיטואַציע, ווען די „שפּיצן־קאָנפערענץ" אין איסמאַיִליאַ, די באַגעגעניש צווישן בעגינען און סאַדאַטן ביים ברעג פון סועץ־קאַנאַל, האָט זיך פאַרענדיקט אָן רעזולטאַטן צוליב דער זעלבער סיבה, צוליב וועלכער עס איז נישט אונטערגעשריבן געוואָרן דער שלום־אָפּמאַך דעם 17טן דעצעמבער. די שטרויכלונג איז געווען: דער באַריער פון די כוונות. די פּירער פון ביידע מדינות האָבן נישט מצליח געווען אויסצואַרבעטן די געפלאַנטע „דעקלאַראַציע פון כוונות", וואָס זאָל זיי ריכטן צו אַ שלום־אָפּמאַך, און זינט דאַן האָט דעם שלום־פּראָצעס אַדורכגעמאַכט אַזעלכע שווערע און טיפע קריזיסן. צום סוף האָט די רעגי־רונג פון ישראל אָנגענומען אין קעמפּ דייוויד דעם אויפגעצווונגענעם שלום צוזאַמען מיט דער פאַרפּליכטונג, וואָס בעגין האָט מיט אַ יאָר פריער געהאַט

אָפּגעזאָגט אין איסמאַיליאַ. געבליבן איז דער אומצוטרוי אין באַצוג צו די כוונות בנוגע די אָקופּירטע שטחים אויפן מערבדיקן ברעג און אין עזה־פּאַס, אין אָנבליק פון די כסדרדיקע בולדאָזער־מאַנעוורן, באַדן־סעקווע־סטראַציעס, דעקלאַרירטע פּראָיעקטן און פון שאַפן געשעענע פאַקטן.

אַט דער אומצוטרוי פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט דער ווילן אויפצועסן דעם קוכן און לאָזן אים גאַנץ, האָט דאָס געבוירן די אַלע קריזיסן, וואָס באַגלייטן די שלום־אונטערהאַנדלונגען צווישן ישראל און עגיפּטן.

עס איז שווער אַריבערצושפּרייזן די לעצטע צוויי באַריערן פון אומ־צוטרוי און פון די כוונות, וועלכע בילדן דעם טיפן תהום צווישן די צדדים. קיין צוריקוועג איז אָבער נישטאָ. ווען עס וועט באַזייטיקט ווערן די לעצטע שטרויכלונג און עס וועט ענדלעך אונטערגעשריבן ווערן אַ שלום צווישן ישראל און עגיפּטן — נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט סיי פון דעם אַראַבישן און סיי פון דעם יידישן „פראָנט פון אָפּזאָג" — וועט ערשט שטיין פאַר אונדז די נייע גרויסע און שווערע אויפגאַבע — צו דערגרייכן אַן אַלגעמיינעם שלום, און צו לייזן דעם קאָנפליקט מיט די סאַמע נאָענטסטע שכנים, מיטן פּאַלעסטינעזישן פאָלק.

דרייסיק יאָר האָבן די אײַנוווינער פון ישראל געחלומט וועגן אַ שלום — געחלומט אויף דער וואָר, און אין צווישן געצאָלט שווערע און בלוטיקע קרבנות פאַר די פעלערן און פּאָליטישע כוונות פון די מנהיגים. פאַר אונדז איז דער שלום דער העכסטער פאַרלאַנג, דער שענסטער חלום; פאַר אונדז וועט דאָס אפשר זיין ווען עס וועט קומען דער פולער, דער אַלגעמיינער שלום מיט אַלע אונדזערע שכנים — משיח'ס צייטן.

„פאָרויס", יאַנואַר 1979



.52

אין בלינדן געסל פון דער אויטאָנאָמיע

מיט חדשים צוריק האָבן מיליאָנען מענטשן געלייגט זייערע האָפענונגען אויף דעם ראַמען־הסכם, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין קעמפּ דייוויד. מיליאָנען מענטשן האָבן באַוווּנדערט די גרויסקייט פון די דריי הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ביי זיי די גרויסע האָפענונג פון שלום. פון די דריי פּערזענלעכקייטן איז איינער דער פּרעזידענט פון דער גרעסטער וועלט־מאַכט, און די אַנדערע צוויי זענען ערשט נישט לאַנג אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דער נאָבעל־פּרעמיע פאַר שלום פאַרן יאָר 1978.

דער היסטאָרישער ספּעקטאַקל איז פאַראייביקט געוואָרן אין דער טעלעוויזיע און אין דער פּרעסע: בעגין און סאַדאַט כאַפּן זיך אַרום און קאַרטער, דער גאַסטגעבער פון די אַנדערע צוויי, שטייט פון דער זייט און שמייכלט ברייט מיט זיינע ווייסע ציינער און פּאַטשט בראַוואָ צום לויב פון דער היסטאָרישער איבערבעטונג צווישן די פירער פון די צוויי פיינטלעכע מדינות. און אין אויער קלינגט נאָך אַלץ, ווי אַ ווייטער עכאָ, די באַנייטע פראַזע אין דער ווענדונג פון דעם ישראל־פּרעמיער מנחם בעגין צום עגיפּטישן פּרעזידענט: „יו אַר מאַי פרענד"... — איר זענט מיין פריינד... — אַ פראַזע, וואָס איז שוין אַזוי פיל מאָל צוגעזאָגט און אָפּגעזאָגט געוואָרן אין משך פון דעם יאָר, אין איינקלאַנג מיטן זיגזאַגישן וועטער אין פּראָצעס פון די שלום־אונטערהאַנדלונגען.

איצט, אין דעם מאָמענט ווען מיר שרייבן די דאָזיקע שורות, איז שוין ווידער נישטאָ קיין גוטע פריינטשאַפט צווישן די פירער פון ישראל און פון עגיפּטן. דער פאָדעם פון צוטרוי צווישן זיי איז ווידער איבערגעריסן געוואָרן. בעגין באַשולדיקט סאַדאַטן אין ברעכן זיינע הבטחות, און די עגיפּטישע פּרעסע האָט ווידער באַנייט די אָנגריפן קעגן בעגינען, וועלכער ווערט באַצייכנט דורך איר ווי אַ כיטרער סוחר מיט בייזוויליקע כוונות. לויטן אָפּמאַך, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין קעמפּ דייוויד, האָט דער שלום־טראַקטאַט צווישן ישראל און עגיפּטן געדאַרפט אונטערגעשריבן ווערן אין משך פון דריי חדשים, דהיינו ביזן 17־טן דעצעמבער 1978. און בעתן פּייערלעכן אונטערשרייבן אין ווייסן הויז דעם אָפּמאַך פון קעמפּ דייוויד האָט בעגין אויסגעדריקט פאַר סאַדאַטן דעם ווונטש — און סאַדאַט האָט צוגעשטימט — אַז דער שלום זאָל אונטערגעשריבן ווערן מיט אַ חודש פריער, צום יאָרטאָג פון סאַדאַטס היסטאָרישן באַזוך אין ירושלים, דעם 19־טן נאָוועמבער.

דער טעקסט פון דעם שלום־אָפּמאַך איז שוין געווען פאַרטיק צו דער באַשטימטער צייט, נאָך די אינטענסיווע אונטערהאַנדלונגען אין וואַשינגטאָן.

עס איז אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ דאָקומענט, וואָס שילדערט דעם מהות און דעם כאַראַקטער פון די נאָרמאַליזירטע באַציִונגען צווישן ישראל און עגיפּטן נאָכן דערגרייכן דעם שלום. אָבער דער שלום־אָפּמאַך איז נישט געוואָרן אונטערגעשריבן — נישט צום יאָרטאָג פון סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים, נישט ערב דעם פייערלעכן צוטיילן בעגינען און סאַדאַטן די נאָבעל־פּרעמיע פאַר שלום, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 10־טן דעצעמבער אין אָסלאָ, און נישט אין דעם באַשטימטן ענד־טערמין, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן אין קעמפּ דייוויד, דעם 17־טן דעצעמבער.

דער קריזיס איז אויסגעבראָכן אין לעצטן מאָמענט, נאָכדעם ווי די צדדים האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער אויסטייטשונג פון די פּונקטן און פּאַראַגראַפן פון דער „כתובה". עס איז אויך דורכגעפאַלן דער פּאַר־צווייפלטער פּרווו פון אַמעריקאַנער סטייט־סעקרעטאַר סיירוס וועַנס צו געפינען אַן אויסוועג פון דער געשאַפענער סיטואַציע און צו ראַטעווען דעם שלום־אָפּמאַך. עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. דערוויל האָבן די דריי פּאַרטנערן זיך איינגעטיילט אין צוויי צדדים, און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט האָט וואַשינגטאָן זיך אָפן געשטעלט אויף דער זייט פון עגיפּטן, באַשולדיקנדיק ישראל אין דער אחריות פאַר דעם אַנטשטאַנענעם קריזיס. אין ישראל האָט די כנסת מיט אַ גרויסער מערהייט אָרויפגעוואָרפן די שולד פאַר נישט אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך — אויף עגיפּטן, און האָט שאַרף געטאַדלט די אַמעריקאַנער אַדמי־ניסטראַציע פאַר שטיצן די עגיפּטישע שטעלונג.

★

פון פאָרמעלן שטאַנדפּונקט וואָלט מען געקענט געפינען גענוג מאָטיוון צו באַשולדיקן אַלע דריי פּאַרטנערן אין ענדערן זייער צוגאַנג צו דעם אָדער יענעם פּאַראַגראַף פון דעם שוין פון פריער בשותפותדיק אויסגעאַרבעטן טעקסט פון דעם שלום־אָפּמאַך: פון דעם גלאָבאַלן פּאָליטישן שטאַנדפּונקט קען מען געפינען גענוג מאָטיוון צו פאַרענטפערן די סיבות פון די ענדע־רונגען, וואָס די צדדים האָבן מיט דער צייט געוואָלט אַריינפירן אין דעם אָפּמאַך, אָדער אין די באַגלייט־שריפטן צו דעם אָפּמאַך; די פּאָליטישע סיטואַציע האָט אין דער צווישנצייט זיך פאַרשאַפט. עס האָט זיך פאַרערגערט די פּאָזיציע פון מערב אין איראַן און עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די איזאָלאַציע פון עגיפּטן אין דער אַראַבישער וועלט. די אַראַבישע „שפּיצן־קאָנפערענץ" אין באַגדאַד האָט באַוויזן, אַז נישט בלויז די לענדער פונעם „פראָנט פון אָפּזאָג", נאָר אויך די נאָענטסטע פאַרבינדעטע פון קאַיר — סאַוד־אַראַביע און יאָרדאַניע — האָבן זיך געשטעלט קעגן סאַדאַטן, און די צוויי צעקריגטע שכנים, סיריע און איראַק, האָבן זיך איבערגעבעטן צווישן זיך, כדי געמיינזאַם צו באַקעמפן דעם „מצרישן פּאַראַט" און דעם גייסט פון קעמפּ דייוויד.

דער אַלטער כלל פון „כבדהו וחשדהו" — רעספּעקטיר, אָבער האָב נישט קיין צוטרוי — איז דאָ געקומען צום פולן אויסדרוק, מחמת דער גאַנצער קאָנפליקט, אין אַלע שטרייט־פּאַראַגראַפן, האָט זיך קאָנצענטרירט

אַרום דער צוטרוי־פראַגע אין שייכות צו דעם פּאַלעסטינער פּראָבלעם. אויב די גאַנצע וועלט — אויסער, פאַרשטייט זיך, די ישראלדיקע נאַציאָנאַליסטן — האָט די גאַנצע צייט געטענהט, אַז דאָס פּאַלעסטינער פּראָבלעם איז „דאָס האַרץ פון דעם קאָנפליקט" אין מיטעלן מזרח, איז אָט דאָס פּראָבלעם איצט געוואָרן דאָס האַרץ פון דעם ישראל־עגיפּטישן קאָנפליקט אַרום דעם טעקסט און די פּאַראַגראַפן פון דעם פאַרעגלייגטן און שוין איינשטימיק אויסגעאַרבעטן שלום־אָפּמאַך צווישן די צוויי מדינות.

אמת, עס איז אוממעגלעך געווען זיך פאַרצושטעלן ביז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אַז די צדדים וועלן קענען אַדורכמאַכן אַזאַ גרויסן מהלך צו דער דערגרייכטער דערנענטערונג, צו אַזאַ ווייטגייענדיקער פשרה, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דעם טעקסט פון דעם שלום־אָפּמאַך און אין די בייגע־לייגטע צוגאָב־פּראָטאָקאָלן. ביידע פירער האָבן דערביי געמוזט מקריב זיין זייערע אַלטע דאָקטרינען און אידעאָלאָגישע דאָגמעס, שליסנדיק פריער אַ שלום מיט דערווירקלעכקייט.

אָבער נישט מיט דער גאַנצער ווירקלעכקייט. ביידע האָבן פּרובירט אויסצומיידן און אַריבערצושפּרינגען די לייזונג פון דעם פּאַלעסטינער פּראָבלעם. די ווירקלעכקייט האָט אָבער באַוויזן, אַז עס לאָזט זיך נישט איגנאָרירן אַ פּראָבלעם, וואָס איז טאַקע „דאָס האַרץ פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט". פאַר ביידע צדדים איז געווען קלאָר, אַז אָן צו לייזן אָט דאָס פּראָבלעם וועט צו קיין שלום נישט קומען; אָבער עס איז אויך נישט מעגלעך דאָס פּראָבלעם צו לייזן צוליב דעם עקסטרעמען קעגנזאַץ אין דעם צוגאַנג פון די צדדים: פון איין זייט די קאַטעגאָרישע קעגנערשאַפט פון ישראל — סיי פון דער הערשנדיקער קאָאַליציע און סיי מצד דער מערהייט פון דער אָפּאָזיציע — צום שאַפן אַ פּאַלעסטינער מדינה, און פון דער אַנדערער זייט די קעגנערשאַפט פון די פּאַלעסטינער עקסטרעמיסטן צו דער עצם עקזיסטענץ פון מדינת ישראל. די קאָרט און די ברירה איז אָבער אין די הענט פון ישראל, ווייל אונטער איר הערשאַפט געפינען זיך די שטחים, אויף וועלכע עס קען געשאַפן ווערן — ווי אַ רעאַלע לייזונג — די פּאַלעסטינער מדינה. דאָס ברענגען די פּאַלעסטינער צום פאַרהאַנדלונגס־טיש, ביי דער גרייטקייט פון ישראל אויף אַזאַ לייזונג, וואָלט געמוזט פירן צו אַ פשרה און צו אַ קעגנזייטיקער אַנערקענונג.

בעגין און סאַדאַט האָבן פאַרדינט אַ קרעדיט: דער ערשטער האָט אים פאַרדינט שוין דערמיט, וואָס ער האָט אַנערקענט אין דעם אָפּמאַך די „לעגיטימע רעכט פון אַראַבישן פּאַלעסטינער פאָלק" און זיין רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג; דער צווייטער — דערמיט, וואָס ער האָט אַנערקענט די עקזיסטענץ־רעכט פון מדינת ישראל און האָט דעמאָנסטרירט די פולע גרייט־קייט אויף אַ שלום מיט ישראל, מיט אַלץ וואָס דרינגט פון דעם אַרויס, דהיינו: אַ פולע נאָרמאַליזאַציע פון די באַציונגען, מיט דער גרייטקייט אָפּצולייגן די לייזונג פון פּאַלעסטינער פּראָבלעם אויף שפּעטער — אָבער נישט רעזיגנירנדיק פון דעם. אָבער אַזוי ווי סאַדאַט האָט נישט רעזיגנירט

פון דער שפּעטערדיקער לייזונג פון פּאַלעסטינער פּראָבלעם, אַזוי האָט אויך בעגין נישט רעזיגנירט פון די טעריטאָריעס, וועלכע דאַרפן דינען פאַר דער „פּאַלעסטינער לייזונג". און דער דאָזיקער קעגנזאַץ פון די כוונות — און נישט דער פלאָנטער פון די פּאַראַגראַפן — איז אייגנטלעך די וועזנטלעכע סיבה פון דעם קריזיס, וועלכער איז אויסגעבראָכן פאַרן אונטערשרייבן דעם שווין פאַרטיקן אָפּמאַך.

★

זינט בעגין און דיין האָבן „פּאַרקויפט" קאַרטערן דעם פּראָיעקט וועגן דער „אויטאָנאָמיע" אויף די טעריטאָריעס, וואָס זענען אָקופּירט געוואָרן בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה פון יוני 1967, גייט אָן אַ וויכוח צווישן „ליכוד" און דעם „מערך", וועלכער טענהט — פונקט אַזוי ווי די אומצו־פרידענע עקסטרעמיסטן אין „ליכוד" גופא — אַז די דאָזיקע פאַרגעלייגטע „אויטאָנאָמיע" וועט מוזן פירן צו דער שאַפונג פון אַ פּאַלעסטינער מדינה, און דעריבער וואַרפן זיי אָפּ דעם דאָזיקן פּראָיעקט. קאַרטער און סאַדאַט, וועלכע האָבן פריער געהאַט אָפּגעוואָרפן דעם פּראָיעקט, האָבן אים אָבער שפּעטער אָנגענומען ווי אַ באַזע פאַר אונטערהאַנדלונגען בתנאי, אַז די אויטאָנאָמיע וועט זיין נאָר אַ צייטווייליקע, אויף פינף יאָר, כדי אין משך פון אָט דער תקופה זאָל די אָרטיקע באַפעלקערונג אַליין אויסוויילן אירע אינסטאַנצן און די צדדים זאָלן אונטערהאַנדלען מיט די פאַרשטייער פון דער אויטאָנאָמער פּאַלעסטינער פאַרוואַלטונג וועגן דער צוקונפט פון די דאָזיקע שטחים. דאָס איז געווען, אַלזאָ, פון ביידע צדדים, אַ ווייטגייענדיקע פּשרה, כדי צו דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג, וואָס זאָל פירן צו אַ שלום־אָפּמאַך צווישן ישראל און עגיפּטן, כדי עגיפּטן זאָל נישט ווערן באַשולדיקט אין שליסן אַ סעפּאַראַטן אָפּמאַך מיט ישראל און אויך נישט אין מפקיר זיין די פּאַלעסטינער אינטערעסן.

כדי אָבער צו קענען אונטערשרייבן אַ שלום־אָפּמאַך מיט עגיפּטן איידער עס וועט קענען געלייזט ווערן דאָס פּאַלעסטינער פּראָבלעם, איז באַשלאָסן געוואָרן, ווי באַוווסט, אָפּצוטיילן די ביידע פּראָבלעמען אין צוויי באַזונדערע דאָקומענטן, וואָס זענען אונטערגעשריבן געוואָרן אין קעמפּ דייוויד. אין פלוג איז דעריבער, פאָרמעל, נישט געווען קיין פאַרבינדונג צווישן די צוויי דאָקומענטן און דערפאַר טאַקע איז ישראל אַזוי אַנטשידן אַרויסגע־טראָטן קעגן דער שפּעטערדיקער עגיפּטישער פאָדערונג וועגן דעם שייכות צווישן די צוויי פאַרשטענדיקונגען, וואָס איינער אָן דעם אַנדערן קען נישט האָבן קיין האַפט. עס איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז ישראל איז איינגעגאַנגען אויף דער עוואַקואַציע פון סיני מיט דער שטאַרקער האָפע־נונג, אַז עגיפּטן וועט איר געבן פרייע הענט אויף די איבעריקע פאַרנומענע שטחים; פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אויך קלאָר, אַז עגיפּטן וואָלט בשום אופן נישט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך וועגן אַ שלום מיט ישראל — אָן דעם צווייטן הסכם וועגן אַ פּאַלעסטינער לייזונג.

ווען די פּשרה וואָלט געווען נישט נאָר אַ פאָרמעלע, געבויט אויף אַ פּאַפּירענער בריק איבער דעם תהום פון די קעגנזאַצן, נאָר ווען זי וואָלט

צוזאַמענגעפירט די צדדים אויך אין באַצוג צו זייערע כוונות — דאַן וואָלט נישט געקומען צו דעם איצטיקן קריזיס, און דער שלום־אָפּמאַך צווישן ישראל און עגיפּטן וואָלט שוין געווען אונטערגעשריבן. עס וואָלט נישט שווער געווען צו דערפירן אויך די אַנדערע אַנגאַזשירטע אין דעם קאָנפליקט צום אונטערהאַנדלונגס־טיש. אָבער סיי די מעשים פון דער ישראל־רעגירונג אויפן געביט פון דער קאָלאָניזאַציע („התנחלות") אין דער ערשטער פאַזע פון די אונטערהאַנדלונגען, סיי אירע אָפּטע דערקלערונגען אין אַלע קריטישע מאָמענטן פון דעם שלום־פּראָצעס וועגן די נייע קאָלאָניזאַציע־פּלענער און וועגן דעם, אַז די ישראל־אַרמיי וועט פאַרבלייבן אויף די אָקופּירטע שטחים „אויף אייביק" („לנצח נצחים", לויט בעגינען), און סיי אויך דער אינהאַלט פון דעם פּלאַן פון דער אויטאָנאָמיע — האָבן נישט געקענט נישט אַרויסרופן קיין אומצוטרוי ביים צווייטן צד. פון דאַנען נעמט זיך די עקשנותדיקע פאָדערונג פון סאַדאַטן וועגן פאַרזיכערן אַ צייט־קאַלענדאַר, אָדער יעדנפאַלס אַן ענד־טערמין פאַרן אויסוואַל פון די אויטאָנאָמיע־אינסטאַנצן; פון דאַנען נעמט זיך אויך דער געענדערטער פאָרשלאָג פון די עגיפּטער, אַז דער אויסטויש פון די אַמבאַסאַדאָרן זאָל פאַרקומען ערשט נאָכן אויסוויילן די דאָזיקע אינסטאַנצן.

דאָס אַלץ, כדי צו פאַרזיכערן, אַז דער צווייטער אָפּמאַך וועגן „לייזן די לעגיטימע רעכט און אינטערעסן פון פּאַלעסטינער פאָלק" (אָדער „פון די אַראַבער פון ארץ ישראל", ווי עס זאָגט זיך אין העברעישן טעקסט) זאָל נישט בלייבן קיין ווערטלאָז פּאַפּיר, וואָס עס ווילן אייגנטלעך בעגין און דיין און די רעגירונג פון ישראל.

און אַז דאָס איז אַזוי, האָט בעגין קלאָר געמאַכט אין זיין רעדע בעת דער פּאָליטישער דעבאַטע אין דער כנסת, וועלכע האָט באַשטעטיקט די פּאָליטיק פון דער רעגירונג: ישראל, האָט ער געזאָגט, קען זיך נישט פאַרפליכטן צו קיין שום באַשטימטן טערמין וועגן איינפירן די אויטאָנאָמיע, ווייל עס איז נישטאָ די זיכערקייט, אַז עס וועלן זיך געפינען קאַנדידאַטן צו ווערן אויסגעוויילט, און אַז עס וועלן זיין וויילער פאַר זיי.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט בעגין געגעבן אָנצוהערן, אַז ער אַליין גלויבט נישט אין דער מעגלעכקייט צו רעאַליזירן דעם פּראָיעקט וועגן דער אויטאָנאָמיע, און דאָס וועט באַפרייען ישראל פון איר התחייבות צו לייזן דאָס פּאַלעסטינער פּראָבלעם. בעגין ווייסט זייער גוט פאַרוואָס דאָס וועט זיין אוממעגלעך. ווייל, הגם ער מאָטיווירט דאָס מיט דער פּאָליטיק פון אָפּשרעקן די פּאַלעסטינער באַפעלקערונג דורך דער אָרגאַניזאַציע פון יאַסער אַראַפאַט און פון זשאָרזש כאַבאַש, ווייסט ער גאַנץ גוט, אַז דער פּראָיעקט פון דער אויטאָנאָמיע, וועלכער איז חל אויף די איינוווינער און נישט אויף דעם שטח אויף וועלכן זיי לעבן, איז לחלוטין נישט אָננעמבאַר פאַר דער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג, אַפילו ווען די פּירער פון „מערך" טענהן, אַז די אויטאָנאָמיע וועט פירן צום שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע פּאַלעסטינער מדינה. קעגן דעם האָט זיך שוין פון פריער באַוואָרנט די רעגירונג פון ישראל, ווען זי האָט באַשלאָסן, אַז די אויטאָנאָמיע וועט פונקציאָנירן

אונטער דער אויפזיכט פון דער ישראלדיקער אַרמיי, וועלכע „וועט בלייבן אויף די דאָזיקע שטחים אויף אייביק״; אַז די קאָמפּעטענצן פון די געווייילטע אינסטאַנצן וועלן זיי זייער באַגרענעצט; אַז די וואַסער־קוואַלן וועלן אַרונטערגענומען ווערן אונטער דער סוווערעניטעט פון ישראל; אַז אַ מיליאָן דונאַם פון דעם באָדן, וואָס האָט געהערט צו דער יאַרדאַנישער מלוכה אויפן מערבדיקן ברעג, און פון דעם מלוכהשן באָדן אין עזה־פּאַס, וועלן איבערגיין צו דער סוווערעניטעט פון ישראל, און אויף זיי וועלן געבויט ווערן יידישע ישובים, איבער וועלכע די פּאַלעסטינער אויטאָנאָמיע־אינ־סטאַנצן וועלן נישט האָבן קיין רעכט און קיין שליטה — און נאָך און נאָך אַזעלכע באַגרענעצונגען פון דער פּאַלעסטינער אַזוי־גערופענער „אויטאָ־נאָמיע״.

אַזאַ פּראָיעקט האָט אָבער נישט די קלענסטע אויסזיכטן צו ווערן אַפּראָבירט אַפילו דורך די מעסיקע אַראַבער, וועלכע וואָלטן איינגעגאַנגען אויף אַ שלום מיט ישראל. איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס בעגינס ספקות בנוגע דער רעאַליזירונג פון דעם פּראָיעקט האָבן פאַרשטאַרקט סאַדאַטס אומצוטרוי צו בעגינס הבטחות. דאָס איז די עיקרדיקע סיבה פון דעם קריזיס, וואָס איז אויסגעבראָכן פאַרן אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך — און נישט דער פאָרמאַליסטישער וויכוח וועגן דעם אָדער יענעם פּאַראַגראַף. פון דאַנען אויך די סיבה פון דער חרטה, וואָס ביידע צדדים האָבן אַרויס־געוויזן בנוגע אייניקע פון זייערע פריערדיקע פאַרפּליכטונגען.

★

דער אויסגעבראָכענער קריזיס באַדייט נאָך נישט, אַז די שלום־אונטער־האַנדלונגען זענען געוואָרן פולשטענדיק אויפגעריסן. נאָך אַזאַ דורכברוך, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט איבער אַ יאָר צוריק, האָבן סיי בעגין און סיי סאַדאַט שוין נישט קיין וועג אויף צוריק. אויך קאַרטער קען זיך נישט דערלויבן צו פאַרשפּילן דעם שלום. עס איז אָבער קיין ספק נישט, אַז נאָכן אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך מיט עגיפּטן, וועט זיך ערשט אָנהייבן דער שווערער, דערנערדיקער געראַנגל פאַרן שלום — ווען עס וועט דאַרפן געפונען ווערן אַ לייזונג פאַר דעם פּאַלעסטינער פּראָבלעם, וואָס איז ווירקלעך „דאָס האַרץ פון דעם קאָנפליקט אין מיטעלן מזרח״.

ערשט איצט וועט די רעגירונג פון מנחם בעגין געשטעלט ווערן פאַר דעם אמתן עקזאַמען פון איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די דערקלערונג פון משה דיין בעת דער דעבאַטע אין דער כנסת, אין וועלכער ער האָט גערופן פאַרצוזעצן די שלום־באַמיִונגען, אָבער איז דער זעלבער צייט צו פאַר־שטאַרקן די יידישע קאָלאָניזאַציע אויף די באַזעצטע שטחים — איז גאָר ווייט פון צו דערמוטיקן די האָפענונג, אַז די רעגירונג פון ישראל וועט קענען אויסהאַלטן דעם דאָזיקן עקזאַמען.

„אונזער צייט״, יאַנואַר־פעברואַר 1979

.53

דער מאָמענטום און זיינע מאָמענטן

אַנוואַר על סאַדאַט, דער שטאַמלענדיקער פּרעזידענט פון מצרים, ווערט באַטראַכט פאַר אַ חכם, אָבער קיינער האַלט אים נישט — און ער אַליין האַלט זיך אויך נישט, ווי ער שרייבט טאַקע אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — פאַר קיין אינטעלעקטואַל: אַפילו נישט פאַר קיין הויך־געבילדעטן מאַן. פאַרקערט, ער באַטראַכט זיך גראַד פאַר אַ פשוטן פאָלקס־מענטש, וואָס איז נאָך אַלץ צוגעבונדן צו זיין דאָרף ראַס על קום, אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן מיט איין און זעכציק יאָר צוריק. פאַר אים זענען, ווי ער אַליין דערציילט, געבליבן פרעמד די „אינטעליגענטישע" באַגריפן.

עס איז דעריבער אַ ספק, צי האָט ער געוווּסט דעם לאַטיינישן מקור און דעם פילאָזאָפישן באַדייט פון דעם וואָרט, וואָס ער האָט אַריינגעוואָרפן אין דעם היסטאָרישן חלל אַריין, באַצייבענענדיק זיין איבעראַשנדיקן באַזוך אין ירושלים דעם 19טן נאָוועמבער 1977:

— דער „מאָמענטום" פון שלום.

פונקט ווי יענער פויער, וועלכער האָט זיך פלוצים דערוווּסט, אַז ער האָט זיין גאַנץ לעבן גערעדט פּראָזע, אַזוי האָבן מיר אַלע פלוצים דערפאַרן דעם קאָלאָסאַלן באַדייט פון די מאָמענטן, מיט וועלכע מיר לעבן דאָס גאַנצע לעבן, און וועלכע זענען די ציגל און דער אינהאַלט פון אונדזער גאַנצער עקזיסטענץ; אַזוי האָבן מיר אַ גאַנץ לעבן נישט באַנומען, אַז יעדער איינער פון די דאָזיקע מאָמענטן קען אין אַ געוויסן מאָמענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ **מאָמענטום** פון אַ גרויסער איבערקערעניש אין אונדזער לעבן און פון אַ וויכטיקער עפּאָכע אין אונדזער אַלעמענס געשיכטע.

פונקט ווי אַ סך אַנדערע באַגריפן אין אונדזער לעקסיקאָן, האָט אויך דער „מאָמענט" און דער „מאָמענטום" אַדורכגעמאַכט זיין מעטאַמאָרפאָזע אין לויף פון די יאָרן. פון אָנהויב איז דאָס געווען איינס און דאָס זעלבע. ביי די רוימער, אין דעם לאַטיינישן טייטש פון דעם וואָרט, האָט דאָס באַ־דייט: אַ שטויס, אַן אָנרעגנדיקער אָנהויב. מיט דער צייט האָבן זיך די באַגריפן פאַנאַנדערגעטיילט, און די רגע, דער אויגנבליק פון אָט דעם אָנהויב־שטויס, איז געוואָרן אַ צייט־באַגריף — דער מאָמענט, בעת דער „מאָמענטום" איז געוואָרן די פעולה, דער טעטיקייטס־פּראָצעס, וואָס גייט אָן מיט אינערציע פון יענעם מאָמענט, ווען עס איז געגעבן געוואָרן דער שטויס — ביז וואַנען ער לאָזט זיך אויס און ער נויטיקט זיך אין אַ נייעם שטויס, כדי ווייטער אָנצוגיין.

אויסער די פאַרשידענע מאַטעמאַטישע אָנווענדונגען פון דעם מאָמענט פון אינערציע, פון כוח און פון וואַרשיינלעכקייט, שטעלט דער מאָמענט מיט זיך פאַר אויך אַ וויכטיקן מאָמענט אין דער פילאָזאָפיע — דער

„מאמענט פון אמת", און דער עיקר אין אונדזער טאָגטעגלעכן לעבן און אין אונדזער קאָלעקטיוון גורל. שטייען מיר טאַקע איצט פאַר אַט דעם אַנטשיידנדיקן „מאָמענט פון אמת", ווען דער „מאָמענטום פון שלום" איז ווידער באַלעבט געוואָרן מיט נייע דראַמאַטישע מאָמענטן.

דער היסטאָרישער „מאָמענטום", וואָס האָט זיך ווירקלעך אָנגעהויבן מיטן דראַמאַטישן באַזוך פון מצרישן פּרעזידענט אין ירושלים — אַפילו ווען עס זענען געווען פאַר דעם כלערליי געהיימע קאָנטאַקטן און וויזיטן פון אַנדערע מלוכה־לייט — דער דאָזיקער מאָמענטום וואָלט שוין לאַנג געהאַט אויסגעהויכט די נשמה, ווען נישט די עטלעכע דראַמאַטישע מאָ־מענטן, וואָס האָבן פון מאָל צו מאָל אָפּגעראַטעוועט דעם שלום־פּראָצעס אין צייטן פון פּעסימיזם, פאַרצווייפלונג און פון אַנטוישונגען. עס איז נישט שווער זיך צו דערמאָנען — ווי לאַנג איז עס דען געווען? — יענע טעג פון דער לונאַטישער עופאָריע, ווען מיר זענען אַרומגעגאַנגען ווי פאַרשיכורטע און מיר האָבן נישט געוווסט, צי מיר חלומען, אָדער מיר לעבן אויף דער וואָר, ווען עס האָט זיך אונדז אַלעמען געדוכט, אַז „דאָס אוממעגלעכע איז פּלוצים געוואָרן מעגלעך"...

ווי לאַנג איז עס דען געווען?

אַ סך ביטערע דערפאַרונגען האָבן מיר זינט דעמאָלט איבערגעלעבט, און נישט ווייניק דראַמאַטישע מאָמענטן, וואָס האָבן, ממש אין לעצטן מאָמענט, ווען אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין פאַרשפּילט און פאַרלוירן, פּלוצים אַריינ־געבראַכט נייע האָפענונגען. אַזוי איז דאָס געווען נאָך די דרייצן טעג פון דער קאָנפערענץ אין קעמפּ דייוויד, און אַזוי אויך נאָך די פריערדיקע געשפּרעכן אין וואַשינגטאָן מיט איינינקע חדשים צוריק, און אַזוי אויך ביי אייניקע אַנדערע געלעגנהייטן. נאָך יעדער פאַרצווייפלונג האָט אויפגעשיינט אַ נייע האָפענונג, אָבער נאָך יעדער נייער האָפענונג איז ווידער געקומען אַ נייע אַנטוישונג, וואָס האָט דאָס שוין מעגלעכע צוריק געמאַכט פאַר אומ־מעגלעך. אין צווישן האָבן זיך פון ביידע זייטן געשטאַרקט די עקסטרע־מיזמען, עס האָבן אַלץ מער און מער אויפגעהויבן דעם קאָפּ די קעגנער פון אַ שלום, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף אַ פּשרה — ווייל ווי דען קען דערגרייכט ווערן אַ שלום, אויב נישט אויף אַ פּשרה? און אין צווישן האָבן זיך פאַרמערט די התנחלות־פאַקטן און די דערקלערונגען וועגן די התנחלות־פּראָיעקטן — און פון דער אַנדערער זייט האָט זיך געשטאַרקט דער דרוק פון די פּאַלעסטינעזישע נאַציאָנאַליסטן, און אין צווישן איז אויך צוגעקומען אַ כאָמייני־איבערקערעניש אין איראַן, וואָס האָט איבערגעקערט דעם פּאָלי־טישן און סטראַטעגישן באַלאַנס אין דעם ראַיאָן.

און אין צווישן איז דער שלום געוואָרן דעוואַלואירט. מיט יעדער אַנ־טוישונג נאָך די דראַמאַטישע מאָמענטן איז קלענער געוואָרן דער ענטוזיאַזם פאַרן שלום. ער איז שוין נישט דאָס וואָס ער איז געווען אין אונזערער פאַרשטעלונג. איצט, ווען מיר שטייען פאַר אַ נייער דראַמאַטישער אַנט־

ווּיקלונג מיט קאַרטערס באַזוך אין קאַיר און אין ירושלים — נאָך דעם קריזיס אין בעגינס געשפּרעכן אין וואַשינגטאָן — זענען שוין די דערוואַרטונגען פון דעם שלום ווייט נישט די זעלבע, ווי זיי זענען געווען אין די טעג פון סאַדאַטס באַזוך אין ירושלים.

אָבער אויך אין ציַיטן, ווען „דאָס געלט איז גאָרנישט ווערט", איז בעסער צו האָבן געלט און צו זיין אַ גביר, איידער אַ קבצן; און אַזוי איז אויך מיטן שלום: אַפילו ווען ער איז שוין נישט דאָס, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט זען אין אים, און אַפילו ווען ער האָט שוין נישט דעם אָריגינעלן ווערט — איז ער נאָך אַלץ אונדזער העכסטער באַגער.

און דאָס דאַרפן געדענקען די גרויסע „פּאַטריאָטן", וועלכע גרייטן זיך צו דעמאָנסטרירן קעגן קאַרטערס באַזוך אין ישראל און קעגן דער נייער אויסזיכט אויף אַ שלום.

„לעצטע נייעס", 9.3.1979

פאַרמאַטערטע פון פרייד

אַלזאָ, שוין מער נישט קיין חלום. שוין נישט קיין משיחישער פאַרלאַנג צו דערגרייכן דאָס אוממעגלעכע. שוין נישט קיין פאַטאַ מאָרגאַנאַ אין דער וויסטע, וואָס אַט באַווייזט ער זיך און אָט ווערט ער פאַרשווונדן, ווי דאָס איז געווען אין די זעכצן חדשים, זינט עס דויערט דער „מאָמענטום פון שלום".

דאָס מאָל שוין — אַ רעאַלע ווירקלעכקייט. הגם נאָך נישט אונטערגע־שריבן, נאָך נישט שוואַרץ־אויף־ווייס, אָבער שוין זיכער: ער קומט, דער שלום, עס איז שוין קיין ספק נישט.

אָבער דאָס מאָל קומט ער, דער שלום, אַן אויסגעמאַטערטער, מיט שוואַכן הומאָר. אַפילו ווען די בשורה איז געקומען אין סאַמע פורים. געקומען אונטערן רווישיקן אַקאָמפּאַניאַמענט פון די גרעגערס, וואָס האָבן געשלאָגן המנען, — אָבער אויך אונטערן צייכן פון כאָמייני, וועלכער האָט דערשיטערט און צעטרייסלט אחשורושס מלוכה און האָט אויסגעשפּרייט זיין שאָטן פון הודו ביז כוש. און געקומען איז די בשורה פון די מיילער פון די דריי פאַרמאַטערטע גיבורים פון דער נערוון־צופּנדיקער דראַמע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דונערן און בליצן, מיט שיכורן עקסטאַז און מיט ספּאַזמען פון באַגייסטערונג — און האָט זיך פאַרענדיקט מיט אָפּגעשוואַכטע טענער פון טעמפּער צופרידנקייט, אויסגעמישט מיט ניכטערן רעאַליזם.

נישט איין מאָל איז אונדז שוין אויסגעקומען צו שרייבן וועגן דעם, אַז אונדזערע עמאָציעס זענען מיד געוואָרן אין דעם פּראָצעס פון די כסדרדיקע זיגזאַגן, פון די באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, פון די אויפגעבליצטע האָפענונגען און פאַרטונקלטע אַנטוישונגען און פאַרצווייפלונגען, וואָס האָבן צעטרייסלט אונדזערע נערוון, און אַז ווען עס וועט קומען דער לאַנג־דערוואַרטער טאָג פון שמחה, וועלן מיר אַפילו נישט האָבן קיין כוח זיך צו פרייען מיטן שלום... און אָט איז ער דאָ — און די פרייד איז טאַקע אַ צוריקגעהאַלטענע, אַ פאַרמאַטערטע.

אַ סך זענען געווען דראַמאַטישע מאָמענטן אין דעם שווערן וועג צום שלום — אָבער די סאַמע דראַמאַטישסטע פון זיי איז געווען די וואָך פון דעם לעצטן אַקט, די וואָך פון דער רעטונג־שליחות פון פּרעזידענט קאַרטער. ער איז געקומען אַהער, קיין מצרים און קיין ישראל און צוריק קיין מצרים — כדי צו ראַטעווען דעם שלום, און אין גאַנג פון אָט דער וואָך האָט ער געמוזט מאַכן פאַרצווייפלטע באַמיִונגען צו ראַטעווען די שליחות, צוזאַמען מיט זיין פּרעסטיזש, מיטן פּרעסטיזש פון דער אַמעריקאַ־נישער גרויסמאַכט און מיט זיין, דזשימי קאַרטערס, פּאָליטישער קאַריערע.

אין אָט דעם איבערגרויסמאַכטישן אַנשטרענג איז פֿאַר אים דאָ, אין דעם טרויעריקן פּורים פֿון דראַמאַטישע דערוואַרטונגען צווישן דערפֿאָלג און יאוש און צווישן דורכפֿאַל און האָפֿענונג — אויפֿגעשפּילט געוואָרן אַ פֿריילעכע פּורים־שפּיל אין דער כנסת, און אין אָט דעם בזיונדיקן ספּעק־טאַקל איז אַפֿילו דער כנסת־דעפּוטאַט טשאַרלי ביטון מיט זיין קייטן־פֿאַרשטעלונג מיט אַ פֿאַר וואָכן פֿריער געווען אַ מלאך — אין פֿאַרגלייך מיט דער סקאַנדאַליסטיש־לצנישער האַלטונג פֿון די מער „בכבודיקע" אויסדערוויילטע פֿאַרשטייער פֿון פֿאָלק, אַזעלכע ווי הרב דרוקמאַן, גאולה כהן, משה שמיר, טופֿיק טובי און מאיר ווילנער. אַן אויסגעצייכנטער אַנסאַמבל פֿון „גוש אמונים" מיט רק"ח און אַ פּורים־פֿאַרשטעלונג פֿאַר די גרעסטע אויטאָריטעטן פֿון דער וועלט — אין אַ דעמאָנסטראַציע פֿון דער העכסטער ווילדער הפקרות.

אַ פּורים־שפּיל אָן מאַסקעס.

אַ לעקציע פֿון „פֿאַרגעשריטענער דעמאָקראַטיע" — די איינציקע אמתדיקע דעמאָקראַטיע אין מיטעלן מזרח...

אַזאַ לעקציע איז אויך געווען — דאָס וואַרפֿן שטיינער און דאָס אַרויפֿ־שפּרינגען אויפֿן אויטאָ פֿון דעם אַמעריקאַנישן פּרעזידענט, וועלכער האָט געשטעלט אין קאָן זיין פּרעסטיזש און זיין פּערזענלעכן גורל, כדי צו דער־גרייכן דעם שלום — פֿאַר אונדז און פֿאַר דער וועלט.

★

מיט אַלע מיינע קריטישע פֿאַרבאַהאַלטן צו דער פּאָליטיק און האַל־טונג פֿון דער „ליכוד"־רעגירונג און פֿון איר פּרעמיער מנחם בעגין, און מיט אַלע מיינע פֿאַרדאַכטן אין באַצוג צו זיינע וויטערדיקע האַנדלונ־גען, קען איך אָבער נישט אויסבאַהאַלטן מיין באַוווּנדערונג און מיין אָנער־קענונג פֿאַר זיין מוטיקער ראָל אין דער דאָזיקער גרויסער דראַמע, און פֿאַר זיין פּערזענלעכן היסטאָרישן ביישטייער צום דערגרייכן דעם שלום. אָבער איך קען אויך נישט — אין דער זעלבער צייט — נישט הערן און נישט באַמערקן די גרילצן, וואָס נידערן אַראָפּ, אין זיינע האַנדלונגען און אַרויס־טרעטונגען, דעם גלאַנץ פֿון דערהויבענע מאָמענטן. מנחם בעגין איז אַ הייסער חסיד פֿון הויכמלוכהשע מאַניערן, פֿון פֿייערלעכע צערעמאָניעס און נאַציאָנאַלער פּאָמפּע, אין נאָמען פֿון דעם „אויסגעגליכענעם רוקן", וואָס ער פּרעדיקט אַזוי אָפּט. אָבער ה' בעגין האָט שוין זעלטן דעמאָנסטרירט זיין פֿעלן פֿון מלוכהשער דיגניטעט, ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ פֿון זיין מייס־טערהאַפֿטן אָראַטאָרישן פּאַטאָס צום ראַנג פֿון רכילותדיקער קליינלעכקייט, וועלכע איז אַזוי בולט געקומען צום אויסדרוק אין די נישט־פֿאַרזיכטיקע ווערטער אין זיין געזעגענונגס־רעדע פֿאַר קאַרטערס אָפּפֿלי פֿון ישראל:

„מיר זענען צופֿרידן, וואָס מיר האָבן געקענט אייך העלפֿן"...

פֿון טאַקט איז דאָס וויים. אָבער ווער ווייס, צי איז נישט פֿאַראַן אין דעם דאָזיקן זאַץ דער פּרווידסיסטישער פּליטת־פּה, וואָס זאָגט עדות וועגן כוונות, וואָס דעקן זיך נישט מיט די האַנדלונגען. ווער ווייס, אפשר מיינט אונדזער

פרעמיער, אַז דער שלום איז נישט פֿאַר אונדז, נאָר בלויז פֿאַרן אַמעריקאַנער פּרעזידענט ?

אַוודאי איז דאָס געווען אַ שווערער געבורט, מיט אַ קייזער־שניט, און נאָך שווערער וועט זיין דער צער גידול השלום. מיר ווייסן, אַז עס שטייט אונדז נאָך פֿאָר אַ שווערער געראַנגל אַרום דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם שלום אין זיינע פֿאַרשידענע פֿאַזעס.

און מיר ווייסן אויך, אַז אין דער שמחה פֿון דערגרייכן דעם שלום פֿאַרגעסט מען די אינפֿלאַציע און אַלע אַנדערע דאגות, וואָס האָבן אונדז באַשעפֿטיקט ערשט נעכטן און וועלן אונדז ווידער באַשעפֿטיקן מאָרגן.

און ווען עס וועלן זיך צוריקקערן די וואָכעדיקע טעג מיט זייערע גרויע דאגות און ראַנגלענישן, וועלן מיר ווידער פֿאַרגעסן די שמחה פֿון דעם שלום. אַזאַ איז די נאַטור פֿון מענטשן און פֿון פֿעלקער. אָבער כאָטש מיר זענען שוין מיד פֿון פֿרייען זיך — לאָמיר דאָך זיך פֿרייען און שטרעבן צו נייע שמחות, ווייל דאגות וועלן מיר נאָך האָבן גענוג.

ל. נ. 16־טער מערץ 1979

55.

צומאָרגנס נאָכן שלום

...**איך דערמאָן זיך**, ווען איך בין געווען גאָר אַ קליין יינגעלע, האָב איך איינמאָל געפרעגט מיין פאָטער:

— טאַטע, ווען וועט זיין מאָרגן?

דער מאָרגן איז געווען אַן אַבסטראַקטער באַגריף — אַזוי ווי אַן אידעע — אָבער ער האָט קאָנצענטרירט אין זיך אַלע גוטע ווונטשן, באַגערן און הבטחות. ווי פלעגן מיר אַמאָל זינגען: דעם מאָרגנרויט אַנטקעגן...

יעדער היינט האָט זיין נעכטן און זיין מאָרגן. און אויך זיין צומאָרגנס — דהיינו דעם דירעקטן המשך פון דעם, וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן אָדער אָפּגעטאָן היינט, זיין פאַרווירקלעכונג און זיינע רעזולטאַטן. דורך זיי ווערט דער היינט פאַרוואַנדלט אין — אַ נעכטן. די צייט ווערט געשטופּט פאָרויס דורך דעם, וואָס עס געשעעט אין דעם נייעם היינט, און פאַרוואַנדלט אים גיך אין אַ נעכטן, אַן אייערנעכטן — אין פאַרגאַנגענהייט. יונגע מענטשן שטרעבן צו דערגרייכן די הבטחות פון מאָרגן; אַלטע בענקען נאָך דער פאַרגאַנ־גענהייט: זיי האָבן שוין נישט קיין סך וואָס צו דערוואַרטן, און זיי גלויבן שוין אויך נישט אין די הבטחות. סיידן — אין משיחן.

נעכטן האָבן מיר מקבל פנים געווען דעם שלום. ער איז געקומען אַ פאַרמאַטערטער, אָבער אַ שטראַלנדיקער, ווי די פאַרווירקלעכונג פון דעם שענסטן חלום. אַ חלום, וואָס האָט געדויערט דרייסיק יאָר, און אפשר מער. וואָס קען דען זיין שענער און דערהויבענער, ווי — שלום? און אָט איז ער געקומען, ער איז דאָ.

נו, איז וואָס?

ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט אויף צומאָרגנס נאָכן שלום, ד. ה. צומאָרגנס נאָכן אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך, איז דאָס וועטער געווען האַלב־זוניק, דער הימל האַלב־פאַרוואָלקנט — אַ פיין, אָנגענעם וועטער — אָבער עס האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט; עס האָט אויך גאָרנישט אָנגעזאָגט, ווי מיר זענען דאָס געוווינט צו זוכן אין דעם וועטער סימנים און פאַראַלעלן פאַר אונדזער נשמה־צושטאַנד, פאַר דערהויבענע קאָלעקטיווע איבערלעבונגען. און אַזוי ווי יעדן טאָג זענען מיר אַלע געגאַנגען צו דער אַרבעט, און ווי יעדן טאָג זיך צוגעהערט צו די נייעס, און אַזוי ווי נעכטן־אייערנעכטן דערהערט, אויף צומאָרגנס נאָכן שלום, די ביטערע בשורה, צו וועלכער מיר האָבן זיך שוין אַזוי שטאַרק צוגעוווינט:

— אַ באָמבע האָט אויפגעריסן אין לוד. אַ פרוי דערהרגעט, דריי צענדליק פאַרוווּנדעטע.

האָט זיך טאַקע גאָרנישט געענדערט?

עס האָט זיך אויף אַזוי פיל נישט געענדערט, וויפל עס ענדערט זיך נישט דער טאָגטעגלעכער שטייגער פון טאַטע־מאַמע, וועלכע גיבן אויס דאָס ערשטע קינד זייערס: אין פלוג, נאָכן פראַווען די חתונה, נאָכן פרייען זיך און אַראָפּ־לאָזן אַ טרער מיט אַ זיפץ, קערט מען זיך צוריק צום נאָרמאַלן גרויען לעבן און מען וואַרט אויף נחת פון די קינדער. אין תוך איז דאָס אָבער אַן איבער־ברוך אין לעבן פון דער משפּחה.

די צוקונפט וועט משפּטן דעם פאַרנעם פון דער ענדערונג, וואָס עס האָט גורם געווען דער פאָרמעלער און פייערלעכער אַקט פון אונטערשרייבן דעם שלום מיט מצרים — דעם ערשטן שלום מיט אַן אַראַבישער מדינה. אין דער געשיכטע וועט דאָס זיין „אַ היסטאָרישע דאַטע", אַן איבערברוך אין די פאַרהעלטענישן אין מיטעלן מזרח, אַ ווענדונג אין דער געשיכטע פון דער מדינה.

אָבער ווי וועט אויסזען אָט די נייע עפּאָכע אין טאָגטעגלעכן לעבן פון דעם גרויען, פּשוטן בירגער?

גענוי אַזוי ווי מיר האָבן זיך אויפגעהויבן צו דער אַרבעט אויף צומאָרגנס נאָכן שלום, וועלן מיר ווייטער אויפשטיין יעדן אינדערפרי און זיך לייגן שלאָפן אין די אָוונטן אַזוי ווי פריער, און אין משך פון טאָג וועלן מיר ווייטער אויספירן די זעלבע פונקציעס און אויפגאַבן ווי ביז איצט; און מעגלעך אויך, אַז מיר וועלן לאַנג נאָך ווייטער הערן די זעלבע נייעס וואָס נעכטן און אייערנעכטן, הגם אפשר אין אַן אַנדערן נוסח, און מיר וועלן זיך ווייטער קלאָגן אויף שמחה ערליכן, אויפן יקרות און אויף די שטייערן, אַזוי ווי נעכטן און אייערנעכטן.

מיר וועלן אפילו אפשר אויך אָנהייבן בענקען — אַזוי ווי די אַלטע לייט, נאָכן נעכטן און אייערנעכטן.

און מיר וועלן פאַרגעסן, אַז דער שלום־אָפּמאַך, כאָטש ער איז נישט קיין פולער און נישט מיט אַלע אַנדערע פיינטלעכע שכנים — האָט ווייניקסטנס אָפּגעלייגט און פאַרמיטן, לפּחות אויף אַ געוויסער צייט, די געפאַר פון אַ נייער מלחמה, וואָס אַ טייל פון אונדז האָבן אַזוי גיך שוין פאַרגעסן איר ביטערן טעם...

און די, וועלכע וועלן דאַרפן באַצאָלן דעם אוממיטלבאַרן פּרייז פאַרן שלום, די באַזידלערס פון אופירה, פון ימית און פון פּתחת רפיח, וועלן מסתמא פאַרגעסן, אַז עס איז בעסער צו ווערן, אַזוי ווי עס שטייט זיי פאַר, שלום־פּליטים, איידער מלחמה־פּליטים; די וועלכע וועלן דאַרפן באַצאָלן דעם פּרייז פאַר זייער היפּער־פּאַטריאָטיזם און פאַר זייערע זעלבסט־אילוזיעס, זיי וועלן אוודאי פאַרגעסן, און זיי פאַרגעסן דאָס שוין, אַז עס איז דאָך נישט אַזוי געפערלעך — כאָטש נישט אַזוי אָנגענעם — צו זיין פּליטים דע־לוקס און צו ווערן פאַרגיטיקט מיט אַ ברייטער האַנט, אויפן חשבון הכלל, פאַר

זייער מיליטאַנטישקייט ביים דערפילן די „נאַציאָנאַלע שליחות״ — ווי עס וואָלט זיי ווער כלומרשט געהאַט געצוואונגען די דאָזיקע שליחות צו דערפילן (הגם עס איז אויך אמת, אַז די רעגירונג האָט זיי צו דער דאָזיקער שליחות דערמוטיקט).

אָבער ווי שיין און ווי דערהויבן עס זאָל נישט קלינגען דאָס וואָרט „שלום״ — קענען מיר אים זייער, זייער לייכט פאַרטאַכלעווען און פאַרשפּילן, אויב מיר וועלן נישט וויסן ווי אַזוי זיך מיט אים אומצוגיין — אַזוי ווי אַ מאַמע דאַרף וויסן ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט איר קליינעם עופעלע. גראָד ווען עס דראָען נאָך אַרום אַזוי פיל געפאַרן מצד די, וואָס קענען אונדז דאָס נישט פאַרגינען — פון דרויסן און פון אינעווייניק. פון דרויסן דאַרפן מיר וויסן ווי אַזוי צו געווינען די אַנדערע פיינט זיי זאָלן אויך וועלן לעבן מיט אונדז אין שלום, און פון אינעווייניק דאַרפן מיר וויסן ווי אַזוי אָפּצוהיטן דעם אינערלעכן שלום, און נישט דערלאָזן צו קיין נייער... מלחמה פון עלנבויגנס.

יאָ, די מלחמה פון עלנבויגנס איז איצט אַן עכטע, אַ רעאַלע געפאַר. דער וועט־געזיג נאָך לוקסוס וועט זיך אָנהייבן מיטן קינסטלעכן „בום״, וואָס איז עלול אויסצוברעכן צוזאַמען מיטן שלום — מיטן רויש פון די בולדאָזערס, וואָס וועלן בויען די נייע פלי־באַזעס און די מיליטערישע איינריכטונגען אין נגב. עס וועט אַנגיין, זעט אויס, אַ כאַפּעניש אַרום דעם קוגל פון שלום, יעדער איינער וועט וועלן אָפּבייסן אַ ביס פון דעם קוגל — אָבער עס וועט נישט זיין גענוג פאַר יעדן...

אָבער — לאָמיר זיך נישט פאַרשטערן די שמחה פון שלום און לאָמיר אויך נישט מאַכן זיך, צומאָרגנס נאָכן שלום, קיין נייע אילוזיעס: נישט קיין ביטערע און אויך נישט קיין צו זיסע...

לאָמיר דעם שלום געבן אַ שאַנס.

ל. נ. 30־טער מערץ 1979

56.

דער נייער מיטאָס — נאָרמאַליזאַציע

יעדע תקופה האָט אירע ספּעציפישע קאָפּ־ווייטיקן און אירע פאַרהייליקטע מיטאָסן.ביידע זאַכן זענען אָבער גורם צו דעם, אַז מען געוווינט זיך צו זיי צו, ווי מען געוווינט זיך צו אַפילו צו מיגרענע; פון צופיל פאַרהייליקן אים, ווערט דער באַגריף וואָכעדיק, אָפּגעריבן, ווי אַ ווערטלאָזע מטבע.

אַזוי האָט אַמאָל, למשל, אַרומגעשוועבט ביי אונדז אין די הימלען דאָס וואָרט „קאָנצעפּציע" — ווער געדענקט עס דען נישט פון פאַר דער יום כיפּור־מלחמה? — אָדער אַזאַ באַגריף ווי „נאַציאָנאַלער קאָנצענזוס": ווי לאַנג איז דען ווי דאָס איז געווען ביי אונדז אַ פאַרהייליקטע קו?

ביז וואַנען עס איז אויפגעקומען דער מיטאָס פון שלום. נו, וואָס איז געוואָרן פון אים אין די געציילטע פאָר חדשים?

אמת, דער מיטאָס פון שלום איז נישט געווען קיין קינסטלעכער. מיר האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אים אַלע יאָרן — נישט נאָר פון זינט עס איז געבוירן געוואָרן די מדינה, נאָר זינט יעדער איינער פון אונדז איז געבוירן געוואָרן. ער איז געווען, ווי באַוווּסט, דער העכסטער ציל פון אַלע אונדזערע חלומות. ער איז אָבער קיינמאָל נישט געבראַוכט געוואָרן ביי אונדז אַזוי פיל, ווי אין די זעכצן חדשים פון דעם „מאָמענטום פון שלום".

אָבער ווען דער חלום פון דעם שלום האָט זיך ענדלעך פאַרווירקלעכט, האָט ער באַקומען אַזאַ פּנים, אַז נישט יעדער וויל אים קוקן גלייך אין פּנים אַריין...

מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך באַקלאָגן אויף זיין הויכן פּרייז — פּונקט ווי די פּרייזן פון אַנדערע סחורות וואָלטן נישט געווען קיין הויכע אין די היינטיקע טעג פון אינפלאַציע; אַנדערע — ווי למשל די איינוווינער פון נאות סיני און די אָנהענגער פון „גוש אמונים" — האָבן זיך אָנגעהויבן קעגנצושטעלן מיט כּוח דאָס באַצאָלן דעם אָפּגעמאַכטן פּרייז פאַרן שלום. מענטשן האָבן שוין קענטיק פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ פּרייז מיר האָבן באַצאָלט פאַר די אַלע מלחמות, וואָס מיר האָבן ביז איצט אַדורכגעמאַכט, און זיי האָבן זיך אָפּגע־זאָגט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ פּרייז וואָלטן מיר געדאַרפט באַצאָלן, טאָמער וואָלט דער שלום — כאָטש נישט קיין פולער, כאָטש נאָר מיט מצרים — נישט געוואָרן דערגרייכט.

אָבער אַזאַ איז שוין די נאַטור פון די מענטשן: עס איז לייכטער צו פאַרגעסן, ווי צו פאַרגעדענקען. און — עס איז לייכטער צו טוישן די פּראָנטן, איידער די האָריזאָנטן...

מיט איין וואָרט: פונקט ווי אַלע אַנדערע אָפּגעריבענע באַגריפן, האָט אויך דער באַגריף „שלום" שוין באַוויזן צו פאַלן אַ קרבן פון דער באַגריפן־אינפלאַציע. מ'האָט זיך צו אים צו גיך און צו לייכט צוגעוווינט — אַזוי ווי מ'האָט זיך צוגעוווינט ביי אונדז צו דער עקאָנאָמישער אינפלאַציע, צו די דעפיציטן, צום יקרות און צו אַלע אַנדערע דערשיינונגען, וואָס רופן אַרויס ביי מענטשן אַלע בייזע רעאַקציעס און פאַרענדיקן זיך געוויינלעך מיט אַן אולקוס אין מאָגן.

אַזוי ווי מיר האָבן שוין באַוויזן זיך צוצוגעוווינען צו די בזיונות אין דער כנסת און אין נאות סיני.

ערשט נעכטן געחלומט און קוים זיך דער־שלומט.

די אַנטוועורטונג פון דעם באַגריף פון שלום איז געוואָרן אַ טייל פון דער „נאָרמאַליזאַציע", וואָס איז איצט געוואָרן דער נייער מיטאָס פון דעם סעזאָן.

פרובירט זיך נאָר דערמאָנען, וואָס פאַר אַ שווערע ראַנגלענישן די אַמאָליקע רעגירונג פון „מערך" האָט געמוזט בייקומען, ווען זי האָט מיט אַ צענדליק יאָר צוריק זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק פון דער באַוועגונג פאַר דער „ארץ ישראל השלמה", און האָט באַשטימט די ערשטע אַסיגנאַציע פון רעגירונגס־בודזשעט אויף צו פאַרלייגן אין חברון דעם יידישן ישוב מיטן נאָמען „קרית ארבע"; און דערמאָנט זיך נאָר וואָס פאַר אַ קאַמף האָט די רעגירונג געמוזט אויסשטיין מיט זעקס יאָר צוריק, כדי נישט צו לאָזן דעם „גוש אמונים" צו פאַרלייגן דעם ישוב „אלון מורה" אין סאַבאַסטיע, אין שומרון. היינט זיצט שוין „אלון מורה" אויפן פעלזיקן בערגל אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער פון שכם, און עס אַרבעטן דאָרט די טראַקטאָרן מיט די בולדאָזערס — אין דער זעלבער צייט ווען די צדדים פאַרהאַנדלען אין אַלעקסאַנדריע וועגן דער אויטאָנאָמיע און וועגן דער צוקונפט פון די שטחים.

ווער האָט זיך דאָס געקענט אַמאָל פאָרשטעלן, אַז צוזאַמען מיט די צענדליקער ישובים, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין סיני און אין גולן, אין טאָל פון ירדן, אויף די בערג פון יהודה און שומרון און אויפן פלאַכלאַנד פון עזה, וועט אויסוואַקסן אַזאַ שטאַרקער כוח, וואָס וועט פרובירן מיט כוח זיך קעגנשטעלן דעם שלום און וועט נישט לאָזן באַצאָלן דעם פרייז, וועלכן דער שלום פאַרפליכטעט?

היינט איז אויך דאָס שוין געוואָרן אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, אַן אויסדרוק פון דער „נאָרמאַליזאַציע" — דעם נייעם שלאָגער פון דעם סעזאָן...

ל. נ. 8־טער יוני 1979 (אויסצוג)



עפּילאָג

מיטן אונטערשרייבן דעם שלום־אָפּמאַך צווישן ישראל און מצרים האָט זיך געשלאָסן דער ערשטער אַקט — אָבער דאָס איז נאָך ווייט נישט דער סוף פון דער דראַמע.

אויפן שוועל פון דעם צווייטן אַקט פון דער דראַמע פון חלום צו שלום מערקן זיך סימנים פון אַנטוויקלונגען, וואָס וועלן אַוודאי זיין נישט ווייניקער, און אפשר נאָך מער, שפּאַנענדיק, ווי אין דעם ערשטן אַקט, וואָס איז נאָרוואָס פאַרלאָפן פאַר אונדזערע אויגן. כאָטש עס קען זיך דוכטן, אַז די תקופה פון דראַמעס איז שוין פאַרביי.

און דאָך —

האָט דאָך אָבער די געשיכטע פון ערשטן אַקט שוין באַוויזן, אַז דאָס אוממעגלעכע קען ווערן מעגלעך.

ווער ווייסט...

אינהאַלט

9 מ. צאַנין: אַריינפיר־וואָרט

13 פון מחבר — אַ פּאָר ווערטער

15 .1 ווען משיח וועט קומען

19 .2 דער שלום־בליץ און די נייע ווירקלעכקייט

22 .3 נאָכן חלום

26 .4 וואָס וועט זיין אויב...

30 .5 צי טאַקע קיינמאָל מער קיין מלחמה?

36 .6 די אַנאַטאָמיע פון שטימונג

בריוו פון קאַיר:

39 .7 דער שלום־עקסטאַז אין מצרים

46 .8 וואָס פאַר אַ געבורטסטאָג־מתנה וועט בעגין ברענגען סאַדאַטן?

49 .9 איסמאַיליאַ און ירושלים

פון קאַירער טאָגבוך:

52 .10 די געוועזענע אַקטריסע פון קעניגלעכן יידישן טעאַטער

57 .11 נאָך וועגן יידן אין מצרים

61 .12 צי איז דאָס געווען בלויז אַ חלום?

66 .13 אַ ישראלדיקער ייד אין מצרים

71 .14 אין די טעג פון דערוואַרטונג

74 .15 דאָס שלום־מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט

78 .16 די פאַבריק פון רעוועלאַציעס

83 .17 דער שווייגנדיקער ספינקס

88 .18 די צייט־באָמבע אין אַסואַן

91 .19 דער ערשטער קריזיס אין „מאָמענטום"

95 .20 דער באַנייטער אַנהויב אין ירושלים

101 .22 די אָפּציע פון אילוזיעס

109 .23 די האַלב־אָפענע טיר צו דעם שלום־המשך

112 .24 די דראַמע הינטערן פאָרהאַנג

115 .25 די פאַרשטערטע אידיליע

119 .26 וואָס וועט ווייצמאַן אַהיימברענגען פון וואַשינגטאָן?

123 .27 קאַיר אין אַ פֿאַרלעגנהייט
126 .28 דער לבנונישער פּלאַנטער
130 .29 צי איז מעגלעך אַ נאַציאָנאַלע שלום־רעגירונג ?
134 .30 אַ רייזע וואָס האָט זיך שלעכט פֿאַרענדיקט
137 .31 ווער האָט די דעה אין דער רעגירונג ?
140 .32 דער וויכוח וועגן אַ פּירוש
144 .33 „איך וועל גיין צוגרייטן די קומענדיקע מלחמה״
148 .34 דער עקזאַמען
151 .35 אייבי, פוטבאָל און שלום
154 .36 שווערע, אָבער קלאָרע דיבורים
158 .37 ווער געדענקט נאָך זשענעווע ?
161 .38 אילוזיעס אויף ראַטעס
164 .39 די העפלעכע פֿאַרגוואַלדיקונג
167 .40 צען טעג אין תמוז
170 .41 דער שטורעם אַרום די געפלאַנטע פינף נייע זידלונגען
175 .42 די נייע סטאַציע: קעמפּ דייוויד
184 .43 צי וועט גיין אַ ווייסער רויך פון קעמפּ דייוויד ?
187 .44 די דרייצן גורלדיקע טעג
194 .45 סע לאַ ווי...
197 .46 זיך אויפגעוועקט אין מיטן חלום
200 .47 די רויטע ליניע
204 .48 שוין אַ יאָר...
207 .49 די שווערע שלום־ווייען
210 .50 אַ וואָכעדיקער קריזיס
213 .51 משיח איז אין 1978 נישט געקומען
218 .52 אין בלינדן געסל פון דער אויטאָנאָמיע
224 .53 דער מאָמענטום און זיינע מאָמענטן
227 .54 פֿאַרמאַטערטע פון פרייד
230 .55 צומאַרגנס נאָכן שלום

צען וואָכן שפּעטער:

233 .56 דער נייער מיטאָס — נאָרמאַליזאַציע
235 עפּילאָג

די הילע און די פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס
פון מצרים — אויסגעפירט פון יצחק לודען.